STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04038

DI FIR TSAYTN

Y. Finer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פינער

★

די פיר צייטן

י. פינער

די
פיר צייטן

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

תשכ״ה — 1966

I. Finer

DI FIR TSAITN

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str. Tel-Aviv, Israel

י. פינער / די פיר צייטן

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

נדפס בישראל, תשכ״ה
Printed in Israel 1966

נדפס בקואופרטיב עובדי הדפוס הכללי בע״מ רחוב השוק26, תל־אביב — טלפון 821801

חלום און וואָר און – אמתע מעשיות

(וועגן י. פינערס דערציילונגען)

„...הונדערטער מעשיות האָט מען זיך וועגן אים אָנדערציילט אין שטעטל. און וועלכע פון זיי איז געוועזן דער אמת? אָבער ווער קען דען אונטערשיידן אמת פון אויסטראַכטעניש, חלום פון וואָר אין אַ מעשה, און מכל שכן אין אַ ליד, וואָס דער חלום איז זייער היים און דער ניגון איז זייער נשמה?" — — —

אין דער־אָ קורצער לירישער דיגרעסיע אין „פּאָרט אַ ייד קיין ישראל", אין י. פינערס נייעם באַנד דערציילונגען, געפינט זיך, ווייזט אויס, דער שליסל צום שרייבערס רעאַליסטיש־ראָמאַנטישן גאַנג, וועלכער ציט צו זיך אויפמערקזאַמקייט שוין פון זיינע ערשטע געזאַמלטע דערציילונגען און באַפעסטיקט זיך איצטער, אין דעם נייעם באַנד. עס איז אַ שליסל סיי צום תוך און סיי צו דער פאָרעם פון די דערציילונגען, אַ שליסל, וואָס עפנט גלייכ־צייטיק אַ טירל צום שרייבערס פסיכאָגראַפישן אינעווייניק.

עס איז וואָר פון אַ פּוילישן ייד, וואָס מישט זיך צונויף מיט חלום פון אַ יידישן פּראָווינץ, — סיי אין דער טעמאַטיק און סיי אין איר באַ־שרייבונג.

און דער עקשנותדיקער אינעווייניקסטער ווילן צו שאַפן אַן אייי־ניקייט פון אָט די צוויי עלעמענטן איז ווי פאַרשטאַרקט געוואָרן און באַ־קומען זעלבסטזיכערקייט דורך דעם אויסערלעכן קאַטאַקליזם פון אונדזער תקופה: די צווייטע וועלט־מלחמה, וואָס איר טייטש פאַר י. פינער איז געוועזן — דער יידישער אומקום אין פּוילן און די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פראַנקרייך.

די וואָר פון אַ פּוילישן ייד איז ווי באַהויכט געוואָרן מיט ראָמאַנטיש־נאָסטאַלגישן חלום־נעפּל און דער חלום פון אַ יידישן פּראָווינץ האָט באַקו־מען וואָר־קאָנטורן פון ממשותדיקער רעאַליטעט.

„ליכט און נעפל", די ערשטע דערציילונג אין נייעם באַנד, ווו עס ראַטעווען זיך אַרויס פון דער שרפה אין משוגעים־הויז דער משוגענער ייד עלי און די פראַנצויזישע קראַנקנשוועסטער נעלי, זענען ווי אַן אַנזאָג אויף אַלץ, וואָס עס קומט פאַר היינט אין פינערס דערציילונגען און וואָס ערשט נעכטן איז עס פאַרגעקומען אין זיין לעבן. עלי און נעלי אַנטלויפן צוזאַמען — — — ווען די שרפה האָט שוין אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע משוגעים־הויז... און י. פינער קען זיך נישט איינהאַלטן און מישט זיך אַליין אַריין מיט געבירטיקס לידל, וואָס האָט געוואָרנט ערב דער שרפה:

„... עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט!
אונדזער אָרעם שטעטל, נעבעך, ברענט!"

און — — —

„... און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך,
מיט פאַרלייגטע הענט.
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
ווי אונדזער שטעטל ברענט!"

צי איז נייטיק געבירטיקס ליד פאַר דער קאָמפּאָזיציע פון דער דערציי־לונג? עס קען גרייליך זיין, אַז נישט. אָבער עס איז זייער נייטיק פאַר י. פינער, וואָס זיין העלד האָט אין אָנהויב געהייסן זשאַ, דער „אומבאַ־קאַנטער זשאַ", און ערשט אין דער שרפה האָט ער זיך דערמאַנט, — יאָ, דורך נעלי האָט ער זיך דערמאָנט, — אַז זיין אמתער נאָמען איז עלי...

ליכט און נעפל — דאָס איז דער לייט־מאָטיוו פון י. פינערס דער־ציילונגען, פון אַלע זיינע דערציילונגען, אויך פון די, וואָס האָבן צו טאָן מיט נאָרמאַלע צייטן און נאָרמאַלע פאַסירונגען, אויב מען קען באַנוצן דעם אויסדרוק „נאָרמאַל" פאַר צייטן און פאַסירונגען ווען דער איינציקער שאַנס אַרויסצוראַטעווען זיך פון משוגעים־הויז איז די שרפה, און ווען מען ראַ־טעוועט זיך שוין אַרויס — ווי עלי און נעלי — בלייבט מען אויף אַ פעלד! און אַפילו ווען מען איז געראַטעוועט צוזאַמען, הערט מען נישט אויף צו זיין אַליין...

אין צווייען איינזאַם!

דעריבער איז קיין וווּנדער נישט, וואָס אין אַלע זיינע דערציילונגען באַגלייט די העלדן אַ נעוראָז, וואָס לאָזט זיי נישט רוען און אין אַלע זייערע מעשים ליימט עפּעס אַ שוואַכקייט זייער שטאַרקייט, און נעפל פאַר־הילט זייער ליכט.

יאָ, עס איז אַ צייכן פון דער תקופה, וואָס באַווייזט זיך אין דער לי־

טעראַטור בכלל, נאָר דאָ קומט צו נאָך עפּעס, איך וואָלט געזאָגט, דער „זשאַ־עלי״־קאָמפּלעקס און די „עלי־נעלי״־קאָמפּליקאַציע.

די מעשה „פּאַרקינסאָן״ איז זיכער אַן אַלגעמיינע, און י. פּינער מאַכט אַ זייער גוטע קורצע פּסיכאָלאָגישע שטודיע, וואָס איז פאָרמולירט דורכן דאָקטאָרס פרוי און אַסיסטענטין קלאַדין, וועגן „מורא פאַרן רעזול־טאַט, פאַר דער ענדגילטיקייט״, אָבער דער דאָקטאָר, דער העלד פון דער דראַמאַטישער נאָוועלע, הייסט — — שפּיגעלמאַן.

און „ווער עס געווינט — פאַרשפּילט״ איז אָן ספק אַן ערנסטער פּרוּוו צו באַלייכטן די פּינצטערנישן וואָס הויערן אינעם מענטש פון אונדזער צייט (דאָס וואָס עס דערמאָנט אַלבער קאַמיס „פאַל״ פונעם געוועזענעם פּאַריזער ריכטער אין אַן אַמסטערדאַמער פּאָרט־קנייפּע, איז אין דעם פאַל בפירוש אַ מעלה), נאָר ביי פּינערן הייסט דער מעדיטירנדיקער אַדוואָקאַט — — לייבאָוויץ.

יאָ, עס איז דער מענטש פון אונדזער צייט, נאָר מיט נאָך עפּעס: דער זשאַ־עלי־מענטש.

און די „עלי־נעלי״ קאָמפּליצירונג וואַרפט רעפלעקסן ברייט אַרום זיך, ברייט און אויך ווייט — נישט בלויז אויפן שטח פון היינטיקן יידישן פּראָנצוויז, נאָר אויך אינעם תחום פון נעכטיקן פוילישן ייד.

אינעם ראָמאַן (אַ ביסל נישט נויטיק אַט די באַצייכענונג דווקא פאַר דער שיינער לירישער דערציילונג) „די פיר צייטן״, געבויט אינעם עמאָ־ציאָנעל־ראָמאַנטישן נוסח פון יענע „גוטע צייטן״, ווען די „פיר צייטן״ פון יאָר האָבן זיך נאָך געלאָזט אַריינפּאַסן אין פעסטגעשטעלטע ראַמען פון אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע און די אינטימע וועלט פונעם מענטש האָט אויך אַזוי געטאָן, איז דער „ער״ מאַרסעל דער ייד, און „זי״, פראַנסואַז — די פראַנצויזישע קראַנקנשוועסטער (ווידעראַמאָל אַ קראַנקנשוועסטער; עס איז אָרגאַניש אַריינגעפּאַסט אין דער וועלט פון פּינערס העלדן), און דאָס צווייטע פּאָר איז: זיין טאָכטער מרים, און איר זון וויקטאָר...

איז דאָס אַ רעזולטאַט פון דער היינטיקער חלום־וואָר?

אַזוי איז עס אָבער געווען אויך אינעם נעכטיקן וואָר־חלום: אין דער דערציילונג „העלענע״, וווּ דער פידל־שפּילנדיקער ברודער הערש פאַר־ליבט זיך אין דעם שענסטן דאָרף־מיידל העלענע — און „דער ברודער הערט אויף שפּילן און טאַטע־מאַמע הייבן אָן קרעכצן״.

דער פוילישער ייד און דער יידישער פּראָנצויז, — דער פּרוּוו אָר־גאַניש זיי צונויפבינדן, איז דער אינערלעכער לייטמאָטיוו פון י. פּינערס רעאַליסטיש־ראָמאַנטישן שרייבערישן גאַנג, און זיינע דערציילונגען זענען וואַריאַציעס פון אָט דעם גרונט־ניגון.

יצחק — מישעל דעבּרעז — אין דער ווידערשטאַנד־דערציילונג, און הערש, דער מאַטראָז, וואָס קומט זען זיין אַלטע באָבע און קומט צו איר צו שפּעט, ווייל אויפן וועג איז ער דערוויילן אַוועק מיט לענאַן, זיין אַלטן פריינדס פרוי, — ווי פאַרשידן עס זענען די צוויי דערציילונגען טעמאַטיש, איז זייער אַטמאָספער די זעלבע: רעאַליסטיש־ראָמאַנטיש, חלום און וואָר.

חלום וואָס איז אַ מעשה־שהיה און וואָר, וואָס זעט אויס ווי אַ חלום.

עס איז י. פינערס אינערלעכע נייגונג, וואָס איז באַפעסטיקט געוואָרן דורך דער תקופה, ווען די אָקערשט־נעכטיקע פשוטסטע ווירקלעכקייט איז שוין פאַרצויגן מיט אַ הויך פון טרוימערישער ראָמאַנטיק, און דער סאַמע דרייסטסטער חלום ווערט ממשותדיק.

ווען אַלץ קאָן געשען — לאָזט זיך גלייבן אין אַלץ.

און עס געלינגט י. פינערן צו דערציילן אַזוי, אַז דער לייענער גלייבט: אין אסתרקעס אויפוועקן איר קראַנק ייִנגל פון גסיסה־שלאָף דורך קלינגען אינעם גלאָק פונעם פרום־קאַטוילישן שפּיטאָל („אויפגעוועקט"); אין דעם שטורעם, וואָס האָט דעם דערציילער צוריקגעגעבן זיין שוועסטער („אַ שוועס־טער"); אין דער אויסטערלישער טרעפונג פונעם יונגן געלערנטן מיט דער דאַמע אינעם באַרג־האָטעל („כ'בין דיר צו פיל שולדיק"), און נאָך און נאָך.

דעם פוילישן ייִד, וואָס איז געוואָרן אַ ייִדישער פּראָנצוויז — און אַ ייִדיש־פּראָנצויז — העלפט „די שטומע מאַמע", אָט די אויסטערלישע אמתדיקע פּאַסירונג, וואָס די צייט נעמט צו יעדן סימן פון אויסטערלישקייט אין דער מעשה־שהיה, צו פאַרשטיין די ייִנגלעך און מיידלעך אין דער סיורפּריז־פּאַרטי און צו דערזען „אַזאַ יוגנט", אויב נישט פון אינעווייניק, איז פון דער נאָענטסטער נאָענט.

אַזוי זענען די מערסטע דערציילונגען י. פינערס אין דעם באַנד: אמת, וואָס זעט אויס ווי אויסטראָרדינער און ווערט דערציילט דורך עמעצן, וואָס דער חלום איז זיין וואָר, און דער ניגון — זיין נשמה.

ד. ב. מאַלקין

פאַר
מיין זון קלאָד בורשטיין
און זיין פרוי העלען

י. פינער

ליכט און נעפל

ליכט און נעפּל

סוף זומער. אויף די נאַקעטע קאָרן־און ווייץ־פעלדער שטייען דאָ און דאָרט שטרוי־סנאָפּעס און וואַרעמען זיך אויף דער זון. פאַר נאַכט לאָזט זיך אַראָפּ אויף די פעלדער אַ נעפּל און דעקט צו, ווי אַ גרויער טעפּעך, דעם טאָל אַרום און אַרום. דער טאָל איז אַ ווייטער מיט פעלדער, וועלדער, פעלדזן און סעדער. דער נעפּל מישט אויס שוואַרץ מיט ווייס.

אין יענער נאַכט איז דער נעפּל געווען אַ געדיכטער. ער איז אַריינגעדרונגען אין די הייזער דורך די פענצטער, דורך די ווענט. עפּעס אַזוינס איז געהאָנגען אין דער לופט, וואָס האָט געשטיקט, געוואָרגן און אָנגעפּילט מיט קלעמעניש די געמיטער. מען האָט זיך געשראָקן און מען האָט נישט געוווּסט פאַר וואָס.

נאָך האַלבער נאַכט האָט פּלוצלונג זיך דערהערט אַ גלאָקן־געקלאַנג פון דעם קלײנעם קלויסטער. אַ שׂרפה איז אויסגעבראָכן אינעם שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע.

זינט דער משוגעים־אַנשטאַלט האָט זיך פאַרקליבן אין טאָל, האָט דאָרט געוויית מיט פּחד און מיט שרעק. פון דרויסן האָט דער בנין אויסגעקוקט דווקא רויִק, נישט ווי די משוגעים־הייזער אין די שטעט מיט זייערע פינצטערע קרעציקע ווענט, מיט די צוימען, ווי פאַר אמתע תּפֿיסות. ניין. דאָ זענען די ווענט דווקא געווען ווייסע, און דער בנין איז געווען אַרומגערינגלט מיט הויכע קאַשטאַן־בוימער, ווי אַ מין קלײנער שלאָס.

אָבער גראָד דער דאָזיקער גוטמוטיקער אויסזען האָט נישט געזאָגט קיין גוטס. הונדערט גייסטיק־קראַנקע זענען דאָרט געווען.

די פּויערים אַרום האָבן זיך געשראָקן פאַר דעם קראַנקן בייזן גייסט, וואָס האָט זיך פאַרקליבן צווישן זיי; זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר די שדים, וואָס טרייבן זיך אַרום און מאַכן חוזק פון גאָר דער וועלט. ווער

ווייסט, וואָס עס קען געשען, האָבן זיי מיט פחד געטראַכט: פון משוגעת ביז מאָרד און ביז זעלבסטמאָרד איז דאָך גאָר נאָענט, מיט דער האַנט ממש אָנצוטאַפּן.

דערפאַר טאַקע איז די שׂרפה געקומען כמעט ווי אַ לאַנג דערוואַרטע געשעעניש. קוקנדיק אויף די פלאַמען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשלענגלט פון דעם משוגעים־הויז, קוקנדיק אויף די געשוואָלענע וואָלקנס רויך, האָבן די פויערים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך גופא באַדויערט און באַקלאָגט.

פאַראַן פאַרשידענע גייסטיק־קראַנקע. איין נאָרמאַלער מענטש איז נישט ענלעך צום צווייטן; דער חילוק צווישן איין משוגענעם און דעם אַנדערן איז נאָך אַ גרעסערער, ווייל יעדער פון זיי בלאָנדזשעט אויף אַנדערע וועגן, אין גאָר אַנדערע לאַבירינטן.

אָבער פונקט ווי ביי נאָרמאַלע מענטשן זענען פאַראַן געמיינזאַמע כאַראַקטער־שטריכן, קען מען אויך ביי משוגעים אויסגעפינען בשותפות־דיקע דעליר־סמנים. מען צעטיילט זיי דעריבער אין גרופעס: די אַזוי גערופענע פאַראַנאָיקער באַזונדער. זיי פילן זיך נישט פאַרפאָלגט און זיי ווייסן נישט, וווהין צו אַנטלויפן, ווו זיך צו ראַטעווען. דער שונא זייערער געפינט זיך אויף טריט און שריט, פאַר זיי, הינטער זיי, דער עיקר אָבער אין זיי גופא. זיי שרייען. זיי קלאָגן אָן יעדערן באַזונדער און אַלעמען אויף אַ מאָל און זעען נישט קיין אויסוועג פון זייער פּיין.

די סכיזאָפרעניקער זענען אויך באַזונדער. געטאָפּלט, געפערטלט, האָבן זיי זיך, און פון איינעם זענען זיי געוואָרן עטלעכע, דאָך זענען אַלע פאַר־פילפאַכטע נישט מער ווי איין פּערזאָן: צוויי הענט, צוויי פיס, איין פּאָר אויגן, איין פּאָר אויערן, אָבער אין זייער אונטערבאַוווסטזיין טרייבן זיך אַרום צענדליקער געשטאַלטן, הונדערטער „איכס", וואָס ווערן געשליי־דערט פון איין קאַשמאַר צום צווייטן; זיי זינקען איין אין זיך ווי אין אַ זומפּ, פון וואַנען זיי קענען נישט מער אַרויסקריכן.

די עראָטאָמאַניקער, די מעלאַנכאָליקער, די היסטעריקער — יעדע גרופּע האָט אַנדערע האַלוצינאַציעס. זיי ווערגן זיך מיט זייערע טרערן און מיט זייער געלעכטער.

די פּאַניק, וואָס איז אויסגעבראָכן אין משוגעים־הויז, קען מיט קיין ווערטער נישט געשילדערט ווערן. אַלע זענען געלאָפן זיך ראַטעווען אין די וועלדער, אויף די פעלדער און אין די גערטנער. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אין מיטן לויפן פּלוצלונג זיך גאָר מישב געווען און האָבן זיך אומ־געקערט צוריק אין פלאַם פייער. האָבן זיי עפּעס פאַרגעסן אין דער איילע־ניש, אין דער פּאַניק, עפּעס אַזוינס אָן וואָס זיי קענען ווייטער נישט לעבן, מער נישט שפּינען זייערע געדאַנקען? אפשר זענען זיי צוריקגעלאָפן זוכן אַ געדאַנק, אַ וואָרט, אַ בילד און אַ געשטאַלט פון דעם אייגענעם איך. דעם אָדער יענעם האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט איבערגעלאָזן אַ האַנט, אַ פוס, מאַלע וואָס! זיי האָבן זיך געראַנגלט מיט די פייערלעשער, מיט די זשאַנדאַרן, מיט די קראַנקנשוועסטער, וואָס האָבן זיי געוואָלט אָפּהאַלטן. אַריינשפּרינגען אין די פלאַמען האָט זיך זיי פאַרוואָלט, פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט.

שרעקלעכע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט. קיינער האָט נישט גע־ווּסט, וואָס מיט אים איז געשען און וואָס ער וויל, עס זאָל מיט אים גע־שען. די פייערלעשער און די קראַנקנשוועסטער האָבן נישט געקאָנט זיך געבן אַן עצה, וואָס פריער צו טאָן, וועמען פריער צו העלפן: די, וואָס זענען געלאָפן ווי פאַרסמטע פון פייער, אָדער די, וואָס האָבן זיך געריסן צוריק אין די פלאַמען. וואָרעם ווייט פון פייער זענען די גייסטיק־קראַנקע געווען פונקט אַזוי אין סכנה, ווי אין די פלאַמען גופא. זיי זענען געווען אַ סכנה אי פאַר זיך, אי פאַר אַנדערע.

זשאָ דער „אומבאַקאַנטער", ווי מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן און ווי ער האָט ביי זיך גופא געהייסן, האָט צוזאַמען מיט דער הויפּטקראַנקנ־שוועסטער נעלי זיך פאַרקליבן אויף אַ פעלדז אין באַרגיקן וועלדל. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן ביידע אַרויסגעשליידערט געוואָרן פון אַן אונטערגייענדיקער שיף אויף עפּעס אַן אומבאַקאַנטן אינדזל. דער פעלדז איז געווען אַ גלאַטער, האָבן זיי זיך געקלאַמערט איינער אין דעם צווייטן. זענען דאָס געווען מאַן און פרוי, ברודער און שוועסטער? ווער זענען זיי? פון וואַנען קומען זיי?

מילא, זשאַ איז אַן אומבאַקאַנטער, שוין עטלעכע יאָר, ווי ער ווייסט נישט, ווער ער איז און מיט וואָס ער פאַרנעמט זיך.

אָבער זי, אַ קראַנקנשוועסטער אין משוגעים־הויז, וואָלט דאָך געדאַרפט אים צוריקפירן, אויב נישט אין דער אויסגעברענטער חורבה, איז צום זאַמלפּלאַץ, אָדער אין דעם דערבייאיקן קאַנטאָנאַלן שפּיטאָל, וווהין מען פירט איצט אַוועק די אָפּגעראַטעוועטע קראַנקע. פאַר וואָס באַהאַלט זי זיך מיט אים? פאַר וואָס פילט זי נישט אויס אירע פליכטן לגבי די אַנדערע קראַנקע?

אויף די אַלע פראַגעס וואָלט איר שווער געווען צו ענטפערן. שוין יאָרן לאַנג ווי זי פאַרנעמט זיך דער עיקר מיט אים, מיט זשאַ דעם „אומבאַקאַנטן”. זי ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס. אַלע אירע געדאַנקען זענען פאַרנומען מיט אים. זי ווייסט נישט, ווער ער איז און ווי מען רופט אים. זי ווייסט נישט קיין סך מער ווי ער גופא, זי ווייסט נישט, ווער עס זענען געווען זיינע עלטערן, וווּ איז ער געבוירן געוואָרן און ווי אַלט ער איז.

נעלי ווייסט בלויז, אַז זשאַ איז איינער פון די לעבנגעבליבענע דעפּאָרטירטע, וואָס זענען צוריקגעקומען מיט אַ קראַנקער נשמה קיין פראַנקרייך. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ אויסגעטאַטואירטן נומער אויף זיין אָרעם, דעם נומער 66778. דאָס איז זיין פאַרנאָמען, דאָס איז זיין פאַמיליענאָמען. קיין אַנדערע דאָקומענטן ווי זיין דעפּאָרטאַציע־נומער 66778 האָט ער נישט פאַרמאָגט.

אין אָנהייב האָט ער זיך פאַרהאַלטן נישט אַזוי ווי זיינע מיטאומגליקלעכע, וואָס האָבן שטענדיק וואָס צו דערציילן, וואָס צו שרייען און וואָס צו בושעווען. אויף אַלץ, וואָס מען האָט אים געפרעגט, האָט ער געהאַט בלויז איין ענטפער: „די שוואַרצע פייגל אויפן בלויען הימל טראָגן פייער אויף זייערע קרומע פליגל, כדי צו פאַרברענען גאָר די מענטשהייט”.

אין דאָזיקן שפּרוך פלעגט ער אַריינלייגן גאָר זיין שרעק. ער פלעגט בעת־מעשה פאַרגלאָצן די אויגן און וואַרפן מיט די הענט, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט אַראָפּשאָקלען פון זיך.

ווי נאָר אים באַפאַלט די „וויזיע” פון די פייגל, פון דעם פייער און פון דעם אונטערגאַנג פון דער מענטשהייט, פאַרגלאָצט ער די אויגן, עס

זעט אויס, ווי זיין חרובער בליק וואָלט אַרומגעשוועבט ערגעץ ווייט־ווייט. ער באַגיסט זיך מיט שווייס און זיינע הענט צעפּאַכען זיך ווי פליגלען פון אַ ווינטמיל, ער שעפּטשעט, גלייך ווי ער וואָלט זיך ביי עמעצן בעטן: „קומט אַהער משהלעך, יאַנקעלעך! קומט, קומט צו מיר! האָט נישט מורא, שרעקט זיך נישט! איך וועל אייך קוילען, איך וועל אייך פאַרברענען... פאַר וואָס נישט? קומט, קומט...”

דערנאָך טוט ער אַ ריטשע ווי אַן אָקס:

— וואָס שטייט איר דאָ און גלאָצט מיט די אויגן? קענט איר נישט פאַרשטיין, וואָס דאָס הייסט פייער פלאַקערט און לעבעדיקע מענטשן ווערן פאַרברענט? איר פרייט זיך מיט די פלאַמען, וואָס? איך וועל אייך דערשטיקן, טייוולאָנים, שדים, וואָס איר זייט! מערדער! רוצחים! מענטשן־פרעסער! בלוטזויגער! איר אַנטלויפט? איר מיינט אפשר, אַז איך וועל נישט קענען צו אייך צוקומען? האָט איר אַ טעות. באַלד וועט איר זען, ווי אַזוי איך וועל אַראָפּשינדן פון אייך די הויט.

ער קלאַפּט זיך מיט די פויסטן אין האַרצן, אַ ווייסער שוים באַדעקט זיינע ליפּן, ער שלײדערט זיך און וואַרפט זיך, ביז עס באַווייזן זיך צוויי מענער אין ווייסע כאַלאַטן, וואַרפן אויף אים אַרויף אַ קאַפּטן און פירן אים מיט געוואַלט צו דער קאַלטער שפּריץ.

די הויפּט־קראַנקנשוועסטער נעלי האָט איין מאָל בייגעוווינט אַזאַ אַנפאַל און האָט נאָך דעם לאַנג זיך צוגעקוקט, ווי אַזוי זשאַ ליגט אַ געליימטער אויף זיין אייזערנעם בעטל מיט אַ געלעכטערל אויף זיין פּנים, און ער שטעלט אַרויס די צונג.

פּלוצלונג האָט זיין בליק זיך צוריקגעקערט פון דער ווייטער ווייט און האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף איר. ביידנס בליקן האָבן זיך באַגעגנט. זיינע איבערגעשראָקענע אויגן האָבן זי אָנגעקוקט מיט אַזוי פיל פאַרוווּנדערונג, גלייך ווי ער וואָלט דאָ דערזען ווער ווייסט וועמען. שווער צו זאָגן, וואָס ער האָט זיך בעת־מעשה געטראַכט.

ווען זשאָס חרובער בליק האָט זיך באַגעגנט מיט נעליס בליק האָט ער אין אים עפּעס באַמערקט, עפּעס, וואָס איז פריער געלעגן פאַרבאָרגן טיף־טיף. אפשר איז דאָס געווען אַ ליכטשטראַל אין לאַבירינט פון זיין

נשמה, אַ שליסל מיט וועלכן אים האָט זיך איינגעגעבן אין איין רגע צו עפענען אַ קעמערל, אין וועלכן אַ שטיק פון זיין פאַרגאַנגענהייט איז גע־לעגן פאַרבאָרגן?

געדויערט האָט דאָס נישט מער ווי איין אויגנבליק. ווידער איז אַלץ פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ נעפל און מען האָט מער גאָרנישט נישט אַרויס־געזען, נישט ער גופא, נישט די הויפּטקראַנקנשוועסטער נעלי.

בלויז אַ טונקל געפיל האָט אין אים געטליעט. ערגעץ ווו, ערגעץ־ווען — איך טעג, אין חדשים, אין יאָרן אַרום, וועט אפשר זיך באַווייזן אַ וועג, וואָס וועט צוריקפירן הינטער די פינצטערע בערג, דעמאָלט וועט זשאַ דער „אומבאַקאַנטער" ווידער געפינען זיין אַמאָליקן נאָמען און ער וועט ווידער וויסן ווי ער הייסט.

דערווייל אָבער איז נאָך אַלץ פינצטער. נעלי האָט דעמאָלט זיך אַראָפּגעבויגן איבער אים און אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין שטערן. ער האָט זיך באַרואיקט.

פון דעמאָלט אָן, ווי נאָר זשאַ דער „אומבאַקאַנטער" פלעגט קריגן אַן אָנפאַל און נעמען רעדן וועגן פייער און וועגן שוואַרצע פייגל, פלעגט מען אַ רוף טאָן נעלין. איר פלעגט שטענדיק זיך איינגעבן צו באַרואיקן אים מיט איר בליק.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז איר האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרטרייבן פון אים גאָר אין גאַנצן זיינע „שוואַרצע פייגל", איינצושטילן זיינע פּי־בער־רייד. ניין. איר וואָרעמער בליק האָט בלויז פאַרלאָשן אויף אַ ווײַלע דאָס פייער, אָבער די סכנה איז פאַרבליבן. זשאַ פלעגט זיך וווּנדערן, פאַר וואָס זי זעט נישט דעם פייער, פאַר וואָס זי הערט נישט די שוואַרצע פייגל פאָכען מיט זייערע קרומע פליגלען, פאַר וואָס אַזאַ קלוגע און העלזעעוו־דיקע פרוי זעט נישט דאָס, וואָס אַ בלינדער אפילו קען באַמערקן?

נעלי פלעגט בלויז אַ דריק טאָן זיין האַנט, אים צופירן צו זיין בעטל און בלייבן זיצן לעבן אים אָן אַ וואָרט. נישט יאָ, נישט ניין פלעגט זי אים זאָגן. עס לוינט נישט איבערצושפּאַרן אַ קראַנקן. געדולד דאַרף מען האָבן, אַ סך געדולד! פריער פאַר אַלץ אָבער דאַרף מען זען צו געווינען זיין צוטרוי, פועלן ביי אים ער זאָל זיך לאָזן פירן אין זיין אייגענער

פאַרגאַנגענהייט. נאָר אַזוי אַרום קען מען האָפן אַרויסצוגיין אויפן ריכ־טיקן שמאָלן שטעגעלע, פון וואַנען עס איז פאַראַן אַ וועג צו דער צוקונפט.

דער הויפּט־דאָקטאָר מאַריאַן האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן פאַל זשאַ. ער האָט אָבער נישט געוווסט, וואָס פאַר אַ נאָמען צו געבן דער קראַנקייט פון דעם „אומבאַקאַנטן".

ווייסט מען פון וואַנען דער קראַנקער קומט, ווער זיין פאַמיליע איז, וואָס פאַר אַ באַרוף ער האָט אין זיין ציווילן לעבן, וואָס פאַר אַ נאָמען ער טראָגט — איז נאָך אַ האַלבע צרה. דער פּסיכיאַטער קען דאַן זיך פאַר־שאַפן אַ שטיקל מאַכט איבער אים, נישט אַלץ קען דאַן דער קראַנקער פון אים באַהאַלטן.

דאָ אָבער האָט ד"ר מאַריאַן געהאַט פאַר זיך אַ רעטעניש, אַ קראַנ־קער, וואָס ווייסט נישט, ווי אַזוי ער הייסט, שוואַרצע פייגל שוועבן כסדר אַרום איצער זיין קאָפּ, אַ שרפה ברענט אין זיין האַרצן. אַ קראַנקער, וואָס איז פאַר זיך גופא אַ רעטעניש.

דערפאַר טאַקע האָט ד"ר מאַריאַן אַנגעזאָגט זיין אַסיסטענטקע, די הויפּטקראַנקנשוועסטער נעלי, זי זאָל ביי יעדן קריזיס גענוי באַשרייבן אַלץ, וואָס מיט זשאַ דעם „אומבאַקאַנטן" קומט פאָר, פון אָנהייב ביז צום סוף, קיין איין וואָרט זאָל זי נישט פאַרלירן פון דעם, וואָס ער שרייט אַרויס. זי האָט אָבער, זי ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס, דעם דאָקטאָר נישט געפאָלגט. זי האָט די באַריכטן אירע געפעלשט, נישט אַלץ האָט זי דערזאָגט און פאַרשריבן. פאַר וואָס האָט די פינקטלעכע און געוויסנהאַפ־טיקע הויפּטקראַנקנשוועסטער דאָס מאָל דעם דאָקטאָר נישט געפאָלגט? וויפל מאָל זי האָט זיך גופא געשטעלט די דאָזיקע פראַגע, האָט זי קיין איין מאָל אויף דעם קיין ענטפער נישט געפונען.

אפשר האָט זי געהאַלטן, אַז זי טאָר נישט פאַרראַטן דעם סוד, וואָס ער טרויט איר אָן? אפשר האָט זי פערזענלעך אַ חלק אין דעם דאָזיקן סוד?

אין יענער שרפה־נאַכט האָבן, ווי שוין דערמאָנט, זשאַ און נעלי זיך געראַטעוועט פון די פלאַמען אויף אַ פעלדז. זשאַ האָט געקוקט אין די

פלאַמען, וואָס האָבן זיך געשלענגלט פון שפּיטאָל. ווער האָט אונטערגעצונדן דעם שפּיטאָל? פאַר וואָס האָט מען אים אונטערגעצונדן? ווו זענען אַהינגעקומען די שוואַרצע פייגל, וואָס זענען אַרומגעפלויגן איבערן בלויען הימל?

יעדע פראַגע, וואָס ער שטעלט זיך, טוט אים וויי. דאָך וואָלט ער נישט אויפגעהערט צו פרעגן, ווייל נאָר אַזוי אַרום ווייסט ער, אַז ער לעבט. אַנישט, וואָלט ער געמיינט, אַז ער גופא איז פאַרברענט געוואָרן אויף אַש, אַנישט, וואָלט ער נישט געקענט זיך אָנשפּאַרן אויף נעליס שויס און הנאה האָבן פון די פלאַמען, וואָס טאַנצן אַרום פאַר זיינע אויגן.

נעלי האָט גאָרנישט נישט געפרעגט, נישט זשאָ דעם „אומבאַקאַנטן״, נישט זיך אַליין, נישט ווייל איר איז אַלצדינג פלוצלונג געוואָרן קלאָר און דייטלעך, נאָר ווייל, פונקט פאַרקערט, אַלץ האָט זיך אין איר פאַרטונקלט און האָט זיך ווי באַדעקט מיט אַ געדיכטן שלייער. זי האָט פון גאָרנישט נישט געוואָלט וויסן, פון גאָרנישט הערן. זי האָט איצט קיין צייט נישט געהאַט.

ווי שטורמישע כוואַליעס צום ברעג פון ים זענען די שוואַרצע פייגל געקומען צו פליען צו איר, האָבן אויסגעלאָדן אין איר בשמה גאָר זייער לאַסט און זיי זענען ווידער אַוועקגעפלויגן.

פון וואַנען ווייסט זשאָ, וואָס אין איר קומט פאָר? דערשראָקן האָט זי זיך, ווען זי האָט אים דערהערט שעפּטשען: „די שוואַרצע פייגל אין הימל... די שוואַרצע פייגל...״ אָן עכאָ פון אַן עכאָ. ווער איז ער? ווער איז זי? ווי אַזוי זענען זיי ביידע זיך צונויפגעקומען אויפן האַרטן פעלדז? וואָס וועט זיין דערפון? ווי אַזוי זאָל מען עס פאַרשטיין? ווי אַזוי זאָל מען עס באַגרייפן?

— זשאָ, פון וואַנען קומסטו? ווער ביסטו?

— איך קום נישט, איך בין נישט.

— ווו זענען מיר?

— מיר זענען ווייט־ווייט אַוועק פון אַלעמען, מען האָט אונדז פאַרברענט, מיר זענען אַש. אָט־וואָס מיר זענען!

די פיר צייטן

— וואָס רעדסטו, זשאָ? ס'איז נישט אמת, קיינער האָט אונדז נישט פאַרברענט.

— מיר האָבן זיך אַליין פאַרברענט.

— אויך נישט אמת, זשאָ, דו זעסט, אָט נעם איך דיך אַרום, איך האַלט דיך אין מיינע אָרעמס.

— דאָס איז נישט אַזוי ווי דו זאָגסט, מען קען זיין פאַרברענט אויף אַש און דאָך לעבן.

— ווי אַזוי, זשאָ? גיב מיר דאָס צו פאַרשטיין, רעד דייטלעכער, קלאָרער.

— איך האָב מורא.

— פאַר וואָס האָסטו מורא, זשאָ?

— איך האָב מורא, אַז זיי וועלן זיך דערוויסן.

— ווער זיי?

— די פייערלעשער, די זשאַנדאַרן, די דאָקטוירים, נעלי...

— איך בין דאָך נעלי, דו זעסט נישט? דערקענסט מיך נישט?

— יאָ, איך דערקען דיך, אָבער מען קען נישט וויסן. אפשר ביסטו נישט די ריכטיקע נעלי...

— פאַר וואָס זאָל איך נישט זיין די ריכטיקע נעלי? קוק מיך אָן, זשאָ, פאַרשטיי, רעד צו מיר...

— איך האָב מורא.

— פאַר מיר האָסטו מורא? זע ווי ליב איך האָב דיך.

— יאָ, אָבער זיי זענען קיינער נישט אַזעלכע ווי דו. דו ביסט אַ גוטע, און זיי אַלע זענען שלעכטע, זייער שלעכטע מענטשן. מען קען זיך אויף זיי נישט פאַרלאָזן, זיי קען מען נישט אַלץ דערציילן...

— נישט זיי זאָלסטו זיך אָנגעטרויען, נאָר מיר, נעלין, מיר זאָלסטו אויסזאָגן, וואָס דיר טוט וויי.

— איך האָב מורא, אַז זיי וועלן זיך דערוויסן.

— וואָס וועלן זיי זיך דערוויסן? פאַר וואָס האָסטו מורא?

— איך שרעק זיך, אַז זיי וועלן זיך דערוויסן ווער עס האָט אונטער־געצונדן דעם שפּיטאָל...

— ווער האָט אונטערגעצונדן דעם שפּיטאָל?

— דאָס קען איך דיר נישט זאָגן. עס קען זיין, אַז דאָס בין איך געווען.

— זשאַ, וואָס רעדסטו? באַטראַכט זיך גוט, וועסטו אַליין זען, אַז ס'איז נישט אַזוי, ווי דו זאָגסט. מיר לעבן און מיר זענען נישט פאַרברענט געוואָרן...

— און די פלאַמען זעסטו? דעם רויך דעם געדיכטן זעסטו?

— איך זע, אָבער מען וועט אויסלעשן די שׂרפה.

— אַ שׂרפה ווערט נישט אויסגעלאָשן, האָט זי אָנגעהויבן איין מאָל צו ברענען, מוז זי ברענען אָן אַ סוף. קיין וואַסער קען זי נישט אויסלעשן.

— ס'איז נישט אַזוי, איך ווייס נישט ווי דיר דאָס צו דערקלערן. דו וועסט עס אָבער פאַרשטיין, ווען דו וועסט אויף מיר אַ קוק טאָן, נישט פון דער זייט, נאָר טיף־טיף אין די אויגן אַריין.

זשאַ האָט זיך באַמיט אויף איר אַ קוק צו טאָן פון הינטער דעם שלייער, וואָס האָט פאַרטונקלט זיין בליק, און ווידער איז אַ נס געשען: ביידנס בליקן האָבן זיך באַגעגנט פּונקט ווי דאָס ערשטע מאָל, מיט יאָרן צוריק. זיי האָבן זיך דערזען. איין האַרץ האָט דערזען דאָס צווייטע האַרץ, איין נשמה די אַנדערע.

זייערע לאַנגע פינגער האָבן געגלעט נעליס פּנים. טרערן זענען גע־רונען פון אירע אויגן. קיינער פון זיי ביידן איז נישט מער געווען קראַנק, אָדער ביידע זענען זיי געווען קראַנק.

דער אַזיל האָט נאָך אַלץ געברענט. די קירך־גלאָקן האָבן געקלונגען אין דער נאַכט. פון צייט צו צייט האָט מען געהערט אַ רעוואָלווער־שאָס. דאָס האָט מען געשאָסן אין דער לופטן כדי אָפּצושרעקן די קראַנקע, וואָס זענען זיך צעלאָפן איך אַלע זייטן. צוליב דעם געדיכטן נעפּל איז שווער געווען זיי צו כאַפּן. זענען טאַקע אַ סך משוגעים געלעגן באַהאַלטן און ס'איז זיי געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון די הענט פון די זשאַנדאַרן.

דאָס זעלבע איז געווען מיט זשאַ און מיט נעלין. אַ ביז גאָר מאָדנע געשעעניש: נעלי איז געלאָפן ראַטעווען זשאַ דעם „אומבאַקאַנטן״, צו וועמען זי האָט געהאַט זיך צוגעבונדן און אויף וועמען זי האָט אַכטונג געגעבן מער ווי אויף אַלע אַנדערע פּאַציענטן. איז דאָס געווען אַ רעזול־טאַט פון דער דערשיטערונג פון דער שׂרפה, אָדער דער שגעון האָט אויף איר פון לאַנג שוין געהאַט געלויערט?

עס קען זיין, זי האָט אין דעם „אומבאַקאַנטן״ דערקענט אַן אַנדערן, וואָס איז איר אַ מאָל געווען זייער נאָענט. אפשר האָט זי זיי גאָרנישט פאַרביטן און יענער איז אַריין אין זשאַס לייב ווי אַ גילגול. אויף יעדן פאַל איז זי נישט מער די פּראָפעסיאָנעלע קראַנקנשוועסטער וואָס געווען: זי איז אַ פרוי, אַ פאַרליבטע פרוי, וואָס האָט נאָך לאַנגע יאָרן זוכעניש און פיין צוריקגעפונען איר חתן, איר מאַן. מיט פאַרצווייפלונג האָט זי זיך געקלאַמערט אין זיינע פיס.

— עלי, מיין געליבטער! — האָט זי זיך ביי אים געבעטן — פאַר־לאָז מיך נישט, גיי נישט אַוועק פון מיר! ענדלעך האָב איך דיך צוריק־געפונען. רעד נישט פון פייער, רעד נישט פון פלאַמען און פון שוואַרצע פייגל. דאָס וועט זיך נישט מער צוריקקערן, ניין, בלייב מיט מיר!

און דאָ איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס קיין איין פּסיכיאַטער וואָלט קיין מאָל נישט געקענט צוטראַכטן: זשאַ האָט זיך דערמאָנט זיין נאָמען, דעם נאָמען, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אים געגעבן באַלד נאָך זיין געבוירן ווערן, עלי רופט מען אים. אַזוי האָט מען אים גערופן, ווען ער איז געווען אַ קליין יינגעלע; מיט דעם נאָמען איז ער געגאַנגען אין שול; מיט דעם נאָמען האָט ער זיך געפרייט און פון צייט צו צייט אויך צער געהאַט, ווען זיין מאַמע האָט אַ מאָל אַנגעשריגן אויף אים, פאַר וואָס ער האָט געמאַכט אַ פלעק אויף זיין מלבוש. עלי איז זיין ריכטיקער נאָמען.

— אַ דאַנק דיר. דו האָסט מיר אָפּגעגעבן מיין נאָמען.

— עלי, מיין ליבער, מיין האַרציקער!

— אַ דאַנק דיר, מיין טייערע, פאַר מיין נאָמען, פאַר מיין עכטן, מיין אמתן נאָמען. דו האָסט מיך צוריקגעפירט... — האָט אָפּגעקלונגען אַ ווידערקול פון אַ מאַן, וואָס האָט ביים צוריקגעפונען זיין אמתן נאָמען,

אויך אָפּגעפּינען דאָס מיידל, וואָס איז געווען זיין מיטקעמפּעריז אין דער פּאַרטיזאַנקע...

געוויס איז ער דורך דעם נישט אין גאַנצן געגעזן געוואָרן און מען קען נישט זאָגן, אַז דער נס, וואָס מיט אים איז דאָ געשען, איז געווען אַ פּולער, אַ גאַנצער, וואָרעם אַנישט, וואָלט ער דאָך באַלד באַמערקט, אַז נעלי איז בלויז ענלעך צו יענעם מיידל, וואָס איז געווען זיין געליבטע איידער ער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געשטאַפּאָ, און ער וואָלט זיך באַנוגנט בלויז מיט זיין צוריקגעפונענעם נאָמען.

אָבער אַ האַלבער נס איז אויך אַ נס.

אויך נעלי האָט געמוזט באַמערקן, אַז ער איז נאָך נישט אין גאַנצן אויסגעהיילט געוואָרן, כאָטש זי האָט אים צוריקגעגעבן זיין אמתן נאָמען. אָבער קען מען זיך דען איצט אויף איר פאַרלאָזן?

אָרעמע נעלי! אין איין מינוט האָסטו אַ חרובן מענטשן צוריקגעגעבן אַ העלפט פון זיין פאַרשטאַנד און באַצאָלט האָסטו פאַר דעם מיט דיין אייגענעם פאַרשטאַנד.. שריי, שריי, נעלי! גיב זיך נאָך אַ ביסל מי, אפשר וועסטו קענען אויסשרייען גאָר דעם שגעון, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דיר, אַרויסשרייען מיט איין מאָל, לאָז נישט די משוגעת פאַרקריכן טיף אין דיין מאַרך אַריין, טיף אין דיינע עצמות. דו ווייסט דאָך, אַז פאַר־האַלטן, איינהאַלטן אין זיך אַ משוגענעם געדאַנק, איז זייער געפערלעך. שטילערהייט נעמט ער גריזשען און גראָבן, ביז ער פאַרגראָבט און פאַר־שטעקט זיך אין די טיפסטע טיפענישן פון דעם איך, אַז עס איז כמעט ווי אוממעגלעך אים אַרויסצושלעפּן פון דאָרט, אים אַרויסצושפּייען, אַרויס־צושרייען. לאָז אים נישט זיך צוגעוווינען צו דיר, און דו, געוויין זיך נישט צו צו אים. טו עפּעס, כל זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט. שריי, נעלי, שריי! לאָז זיך נישט פאַרפירן פון דעם נאָמען, וואָס עלי וויל דיר איצט אָנהענגען. ס'איז נישט קיין נאָמען פון ליכט, נאָר פון פינצטערניש. שריי, נעלי, שריי אַלץ אַרויס! אפשר וועט דאָס דיר העלפן!

נעלי האָט טאַקע געשריגן, פאַר שרעק האָט זי געשריגן. זי האָט זיך געשראָקן פאַר עליס שוואַרצע פייגל, פאַר דעם נאָמען, וואָס עלי האָט איר געגעבן, האָט זי זיך געשראָקן.

די פיר צייטן

זי האָט זיך געטוליעט צו עלין, זי האָט אים געקושט, זי האָט אים גע־דריקט צו זיך. ענדלעך, ענדלעך האָט זי אים צוריקגעפונען נישט געקוקט אויף אַלץ, וואָס מען האָט איר געהאַט געזאָגט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האָט איר געליבטן מיט אירע אייגענע אויגן געזען אַ טויטן. אָבער קען מען זיך דען פאַרלאָזן אויף די אייגענע אויגן? איבריקנס, אָט זעט זי אים דאָך פאַר זיך, ווי ער שטייט און גייט. ס'איז דער זעלביקער וווקס, ס'איז דאָס אייגענע פּנים, מער נישט, ער קוקט אויס אַ ביסל עלטער ווי יענער. וואָס איז דאָס וווּנדער? אַזוי פיל יאָרן זענען דאָך אַוועק פון יענעם טאָג ווי מען האָט איר געליבטן דערשאָסן. מען ווערט עלטער. אַלע ווערן עלטער, און די שטריכן פון פּנים בייטן זיך מיט דער צייט. זי ווייסט אויף זיכער, אַז דאָס איז ער, דאָס הייסט יענער, דאָס הייסט ער... דאָס איז איר עלי, און גענוג... עלי האָט מען אים דאָך גערופן, וואָס דאַרף זי נאָך פאַר אַ ראיות?

און אפשר איז דאָס אַלץ נישט מער ווי אַ חלום? אויך אין חלום קו־מען פאַר שרפות און אומגליקן. אויך אין חלום ווערן מענטשן משוגע, אַנדערע ווערן צוריק קלאָר, נאָרמאַל. אויך אין חלום געשען די אומ־גלויביקסטע זאַכן, טאָ פאַר וואָס זאָל דאָס אַלץ נישט שטימען: אי דאָס משוגעים־הויז, אי די שרפה, אי די נאַכט, וואָס איז באַדעקט מיט אַ גע־דיכטן נעפּל — מיט איין וואָרט, אַלץ, וואָס דאָ איז איצט געשען.

אָבער ווער זאָגט, אַז דאָס איז חלום, און נישט מער? אין אַ חלום זעט מען אויס אַנדערש; אין אַ חלום דערמאָנט מען זיך אויך נישט אין אַלטע זאַכן, ווייל אַלץ שפּילט זיך אָפּ אין דער גלייכער צייט. יאָ, ס'איז אויסגע־שלאָסן, אַז איר חלומט זיך דאָס, וואָס זי זעט און הערט.

זי האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי זי האָט אים אַרויסגעשטופּט פון דעם ברענענדיקן אַנשטאַלט אַ באַרוועסן אין איין העמד. שפּרינגענדיק פון פענצטער האָט ער זיך צעקלאַפּט די פיס. בלוט רינט נאָך פון אים. פאַר וואָס זיצט זי אַזוי? פאַר וואָס פאַרבינדט זי אים נישט די ווונדן? זי איז דאָך אַ קראַנקנשוועסטער. זי האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט, אַז זי האָט דעם שליסל, וואָס אַ באַקאַנטע פאַמיליע האָט איר געגעבן פון אַ הייזקע,

וואָס געפינט זיך דאָ נישט ווייט. פאַר וואָס האָט זי וועגן דעם פריער נישט אַ טראַכט געטאָן? דאַרף זי הייסט עס פריער פאַר אַלץ צופירן עלין אַהין, אים פאַרבינדן די ווונדן, אים געבן אַ ביסל וואַסער צו טרינקען...

ווידער איז נעלי אַריין אין דער ראָלע פון אַ קראַנקנשוועסטער. זי האָט אַרומגעוואַשן עלין, אים פאַרבונדן די ווונדן.

ווי אַזוי איז דאָס אַלץ געשען? אמת, זיי האָבן ביידע זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די פלאַמען. ניין, דאָס האָט זי אים אַרויסגעראַטעוועט פון די פלאַמען! אָן איר וואָלט ער אפשר אומגעקומען, פאַרברענט געוואָרן, ער וואָלט אפשר, ווי אַ סך אַנדערע, צוריקגעלאָפן אין פייער אַריין און עס וואָלט פון אים קיין זכר נישט געבליבן... אָבער איז דאָס אַ סיבה, זי זאָל איצט זיך געפינען מיט אים דאָ אין דער הייזקע? איז ער איר מאַן? איז ער טאַקע יענער עלי וואָס איז אומגעקומען? אפשר איז ער גאָר אַ צווייטער עלי? איין עלי איז דען דאָ אויף דער וועלט?

נישט אַנדערש — זי חלומט. און אפשר איז זי גאָר משוגע געוואָרן? ס'איז נישט גוט זיך צו געפינען כסדר צווישן משוגעים. סוף־כל־סוף נעמט מען איבער זייערע געדאַנקען, זייערע „אומגעדאַנקען״, און מען ווערט אַליין אויך קראַנק, מען גייט אַראָפּ פון זינען.

איז זי טאַקע אַראָפּגעגאַנגען פון זינען? ווער ווייסט, וואָס מיט איר וועט ווייטער געשען.

עלי איז געלעגן מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן און האָט זיך אַליין ווי צונויפגענומען. אים איז פאַרגעקומען, ווי ער וואָלט געדאַרפט זיך צו־נויפקלייבן גליד פאַר גליד, געדאַנק פאַר געדאַנק.

— אָט איז איין האַנט — האָט ער זיך געזאָגט, — אָט איז די צווייטע האַנט, און יעדע האַנט פאַרמאָגט פינף פינגער — ווי מאָדנע! ער ציילט זיי, זיינע פינגער. פאַמעלעך, שטילערהייט. ס'איז נישט קיין קלייניקייט צו האָבן צען פינגער, קיין איינער זאָל נישט פעלן פון זיי, היינט ווו זענען די פיס? אויך די פיס האָבן פינגער, ווי זיי וואָלטן געווען הענט. אַ רעטע־ניש. וואָלט ער געווען טויט, טראַכט זיך אין אים, וואָלט ער נישט גע־דאַרפט מורא האָבן פאַר גאָרנישט. אַ טויטער שפּירט נישט.

עלי פאַרפלאָנטערט זיך אין זיינע געדאַנקען. פאַר וואָס איז ער נישט טויט? אַ גאַנצע וועלט איז אומגעקומען, ער איינער נאָר לעבט. מען זאָל מאַכן אַ חשבון, וויפל מענטשן עס זענען אומגעקומען, וועט אויסקומען אַ ציפער מיט אַ סך נולן. זייער פּאַסיק דאָס וואָרט „נול". אַ טויטער איז דאָך אַ נול, אַ גאָרנישט.

דאָס אַלץ איז שווער צו באַגרייפן. אָבער עפּעס וואָס הערט נישט אויף אים צו פּיקן אין מוח. פייער... פלאַמען... האָט ער אונטערגעצונדן אַ פול הויז מיט מענטשן? ניין, נישט ער, נישט ער, ער איז נישט קיין אונטער־צינדער, נישט קיין באַנדיט, נישט קיין רוצח. פאַרקערט: ער וויל גאָר באַפרייען די וועלט פון אַלע פייערן. וואָלט ער געקענט, וואָלט ער זיי אַלע־מען געראַטעוועט פון טויט. אַ בלבול האָט מען אויסגעטראַכט אויף אים. אפילו נעלי, די טייערע נעלי, וואָס קוקט אויף אים מיט אַזעלכע רחמנות־אויגן, אויך זי מיינט, אַז ער האָט אונטערגעצונדן די וועלט. זאָל ער שרייען? יאָ, ער וועט זיך פונאַנדערשרייען. ער וועט אָנהייבן צו שרייען:

— נעלי, מיינסטו טאַקע אויף אַן אמת? דו טוסט מיר אַן עוולה, אויב דו טראַכסט אַזוי, אַ גרויסע עוולה. נעלי, ענטפער מיר, איידער עס איז נאָך נישט צו שפּעט.

— אָבער עלי, טייערער, — פאַרענטפערט זיך נעלי — ווער מיינט דען? קום צו זיך, דו זעסט דאָך, אַז איך בין ביי דיר.

זיי קוקן זיךביידע אין די אויגן, אָבער וואָס מער זיי קוקן זיך אָן, אַלץ ווייניקער פאַרשטייען זיי, וואָס מיט זיי קומט פאָר. איינער זוכט ביים צווייטן עפּעס אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן, אַ וועג, אַ שטעגעלע צום אַמאָל.

טונקל איז אין צימער, אפשר וואָלט מען גאָר געדאַרפט אַ דריק טאָן אַ קנעפּל און אָנצינדן די עלעקטרישע לאָמפּ? אפשר אונטערצינדן די הייז־קע, און זאָל זי ברענען ווי דאָס גרויסע משוגעים־הויז? אָבער וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? קען מען דען פאַרברענען דעם שגעון פון דער וועלט? חוץ דעם איז נאָך גאָרנישט באַוויזן, אַז עלי האָט אונטערגעצונדן דאָס שפּיטאָל...

— איידער דו באַשולדיקסט מיך, באַווייז מיר, נעלי, אַז איך האָב טאַקע אונטערגעצונדן דאָס שפּיטאָל. ביסטו גערעכט, וועל איך גאָרנישט

נישט זאָגן, אָבער צו ערשט דערפסטו מיר באַווייזן, אַז דו ביסט גערעכט און אַז איך בין אומגערעכט, אַז דו ביסט אומשולדיק און איך בין שולדיק, אַז דו ביסט פאַרברענט געוואָרן אויף טויט און אַז איך בין געבליבן לעבן, אַז דו ביסט אַן ערלעכע פרוי און איך בין אַ פאַרברעכער.

— עלי, וואָס רעדסטו?

— איך ווייס וואָס איך רעד... איך רעד פון אַ ריזן־שרפה... הער צו, נעלי, אָט קען איך אַ ליד וועגן אַ שרפה. איך מוז זיך עס דערמאָנען, דאָס ליד וועט מיך ראַטעווען, ווייל עס ווייסט, ווער עס האָט אָנגעמאַכט די שרפה אויף דער וועלט... וועלן מיר כאַפּן דעם אמתן אונטערצינדער, וועל איך ווערן באַפרייט פון דער באַשולדיקונג. דאָס ליד איז אָבער אַ יידיש ליד. ווי מאַכט מען? איך וועל פרווון איבערזעצן פאַר דיר דאָס ליד אין פראַנצויזיש. ניין, איך בין זיכער, אַז דו וועסט פאַרשטיין דאָס ליד אין יידיש אויך, ווייל פייער איז דאָך אויף אַלע שפּראַכן פייער. דאָס וואָרט „ברענט" פאַרשטייען אַלע וואָס דאָס באַדייט. נעם צום ביישפּיל דאָס וואָרט „פייער", זאָגט מען אין פראַנצויזיש „פעי", סיי אין יידיש, סיי אין פראַנצויזיש הייבט זיך אָן דאָס וואָרט „פייער" מיטן אות „פ" און דאָס וואָרט „ברענט" הייסט אין פראַנצויזיש „בריל" און הייבט זיך אָן מיט אַ „ב". דו זעסט, אַז ס'איז לייכט צו פאַרשטיין?

— יאָ, עלי, איך וועל פאַרשטיין, איך וועל זיכער פאַרשטיין.

— וואַרט אַ רגע, לאָמיר זיך דערמאָנען. עס איז שוין זייער לאַנג, ווי דאָס דאָזיקע ליד איז אָנגעשריבן געוואָרן. נישט אַלע ווערטער געדענק איך. וואַרט אַ רגע, נעלי...

— איך וואַרט, עלי...

עלי זעצט זיך אַנידער אויפן בעט, ער שפּרייט אויס ביידע אָרעמס און פאַרגייט זיך אינעם געזאַנג:

עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט!
אונדזער אָרעם שטעטל, נעבעך, ברענט!
בייזע ווינטן מיט ירגזון
רייסן, ברעכן און צעבלאָזן,

די פיר צייטן

שטאַרקן נאָך די ווילדע פלאַמען,
אַלץ אַרום שוין ברענט!

- ברענט?
— יאָ, ברענט... דאָס הייסט „בריל״, ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט.
— איך פאַרשטיי, עלי, איך פאַרשטיי...
— טאָ הער זשע ווייטער:

און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
מיט פאַרלייגטע הענט.
און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך
ווי אונדזער שטעטל ברענט!

— ברענט...
— יאָ, עס ברענט, נעלי, נאָר מיר ביידע האָבן זיך געראַטעוועט.... זעסטו שוין, אַז נישט איך בין שולדיק אין דער שרפה?
— יאָ, עלי, איך ווייס...
— אָבער וואָס קומט אַרויס דערפון? וואָס טויג מיר מיין אומשולד? אַלע זענען געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט...
— נישט אמת! דו ביסט געווען אַן אַקטיווער קעמפער אין דער ווי־דערשטאַנד־באַוועגונג... עלי...
— דו האָסט מיר צוריקגעגעבן מיין נאָמען. האָסט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן.
— עלי... אַזוי האָט ער געהייסן.
— ווער?
— ער איז אומגעקומען אין אַ שרפה.
— ער, זאָגסטו?
— ער איז דו, קיין ספק נישט. איך דערקען דיך. זאָלן זיי רעדן, זאָלן זיי זאָגן. איך בין איבערצייגט, אַז ער, דאָס ביסטו, עלי. ווער קען אין דעם צווייפלען?

— ער בין איך?

— דו ביסט ער...

— איך בין נישט איך, נאָר ער?

— ניין, איצט ביסטו שוין גאָר אין גאַנצן דו. איך דערקען אים, איך דערקען דיך, ווי דו וואָלסט איצט געשטאַנען פאַר מיינע אויגן.

— ווי איך וואָלט?

— עלי, דו ביסט מער ווי ער, וואָרעם דו ביסט איך גאַנצן דו: דו לעבסט און ער איז טויט. זע, אָט נעם איך דיך אָרום, ביסט אין גאַנצן מיינער און קיינער וועט דיך מער נישט אַרויסרייסן פון מיינע אָרעמס.

— און אויב יענער וועט צוריקקומען?

— ער קען נישט צוריקקומען, וואָרעם ער איז דו, ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט.

— אויב ער איז איך, בין איך ער. טאָ ווער פון אונדזביידן איז איצט מיט דיר?

אויף אַזאַ פראַגע האָט זיך נעלי נישט גערי̇כט. אַ ספק האָט זיך ווידער אַריינגעכאַפּט אין אירע געדאַנקען, אַ ספק ווער פון זיי ביידן איז דער לעבעדיקער עלי, און ווער דער טויטער? און נאָך אַ ספק: צי איז זי קלאָר, אָדער זי איז אויך שוין געוואָרן משוגע?

— וואָס פייניקסטו מיך, עלי, מיט דיינע פראַגעס, ווער ווייסט?

זיי זענען איינגעזונקען אין שלאָף, גלייך ווי זיי וואָלטן אונטערגענו־מען אַ ווייטע נסיעה אין אַן אומבאַקאַנט לאַנד, ווו אַלץ איז מעגלעך, ווו מען קען אַלץ אויסחלומען פון דאָס ניי.

און אים האָט זיך געחלומט אַזאַ חלום, וואָס אויך איר האָט ער זיך געקענט חלומען:

נאָך לאַנגע מאַטערנישן און מי זענען זיי ביידע פאַרוואָרפן געוואָרן אויף עפּעס אַן אינדזל, ווו עס וואַקסן ביימער און כלערליי פלאַנצן. אויך זענען דאָרט פאַראַן חיות און באַשעפענישן, וואָס זיי האָבן, דוכט זיך זיי, קיין מאָל נישט געזען פאַר די אויגן. חיות מיט צוויי אָדער מיט דריי קעפּ.

מיט צען לאַפּעס און מיט משונהדיקע אויגנלעכער. אַלץ ברענט אויפן דאָ־זיקן אינדזל. פייערדיקע סאַלאַמאַנדרעס פליען אַרום אין דער לופטן.

זיי איילן זיך, זיי לויפן, זיי קומען צו פליען מיט פייערלעשער־מכשירים אויף זייערע פליגל, כדי צו לעשן דאָס פייער, וואָס ברענט אין זייערע אייגענע לייבער.

עלי און נעלי. ביידע גייען זיי אָנגעטאָן ווי גענעראַלן מיט גילדערנע עפּאָלעטן אויף זייערע מונדירן און מיט אַ סך מעדאַלן און אויסצייכענונגען אויף דער ברוסט; זיי פירן אָן מיט די פייערלעשער־אָפּעראַציעס. אַלע רגע קומען זיי צו פליען די סאַלאַמאַנדרעס, די באַפליגלטע לייבן און לעמפּערטן, און פרעגן וווהין זיי זאָלן ווייטער פליען מיט זייער פייער, וואָס לעשט דאָס פייער. עלי און נעלי שיקן זיי דאָ אַהין, דאָ אַהער, אין אַלע פיר הימל־ריכטונגען, ווייל ס׳איז נישטאָ אַן אָרט, וווּ עס ברענט נישט, נישט פאַראַן קיין איין ריכטונג וווּ די פלאַמען זאָלן נישט פלאַקערן... ווער ווייסט, צי עס וועט זיך זיי איינגעבן צו פאַרלעשן דאָס אַלץ, וואָס ברענט און פלאַקערט...

און ווייטער חלומט זיך:

זיי האָבן שוין אויסגעלאָשן דאָס פייער, אַלץ איז אָבער פאַרברענט געוואָרן אויף אַש. אַלץ איז אַוועקגעגאַנגען מיטן רויך, די פייערלעשער, די סאַלאַמאַנדרעס, די באַפליגלטע לייבן און לעמפּערטן... ס׳איז פון זיי אַלעמען אפילו קיין זכר נישט איבערגעבליבן.

פאַרבליבן זענען אויף דעם גאַנצן אינדזל נאָר זיי ביידע. לאָזן זיי זיך וואַנדערן אויפן וויסטן אינדזל, אין דער האָפענונג דאָך צו געפינען ערגעץ־וווּ אַ בוים, וואָס איז נאָך נישט פאַרברענט געוואָרן, אַ פרוכט־בוים, וואָרעם זיי זענען זייער הונגעריק און עס חלשט זיי דאָס האַרץ. גייען זיי, גייען, ביז זיי קומען צו צו עפּעס אַ הייל, זיי קריכן אַריין אין דער הייל און זיי וואַנדערן ווייטער. עס נעמט גאָר קיין סוף נישט. זיי גייען און ווייסן נישט מער, צי זיי גייען פאָרויס צי זיי גייען צוריק.

און נאָך חלומט זיך:

ס׳איז זיי דאָך געלונגען ווי נישט ווי אַרויסצוקריכן פון דעם לאַבי־

רינט, פון דער הייל, עפּעס ווי דורך אַ נס האָט זיי עמעצער אַרויפגענומען אויף אַ שיף, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דעם האַפן.

ווייזט זיך אָבער באַלד אַרויס, אַז די שיף איז נחס תיבה, וואָס שווימט שוין אַזוי אַרום פון אייביקע צייטן אָן, אַ קאַסטן, אָנגעשטאָפּט מיט אַלע חיות און פייגל פון דער וועלט. נח איז דער קאַפּיטאַן פון דעם דאָזיקן קאַסטן.

— אָט איז יבשה! — איז געוואָרן אַ שמחה, ווען קאַפּיטאַן נח האָט באַמערקט דעם אינדזל — יבשה! מען וועט מער נישט דאַרפן זיך אַרומ־שלעפּן אַהין און צוריק אָן אַ ציל.

אָבער ווי נאָר קאַפּיטאַן נח האָט געהערט פוןביידע נשרפים, עלי און נעלי, וואָס פאַר אַ מין אינדזל דאָס איז, אַן אינדזל אַ קאַלכאַויוון, ווו גאָר דאָס לעבן איז פאַרברענט געוואָרן, איז פאַרשטערט געוואָרן זיין פרייד.

— ווי גאָט איז אייך ליב! — האָט נעלי זיך געבעטן ביים קאַפּיטאַן נח — שווימט שוין אָפּ צוריק, וואָרעם אויפן אינדזל איז אַלץ פאַרברענט געוואָרן, דאָ וואַקסט מער גאָרנישט און דאָ קענען מיר נישט האָבן קיין קיום. לאָמיר גיך אַוועקשווימען פון דאַנען. דאָס איז נישט קיין אינדזל צום לעבן.

— נישט קיין אינדזל צום לעבן — האָט עלי צוגעגעבן. — לאָמיר קיין איין וואָרט נישט פאַרלירן. גיך, גיך, לאָמיר אַוועקשווימען פון דאַנען!

— יבשה איז פאַרט יבשה — האָט קאַפּיטאַן נח זיך איינגעשפּאַרט און אַלע חיות האָבן צוגעברומט — איר שטעלט זיך מסתמא נישט פאָר, וואָס דאָס באַדייט אַרומצושווימען יאָרן לאַנג אַהין און אַהער אָן אַ ציל?

האָבן עלי און נעלי זיך גענומען ביי אים בעטן:

— דאָס, וואָס איר רופט אָן יבשה איז אַ טריקעניש... אונדזער גייסט איז דאָ אויסגעטריקנט געוואָרן, מיר זעען איצט נישט פאָר זיך קיין אַנדער אויסוועג ווי וואַסער, ווי ים... אייער גליק איז דאָס, וואָס איר זענט די גאַנצע צייט אַרומגעשוווּמען איבער וואַסער, אייער גליק איז דער מבול, אַנישט וואָלט איר אפשר אויך פאַרברענט געוואָרן, איר, צוזאַמען מיט אייערע חיות און מיט אייערע פייגל. גליקלעך דאַרפט איר זיך שעצן מיט אייער מבול. אפילו די סאַלאַמאַנדרעס אייערע, די פייער־פויגלען — דער־

לאַנגט זיי נאָר אַ פרעג, וואָס זיי האָבן ליבער, פייער אָדער וואַסער... מיר זענען זיכער, אַז וואַסער איז זיי מער צום האַרצן ווי פייער, כאָטש זיי גופא לעבן דאָך פון פייער. נעמט אונדז מיט אויף אייער קאַסטן, לאָזט אונדז נישט איבער אויפן אינדזל, אויפן טויטן־אינדזל.

— ס׳איז אונדז אַ גרויסער חידוש, וואָס איר דערציילט אונדז דאָ

— שאָקלט קאַפּיטאַן נח מיטן קאָפּ און די חיות ברומען צו — ס׳איז אונדז אַ גרויסער חידוש, פייער זאָל זיין ערגער ווי וואַסער... אָבער איך זע, אַז איר זאָגט נישט קיין ליגן, טאָ קריכט זשע געשווינד אַריין אין קאַסטן און לאָמיר ווייטער שווימען. אפשר וועלן מיר זיך פאָרט דערשלאָגן צו אַן אינדזל, ווו עס איז יאָ פאַראַן לעבן, ווו עס וואַקסןביימער און אַנדערע פלאַנצן, ווייל לאַנג אויסהאַלטן אויפן וואַסער קענען מיר נישט מער, נישט איך, נישט מיינע זין און נישט מיינע טעכטער, נישט די חיות און די פייגל...

— אפשר. — שאָקלט צו עלי מיטן קאָפּ — אַלץ איז מעגלעך.

— אפשר — שאָקלט אויך צו נעלי מיטן קאָפּ — לאָמיר פּרווון. און דער קאַסטן שווימט ווייטער...

זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט און ווידער זיך לאַנג געקוקט איך די אויגן אַריין. אַלץ איז אַזוי אומפאַרשטענדלעך און פאַרדרייט, און מען ווייסט נישט פון וואָסער זייט אויפצוקניפּן דעם פּלאָנטער.

— נעלי!

— וואָס, מיין טייערער?

— דער חלום.

— אַ מאָדנער חלום, אָבער איך מיין, אַז עס איז אַן אמת.

— וואָס וועט פון אונדז ווערן?

— איך ווייס נישט, אָבער דאָס ווייס איך, אַז איך האָב דעם שפּיטאָל נישט אונטערגעצונדן.

— רעד נישט, איך פרעג דיך נישט.

— לאָמיר שווייגן, עלי, דו ווילסט?

— שווייגט מען, ווילט זיך שרייען, שרייט מען, ווילט זיך צוריק שווייגן.

— מען דאַרף אויסקלייבן.

— ווייסטו וואָס? דו ווערסט שווייגן, איך אָבער וועל שרייען.

נעלי האָט שנעל אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין מויל און ער האָט נישט באַוויזן אַ געשריי צו טאָן. דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט.

— — — — — — — — — — — — —

אַ נס איז געשען. עלי איז באַפרייט געוואָרן פון דעם געשריי, וואָס האָט אים געשטעקט אין האַלדז. ער איז ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין רגע; גאָרנישט דער זעלביקער וואָס מיט אַ מינוט צוריק. נעליס געזיכט איז אויך ווי באַגאָסן געוואָרן פון אַ שטראָם ליכט. זי האָט אַ שמייכל געטאָן. זי איז געווען גליקלעך מיט אים, מיט זיך גופא און מיט אַלץ אַרום און אַרום. דורך אַ שפּאַלט פון לאָדן האָט זיך אַריינגעריסן אַ שטראַל פון דער לבנה.

— אַ דאַנק דיר, נעלי... לאָז מיך זיך אויסרעדן כל זמן עס איז נאָך צייט... דו האָסט מיך געראַטעוועט. איך ווייס, איך ווייס אַז איך בין קראַנק און אַז די פויזע, וואָס מיר איז איצט באַשערט, וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן. ס'איז געשען אַ נס — אַ דאַנק דיר, נעלי — איך ווייס טאַקע נישט, ווי אַזוי דיר האָט זיך איינגעגעבן דאָס, וואָס גרויסע פּסיכיאַטערס האָט זיך נישט איינגעגעבן אין משך פון יאָרן. ס'איז געשען אַ נס. האָב איך געזאָגט, וואָס מיר איז באַשערט געוועזן אויף איין נאַכט ווידער צו קומען צו מיין קלאָרן פאַרשטאַנד. וויל איך טאַקע אויסנוצן די צייט, איך וויל אַרויסראַטעווען פון מיין פאַרגאַנגענהייט און פון מיין ליבע צו דיר אַ ביסל האָפענונג, אַ טראָפּן פרייד.

נעלי האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען אויף די ליפּן. דאָס ערשטע מאָל אין איר פּראַקטיק האָט זיך איר געטראָפן אַזאַ אויסטערלישער פאַל, אַז אַ סכיזאָפרעניקער זאָל אָן קיינעמס הילף קענען פאַרטרייבן פון זיך זיינע האַלוצינאַציעס. געוויס זענען פאַראַן קראַנקע, וואָס ווערן אויף אַ געוויסער צייט נאָרמאַל, אָבער דאָס האָט דאָך מיט זייער אייגענעם ווילן נישט צו טאָן. פאַרקערט, שטרענגען זיי אָן זייער ווילן,

פאַלן זיי באַלד צוריק אַרייַן אין זייערע קאַשמאַרן. אָבער עלי האָט, ווייזט אויס, צוגעטראַכט אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו בלייבן נאָרמאַל פּונקט אַזוי פיל צייט, וויפל עס וועט דאַרפן דויערן, ביז ער וועט אַרויסשלעפּן זיין פאַר־שאָטענעם איך פון דעם טיפן תהום, וווּהין ער איז מיט יאָרן צוריק אַרייַנ־געפאַלן. נעלי האָט געטראַכט, אַז ס׳איז גלייכער נישט צו פּרווון אים איינ־רעדן, אַז ער איז קיין מאָל נישט געווען גייסטיק־קראַנק. מען דאַרף אויך נישט זיך באַטייליקן אין זיין דעליר. איר ליבע צו אים האָט אים צוריק־געגעבן דעם גלויבן. אָבער וואָס איז מיט איר גופא געשען? האַנדלט דען אַזוי אַ קלאָרער מענטש? באַגייט זיך אַזוי מיט אַ קראַנקן, אָדער מיט וועמען עס זאָל נישט זיין, אַ מענטש, וואָס איז נאָך ביים קלאָרן פאַרשטאַנד און דערצו אַ הויפּטקראַנקנשוועסטער? ניין. איז זי, הייסט עס, אויך געוואָרן משוגע?

פאַרפאַלן! צוריקגייין קען זי שוין נישט! וואָרעם דאָס וואָס איז דאָ געשען, וועט שוין קיין מאָל נישט פאַרשווינדן. בלייבט איבער בלויז איין מעגלעכקייט: לאָזן אים אויסרעדן, לאָזן אים דערמאָנען אַלץ, וואָס מיט אים איז געשען. און דערנאָך וועט בלייבן צייט, און זי וועט אים דערציילן, וואָס מיט איר גופא איז געשען, איידער זשאַ נומער 66778 איז געוואָרן איר קראַנקער.

אָבער געגומען רעדן האָט זי גאָר די ערשטע. זי האָט ווי מורא גע־האַט, אַז עס זאָל נישט זיין צו שפּעט פאַר איר.

— ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן — האָט זי גענומען דערציילן איר געשיכטע — בין איך געווען אַ סטודענטין. איך האָב שוין געהאַט הינטער מיר צוויי יאָר מעדיצין. געוווינט האָבן מיינע עלטערן אין ליאָן. איך האָב שטודירט אין פּאַריז. ווען די היטלער־אַרמייען זענען צוגעקומען נאָענט פון פּאַריז, בין איך גלייך מיט אַלעמען אַנטלאָפן פון פּאַריז. געווען בין איך פון די הינטערשטעליקע און באַשלאָסן צו לויפן האָב איך אין דער גאָר לעצטער מינוט, ווען עס זענען שוין נישט געווען קיין באַנען. איך וועל דיר נישט דערציילן, מיין ליבער עלי, וואָס פאַר אַ קאַשמאַר דאָס איז געווען, דו ווייסט עס אַזוי גוט ווי איך. איך וועל נאָר דערמאָנען איין

געשעעניש, וואָס מיט מיר האָט זיך געטראָפן און וואָס האָט געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָל אין מיין לעבן. דו וועסט דעמאָלט פאַרשטיין, פאַר וואָס דו ביסט ער — צי ער איז דו...

— וואָס?

— איך האָב זיך שלעכט אויסגעדריקט. איך האָב געוואָלט זאָגן, דו וועסט אַזוי אַרום פאַרשטיין פאַר וואָס איך בין שיער נישט פון זינען אַראָפּ ווען איך האָב דיך געטראָפן.

— געטראָפן האָסטו מיך מיט יאָרן צוריק...

— ער איז געווען פאַרווונדיקט... אַ פוס האָט אים געבלוטיקט...

— אמת, געווען פאַרווונדיקט, אָבער נישט אַ פוס האָט מיר געבלו־טיקט, די האַנט האָב איך זיך געהאַט צעקאַליעטשעט. איך בין געפאַלן.

— אַ האַנט? אַ פוס, געדענק איך...

— קען זיין.

— אַ פוס האָסטו געהאַט אַ פאַרווונדיקטן, האָב איך דיר, געדענק איך, אַרומגעבונדן דעם פוס, ווי איך האָב עס געטאָן אויך היינט...

— אויך היינט. אָט ווי די געשעענישן חזרן זיך איבער. מיר זעט אויס ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען.

— אמת, איך האָב דיר פאַרבונדן די ווונדן?

— קלאָר, ווי די זון!

— גערופן האָט מען דיך עדואַר, האָט ער מיר געזאָגט.

— ווער ער?

— האָסטו מיר געזאָגט. אָבער דיינע עלטערן האָבן דיך גערופן עלי.

— סוף־כל־סוף בין איך אָנגעקומען צו מיינע עלטערן, וואָס האָבן געוווינט אין ליאָן, אין דער געגנט, וואָס הייסט „פּעטי טרו". שפּעטער, ווען די ווידערשטאַנד־אַקציעס פון די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פאַרשטאַרקט, האָב איך ווידער באַגעגנט עדואַרן, מיין עדואַרן — איך קען דאָס זאָגן, וואָרעם ער איז מיר שוין דאַן געווען מער ווי אַ באַקאַנטער, ער איז געווען מיין חבר, מיין אינטימער חבר, אַ פריינד. און איך בין געווען גליקלעך, איבערגליקלעך. איז ער דאָך געווען אַזאַ מוטיקער קעמפער! דו ביסט געווען אַ דאָקטער, דאָס האָסטו מיר אַריינגעגעבן דעם געדאַנק

איך זאָל ווערן אַ קראַנקנשוועסטער. איך האָב דורכגעמאַכט אַ קורס פאַר קראַנקנשוועסטער און האָב אַזוי אַרום געקענט עפּעס פאַרדינען און אַרויסהעלפן מיינע עלטערן.

— אַ קראַנקנשוועסטער? דאָס קען איך זיך נישט דערמאָנען...

— יאָ, עלי, דו געדענקסט, ווי אַזוי דו האָסט מיר דערציילט וועגן דיין פּראַקטיק אין פּאַריז? דו האָסט אַזוי שיין געקענט דערציילן וועגן דיינע קראַנקע.

— קען זיין... קען זיין...

— געוויס איז אַזוי געווען. וואָס דאַרף מען דאָ לאַנג טראַכטן? דער־נאָך איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. רדיפות, לאַגערן, דעפּאָר־טאַציעס...

— איך געדענק...

— און דאָס וועסטו מסתמא אויך געדענקען, אַז דו האָסט אַ געוויסע צייט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אונדז אין קעלער.

— איז דאָס נישט געווען אין אַ שייער ביי פּויערים, אין דאָרף?

— וואָס רעדסטו, עלי? דערמאָן זיך נאָר: אין קעלער ביסטו גע־לעגן און איך האָב דיר געבראַכט עסן, הינטער אַ קאַסטן פון קוילן, שוואַרץ ביסטו געווען, ווי אַ נעגער, דערמאָן זיך גוט. געוויצלט האָסטו זיך, קאָ־קעטירט האָסטו מיט דיין שוואַרצקייט. איך געדענק, ווי דו האָסט מיר איין מאָל געזאָגט, אַז דו ביסט אַ טאָפּלטער ייד, שוואַרץ ווי צוויי יידן...

— ביין, איך דערמאָן זיך נישט... איך דערמאָן זיך נאָר אין דעם בילן פון די הינט.

— אויך אין אונדזער הויז זענען געווען הינט.

— איז אַלץ אין אָרדענונג... דערצייל וויי־טער, נעלי.

— זיי האָבן אָבער נישט געבילט ביי אונדז.

— ווער?

— די הינט.

— אַ שאָד, נעלי, אַ שאָד!

— לאָז זיך פירן, ליבינקער, דורך מיין זכרון. דו טאָרסט אין דיר נישט צווייפלען, איצט ווען דו האָסט צוריקגעפונען דיין נאָמען.

— אַ דאַנק דיר נעלי, מיין טייערע!

— אַ דאַנק אַ צופּאַל, וואָס האָט זיך געטראָפן...

— דו מיינסט דאָס שפּיטאָל? די שרפה? אָבער דאָס ווייס איך אויף זיכער. דו הערסט, נעלי? נישט איך, נישט איך.

— געוויס נישט דו! געוויס נישט דו. דאָס זעסטו, לוינט זיך, דו זאָלסט יאָ פאַרגעסן, דו זאָלסט קיין מאָל זיך אין דעם נישט דערמאָנען.

— ווי קען מען זיך אין דעם נישט דערמאָנען? אַ משוגענער נעמט און צינדט אונטער אַ שפּיטאָל מיט קראַנקע, מיט דאָקטוירים, מיט קראַנקנ־שוועסטער, אַ משוגענער עלי אַזאַ, עדואַר. אָבער דאָס איז געווען „יענער", נישט איך, דו הערסט?

— געוויס נישט דו, וואָס פאַלט דיר פּלוצלונג איין?

— יענער פון דעם שייער, פון די הינט. אַן אומגליקלעכער מענטש, אַ קראַנקער. אָט הער איך נאָך, ווי די קראַנקע לויפן אַרום, שטיקן זיך מיטן רויך, ווערן דערשטיקט, ווערן פאַרברענט. וואָס איז מיט אים פּלוצ־לונג געשען? האָט ער דען נישט געוווּסט, אַז פּייער איז טויט?

אַ שרעק איז באַפאַלן נעלין. אפשר וואָלט זי גאָר געדאַרפט זיך אָפּ־שטעלן אין מיטן דער געשיכטע? וואָלט זי כאָטש געגעבן געקענט זיין ביאָ־גראַפיע פון אָנהייב אָן, וואָלט זי אויסגעקליבן די גליקלעכע מאָמענטן פון זיין לעבן, אָבער זי קען אים דאָך בלויז פון דער אָקופּאַציע־צייט און זייער פריינדשאַפט האָט זיך ברוטאַל איבערגעריסן מיט זיין טויט... טויט? אויב אַזוי, איז ער דאָך טאַקע גערעכט, איז ער דאָך יענער. ביין, ער איז נישט גערעכט, וואָרעם ווי קען ער זיין יענער? אפשר איז זי משוגע? זאָל זי ווייטער דערציילן? זאָל זי ווייטער אַרויסשלעפּן פון זיין פאַרגאַנגענהייט וואָס עס וועט זיך לאָזן? זאָל זי זיך ווייטער פאַרלאָזן אויף זיין זכרון?

עלי האָט זיך ווי נישט ווי באַרואיקט, ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס אין אירע געדאַנקען קומט פאָר:

— דו דאַרפסט זיך נישט שרעקן, מיין טייערע! איך בין אַליין אַ דאָקטער און ווייס גאַנץ גוט, בעסער נאָך ווי אַ סך אַנדערע פּסיכיאַטערס, אויף וואָס איך בין קראַנק. דערצייל ווייטער, לאָז מיך נישט איבער אין

מיטן וועג, איך בעט דיך. אַ דאַנק דיר וועל איך אויסגעפינען דאָס אָרט ווו דער אונטערצינדער פון שפּיטאָל באַהאַלט זיך. האָב נישט קיין מורא, איך וועל זיין מוטיק, איך וועל קיינעם נישט שאַנעווען, זיך אַליין אויך נישט, זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז איך בין דער פאַרברעכער, וועל איך אָן רחמנות... נאָר עפּעס זאָגט מיר, אַז געטאָן האָט עס אַ צווייטער. דער־צייל ווייטער, דערצייל נאָר דעם אמת, אָן דיר בין איך פאַרלוירן.

— דו ביסט געווען מיין הילף, מיין אָנשפּאַר אין יענער צייט; איך האָב שטאַרק מורא געהאַט, עס זאָל עפּעס וואָס נישט געשען מיט דיר. איך דערמאָן זיך נאָך יענעם טאָג — דאָס איז געווען אין פרילינג 1944 — ווען דו ביסט פאַרוווּנדיקט געוואָרן אין איינער פון די שווערע שלאַכטן קעגן די דייטשן. מען האָט דיך געמוזט אָפּערירן. ביי נאַכט, אויף אומוועגן האָבן דיך דיינע חברים געבראַכט צו פירן קיין ליאָן צו אַ דאָקטער אַ ווידער־שטענדלער. די אָפּעראַציע האָט זיך איינגעגעבן, אָבער ס'איז גאָרנישט לייכט געווען דעמאָלט צו געפינען פאַר דיר אַן אָרט, ווו דיך אויסצובאַ־האַלטן. נאָך לאַנגער, שווערער מי איז מיר געלונגען זיך איינצובעטן ביי אַ גלח, ער זאָל דיך פאַרשטעקן אין דער קירך גופא. איך האָב אָבער גע־מוזט צוזאָגן דעם גלח, אַז איך וועל צו דיר נישט קומען. איך האָב מיין וואָרט געבראָכן, און איין נאַכט — דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר האָבן זיך געזען — בין איך געקומען צו דיר...

— קען זיין, קען זיין...

— אַזוי איז עס געווען, און נישט אַנדערש. איך האָב אויף דעם אַ גוטן סימן. דערנאָך, דערנאָך... אָבער דאָס איז שוין געווען... ניין, נישט דעם אַנדערן טאָג, נאָר עטלעכע טעג שפּעטער, נאָך יענער טרויעריק־גליקלעכער נאַכט, בעת דער גרויסער באָמבאַרדירונג פון ליאָן, ווען אַ גאַנצער שטאָטטייל איז פאַרשאָטן געוואָרן, די געגנט לאַמוזש. איך בין אַרומגעלאָפן, דיך געזוכט צווישן די טויטע, איך האָב געזוכט די קירך, וואָס איז געוואָרן דיין קבר, איך האָב דיך געפונען...

— אמת, די קירך... איך דאַנק דיר, נעלי, איצט פאַרשטיי איך שוין אַלץ, וואָס מיט מיר איז פאַרגעקומען פון דעמאָלט אָן. געוויס, געוויס... בין איך אָבער טויט?

— ניין, עלי, גלייב נישט אין דיין טויט, גלייב נישט.

— דו זאָגסט דאָך.

— איך דערצייל וועגן עדואַרן.

— עדואַר האָט געהייסן עלי, האָסט אַליין געזאָגט. האָסט שוין פאַרגעסן?

— איך האָב נישט פאַרגעסן. געוויס האָט עדואַר זיך גערופן עלי. דאָס איז געווען זיין יידישער נאָמען.

— איך בין אויך אַ ייד.

— איך ווייס, עלי. דו ביסט אַ ייד, ווי יענער, ווי דו גופא. איך ווייס שוין גאָרנישט וואָס איך דערצייל.

— פאַרקערט, דיין געשיכטע איז אַ ריכטיקע, אַ געשיכטע וועגן אַ דאָקטער אַ ייד, אַ דאָקטער אַ פּאַרטיזאַנער, וואָס האָט נאָך דער געהיי־מער אָפּעראַציע זיינער זיך אויסבאַהאַלטן, ערגעץ אין אַ קירך. די קירך אָבער איז נאָך דער באָמבאַרדירונג געוואָרן דער קבר פון אָט דעם עדואַר־עלי, ווי דו דערציילסט. וואָס איז דאָ נישטאָ צו פאַרשטיין? לעב איך טאַקע נישט מער?

— דו לעבסט, דו לעבסט, עלי, אויך אויף דעם האָבן מיר אַ גוטן סימן. אָט זענען מיר איינער לעבן צווייטן, ווי עס וואָלט גאָרנישט גע־ווען אין דער קירך... ווי איך וואָלט נישט אויפגעשטעלט קיין מצבה אויף דיין קבר, — אויף עדואַרס קבר, וויל איך זאָגן, וואָרעם דו, עלי, גע־פינסט זיך דאָך איצט לעבן מיר. דאַרפסטו נאָך האָבן אַ בעסערן באַ־ווייז, אַז דו לעבסט?

— איך בין זיך מודה, אַז דאָס איז נישט קיין שלעכטער באַווייז...

— מסכים, איך זע איין, אַז דו ביסט גערעכט. אויף ווי ווייט איך געדענק ביז... ווי זאָל איך דאָס אָנרופן? לאָמיר זאָגן: ביז צו דער באָמ־באַרדירונג פון דער קירך, און אַפילו אויך אַ שטיק צייט נאָך דעם, ביז אויסשוויץ, איז אַלצדינג אין הסכם מיט דעם, וואָס עס איז טאַקע געשען, שפּעטער אָבער? וואָס איז שפּעטער געשען? —איצט איז, ווייזט אויס, געקומען מיין ריי צו דערציילן.

— יאָ, עלי, דערצייל!

— אָנהייבן וועל איך אומגעפּער דאָרט, ווו דו האָסט פאַרענדיקט. איך בין געווען אַ פּאַרטיזאַנער, איך האָב זיך געהאַט באַקענט מיט אַ מיידל, וואָס האָט געהייסן... אויף יעדן פאַל האָט זי געהייסן נעלי...

— אמת, ליבינקער!

— געוויס איז דאָס אמת, איך צווייפל נישט אין דעם, אָבער די איבעריקע פּרטים, וואָס איך דערמאָן זיך געגוי — אַ דאַנק דיר, לאָמיר דיר דאָס זאָגן נאָך אַ מאָל און איך וועל דאָס קיין מאָל נישט ווערן מיד צו דערמאָנען — שטימען נישט אין גאַנצן מיט דעם, וואָס דו האָסט מיר דערציילט וועגן זיך גופא און אויך וועגן מיר...

— אפשר האָב איך עפּעס וואָס פאַרגעסן צו דערציילן, כאָטש...

— ווען איך בין אַריינגעפאַלן צו דער געשטאַפּאָ אין איינעם מיט אונדזער גרופּע, איז זי נאָך געווען פריי. באַלד אָבער האָט מען אויך זי געכאַפּט און מען האָט זי געבראַכט צום פאַרהער. איך קען דיר נישט שילדערן די פּייניקונגען, וואָס די געשטאַפּאָ־באַנדיטן האָבן מיר אָנגעטאָן. איבעריקנס האָב איך זיי אַזוי גוט ווי פאַרגעסן, צוגעדעקט זענען זיי געוואָרן דורך אַנדערע ווייטיקן און יסורים, וואָס איך בין שפּעטער אויסגעשטאַנען אין אוישוויץ. אָבער דעם אָוונט, ווען מען האָט מיך אַריינגעפירט אין דעם פּייניקונגס־קאַמער און איך האָב זי דערזען שטיין אַ נאַקעטע, וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. איך האָב דאָס דאָזיקע שרעקלעכע בילד תמיד אַרומגעטראָגן אין מיין האַרצן. יאָ, נאַקעט איז זי געשטאַנען מיט געשוואָלענע אויגן. אירע בריסטן זענען געווען באַדעקט מיט בלוט. פאַר מיר אין די אויגן האָבן צוויי היצלעס מיט גומענע שטעקנס גענומען זי שלאָגן, זי זאָל זיך מודה זיין, אַז זי דערקענט מיך, אַז זי ווייסט ווער איך בין. זי האָט רק געשריגן: ניין און ניין... פּלוצלונג האָט מיר איינער פון זיי אַ זעץ געטאָן איבערן קאָפּ, איך בין אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און ווייטער ווייס איך גאָרנישט מער וואָס מיט מיר איז געשען. אָ, נעלי, ווי זאָל איך דיר דאָס איבערגעבן אין ווערטער?

— איך ווייס, איך ווייס, עלי — האָט זי געמורמלט און האָט בעת מעשה זיך אין גאַנצן אידענטיפיצירט מיט יענער נעלי, וואָס האָט זיך געלאָזט פאַרפּייניקן צום טויט, אַבי נישט אויסצוזאָגן ווער ער איז, אַבי

אים נישט צו פאַרראַטן מיט קיין וואָרט. זי האָט געשעמט זיך מודה צו זיין פאַר זיך אַליין, אַז זי איז כמעט געוואָרן אייפערזיכטיק אויף יענער נעלי, וואָס האָט באַוויזן מער העלדישקייט און מוט ווי זי. אמת, האָט זי זיך געטרייסט, פון איר האָט דאָס קיינער נישט געפאָדערט, זי איז פון דער געשטאַפּאָ נישט פאַרהאַלטן געוואָרן און קיינער האָט איר נישט געפרעגט ווער עלי איז.

— אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן צו ווערן אַ שקלאַפן־דאָקטער אין אוישוויץ און אויפצונעמען אונטער דער אויפזיכט פון די דייטשישע דאָקטוירים־תלינים די טראַנספּאָרטן יידן, זיך צוצוקוקן צו דער קינדער־סעלעקציע... ווייטער קען איך נישט דערציילן. אָבער איך האָף, אַז איצט וועסטו שוין פאַרשטיין, וואָס דאָס באַטייט שרפה, ווען פלאַמען־פייער יאָגן זיך נאָך אַ מענטשן, נישט געקוקט אויף דעם, קען איך דיר אָבער פאַרזיכערן, אַז נישט איך האָב אונטערגעצונדן דעם שפּיטאָל, נישט איך.

— איך ווייס, עלי, איך ווייס.

— ניין, דו ווייסט נישט, דו ווייסט נישט, אויף וואָס איך בין פעיק.

— ביסט נישט פעיק אונטערצוצינדן אַ שפּיטאָל מיט מענטשן.

— אַ גייסטיק־קראַנקער ווייסט נישט וואָס ער טוט, ער גיט זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג.

— דו גיסט זיך יאָ אָפּ אַ רעכענונג. דו ביסט נישט גייסטיק־קראַנק, ביסט עס קיין מאָל נישט געווען...

— —

אַ געררויש פון שווערע טריט הינטערן פענצטער האָט זיך צו זיי דערטראָגן. זיי זענען געבליבן ווי פאַרגליווערט. זיי האָבן געוווּסט, אַז מען זוכט זיי, אים, זשאַ, נומער 66778, דעם אַנטלאָפענעם גייסטיק־קראַנקן, און נעלי די הויפּטקראַנקנשוועסטער.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט אַ קאָשמאַר, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין אַ משוגעים־הויז, אין אַ דאָרף צווישן בערג — אַ זיבן־אַכט יאָר נאָך דער באַפרייונג פון פראַנקרייך.

מען קען זיך פאַרשטעלן די איבעררראַשונג פון די זשאַנדאַרן, ווען זיי האָבן געפונען אַ משוגענעם און אַ קראַנקנשוועסטער ליגן צוגעטוליעט

איינער צום צווייטן. נישט געקוקט אויף בעליס פּראָטעסט און געשרייען, האָט מען אַרויפגעוואָרפן אַ צוואַנג־קאַפּטאָן אויף עליס קאָפּ. אָבער סיי ווי האָט מען פון עלין נישט געקענט דערגיין, צי ער האָט אונטערגעצונדן דעם שפּיטאָל, אָדער ער האָט זיך פאַלש באַשולדיקט אין דעם דאָזיקן פאַרברעך. נישט מען האָט אים געגלייבט, ווען ער האָט געטענהט, אַז ער איז דער שולדיקער, נישט מען האָט זיך צוגעהערט צו אים, ווען ער האָט גענומען געוואַלטעווען, אַז ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן, אַז מען האָט אויסגעטראַכט אויף אים אַ בלבול, אַז ער האָט קיינעם נישט אונטערגעצונדן און אַז ער ווייסט נישט וואָס מען האָט צו אים.

און נאָך עפּעס דאַרף מען צוגעבן צו אָט דער זייער טרויעריקער געשיכטע: נעלין האָט מען מער נישט צוגעלאָזן צו אים. זי האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל.

דער בריוו

באַגינען האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס קליינע שטעטל מייראָקאָ, וואָס ליגט צווישן צווײ בערג. איין באַרג איז גאָר אַ הויכער, דער צווייטער אַ ביסל נידעריקער, אָבער הינטער זיי שטאַרצן אַרויס אַנדערע בערג. ווי הויך דער בליק זאָל נישט קלעטערן, וועט ער מסתמא צו די שפּיצן פון יענע בערג קיין מאָל נישט קענען דערגרייכן — זיי זענען צוגעדעקט מיט וואָלקנס.

דער טוי, וואָס האָט זיך געהאָט אַראָפּגעלאָזט אויף די רויטע שינדל־דעכער, הייבט זיך איצט ביסלעכווייז אויף, שלענגלט זיך און פאַרשווינדט. באַלד וועט פון אים אויך ווערן אַ וואָלקן און ער וועט שוועבן אין דער לופטן שטיל, געלאַסן, ווי אַלע אַנדערע וואָלקנס.

צוויי מענטשן קלעטערן אויפן באַרג, זיי זעען אויס ווי אמתע אַל־פּיניסטן. רוקזעק טראָגן זיי אויף די פּלייצעס און, ווי אַלע אַלפּיניסטן, זענען זיי קאַרג אויף ווערטער. זיי קלעטערן און שווייגן.

צוויי סילועטן קלעטערן באַרג־אַרויף. ס׳איז שווער אונטערצושיידן ווער פון זיי איז דער מאַן און ווער די פרוי.

פון די וואָלקנס שיילן זיך ביסלעכווייז אַרויס די בערג. עס קוקט אויס ווי זיי וואָלטן, אַנשטאָט זיך צו דערנעענטערן, זיך גאָר דערווייטערט, כאָטש מיט יעדן טריט, וואָס די צוויי בערג־קלעטערער שטעלן אויף זיי, שטייגן זיי אַרויף אַלץ העכער און העכער.

די ערשטע זון־שטראַלן באַווייזן זיך, זיי צינדן אָן פייערלעך אויף די שפּיצן בערג, אַלץ אויבן ברענט, דער טאָל אָבער ליגט אין שאָטן. וואָס העכער זיי קלעטערן אַרויף, אַלץ מער שאָטן ברייטערט זיך אויס אונטער זייערע פיס.

דער טאָל — דאָס איז דאָס שטעטל, וואָס זיי האָבן באָר וואָס פאַר־

לאַזט. דאָס שטעטל ווייזט אויס, האָט זיך נאָך נישט אויפגעכאַפּט פון שלאָף. די הייזקעס טוליען זיך איינע צו דער צווייטער.

אָבער נישט וועגן דעם שטעטל אינעם טאָל, נישט וועגן אירע פאַר־שלאָפענע הייזקעס און זייערע איינוווינער טראַכטן איצטביידע באַרג־קלעטערער. וואָס אינעם טאָל געפינט זיך, איז פאַרשווונדן און אַוועק ווי אַ חלום פון פאַרצייטן.

זיי קומען אָן אין אַ וועלדל. דאָ איז לייכטער צו קלעטערן, ווייל מען קען זיך אָלע ווײַלע אָנכאַפּן אין אַן אַנדער נאָדלבוים און די ריזיקע זיך אַרונטערצוגליטשן איז נישט אַזאַ גרויסע ווי פריער. דאָס וועלדל איז אָבער נישט טיף און אין עטלעכע מינוט אַרום געפינען זיך שוין ווידער ביידע קלעטערער אויף אַ נאַקעטן באַרג־אַרויף, צווישן שטיינער און פעלדזן. אַ פּאַנאָראַמע עפנט זיך פאַר זייער פאַרוווּנדערטן בליק.

העלען טיסיע וווּנדערט זיך איבער דער ווייטער בלויקייט, וואָס זי אָטעמט אַריין אין זיך; זי וווּנדערט זיך איבער זיך אַליין. ווער איז זי אייגנטלעך, פרעגט זי זיך, און ווען דערמאָנט זי זיך?

איינע איז זי פאַרבליבן אויף דער וועלט. טאַטע־מאַמע — ווו זענען זיי איצט? ווער ווייסט צי זיי לעבן נאָך? און אירע ברידער? אירע שוועס־טער? אויך זיי זענען דעפּאָרטירט געוואָרן, נישטאָ מער קיינער. זי האָט געהאַט אויך חברים און חברטעס אָן אַ צאָל. איינע איז זי פאַרבליבן... איר דוכט זיך, אַז זי וואָלט געדאַרפט צונויפקלייבן אין לעבן די ברעק־לעך פרייד, וואָס די מאַרטירער האָבן איבערגעלאָזט פאַר אירעטוועגן; איר חוב איז, ווייזט זיך איר אויס, צו פּרווון פאַרענדיקן דאָס לעבן פון אירע נאָענטע, אַזוי לאַנג ווי זי גופא איז נאָך פריי, אַזוי לאַנג ווי זי גופא קען נאָך קלעטערן באַרג־אַרויף. ווען זי וועט אָנקומען אויבן, צו איר גע־ליבטן פּיער פאַבר, וואָס וואַרט מיט אַזוי פיל אומגעדולד אויף איר, וועט זי פּרווון דערטראַכטן דעם דאָזיקן געדאַנק ביז צום סוף. פּיער פאַבר רופט מען אים. וואָס איז דאָס פאַר אַ נאָמען?

דאָס איז אַ נאָמען פון אַ פּאַרטיזאַן, אַ פרעמדער נאָמען אייגנטלעך, וואָרעם אין דער אמתן הייסט ער שמואל גאָלדבערג. אויך זי טראָגט אַ יידישן נאָמען. רחלע הייסט זי. ווי אַלע פראַנצויזיש־יידישע מיידלעך

אין אונטערגרונד, האָט זי זיך פאַרשטעלט, פאַרמאַסקירט און זיך געגעבן אַ נישט יידישן נאָמען.

זי געהערט צו דער אונטערערדישער אַרמיי, פונקט ווי שמואל גאָלד־בערג, אָדער ווי מען רופט אים איצט — פיער פאַבר; פונקט אַזוי ווי זיינע פראַנצויזישע חברים אויף די הויכע בערג, צווישן שטיינער און פעלדזן.

צו זיי אַלעמען, צו זייער אָדלער־נעסט קלעטערט איצט העלען טיסיע. דער אומגעדולד וואַקסט אין איר האַרצן. עטלעכע הונדערט מעטער באַרג־אַרויף זענען נאָך געבליבן. זי איז שיכור פון דער לויטערער לופט, דער קאָפּ דרייט זיך איר. זאָל זי זיך נישט פאַרגעסן, זאָל זי זיך נישט פאַרלירן. זאָל זי זיך נישט אַרונטערקייקלען באַרג אַראָפּ... ווער ווייסט, וואָס דער ווייטערדיקער טראָט קען ברענגען?

— גיב אַכטונג ווי דו גייסט, ווי דו קלעטערסט — זאָגט זיך העלען טיסיע — לאָז נישט אַרויס פון אויג דיין פירער. ער אַ טראָט, דו אַ טראָט. לאָז נישט אַרויס דיין גראָבן שטעקן פון האַנט, ער אַ קלאַפּ מיטן שטעקן, דו אַ קלאַפּ מיטן שטעקן. רעד נישט, שוויג פונקט ווי דיין באַגלייטער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ באַרג־קלעטערער, וואָס איז צוגעוווינט צו שווייגן פון קינדווייז אָן. אַפילו טראַכטן זאָלסטו נישט, וואָרעם אויך די געדאַנקען זענען פאַרפירעריש. מען טאָר נישט לאָזן זיך אָפּלענקען דורך גאָר־נישט, נישט רעכטס, נישט לינקס. העלען טיסיע! גיב אַכטונג אויף יעדן טראָט, וואָס דו שטעלסט!

— איך גיב אַכטונג! — ענטפערט זיך העלען טיסיע — טאָמער פאַלט מיר יאָ איין אַ געדאַנק, האָט ער אויך נישט קיין שייכות צום שטעטל, פון וואַנען איך קום איצט, נאָר צו די מענטשן אויבן, און אפשר אויך אַ ביסל צו מיין באַגלייטער. איך גיי אים נאָך טריט נאָך טריט. איך ווייס, אַז ער איז אַ פּאַסטעך און הייסט פּאַסקאַל, מיט אים איז מען זיכער. ער קען אויסגעצייכנט דעם וועג, וואָס פירט צום שפּיץ באַרג, וווּ זיינע בהמות פּאַשען זיך.

דאָס לעבן פון אַ פּאַסטעך איז נישט זייער קאָמפּליצירט, וועגן אַזאַ לעבן לאָזט זיך דערציילן אין עטלעכע מינוט. העלען טיסיע איז טאַקע

איבערצייגט, אַז זי וועט אין איר געדאַנק אויפלעבן אַלץ, וואָס זי ווייסט וועגן דעם פּאַסטעך פּאַסקאַל, איידער זי וועט האָבן אַרויפגעקלעטערט צום שפּיץ באַרג:

פּאַסקאַל מאַכט דורך דעם דאָזיקן מאַרשרוט איין מאָל אין וואָך — אַהין און צוריק. ער ברענגט אין שטעטל פּוטער און ציגן־קעז, און אַרויף — שטאָטישע פּראָדוקטן. מער ווי אַ פּאָר שעה זאַמט ער זיך נישט אונטן.

אין די לעצטע פּאָר חדשים קומט אים אָבער דאָס קלעטערן באַרג־אַרויף נישט אָן אַזוי לייכט ווי אין די אַמאָליקע יאָרן. נישט דערפאַר ווייל ער איז עלטער און שוואַכער געוואָרן, נאָר ווייל זיין רוקזאַק איז שווערער.

איצט מוז ער איינקויפן אין שטעטל נישט בלויז פאַר זיין אייגענעם געברויך, נאָר אויך פאַר זיי, פאַר זיינע געסט, די ווידערשטענדלער, וואָס האָבן זיך פאַרקליבן אויבן צו אים. אונטן, אין שטעטל, זאָגן זיי, אין אַלע שטעטלעך אַרום און אַרום און אין די גרויסע שטעט — אוודאי, איז דאָס לעבן געוואָרן געפערלעך. פאַראַן דאָרט דער דייטש, און דער דייטש איז, ווי מען ווייסט, אַ מערדער, אַ רוצח. קיינעם געפעלט נישט, וואָס דער דייטש איז אַראָפּגעקומען אַזש אין די פּירענעען־בערג, כדי צו ראַבעווען און צו גזלען. אָבער נישט בלויז זיי ראַבעווען, די דייטשן, זיי פאַרשלעפּן אויך די מענטשן אויף צוואַנג־אַרבעט. אַ סך פראַנצויזן האָבן זיי שוין אַרעסטירט, פאַרשיקט קיין דייטשלאַנד, אָדער זיי דערשאָסן דאָ אויף אָן אָרט.

פּאַסקאַל מישט זיך נישט אין פּאָליטיק, ער הייבט נישט אָן צו פאַר־שטיין וואָס דאָ קומט פאָר, אָבער אויך ער האָט פיינט די דייטשן, אפשר נאָך מער ווי די גרויסשטעטישע ווידערשטענדלער, וואָס באַהאַלטן זיך איצט אויבן ביי אים. ער האָט געפּרוווט מיט זיי אַ שמועס טאָן וועגן דעם. ניין, מיט ווערטער קען ער זיי דאָס נישט געבן צו פאַרשטיין, ווייל ער איז נישט צוגעוווינט צו רעדן. אים איז שווער אויסצודריקן וואָס ער טראַכט און וואָס ער פילט.

פון דעסטוועגן דוכט זיך אים, אַז זיי האָבן אים ווי נישט איז פאַר־שטאַנען, מער ווי אַלע אַנדערע האָט אים פאַרשטאַנען פּיער פאַבר. פּיער פאַבר האָט דערקלערט פּאַסקאַלן ווי אַזוי אַ פּאַסטעך אָדער אַ פּויער

דאַרף פיינט האָבן דעם דייטש. נישט מיטן געדאַנק, וואָס דרייט זיך אַהין און אַהער, נאָר מיט דער נשמה, מיטן בלוט און מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן, ווייל דער דייטש רייסט אַרויס דעם ביסן ברויט ביי די מענטשן, ביי קראַנקע און שוואַכע אומשולדיקע מענטשן.

ביז איצט האָט זיך פּאַסקאַלן נישט איינגעגעבן צו איבערצייגן די ווידערשטענדלער, אַז זיי טוען אים אַן עולה דערמיט, וואָס זיי ווילן אים באַצאָלן פאַר אַלץ, וואָס ער גיט זיי. וואָלט ער געקענט רעדן ווי אַ גרויס־שטאָטישער, וואָלט ער זיי געזאָגט וואָס מען דאַרף זאָגן אין אַזאַ פאַל און ער וואָלט אוודאי אויסגעפירט דאָס זייניקע. איינס אָבער האָט ער דאָך אויסגעפירט ביי זיינע געסט: ער איז געוואָרן זייער שליח, אַ פאַר־בינדלער, ווי זיי זאָגן, און ער נעמט נישט פאַר זיין מיסיע אפילו קיין סאַנטים. פאַרקערט. ווו ער קען, נאַרט ער זיי אָפּ און זאָגט זיי נישט אויס אַלץ, וואָס ער גיט אויס אין שטעטל פאַר זייערטוועגן. פון צייט צו צייט וואַרפט ער זיי עפּעס וואָס אונטער און ער לאָזט זיי נישט באַצאָלן.

דאָס אַלץ האָט איר מיט עטלעכע וואָכן צוריק דערציילט פּיער פאַבר, ווען זי האָט זיך מיט אים געטראָפן אונטן אין טאָל צום ערשטן מאָל זינט ער האָט זיך פאַרקליבן אין די פּירענעען־בערג.

★

— שמואל! פּיער!

— העלען! ראַשעל!

— וואָס פאַר אַ נייעס ברענגסטו פון טאָל?

— פאַר די לעצטע צוויי וואָכן האָט זיך גאָרנישט נישט געענדערט צום גוטן. די געשטאַפּאָ ברשעוועט אַלץ מער און מער... בעלאַ האָסט געקענט?

— וועלכע בעלאַ??

— די רומענישע סטודענטין מיט די בלאָנדע צעפּ.

— יאָ. וואָס איז מיט איר געשען?

— דאָס וואָס מיט אַ סך אַנדערע.

— ווען?

— מיט אַ וואָך צוריק.

— ווי אַזוי?

— דורך אַ צופאַל. בעת אַן אָבלאַווע האָט מען זי געכאַפּט... דו פֿרעגסט מיר גאָרנישט צי איך בין הונגעריק, דורשטיק...

— ביסט געדעכט, רחלע, אָט לויף איך דיר ברענגען מילך און קעז. איך האָב פֿאַר דיר קיכעלעך — אַזאַ געבעקס האָסטו שוין לאַנג, לאַנג נישט געגעסן.. ביי די פֿראַנצויזן, אין פֿראַנצויזישע בעקערייען, קריגט מען נישט אַזאַ געבעקס.

— און אין וועלכער בעקעריי האָט מען דיין געבעקס געבאַקן?

— נישט אין קיין בעקעריי, רחלע.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און פּיער איז צוריקגעקומען מיט אַ פֿענדל אָקאָרשט אויסגעמאָלקענער מילך און מיט אַ פּעקל קיכעלעך.

נאָך דעם ווי העלען האָט פֿאַרזוכט אַ קיכעלע, האָט זי געמוזט מודה זיין, אַז דאָס איז נישט אַבי וואָס פֿאַר אַ געבעקס. דער טעם איז אַ יידישער טעם. די דאָזיקע קיכעלעך זענען אוודאי געבאַקן געוואָרן דורך אַ יידישער מאַמען.

זי האָט אויסגעשטעלט אויף פּיערן אַ פּאָר פֿאַרווונדערטע אויגן. זי האָט זיך אָבער נישט געטרויט אים צו פֿרעגן פֿון וואַנען די קיכעלעך קומען צו אים. זי האָט געוווסט, אַז זיין מאַמע איז מיט פֿיר חדשים צו־ריק דעפּאָרטירט געוואָרן פֿון דראַנסי. זי האָט אים, הייסט עס, נישט גע־קענט שיקן דאָס געבעקס. טאָ ווער?

ער האָט פֿאַרשטאַנען איר פֿרעגנדיקן בליק און ער האָט זיך אָנגערופֿן:

— פֿאַראַן נאָך אַנדערע יידישע מאַמעס, וואָס קענען אַפֿילו אין דער היינטיקער צייט באַקן אמתע יידישע קיכעלעך. אָבער די געשיכטע ווי אַזוי זיי קומען צו מיר — איז זייער אַ טרויעריקע, איך וועל זי דיר דערציילן.

*

— הער זיך צו, רחלע. שטעל זיך פֿאָר, אַז ערגעץ ווו איז פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן אַן אַלטע יידישע מאַמע. איין איינציק קינד האָט זי געהאַט.

פאַרלוירן האָט זי איר מאַן, ווען איר זונעלע איז אַלט געווען דריי יאָר. זי האָט אים אויסגעהאָדעוועט, האָט אים געשטעלט אויף די פיס, געגעבן לערנען ביז ער איז געוואָרן אַ מענטש און זי האָט געמיינט, אַז זי וועט האָבן בלויז נחת פון אים... ווי געפעלן דיר די קיכעלעך? געשמאַק, וואָס?

— ווער איז איר זון? ווו איז איר זון? חוץ דיר האָב איך נאָך קיינעם נישט געזען...

— געווען זענען מיר זאַלבעזעקס. איצט בין איך פאַרבליבן איינער אַליין. איינער האָט זיך אויסגעגליטשט און איז געשטאָרבן מיט אַן אַל־פּיניסטן־טויט.

— ווער? דער זון פון יענער מאַמען?

— ניין, ער איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ אונטן אין טאָל. ער לעבט שוין נישט מער. ער איז דערשאָסן געוואָרן מיט נאָך פינף אַנדערע פּאַרטיזאַנער.

— און זיין מאַמע שיקט אים אַלץ נאָך אירע קיכעלעך?

— זי ווייסט נישט, אַז איר זון איז טויט. יעדע וואָך שיקט זי דורך פּאַסקאַלן געבעקס פאַר איר זון.

— און דו נעמסט עס אָן, און דו...

— איך קען נישט אַנדערש, טאָמער איך וועל די קיכעלעך נישט אָננעמען, וועט זי זיי מער נישט באַקן. זי וועט בכלל נישט וועלן מער לעבן. איך דאַרף עסן אירע קיכעלעך אַזוי לאַנג ווי זי דערוויסט זיך נישט וועגן איר אומגליק.

— פאַר וואָס אָבער פאָדערט זי קיין מאָל נישט פון איר זון אַ צייכן פון לעבן? האָט איר פּאַסקאַל קיין מאָל נישט דערציילט, אַז די קיכעלעך עסט אַן אַנדערער, נישט איר זון?

— פּאַסקאַל איז נישט פון די גרויסע רעדערס און פון די גרויסע דערציילערס. מיר האָבן אים אָנגעזאָגט, אַז טאָמער פרעגט אים עמעצער, צי ער ווייסט עפּעס, זאָל ער שווייגן, זאָל ער מאַכן אַ מינע, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו אים.

— דאָס האָב איך פאַרשטאַנען.

— דו ווונדערסט זיך אָבער וואָס אַ מאַמע פאַרלאַנגט קיין מאָל נישט קיין בריוועלע פון איר זון?

— געוויס איז דאָס אַ ווונדער!

— איז וואָס שייך בריוו — באַקומט זי בריוו פון אים...

— וואָס הייסט? זי באַקומט בריוו פון איר טויטן זון?

— פון מיר. איך האָב זיך אויסגעלערנט נאָכצומאַכן איר זונס האַנט־שריפט. יעדע וואָך שרייב איך איר אַ בריוועלע און שיק עס איבער דורך פּאַסקאַלן. ער ברענגט מיר אויך אַרויף אירע בריוו.

— אומגלויבלעך.

— ווי מיינסטו: טו איך גוט וואָס איך שרייב איר? אפשר טאָר איך עס נישט טאָן, אפילו ווען איך ווייס, אַז דורך דעם האַלט איך אונטער איר לעבן?

— איך ווייס נישט — האָט זי זיך אָנגערופן — איך ווייס נישט, וואָס דיר צו זאָגן, איך ווייס נישט.

— פאַר דער מאַמען איז זיכער בעסער צו גלייבן, אַז איר זון לעבט נאָך. אין דעם איז קיין ספק נישטאָ. נישט דאָס מוטשעט מיך. צי מעג איך אָבער צוגנבענען אַ ליבע, וואָס געהערט נישט מיר, וואָס האָט מיר קיין מאָל נישט געהערט און וואָס טאָר מיר נישט געהערן?

— איך ווייס נישט וואָס דיר צו זאָגן.

— ווילסטו לייענען דעם לעצטן בריוו אירן?

*

מיין טייער קינד!

שוין אַ גאַנצע וואָך ווי איך זיץ און שרייב דיר דעם בריוו. צום סוף זע איך זיך אַרום, אַז איך האָב דיר אפילו נישט געשריבן קיין צענט־חלק פון דעם, וואָס איך האָב געוואָלט דיר שרייבן. נאָר וואָס זאָל איך טאָן? די וואָך איז אַ קורצע און איך באַוויַיז נישט. דו ווייסט דאָך, אַז איך בין נישט קיין גרויסע שרייבערקע און מיר געלינגט נישט צו זאָגן דאָס, וואָס איך טראַכט און וואָס איך פיל.

און טראַכטן טראַכט איך נאָר וועגן דיר, מיין האַרציקער משהלע!

מיין טייער קינד! טאָג און נאַכט טראַכט איך וועגן דיר און דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר גאָר שטאַרק, ווייל מיר דוכט זיך רק, אַז דיר פעלט עפּעס, אַז דו ביסט, חלילה, קראַנק. איך האָב מורא טאָמער איז עפּעס וואָס מיט דיר געשען, חלילה. איך וואָלט עס נישט אויסגעהאַלטן, מיין קינד! איך וואָלט עס נישט אַריבערגעטראָגן!

אַ גאַנצע וואָך וואַרט איך מיט אומגעדולד, אַז דער פּאָסטעך דיינער זאָל קומען און ברענגען אַ בריוועלע פון דיר. דו ווייסט גאַרנישט, וואָס פאַר אַ דערקוויקונג די פּאָר ווערטער, וואָס דו שרייבסט מיר, זענען פאַר מיר. וואָלט איך געקענט בעסער רעדן פראַנצויזיש, וואָלט דיין שליח נישט געווען אַזאַ פאַרשלאָסענער מענטש, וואָלט איך אים אויסגעפרעגט און איך וואָלט זיך דערוווּסט פון דיין לעבן מער ווי דאָס, וואָס דו שרייבסט מיר.

איך יעדן בריוו בעט איך דיר דו זאָלסט נישט קאַרגן מיט קיין ווער־טער און דו זאָלסט מיר שרייבן וואָס מער. דו אָבער ענטפערסט מיר בלויז אויף די פראַגן, וואָס איך שטעל דיר. איך פאַרשטיי, אַז דו קענסט נישט, אַז דו טאָרסט מיר נישט דערציילן מער ווי דאָס, וואָס דו שרייבסט מיר, אָבער איך וויל דאָך בלויז דו זאָלסט מיר שרייבן פון דיין געזונט, ווי פילסטו זיך?

וועגן מיר דאַרפסטו זיך נישט זאָרגן, מיין קינד. געוויס וואָלט מיר געווען לייכטער אויפן האַרצן ווען איך וואָלט געקענט זיין מיט דיר צו־זאַמען, ווען איך וואָלט געקענט דיך זען יעדן טאָג, רעדן מיט דיר, אַכטונג געבן אויף דיר, ווייל פאַר מיר ביסטו נאָך אַלץ דער קליינער משהלע פון אַ מאָל. אַ קרענקלעך קינד ביסטו געווען, נישט היינט געדאַכט. ווו נאָר אַ קראַנקייט, האָט זיך צו דיר געטשעפּעט. נאָר גאָט צו דאַנקען, ביסט אויסגעוואַקסן, קיין עין־הרע, אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן. אָבער איך בין דאָך אַ מאַמע, און דו ביסט מיין בן־יחיד, ווי אַזוי זשע זאָל אין מיר נישט ציטערן מיין האַרץ? ווי אַזוי זאָל איך זיך נישט שרעקן, מיין טייער קינד, מיין גילדערנער משהלע?

נאָר מען שמועסט, אַז דאָס וועט מער נישט דויערן לאַנג און ווידער וועלן מיר אַלע זיין פרייע מענטשן ווי געווען. אַ פרייע וועלט, אָן רוצחים

און אָן גזלנים. טאָ זע, מיין זון, היט זיך און שטעל נישט איין אומזיסט דיין לעבן.

וואָס זאָל איך דיר שרייבן, מיין טייער משהלע? איך שיק דיר ווי־דער די קיכעלעך, וואָס דו האָסט אַזוי ליב. זאָרג זיך נישט פאַר מיר. איך האָב אַ שכנה אַ פראַנצויזין, פאַרשאַפט זי מיר ווייס מעל אָן קאַרטן, און פוטער. זי איז זייער אַ ליבע, זייער אַ גוטע, מיין שכנה. עס און האָב הנאה, מיין קינד, זאָל דיר זיין צום געזונט!

איך קוש דיר פון דער ווייטנס און איך בעט דיך נאָך אַ מאָל: היט זיך און גיב אַכטונג אויף זיך.

דיין מאַמע באַשע.

— יאָ, דו מעגסט — זאָגט רחל — דו מעגסט, שמואל, עסן די קיכע־לעך, וואָס די יידישע מאַמע באַקט און שיקט זיי ארויף צו איר זון אויבן אין די בערג.

— און בריוו מעג איך איר שרייבן?

— אויך בריוו מעגסטו איר שרייבן. איך וואָלט זייער געוואָלט לייע־נען דיינעם אַ בריוו צו איר.

— ווייסט וואָס, רחלע? לאָמיר היינט שרייבן צוזאַמען אַ בריוו צו דער מאַמען.

— וואָס הייסט צוזאַמען?

— מיר וועלן צוזאַמען צוטראַכטן די ווערטער, און איך וועל זיי אויפשרייבן מיט דער האַנטשריפט פון דעם אומגעקומענעם זון.

שרעק

אין פּאַריז האָט מען זיך געריכט אויף אַ ריזן־אַבלאַווע. דווקא דאָס דאָזיקע ריכטן זיך אויף דער קאַטאַסטראָפע האָט פּאַראַליזירט דעם ווילן פון דער יידישער באַפעלקערונג זיך צו ראַטעווען. מען האָט געוווסט, אַז דאָס מאָל וועלן אַלע יידן פאַרשלעפּט ווערן ווער ווייסט וווהין, דאָך האָט זעלטן ווער זיך גערירט פון אָרט. אפילו די, וואָס האָבן יאָ געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן אויף „יענער זייט", זענען אויך געבליבן. דער מאַסן־פּסיכאָז נעמט אָן מאָדנע געשטאַלטן: אָדער די שרעק האָט בכלל קיין פּנים נישט, אָדער זי באַווייזט זיך מיט עטלעכע פּנימער אויף אַ מאָל, ווי יאַנוס.

זענען יידן געזעסן פאַרשפאַרט ביי זיך אין די הייזער און האָבן געוואַרט אויף דעם פּאַטאַלן קלאַפּן פון די סאָלדאַטסקע שטיוול איבער די שטיגן. דאָס האַרץ האָט זיך געצאַפּלט און דער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם בילד אויף דעם וואַנט, גלייך ווי מען וואָלט עס אָנגעקוקט צום לעצטן מאָל.

אין דער זעלבער צייט אָבער האָבן יידן געטראַכט אויך פון לויפן. לויפן — וווהין? דורך וואַנען? ווי אַזוי? די איינציקע טיר, דורך וועלכער מען וואָלט יאָ געקענט לויפן, איז דאָך די טיר, דורך וואַנען די מלאכי־חבלה וועלן זיך באַווייזן. איז זי אָבער צוגעריגלט פון אינעווייניק. טאָמער מען וועט די טיר נישט עפענען מיט גוטן, וועלן זיי זי אויפרייסן.

אמת, מען קען אַרויסשפּרינגען דורכן פענצטער, אַראָפּשפּרינגען פון דריטן אָדער פערטן שטאָק אויפן ברוק. אָבער דערביי קען מען האַלדז און נאַקן צעברעכן, סיידן גאָט טוט אַ נס. האָט מען שוין יאָ דעם מוט צו שפּרינגען דורכן פענצטער, מוז געשען אַ צווייטער נס: די כאַפּערס זאָלן נישט באַמערקן, אַז אַ ייד אָדער אַ יידישע פרוי האָט געוואָלט זיך אַרויסדרייען פון דער דעפּאָרטאַציע.

דאָס מאָל האָבן געזאָלט ווערן געכאַפּט און דעפּאָרטירט בלויז די מענער. אַזוי האָט מען גערעדט אין פּאַריז. ווער האָט גערעדט? ווער ווייסט דאָס אַזוי גענוי, וואָס די געשטאַפּאָ פּלאַנעוועט צו טאָן מיט די יידן אין פּאַריז? קיינער נישט. קען זיין, אַז די געשטאַפּאָ גופא האָט פונאַנדערגעלאָזט די קלאַנגען. אָבער די יידן האָבן איינגעזען, אַז טאָמער די דייטשן דאַרפן טאַקע האָבן אַרבעטס־הענט, וועלן זיי זיך באַנוגענען מיט מענערישע אַרבעטס־הענט, וואָרעם פרויען האָבן זיי גענוג אי אין דייטשלאַנד אי אין פוילן. ווייבער זענען דאָך נאָר אַ לאַסט, איבעריקע מיילער. איי מען האָט שוין דעפּאָרטירט אויך פרויען און אפילו קינדער? איי געבעלס און היטלער האָבן אין זייערע רעדעס, אין זייערע ביכער און בראָשורן פאָרויסגעזאָגט דעם טויט פאַר אַלע יידן? האָבן זיי זיך באַרימט, האָבן זיי בלויז געמאַכט אַן אָנשטעל. פון דעסטוועגן איז דאָך פּאָרט נישט צו גלייבן, דאָס איז פּשוט אומפאַרשטענדלעך. און דאָס וואָס מען פאַרשטייט נישט, דאָס וואָס מען באַגרייפט נישט מיטן שכל, אין דעם קען מען נישט גלייבן.

אַז מען וועט דעפּאָרטירן יידן — אין דעם האָט קיינער נישט געצווייפלט. זענען טאַקע אַ סך יידן נישט געשלאָפן ביי זיך אין דער היים, געגאַנגען זיך באַהאַלטן ביי באַקאַנטע פראַנצויזן. די יעניקע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין באַקאַנטע פראַנצויזן, האָבן אָבער פאַרמאַגט אַ הינטערטיר, אָדער אַ פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויף אַ דאַך פון אַ הויז איך דער שכנות און זיי האָבן געהאָפט צו קענען זיך ראַטעווען אויף אַזאַ מין אופן אין אַ בייזער מינוט. פאַראַן גענוג אַזעלכע דירות אין פּאַריז. אין אַזאַ דירה האָבן אויך געוווינט אפרים און זיין מאַמע.

באַגינען פון זעכצנטן יולי 1942, הונדערט און פופציק יאָר נאָך דעם ווי די באַסטיליע איז געשטורעמט געוואָרן דורך דער פּאַריזער באַפעלקערונג, גענוי הונדערט און פופציק יאָר נאָך דעם ווי די יידן זענען עמאַנציפּירט געוואָרן — האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג אויף יידן, אויף יונג און אויף אַלט, אַ געיעג, וואָס די וועלט האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען.

ווי נאָר אפרים האָט דערהערט דאָס קלאַפּן פון די זעלנערישע שטיוול

אויף די שטיגן, האָט ער תיכף פאַרשטאַנען, אַז דאָס מאָל מיינט מען אים. ער האָט בלויז באַוויזן אַ געשריי צו טאָן „מאַמע”. ער האָט קיין צייט נישט געהאַט זיך צו געזעגענען מיט איר. אפשר האָט זיין געשריי געזאָלט זיין אַ וואָרנרוף... ענג איז דאָס פענצטערל, שמאָל, נישט פאַר זיין מאַמען, אָבער עס איז גענוג גרויס און ברייט ער זאָל קענען דורכ־גליטשן דורך אים זיין דאַרן קערפּער. ער האָט עס שוין אויסגעפּרוווט מער ווי איין מאָל, ער האָט געוווּסט, אַז פון דער זייט וועט קיין מניעה נישט זיין. זאָל ער נאָר באַוויזן אַ שפרונג צו טאָן אויף דעם שכנות־דיקן דאַך... ער האָט אָבער, דוכט זיך אים, עפּעס וואָס פאַרגעסן אויפן טיש. אַ פּאָר פראַנק האָט ער געהאַט אָנגעגרייט. מען קען דאָך נישט וויסן, וואָס עס מאַכט זיך. אַ רחמנות איז אויף דער אַלטער מאַמען, אָבער פרויען וועט מען דאָך דאָס מאָל ניט טשעפּען, האָט מען געזאָגט.

אויף די שפּיץ פינגער, געשווינד, פלינק ווי אַ קאַץ, האָט ער דורכן בוידעם־שטיבל זיך אַרויסגעדראַפּעט אויפן דאַך. ער האָט זיך געקלאַמערט אין דעם קוימען, אויף דער רינע פון דאַך איז ער געשטאַנען, געהאָנגען. אָט־אָט פאַלט ער אַראָפּ אויפן אַספאַלט. אַ קאַץ האָט אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר אויגן. ווייסט זי, אַז ער אַנטלויפט? פערנאַנד הייסט ער אין פראַנצויזיש, פערנאַנד איז דער זעלביקער וואָס אפרים. זיין מאַמען האָט ער איבערגעלאָזט אויף זייער באַראָט. טוט אַזוי אַ זון? ווו איז ער? חלומט ער נישט אַ מאָל? ער קלעטערט, ער קריכט, ער דראַפּעט זיך דאַך־אַרויף, דאַך־אַראָפּ און אָט... ער האָט געפונען אַן אָפן פענצטערל און איז אַהין אַריינגעקראָכן. נייך, ער איז נישט ביי זיך אין צימערל, דאָ וווינט גאָר אַן אַנדערער, מען קען אים נאָך אָננעמען פאַר אַן איינברעכער...

אַ פרוי ליגט אין בעט. וואָלט ער געוווּסט, אַז דאָ שלאָפט אַ פרוי, וואָלט ער דאָס נישט געטאָן, ער וואָלט נישט געקראָכן דורכן פענצטער. אָבער האָט ער דען געהאַט אַ ברירה?

פערנאַנד איז אַראָפּגעפאַלן פון דעם דאַך־פענצטערל אויפן דיל.

די פרוי האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט אַ דערשראָקענע אַ געשריי געטאָן:

די פיר צייטן

— ווער איז דאָ?

— אַ ייד, אַ ייד — האָט פערנאַנד געענטפערט אין אַ טאָן, גלייך ווי דאָס וואָס ער איז אַ ייד וואָלט שוין פאַרענטפערט אַלע מעגלעכע קשיות, וואָס מען וואָלט געקענט אים שטעלן.

די כוחות האָבן אים פאַרלאָזט, ער איז געפאַלן אין חלשות.

ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער לאַנג־לאַנג נאָך געפינטלט מיט די אויגן, ער האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין וואָס מיט אים איז געשען. ווי אַזוי קומט ער אַהער? ווער איז די פרוי, וואָס זיצט לעבן אים אין אַ שלאָפראָק און לייגט אים קאַלטע האַנטעכער צום קאָפּ? וואָס איז געשען? ווען איז דאָס אַלץ געשען? ווער איז זי, די פרוי? נישט אַ מאָל אַ דייטשקע? ער האָט געהערט זאָגן, אַז די פרויען, וואָס דינען אין דער געשטאַפּאָ, זענען נאָך אכזריותדיקער ווי די מענער, בעסטיעס זענען זיי, בלוטיקע בעסטיעס! ניין, אַ פראַנצויזין איז זי, פראַנצויזיש רעדט זי צו אים, אַ גוטע איז זי, אַן אַנשטענדיקע. ער וועט זיך אַנשטרענגען און וועט זיך צוהערן וואָס זי פרעגט אים. ער וועט איר אויספרעגן דעם גאַנצן אמת, איר מעג ער דאָך דערציילן אַלץ. מען האָט געזאָגט, אַז דאָס מאָל וועט מען די יידישע פרויען שאַנעווען... האָט ער געגלויבט, ער ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס...

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי — זאָגט זי צו אים — איר זענט אַ ייד. האָט נישט קיין מורא, דאָ זענט איר זיכער.

— אַזוי? איר פאַרשטייט מיך? אַ דאַנק, אַ האַרציקן דאַנק...

— יאָ, דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. איך פרעג אייך מער גאָרנישט. ווען איר וועט קומען צו זיך, וועט איר מיר אַלץ דערציילן. איצט אָבער ליגט רואיק.

— אייער בעט האָט איר מיר אָוועקגעגעבן. לאָזט מיך, איך וועל זיך לייגן אויפן דיל. איך האָב גאָרנישט געזען ווי אַזוי איר האָט מיך אַריינגעפאַקט אין אייער בעט. אַ העזה פון מיר... אנטשולדיקט מיר, איך בעט אייך...

— עס מאַכט נישט אויס, עס מאַכט נישט אויס. בלייבט ליגן רואיק, שפּעטער וועט מען זיך ווי נישט ווי אייַנאָרדענען.

★

אַלץ איז פאַרגעקומען אַזוי גיך, אַזוי איילִיק, אַז נישט פערנאַנד, נישט די אומבאַקאַנטע פרוי, וואָס ער האָט אויפגעוועקט דורך זיין אויס־טערלישן באַזוך דעם זעכצנטן יולי פאַר טאָג, האָבן געהאַט צייט צו קומען צו זיך און צו פאַרשטיין וואָס פאַר אַ טיפע ענדערונג עס איז געשען אין זייער ביידנס לעבן.

פערנאַנדן האָט זיך געדוכט, אַז ער געפינט זיך ערגעץ־ווו וויִיט־וויִיט פון פאַריז, אין אַן אַנדער לאַנד, כאָטש פון דער צווייטער זייט האָט ער געוווּסט, אַז נאָר אייך דאַך טיילט אים אָפּ פון זיין אייגענער היים.

פון זיין אייגענער היים? ער האָט נישט מער קיין אייגענע היים. דעם זעלבן פרימאָרגן, ווי נאָר עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער קען זיך אויף דער פרוי פאַרלאָזן, האָט ער זי געשיקט זען וואָס מיט זיין מאַמען איז געוואָרן. זי האָט אים דערציילט, אַז זיין מאַמע איז דעפּאָרטירט געוואָרן.

און מאָדנע: ווי נאָר ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זיין מאַמע איז דע־פּאָרטירט געוואָרן, האָט ער אויפגעהערט זיך צו באַשולדיקן, אַז ער האָט זי איבערגעלאָזט. זי וואָלט דאָך דורך דעם שמאָלן פענצטערל סיי ווי נישט געקענט זיך דורכגליטשן. ער האָט אויפגענומען די ידיעה ווי מען נעמט אויף אַ ידיעה וועגן אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע...

שאַרלאָט האָט זי געהייסן, די אומבאַקאַנטע פרוי, שאַרלאָט לאַבראַן. עס האָט אויסגעזען גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געקענט פון אַ לאַנגער צייט אָן.

— און איצט, אַז איך האָב אייך שוין געזאָגט מיין נאָמען — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן אין געלעכטער — מעגט איר אפשר זאָגן אויך ווי איר הייסט? ניין, וואַרט אַ רגע, איך וועל אייך זאָגן ווי איר הייסט. מען רופט אייך פערנאַנד שאַבאַט, אמת?

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס? — האָט ער זיך כלומרשט געוווּנ־דערט, וואָרעם ער גופא האָט זיך דאָך פאָרגעשטעלט פאַר איר מיט אָט דעם נאָמען.

— איך ווייס, איך ווייס — האָט זי זיך פונאַנדערגעלאַכט — ווי דען אַנדערש קענט איר הייסן?

— אין אַזאַ צייט... — האָט ער צוגעגעבן — און זי האָט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט צו זאָגן מיט דער דאָזיקער אָנצוהערעניש.

יעדע באַקאַנטשאַפט פון אַ בחור מיט אַ מיידל, ווערט אין אַ „נאַר־מאַלער צייט״ אויך באַגלייט דורך אַ שפּיל פון אָנצוהערענישן, נישט ווייל איינער וויל פאַר דעם אַנדערן עפּעס וואָס באַהאַלטן, נאָר ווייל די דאָזיקע כּלומרשטע סודותדיקייט איז נויטיק פאַר דעם פלירט, דאָס איז אַ גע־ווירץ, וואָס ווערט אַריינגעטאָן אין דער ליבע, כּדי זי זאָל האָבן מער טעם.

דאָס מאָל האָט די געפאַר גופא, די געפאַר אַנטדעקט צו ווערן, אַלץ איינגעהילט ווי אין אַ שלייער; די ליבע צווישן פערנאַנד און שאַרלאָט האָט פון אָנהייב אָן אָנגענומען אַ געהיימען כאַראַקטער.

איך איין באַגינען איז אַזוי פיל געשען. דאָס לעבן אָבער איז ווייטער געגאַנגען, שאַרלאָט לאַבראַן האָט זיך נישט געקענט דערלויבן איבערצורייסן איר אַרבעט. ווי אַ קראַנקנשוועסטער אין אַ פּריוואַטער קליניק האָט זי נישט געקענט איבערלאָזן אירע קראַנקע אויף הפקר. דריי קראַנקנשוועסטער האָט די קליניק פאַרמאָגט, שוין אַריינגערעכנט פאַר דער נאַכט־דינסט. האָט זי דעם פרימאָרגן אויך געמוזט גיין צו דער אַרבעט און איבערלאָזן פערנאַנדן אַליין איך שטוב.

זי האָט זיך פאַרטראַכט ווי אַזוי צו באַקענען פערנאַנדן מיט איר אַלטער מאַמען, מיט וועלכער זי האָט געוווינט צוזאַמען. דאָס דירהלע איז געווען צעטיילט אין דריי טיילן, פאַרבונדן דורך אַ שמאָלן קאָרידאָר. די מאַמע אירע איז געווען אַ נערוועזע פרוי, אַן אלמנה נאָך אַ העכערן פראַנ־צויזישן אָפיציר. שאַרלאָט האָט זייער ליב געהאַט איר מוטער און האָט איר נאָכגעגעבן אַלע אירע קאַפּריזן. ווי מיט אַ קינד איז זי זיך מיט איר באַגאַנגען. דער מאַמעס נערוון זענען נישט געווען אין בעסטער אָרדענונג. ווי אַזוי זאָל איצט שאַרלאָט איר געבן צו פאַרשטיין וואָס אין אָט די עט־לעכע שעה איז פאָרגעקומען, אַז זי גופא באַנעמט נאָך אויך נישט אַלץ?

שאַרלאָט האָט זיך פּלוצלונג פונאַנדערגעלאַכט. זי האָט זיך פאָרגע־שטעלט דעם דיאַלאָג, וואָס וואָלט געקענט פאָרקומען צווישן איר און איר קראַנקער מאַמען וועגן אָט דער אויסטערלישער אַוואַנטורע.

י. פינער

*

נישט ווויסנדיק ווי אַזוי דער דיאַלאָג וועט זיך אַנטוויקלען, האָט שאַר־לאָט אים אָפּגעלייגט אויף נאָך דער אַרבעט. שטייענדיק שוין אויפן שוועל האָט זי האַסטיק זיך אַרויסגעכאַפּט פאַר דער מאַמען:

— אגב, איך האָב פאַרגעסן דיר צו זאָגן, אַז ביי מיר אין צימערל איז פאַראַן אַ יונגערמאַן, פערנאַנד שאַבאַט, אַ ייד, אַ פאַרפאָלגטער... איך וועל דיר דאָס שפּעטער גענבן צו פאַרשטיין. איצט אייל איך זיך. דו וועסט אַליין זאָגן, אַז איך האָב גוט געהאַנדלט. איך האָב דאָך נישט געקענט אים זאָגן ער זאָל גיין צוריק, קלעטערן אויף אַנדערע דעכער... פרעג אים נישט נאָרנישט, ער איז איבערגעשראָקן. טאָמער דאַרף ער עפּעס... גיב אים אַ טעלער זופּ. טאָמער קלאַפּט מען אין טיר, זאָלסטו נישט עפענען... צום ווידערזען, מאַמאַ, איך אייל זיך...

פרוי לאַבראַן איז נאָך געלעגן אין בעט, זי האָט נישט רעכט פאַר־שטאַנען וואָס איר טאָכטער האָט צו איר געזאָגט. קען זיין, אַז די דאָזיקע אומפאַרשטענדלעכע רייד האָט זי געהערט אין חלום, הגם זי שלאָפט דאָך נישט...

וואָס באַדייט — פרעגט זיך די אלמנה לאַבראַן, — אַז צו דער טאָכ־טער איז אַריין אַ ייד? און ער קלעטערט איבער די דעכער? פאַר וואָס? מען יאָגט אים נאָך? אפשר באַהאַלט טאַקע שאַרלאָט ביי זיך אין צימערל אַן איינברעכער? ניין, דאָס איז אוממעגלעך, איר שאַרלאָט קען נישט האָבן צו טאָן מיט באַנדיטן. און אפשר וואָלט זי אויך געדאַרפט אַריינ־גיין צו אים, אַ קוק טאָן?

די קראַנקע אלמנה לאַבראַן איז אַרויסגעקראָכן פון בעט, זי האָט זיך אַריינגעשאַרט אין קאָרידאָר אויף די שפּיץ פינגער, פּאַמעלעך אויפגע־מאַכט די טיר פון שאַרלאָטס צימערל, אַריינגעקוקט דורך דער טיר־שפּאַלט און זי האָט זיך איבערגעצייגט, אַז אַלץ איז געווען ווי שאַרלאָט האָט איר דערציילט.

צעטומלט פון דער דאָזיקער אַנטדעקונג האָט זי שוין גאָרנישט גע־

ווּסט וואָס צו טראַכטן, אַ ייד, אַ פאַרפּאָלגטער, געקלעטערט אויף די דע־כער — און זי טאָר אים אפילו נישט פרעגן ווער ער איז. אַזוי האָט איר טאַכטער איר אָנגעזאָגט. קיינער טאָר נישט וויסן ווי ער קומט אַהער, ווי לאַנג ער וועט דאָ פאַרבלייבן, ווי ער הייסט. אין דער אמתן איז נישט קיין גרויסער אונטערשייד ווי ער הייסט.

פרוי לאַבראַן איז צוריק אַריין אין איר צימערל, זי האָט זיך אַרומ־געדרייט אַ ווײַלע, ביז זי האָט באַשלאָסן... וואָס אָבער האָט זי געקענט באַשליסן? גאָרנישט. עס וואָלט אָבער נישט געשאַדט, האָט זי זיך באַ־קלערט, נאָך אַ מאָל אַרײַנצוגיין אין שאַרלאָטס צימערל, כדי זיך איבער־צייגן, אַז עמעצער ליגט אין שאַרלאָטס צימערל, וועט זי כאָטש וויסן, אַז עס חלומט זיך איר נישט. אַלע ווייסן אויף וואָס פאַר אַ רציחות די דייטשן זענען פעיק. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה... זי האָט דעמאָלט געוווינט אין שטראַסבורג...

פרוי לאַבראַן האָט זיך ווידער צוגעשאַרט צום טירל פון שאַרלאָטס צימערל און האָט געזען, אַז ס׳איז אמת.

אפרים האָט געהאַלטן די אויגן צוגעמאַכט, ער איז אָבער נישט גע־שלאָפן. ער האָט געהערט ווי עמעץ קוקט אַריין צו אים אין צימערל. ער האָט געוווּסט, אַז דער דאָזיקער „עמעץ" איז נישט קיין אַנדערער ווי שאַר־לאָטס מוטער. ער האָט פאַרשטאַנען פון שאַרלאָטס רייד, אַז איר מוטער איז נישט אין גאַנצן ביים קלאָרן זינען, שווער צו וויסן ווי אַזוי זי וועט רעאַגירן... אפרים זוכט אַ וואָרט, אַ זשעסט, אַ באַוועגונג, אַז די אַלטע פרוי זאָל זיך נישט דערשרעקן פון זיין קעגנוואַרט דאָ. האָט כאָטש שאַר־לאָט צוגעגרייט איר מוטער צו דער באַגעגעניש?

אפרים האָט די אויגן נישט געעפנט, ער האָט איינגעזען, אַז דער בעס־טער אויסוועג פאַר אים איז זיך צו מאַכן ווי ער וואָלט געשלאָפן, ער וועט אָפּלייגן די אומפאַרמיידלעכע באַגעגעניש מיט דער אַלטער פרוי לאַבראַן אויף אין אָוונט. דאָס בעסטע וואָלט טאַקע געווען ווען אים וואָלט זיך איינגעגעבן איינצושלאָפן ביז אין אָוונט, ביז שאַרלאָט וועט קומען אַ היים.

ער האָט זיך אומגעדרייט מיטן פנים צו דער וואַנט און ער האָט גע־

נומען אַריינטענהן אין זיך: „איך מוז שלאָפן... איך מוז שלאָפן...״ מען קען נישט זאָגן, אַז ער האָט טאַקע אין גאַנצן אויסגעפּירט, אָבער צו עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ געוויסע ענלעכקייט מיט שלאָף, האָט ער דאָך דער־גרייכט.

פרוי לאַבראַן האָט נישט געוואַגט אים אויפצוועקן, ווען זי האָט אים אַריינגעטראָגן אויף אַ טאַץ אַ טעלער זופּ און גרינוואַרג. זי האָט די טאַץ אַנידערגעשטעלט אויף דעם נאַכט־טישל און איז שטילערהייט צוריק אַרויסגעגאַנגען פון צימערל.

אויך זי איז, ווייזט אויס, נישט געווען אומצופרידן וואָס זי האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו באַקענען נענטער מיטן אומגעריכטן שכן, און דער זעכצנטער יולי האָט זיך דאָ פאַרענדיקט אָן גרויסע ענדערונגען.

ווען שאַרלאָט איז צוריקגעקומען אַ היים האָט זי זיך קודם באַמיט ווי נישט ווי אויפצוקלערן איר מאַמען דעם גאַנצן ענין. זי האָט אויך דערציילט עטלעכע פּרטים פון די ריזן־אַבלאַוועס און געשילדערט טרויע־ריקע בילדער פון די געשעענישן, וואָס זענען דעם טאָג פאָרגעקומען אין אַלע קוואַרטאַלן פון פּאַריז. די שטימונג איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע, אַ געשפּאַנטע, און דאָך האָט עפּעס וואָס — דאָס האָבן אַלע דריי געפילט — זיך סטאַביליזירט אין זייער לעבן. די סודותדיקייט האָט אַלע דריי איינוווינער פון אָט דעם דירהלע ווי פאַרבונדן, געמאַכט איינעם אָפּהענ־גיק פון צווייטן, די מורא, די שכנים זאָלן זיך נישט דערוויסן, אַז עמעץ באַהאַלט זיך אויס, האָט דאָס קליינע דירהלע פאַרוואַנדלט אין אַן אינדזל.

*

יאָ, אַן אינדזעלע איז דאָס געווען, אַ פאַרוואָרפן אינדזעלע ערגעץ־ווו אין אַ שטורעמדיקן ים. פּאָר אַפּרימען, וואָס פלעגט בלייבן זיצן גאַנצע טעג איינער אַליין, איז דאָס דאָזיקע דאַך־שטיבל פון פיר איילן אויף פיר איילן געווען אַ תּפיסה־קעמערל: ער האָט זיך געפילט, ווי אַ געפאַנגענער פאַרן משפט, איידער ער ווייסט וואָס פאַר אַן אורטייל עס וועט קעגן אים אַרויסגעטראָגן ווערן: אייביקע תּפיסה, פאַרשיקונג אָדער אפשר גאָר טויט־שטראָף...

אַ תפיסה? אין אַ געוויסן זין טאַקע אַ תפיסה, וואָרעם אפרים האָט דאָך נישט געטאָרט זיך באַווייזן נישט בלויז אויפן גאַס, נאָר אפילו נישט אויף די שטיגן, די שכנים זאָלן זיך נישט כאַפּן, אַז ביי די לאַבראַנס באַהאַלט זיך אַ ייד, וואָס האָט געזאָלט אַרעסטירט און דעפּאָרטירט ווערן. ער האָט אפילו אויסגעמיטן צו באַווייזן זיך אין צווייטן צימערל. עמעצן קען פּלוצלונג זיך פאַרוועלן אָפּצושטאַטן אומגעריכטערהייט אַ וויזיט דער משפּחה לאַבראַן; דער גאַז־קאָנטראָלער אָדער דער קאָנטראָלער פון דער עלעקטריע קען אַריינקומען, מאַלע ווער...

אין אַ געוויסן זין איז זיין באַהעלטעניש געווען נאָך מער ווי אַ תפיסה, וואָרעם אין אַ געוויינלעכער טורמע איז נישט שייך זיך צו באַהאַלטן. די נעמען פון אַלע געפאַנגענע זענען באַקאַנטע, די וועכטער ברענגען זיי צו טראָגן עסן, אַלע צוויי וואָכן מעגן זיי באַקומען בריוו פון זייערע פאַמיליעס, זיי מעגן אויך שרייבן. טאָמער ווערט אַ געפאַנגענער קראַנק, איז פאַראַן אויף דעם אַ דאָקטער, וואָס פאַרשרייבט רפואות; טאָמער שטאַרבט עמעץ פון די געפאַנגענע, ווערט ער לעגאַלערהייט באַגראָבן און די וועכטערס זיינע דאַרפן נישט מורא האָבן פאַר סאַנקציעס.

דאָ אָבער מוז פערנאַנד זיך היטן מיט יעדער באַוועגונג, דאָ מוז ער זיך אויפפירן, גלייך ווי ער וואָלט בכלל נישט געלעבט אויף דער וועלט. ער איז אַ לעבעדיקער מת. זיינע זאַכן, דאַרף ער אַכטונג געבן, זאָלן ליגן באַהאַלטן, כדי ער זאָל ביי דעם מינדסטן אַליאַרם זיך קענען פאַרשטעקן אין דער קליידער־שאַפע, טאָר אויבן־אויף אויך גאָרנישט ליגן.

פון דער צווייטער זייט אָבער קען ער דאָך נישט באַשליסן זיך צו באַטראַכטן ווי אַ געפאַנגענער, וואָרעם ער איז דאָ נישט איינזאַם, ער וווינט מיט עמעצן, וואָס איז אים געוואָרן זייער נאָענט. אין נאָרמאַלע באַדינגונגען, דוכט זיך אים, וואָלט ער זיך געשעצט איבערגליקלעך ווען ער קען זיין צוזאַמען מיט שאַרלאָטן אין אַזאַ ענגן צימערל. וואָלט ער אפילו איצט זיך געפילט אין גאַנצן פריי, וואָלט ער דאָס דאָזיקע ענגע דאַך־קעמערל, דוכט זיך אים, נישט אויסגעביטן אויף דער שענסטער דירה מיט צימערן אַ סך. בשום אופן נישט. אַלץ איז אים דאָ געוואָרן נאָענט, אינטים.

אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט איז דאָ נישט פֿאַראַן, איז דאָס דווקא צום גוטן: קיינעם פֿאַלט נישט אייַן חושד צו זיין דער משפּחה לאַבראַן אין אונטער־הערן די לאָנדאָנער געהיימע ראַדיאָ־עמיסיעס. האָט אפרים באַלד טאַקע גענומען אָרגאַניזירן זיין פֿרייַע צייַט: אַ טאָגבוך וועט ער שרייבן. ער וועט אויך אויסנוצן שאַרלאָטס ביבליאָטעקל.

איצט האָבן די טעג גענומען ווערן קורץ, זיי זענען ווי אייַנגעשרומפּן געוואָרן אַלץ מער און מער. ער פֿלעגט נישט באַווייַזן זיך אומצוקוקן, ווי נאָך אַ טאָג פֿלעגט זיין פֿאַרגאַנגען.

לכתחילה האָט ער נישט געוווּסט ווי אַזוי זיין טאָגבוך צו שרייבן. וואָס איז דער זין פֿון אַ טאָגבוך? דאַרף מען אין אים אַרייַנשרייבן בלויז דאָס וואָס קומט פֿאָר הייַנט, אָדער מען קען אויך זיך דערמאָנען אין די אַמאָליקע טעג? מעג מען אויך אין אים פֿאַרצייכענען די חלומות, אָדער מען מוז זיך האַלטן ביי דער הויילערווירקלעכקייט?

ער האָט נישט געפֿונען תיכף דעם ריכטיקן טאָן און עס זענען אַוועק עטלעכע טעג ביז ער איז מער־ווייניקער געוואָרן צופֿרידן מיט זיינע פֿאַר־צייכענונגען. דערפֿאַר אָבער האָט ער אין שאַרלאָטס ביבליאָטעקל באַלד געפֿונען וואָס ער האָט געזוכט. אַ פּאָר צענדליק פּאָפּולער־מעדיציניש ביכער האָט ער אַנטדעקט. עס האָט זיך נישט געפֿאָדערט קיין גרויסע צו־גרייטונגען צו זיי.

אָבער צווישן זיין טאָגבוך און זיין לעקטור פֿון די מעדיצין־ביכער, האָט אפרים געמוזט געפֿינען צייַט פֿאַר דער אַלטער פֿרוי לאַבראַן. ס'איז נישט געווען אַזוי לייכט צו געפֿינען אַ געמיינזאַם לשון, וואָרעם זי איז געווען פֿרום קאַטויליש און ער איז געווען אַ ייד אַ פֿריידענקער. האָבן טאַקע זייערע שמועסן נישט זייער זיך געקלעפּט, נישט געהאַט קיין אָנהייב און קיין סוף. איין מאָל האָט אפרים באַשלאָסן אַז ער מוז מאַכן אַ סוף צו דער דריקנדיקער שטימונג. ער וועט איר עפּעס וואָס דערציילן פֿון זיין לעבן. זאָל זי נישט מיינען, אַז ס'איז אים אָנגענעם צו זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט און גאָרנישט נישט טאָן; אַז ער שפּילט די ראָלע פֿון אַ דאָן־זשואַן. וואָלט זי געווען אַ ביסל מער פֿון דער הייַנטצייַטיקער וועלט און אַ ביסל מער ביים געדאַנק, וואָלט ער שוין געפֿונען אַ שפּראַך ווי אַזוי זיך מיט

איר אויסצוטענהן, אָבער איצט איז עס דאָך בכלל נישט קיין שמועס צווישן צוויי מענטשן, נאָענטע שכנים, נאָר אַ געשפּרעך, וואָס האָט נישט קיין שום זין, ווי, צום ביישפּיל, אַזאַ מין דיאַלאָג:

— ליבע פרוי לאַבראַן, וואָס מאַכט איר?

— איך פיל זיך שוואַכער; מיין רעוומאַטיזם מוטשעט מיך היינט גאָר שטאַרק.

אַ פויזע. אפרים האָט זיך געריכט, זי זאָל אים פון איר זייט פרעגן ווי אים גייט און צי ער איז גוט געשלאָפן. ער האָט געוואָרט צו הערן פון איר אַ וואָרט וועגן וועטער. ער האָט געמיינט, אַז ס'וועט קומען צו רייד וועגן די דייטשן, וואָס זענען פאַרבליבן די זעלביקע רוצחים פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען זי איז נאָך געווען אַ יונגע פרוי און ווען אירע איינדרוקן זענען נאָך געווען פרישע. ער וואָלט געמאַכט אַנצוהערענישן אויף זיין לאַגע, ער וואָלט זי געטרייסט און וואָלט איר פאַרזיכערט, אַז אייביק וועלן די דייטשן נישט בושעווען אין פראַנקרייך. זיי וועלן באַזיגט ווערן פונקט ווי דאָס איז געשען בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אפשר נאָך גרינטלעכער, מען וועט זיי דאָס מאָל אַזוי שטאַרק צעשלאָגן, אַז זיי וועלן קיין כוח מער נישט האָבן זיך אויפצוהייבן. מען וועט צונעמען ביי זיי גאַנץ דייטשלאַנד — פראַנקפורט, בערלין, האַמבורג, קעלן, אַלע שטעט זייערע. די באָמבאַרדירונגען פון דייטשלאַנד הייבן זיך ערשט אָן, וואָס ווייטער וועט מען זיי אַלץ מער צעשעדיקן. די גאַנצע וועלט איז דאָך קעגן זיי! פערנאַנד שאַבאַט וועט קיין מאָל נישט פאַרגעסן, אַז זי, פרוי לאַרבאַן און איר טאָכטער, שאַרלאָט, האָבן אים געראַטעוועט דאָס לעבן.

זאָל זי, פרוי לאַבראַן, געבן בלויז אַ ווונק, זאָלן די שטריכן פון איר צעקנייטשטן פנים ווערן אַ ביסעלע ווייכער, וועט ער איר דאָס אַלץ זאָגן, אָבער זי ווייזט דאָך נישט אַרויס די מינדסטע גרייטקייט זיך אַריינצולאָזן מיט אים אין אַ שמועס. עס זעט אויס, ווי זי וואָלט צו אים קיין צוטרוי נישט געהאַט. זי וואַרפט אים פאָר דאָס, וואָס ער זיצט דאָ, זי ווייסט נישט, וואָס ער וויל פון איר. ער איז אַ ייד און זי — אַ קאַטוילישע. זי איז אין כעס אויף איר טאָכטער, וואָס זי האָט זיך מיט אים אָפּגעגעבן. ווי גיט

מען איר צו פאַרשטיין, אַז אים איז עס אויך פּיינלעך ביז גאָר? ער קען דאָך איר נישט צוליב טאָן און אָנועקגיין. ער ריזיקירט מיטן לעבן. ער האָט נישט דאָס רעכט איינצושטעלן זיין לעבן. ווי אַזוי גיט מען איר דאָס צו פאַרשטיין?

גייט ער שנעל צוריק אַריין אין זיין צימערל — אין איר טאָכטערס צימערל — ער קען זיך קיין אָרט נישט געפינען. ער נעמט זיך צוריק צו זיין טאָגבוך און צו די מעדיצינישע ביכער.

אין אָוונט אָבער, ווען שאַרלאָט קומט אַהיים, ווערט אין שטוב אַן אַנ־דער שטימונג. זי האָט מיטגעבראַכט נייעס פון דער גאַס. יאָ וויכטיקע, צי נישט וויכטיקע נייעס — וואָס פאַר אַן אונטערשייד? די טיר פון זיין תפיסה־קעמערל האָט זיך געעפנט און אַ פריש ווינטל איז אַריין, אַ שמייכלע, וואָס קרעפטיקט אים און גיט אים צו האָפענונג.

אָט זיצן זיי אין צימערל. זי האָט אים אַזוי פיל נייעס צו דערציילן פון פאַריז, וועגן די גאַסן, די וויטרינעס, וואָס זי האָט אָנגעקוקט, וועגן איר אַרבעט, וועגן די קראַנקע. דאָס אַלץ קומט טאַקע פאַר אין דער זעל־ביקער שטאָט, אין דעם זעלביקן פאַריז, גאָר נאָענט — און דאָך אַזוי ווייט פון דאַנען.

ער ווידער דערציילט איר וועגן זיינע איבערלעבונגען, ער לייענט איר פאָר בלעטלעך פון זיין טאָגבוך, זיינע אינטימסטע געדאַנקען, זיינע האָפענונגען טיילט ער זיך מיט איר. גליקלעך איז ער פון דאָס ניי, גלייך ווי עס וואָלט קיין מאָל גאָר נישט עקזיסטירט קיין דייטשן אויף דער וועלט, גלייך ווי די נאַציס וואָלטן געווען אַ פאַרגאַנגענער, בייזער חלום.

און אָט איז ווידער נאַכט, אַ נאַכט מיט אָדער אָן חלומות. ווי מאָדנע דאָס לעבן איז, ווי אומפאַרשטענדלעך! ס'איז גענוג אַ שטראַל פון ליבע און די שרעק זאָל פאַרשווינדן ווי קיין מאָל נישט געווען.

*

נאָר ווידער איז געקומען אַ באַגינען און די אַלטע שרעק האָט זיך ווידער באַוויזן אין גאָר זיין פאַרנעם. איבער די שטיגן האָט אָפּגעהילכט

דאָס קלאַפּן פון זעלנערישע שטיול, אַ פּויקן אין טיר האָט זיך געהערט.

פערנאַנד און שאַרלאָט האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. צען, צוואַנ־ציק מינוט זענען פאַרביי. דאָס בלוט איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן. די געדאַנקען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, גלייך ווי עמעצער וואָלט זיי געהאַט פאַרצוימט דעם וועג. זיי זענען אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק. מען האָט געפּויקט אין אַ צווייטער טיר, אויף דעם זעלבן שטאָק האָבן אונטער פאַלשע נעמען געוווינט צוויי יידישע פרויען. אָט די צוויי פרויען זענען געפאַלן אַ קרבן פון אַנטואַן דעם שכור.

אַנטואַן — אָט פאַר וועמען שאַרלאָט האָט זיך זייער געשראָקן. שוין פון לאַנג האָט שאַרלאָט געהאַט אַ חשד אויף אַנטואַן. פערנאַנדן האָט זי דאָס נישט דערציילט, כדי אים נישט צו באַאומרואיקן, איצט אָבער האָט זי עס נישט מער געקענט פאַרשווייגן.

— ווי פאַר אַ פייער דאַרף מען זיך פאַר אים היטן, מער נאָך ווי פאַר פייער...

— פאַר וועמען?

— איך מיין אונדזער שכן, אַנטואַן, דער ליידיקגייער און שכור. מען זאָגט, אַז ער אַרבעט פאַר די דייטשן, ער דינט אין דער געשטאַפּאָ.

— האָסט מיר קיין מאָל וועגן אים גאָרנישט דערציילט.

— נאָך וואָס? איך האָב געטראַכט, אַז ס׳איז גאָר אַ מעלה צו האָבן אַ שכן, וואָס דינט אין דער געשטאַפּאָ.

— אַ מעלה?

— וואָס פאַרשטייסטו נישט? אַ שכן, וואָס איז זייערער אַ מיט־אַרבעטער, איז אַ מאָל אַ גאַראַנטיע. אין דעם הויז וווּ ער וווינט, מיינט מען, געפינען זיך נישט מער קיין יידן, אַ נישט וואָלט ער זיי דאָך שוין פון לאַנג געמסרט.

— איצט איז דאָס געשען.

— ער האָט נישט געוווּסט, ווייזט אויס, אַז זיי זענען יידישע פרויען. איך אַליין וואָלט אויך קיין מאָל נישט געזאָגט אויף זיי, אַז זיי זענען יידישע. זיי זעען אויס ווי עכטע פראַנצויזינס.

— ווי אַזוי האָט ער זיך דאָס דערוווּסט?

— פרעגסט מיך? אפשר ווייל זיי פוצן זיך נישט, שמינקען זיך נישט און רעדן מיט קיינעם נישט אויס קיין וואָרט.

— יונגע?

— ניין, זיי זענען נישט מער יונג. איינע זעט אויס פערציק, און די צווייטע — אפשר פינף און פערציק יאָר. אַלטע מיידלעך אָדער אפשר אלמנות, ווער ווייסט? איך קען זיי נישט. מער ווי אַ „גוט מאָרגן, מאַדאַם", האָט מען זיך נישט געזאָגט. דו ווייסט דאָך אַליין, עס טרעפט, מען וווינט יאָרן לאַנג אויף דעם זעלביקן שטאָק און איינער קען נישט דעם צווייטן. בלויז די הויזוועכטערין האָט אפשר געוווּסט ווער זיי זענען.

— אפשר איז עס נישט אַנטואַן, נאָר די הויזוועכטערין?

— מיט איר בין איך אַבסאָלוט זיכער, אירער אַ פלימעניק, האָט זי מיר יענעם טאָג אָנגעטרויט, איז אין „מאַקי". דאָס וואָס איך ווייס פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג שטאַמט טאָקע צום גרעסטן טייל פון איר.

— און זי ווייסט, אַז ביי דיר באַהאַלט זיך אַ ייִד?

— דאָס קען איך דיר נישט זאָגן. מעגלעך יאָ, אָבער דאָס איז נישט זיכער. פאַר איר האָט מען זיך נישט וואָס צו שרעקן. דעם אמת געזאָגט בין איך אַ ביסל אומרואיק געוואָרן. אַזוי לאַנג ווי אַנטואַן האָט זיך מיט זיין נייער געליבטע נישט צעקריגט, נישט צעהרגעט, ווי ער האָט עס געטאָן מיט זיינע פריערדיקע געליבטע, קענען מיר זיין רואיק. אַנדערש וואָלט געווען ווען...

— ווען וואָס?

— פרעג מיר נישט, ליבער פערנאַנד, האָב נישט קיין מורא. דערווייל וועט מסתמא גאָרנישט געשען.

עס איז אָבער יאָ געשען. אַנטואַן האָט זיך יאָ צעקריגט מיט זיין גע־ליבטער, ער האָט זי צעהרגעט און אַרויסגעוואָרפן פון שטוב אין מיטן דער נאַכט אַ האַלב נאַקעטע. פון דעם אַנדערן טאָג אָן האָט ער גענומען צו־שטיין צו שאַרלאָטן. ער פלעגט זי אָפּוואַרטן אויף די טרעפּ, איר מאַכן קאָמפּלימענטן און שמייכלען צווידייטיק.

זי האָט נישט געוואָלט אים דערצערענען, האָט זי אויף ווי וויט

מעגלעך זיך באַמיט אים אויסצומיידן, זיך אַרויסצודרייען פון אים יעדעס מאָל מיט אַן אַנדער תירוץ: זי מוז לויפן זען וואָס איר מוטער מאַכט; זי איז פאַרבליבן איינע אַליין אַ קראַנקע אין שטוב; איר גופא טוט אויך ווי דער קאָפּ — און ענלעכע תירוצים.

ער אָבער איז אַלץ מער צוגעשטאַנען צו איר. ער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל אַריינגיין צו אים. ער האָט אַלץ וואָס מען דאַרף: פּוטער, שינקע, ער באַקומט אַלץ וואָס ער וויל. פאַר אים איז נישטאָ קיין ראַציאָנירונג. אַ נישט, וועט ער איר אָפּשטאַטן אַ באַזוך. ער איז דאָך אַ שכן, אירער אַ גוטער פריינד, זי האָט אָפּגעוואָרפן זיין פאָרשלאַג. איר מאַמע, האָט זי אים געזאָגט, איז אַ נערוועזע פרוי. זי קען נישט פאַרטראָגן קיין פרעמדע מענטשן. דאַן האָט ער זיך אָפּגערופן מיט אַ מיאוסן שמייכל אויף די ליפן:

— דאָס זעט איר, ווונדערט מיר. זי קען פרעמדע מענטשן נישט פאַר־טראָגן? עס ווענדעט זיך אפשר וועלכע פרעמדע מענטשן...

די דאָזיקע באַמערקונג האָט געטראָפן שאַרלאָטן ווי אַ בליץ. וואָלט זי געפאָלגט איר ערשטן אימפּולס וואָלט זי אים געדאַרפט אַ שפּיי טאָן אין פנים אַריין און מער גאָרנישט. זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז זי מוז זיין פאָרזיכטיק. זי האָט געמאַכט אַן אָנשטעל ווי זי וואָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געמיינט און אים צוגעזאָגט צו פאַרבעטן אים צו זיך אין אַ טאָג ווען זי וועט נישט דאַרפן גיין אין קליניק.

— איך האָף — האָט ער געענטפערט מיט אַ צופרידן שמייכעלע — אַז דער דאָזיקער גליקלעכער טאָג וועט זיך נישט פאַרשפּעטיקן.

— ווייסט איר גאָר וואָס? איבערמאָרגן בין איך פריי. וועל איך זיך טאַקע פרייען ווען איר וועט אַריינקומען צו מיר. איך וועל אייך מכבד זיין מיט אַ גלעזל קאַווע.

— איך ווייס עס ווי צו שעצן אפילו ווען דאָס זאָל זיין ערזאַץ־קאַווע... איבעריקנס וועל איך אייך בעטן מיר צו דערלויבן אייך צו שענ־קען אַ פונט בראַזיליאַנישע עכטע קאַווע, וואָס איך האָב באַקומען. ווייל וועל איך אויך מיטברענגען, ציגאַרעטן האָב איך אַ פּאָר שאַכטלען. איז ב״ז איבערמאָרגן נאָך מיטאָג.

שאַרלאָטן האָט זיך געדוכט, אַז מיט איר איינפאַל האָט זי צעשטערט אַנטואַנס אַלע חשדים, וואָרעם אויב זי נעמט אים אויף ביי זיך, איז עס דאָך אַ סימן, אַז זי האָט נישט פאַר וואָס מורא צו האָבן, אַז קיינער באַהאַלט זיך נישט ביי איר, קיינער איז ביי איר נישטאָ.

פערנאַנד האָט אויך געמיינט, אַז זי האָט גוט געטאָן מיטן פאַרבעטן דעם שיכור צו זיך. פערנאַנד וועט בלייבן פאַרשפאַרט אין זיין צימערל, אין דער קליידער־שאַפע אפשר, דאָס וועט פאַר אים זיין אַ גענעראַל־פּראָבע פון באַהאַלטן זיך. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך! שווער וועט בלויז זיין מיט שאַרלאָטס אַלטער מאַמען, אָבער זי האָט דאָך אויך שוין באַ־גריפן, אַז שאַרלאָט טוט גוט, וואָס זי באַהאַלט אויס ביי זיך דעם יידישן בחור. זי וועט זיך אַריין אין איר צימערל און זיי לאָזן ביידן אַליין.

*

דער נאָכמיטאָג איז געקומען. אַנטואַן איז געווען פּינקטלעך. געקומען איז ער אַ באַלאָדענער מיט מתנות. שאַרלאָט האָט געוואַרט אויף אים מיט האַרצקלאַפּעניש. זי האָט געמאַכט אַ פּלאַן ווי אַזוי אים צו באַגעגע־נען, ווי אַזוי מיט אים צו רעדן, ווי אַזוי אָפּצושלאָגן מיטן גוטן, פאַרשטייט זיך אַלע פּרוּוון, וואָס ער וועט מאַכן זיך צו דערנענטערן צו איר. זי האָט פּאָרויסגעזען דעם קלענסטן פּרט און איז געווען גרייט אויף אַלץ, וואָס עס זאָל נישט געשען.

אַנטואַן האָט געטרונקען. די צונג איז אים באַלד לויז געוואָרן און ער האָט גענומען זיך באַרימען מיט זיינע דייטשע „באַקאַנטשאַפטן". ער האָט דערציילט וואָס פאַר אַ גרויסער מאַכער ער איז ביי זיי און וואָס ער קען אַלץ טאָן פאַר אירעטוועגן. זאָל זי נאָר וועלן, זאָל זי אים נאָר נישט אָפּשטופּן פון זיך... ער ווייסט, אַז זי איז נישט פון דעם מין פרויען, וואָס מען קען האָבן פאַר אַ פּאָר פראַנק. זי איז פון אַ העכערן שטאַנד און ער, וואָס איז ער? אַ מענטש אָן בילדונג איז ער, אָבער זי וועט געוויס קיין חרפה נישט האָבן, אויב זי וועט אים נישט אָפּשטופּן פון זיך. זאָל זי זאָגן איין וואָרט... זאָל זי זיך לאָזן געבן אַ קוש, ער וויל נישט קיין

קושן מיט געוואַלט, ער איז נישט געווינט זיך צו בעטן ביי פרויען. ער דאַרף דאָס נישט האָבן. ער קען האָבן ווייבער וויפל ער וויל, נאָר דווקא זי איז אים געפעלן געוואָרן. ער מיינט עס גאַנץ ערנסט... זי איז אַזאַ איידעלע, אַ געבילדעטע...

שאַרלאָט האָט נישט געוווּסט וואָס אים צו ענטפערן. זי האָט געשמייכלט, זי איז שוין מער נישט זיכער געווען מיט איר פּלאַן, וואָס זי האָט געהאָט צוגעטראַכט. וואָס זאָל זי אים זאָגן? ווי אַזוי זאָל זי האַנדלען? ווי זאָל זי פּטור ווערן פון אים? זי האָט אָבער קיין רעכט נישט צו פאַרצווייפלען. זי טאָר דעם קאָפּ נישט פאַרלירן. פערנאַנד שטייט אין דער קליידער־שאַפע, אַנטואַן איז שיכור, אָט וואַרפט ער זיך אַרויף אויף איר....

אַ גרויער פאַרטאָג, אָבער מען האָט שוין געמעגט זיך באַווייזן אין דרויסן. איינציקווייז זענען זיי אַלע דריי אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. זיי האָבן זיך ארויסגעגנבעט, איינער נאָך דעם אַנדערן, שטילערהייט, אויף די שפּיץ פינגער. זיי האָבן אָפּגערעדט זיך צו טרעפן אויפן ראָג פון דער דריטער גאַס. דאָרט וועט מען זען וווּהין ווייטער צו גיין. ערגעץ אין אַ פאַרשטאָט וווינט אַ ווייטער קרוב, אַ בריוועטרעגער. זאָל מען אפשר גיין בעטן ביי אים אַן אפּדאַך אויף אַ טאָג, אויף צוויי טעג? ניין, ביי אים איז געפערלעך צו בלייבן. אפשר זאָל מען גאָר זיך דערשלאָגן קיין אָרלעאַן? שאַלאָטס אַ קוזינע וווינט דאָרט, אָבער איר מאַן איז נישט „זיכער". וווּהין גייט מען? וווּהין?

זיי זענען געגאַנגען איינער הינטער דעם אַנדערן אין אַן אָפּשטאַנד פון אַ דרייסיק־פערציק מעטער. ווען זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן אויף יענעם ראָג גאַס, האָבן זיי זיך אָנגעקוקט מיט אַ בליק, וואָס האָט מסכים געווען מיט אַלץ, וואָס נעכטן איז געשען. אַנדערש האָט נישט געקענט זיין. שאַרלאָט האָט אים דערוואָרגן, דעם מסור; מיט אַ פלינקער באַוועגונג האָט זי אים אַרויסגעשלאָגן פון דער האַנט דעם רעוואָלווער, וואָס ער האָט געהאַט אַרויסגעצויגן פון זיין קעשענע, און זי האָט אים דערוואָרגן מיט אירע הענט.

די „שטומע מאַמע"

געווידמעט מיין מאַמע.

אין איינער פון די ליאָנער זייטיקע גאַסן איז געשטאַנען אַ הויז, וואָס האָט פון די איבעריקע הייזער וויי‌ניק וואָס זיך אונטערגעשיידט. דאָך האָט דאָס דאָזיקע הויז מיטן נומער צען געהאַט אַ נאָמען אין דער גאַס.

אין אָט דעם הויז האָט געוווינט די „שטומע מאַמע". געהערט האָט זי, און פאַרשטאַנען האָט זי אַלץ, וואָס מען האָט גערעדט צו איר. און שטום איז זי געווען נאָר דערפאַר, ווייל די צייט איז געווען אַזאַ, אַז מען האָט געדאַרפט זיך היטן אויסצורעדן אַ וואָרט, אויב דאָס דאָזיקע וואָרט איז נישט געווען קיין פראַנצויזיש וואָרט מיט אַן עכט־פראַנצויזישן קלאַנג.

„ס'איז שוין גלייכער איבערהויפּט נישט צו רעדן", האָבן איר גוטע פריינד געגעבן אַן עצה. ס'איז גלייכער ווערן שטום, איידער צו רעדן אויף אַ פרעמדן צעקאַליעטשעטן לשון...

געהייסן האָט זי מאַכלע, גערופן האָט מען זי אָבער אין דער גאַס „לאַ מער מישעל", וואָס דאָס הייסט אין יידיש: די מאַמע מישעל. זי איז געווען אַן אלמנה, איר מאַן איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־קראַנקייט, גע־שטאָרבן אין זיין בעט. וויפל מאָל זי טראַכט פון איר מאַנס טויט, דוכט זיך איר שיער נישט, אַז ס'איז גוט, וואָס ער איז געשטאָרבן מיט אַ נאַ־טירלעכן טויט, נישט דורך דער האַנט פון די רוצחים.

כדי צו זיין גוט איז גאָרנישט נייטיק צו פאַרמאָגן אַ לשון. אַ שטומער מענטש, טייל מאָל נאָך מער ווי אַ באַרעדעוודיקער, קען אויך טאָן טובות און זיין איבערגעגעבן, נישט בלויז צו אייגענע, נאָר אויך צו פרעמדע מענטשן, צו שכנים.

איז טאַקע די „שטומע מאַמע״ שיער נישט געווען די מאַמע פון גאַנצן הויז. ביי איין שכן האָט זי פאַרוויגט אַ קינד, אַ צווייטן האָט זי גע־שטעלט באַנקעס, אַ דריטן האָט זי אונטערגעטראָגן אַ ביסל קאָמפּאָט, אַ שטיקל צוקער, אַ ביסל מאַרגאַרין — וואָס נאָר זי האָט געקענט אָפּשפּאָרן פון איר אייגענעם מויל.

איר גוטסקייט איז געוואָרן איר שוץ און די שכנים האָבן זי זייער ליב באַקומען. זיי וואָלטן זי אויך פאַרטיידיקט, ווען זיי וואָלטן געוווּסט, אַז זי איז אַ יידישקע, און ווען זיי וואָלטן געווען אין שטאַנד זיך אָנצו־נעמען פאַר איר. אָבער איר שם וואָלט געקענט אויך ווערן פאַר איר אַ סכנה. מען דאַרף זיך היטן, פאַר דעם אייגענעם שאָטן מוז מען זיך היטן.

די „שטומע מאַמע״ האָט זיך שוין אַזוי צוגעוווינט צו איר „שטומ־קייט״, אַז דאָס איז ממש געוואָרן איר צווייטע נאַטור; זי שרעקט זיך אפילו אויסצורעדן צו זיך גופא אַ וואָרט. ס׳איז דאָך נישט קיין קלייניקייט צו שפּילן די ראָלע פון אַ שטומער מאַמע אין אַ צייט, ווען יעדער קער און ריר איז פאַרבונדן מיט די גרעסטע סכנות; ס׳איז נישט קיין שפּאַס צו דאַרפן זיך אויסבאַהאַלטן פאַרן אייגענעם שאָטן.

איטלעך מאָל ווען זי באַטראַכט אירע רעוומאַטיש־אויסגעקרימטע פינ־גער, קען זי טאַקע נישט פאַרשטיין, וואָס זי טוט דאָ אין ליאָן. אַ שטומע צונג איז אייגנטלעך אַ טויטע צונג, אַן אָפּגעשטאָרבענע צונג. פאַר וואָס האָט זי מקריב געווען איר לשון? פאַר וואָס מוז דווקא די צונג אירע זיין אַ קרבן? אפשר וואָלט זי געדאַרפט „טויטן״ אויך אירע געדאַנקען? אָבער די געדאַנקען איז שווער אָפּצושטעלן; זיי לאָכן זיך אויס פון אַלץ און זיי טראַכטן וואָס זיי ווילן. אויך די טרערן איז שווער אָפּצושטעלן, אמת, נישט אַזוי שווער ווי די געדאַנקען, אָבער אויך זיי נעמען רינען פון די אויגן, נאָך איידער מען האָט צייט זיי איינצוהאַלטן.

פרייטיק־צו נאַכטס, ווען זי צינדט אָן די צוויי שבתדיקע ליכט אין די צוויי קאַרטאָפל, אין אירע „ליאָנער לייכטערס״, ווי זי האָט זיי אַ נאָמען געגעבן, לעבט אָפּ איר „שטומע צונג״. זי פאַרפירט אַ שמועס מיטן רבונו־של־עולם. און זי האָט אים, דעם פאָטער אין הימל, אַ סך וואָס צו זאָגן, זי דאַרף אים שטעלן אַזוי פיל קשיות, אַז זי ווייס נישט מיט וועלכער פריער

אָנצוהייבן. געוואָלט וואָלט זי פרעגן אַלץ אויף אַ מאָל:

— רבונו־של־עולם, האַר פון דער וועלט! פאַר וואָס...? פאַר וואָס...? פאַר וואָס...?"

זי ווייסט, אַז גאָט אַליין אפילו קען נישט פאַרענטפערן אירע קשיות. ווער ווייסט, צי זי דריקט זיך גאָר אויס ווי געהעריק? פאַראַן אויף דער וועלט אַ סך יידישע מאַמעס — אומגליקלעכע יידישע מאַמעס — וואָס ווענדן זיך צום רבונו־של־עולם, און אַלע ווילן זיי וויסן פאַר וואָס דאָס, פאַר וואָס יענץ — ווי אַזוי זאָל ער זיך צוהערן צו אַלעמען?

אָבער איר אומגליק איז דאָך גרויס ווי די גאַנצע פינצטערע וועלט. מעג זי טאַקע קלאָגן, וויינען, זיך פיעשטשען פאַר אים ווי אַ קליין קינד. איז ער דען נישט קיין טאַטע? נישט קיין באַרעמהאַרציקער גאָט, וואָס נעמט זיך אָן פאַר אלמנות, פאַר יתומים, פאַר שוואַכע, געפּלאָגטע און פאַרפּאַלגטע? איז דען ישראל נישט זיין אויסדערווײלט פאָלק?

— גאָטעניו מיינער — טענהט זי — איז דאָס מעגלעך, דו זאָלסט זיך האָבן אָפּגעקערט פון דיין פאָלק? ווילסטו טאַקע פון דיין פאָלק נישט מער וויסן. נישט מער הערן? האָסטו דען נישט געגעבן אים דיין הייליקע תורה?

בעת מעשה דעקט זי צו די אויגן מיט די הענט, ווי דאָס טוט יעדע פרומע יידישע מאמע ביים ליכט־בענטשן. דורך אירע פינגער־שפּאַלטן זיפּן זיך דורך די צוויי צאַנקנדיקע פלעמלעך פון די שבתדיקע ליכט אין די קאַרטאָפל, און עס קוקט אויס, ווי זיי וואָלטן זי געמוסרט. ווייסט זי דאָך גאַנץ גוט, אַז אין די לעצטע יאָרן האָט דאָס פאָלק ישראל זיך אָפּ־געוועגדט פון דער תורה. אירע אייגענע קינדער האָבן אויך קנאַפּ־וואָס געהאַט צו טאָן מיט גאָטס תורה, כאָטש הערצער האָבן זיי געהאַט דווקא יידישע, כאָטש זיי האָבן קיין מאָל פון זייער יידישקייט זיך נישט אָפּגעזאָגט, כאָטש זיי האָבן קיין מאָל נישט פאַרלייקנט, אַז זיי זענען געבוירן געוואָרן ביי יידישע טאַטע־מאַמע; גערעדט האָבן זיי יידיש און האָבן זיך נישט געשעמט מיט זייער לשון, נישט ווי אַנדערע יידישע קינדער, וואָס מיינען, אַז רעדן דאַרף מען נאָר פראַנצויזיש. יאָ, ווױלע קינדער, גוטע קינדער האָט זי געהאַט...

— טאָ פאַרנעם זשע, גאָטעניו אין הימל, דאָס געבעט און דאָס געוויין פון אַ צעבראָכענער מאַמען, וואָס האָט איר ייִנגסטן זון געבראַכט פאַר אַ קרבן. איז וואָס, אַז ער האָט נישט געלייגט קיין תפילין, נישט געטראָגן קיין ציצית, נישט געדאַוונט און איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ בלויזן קאָפּ? באַשטייט דען אין דעם דיין גאַנצע ייִדישקייט? האָט דען שלמהלעס לעבן גאָר קיין באַדייטונג נישט געהאַט פאַר דיר? און זיין טויט, גאָטעניו, איז דען גאָרנישט נישט ווערט? קינד מיינס, שלמהלע! — שאַרלאָ האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן אין פאַריז — דערשאָסן האָט מען אים אין איינעם מיט די איבעריקע ייִדישע ערובניקעס. פאַר וואָס? פאַר ווען? נאָך נישט אַלט געווען קיין צוואַנציק יאָר, נאָך נישט געוווּסט וואָס לעבן הייסט...

די טרויעריקע פלעמלעך פון די ליכט צאַנקען. די „שטומע מאַמע" האַלט נאָך אַלץ די הענט אויף די אויגן, וואָרעם זי ווייסט נישט, ווי אַזוי זיי אויסצובאַהאַלטן פון דעם שרעקלעכן צער, וואָס קריכט אַרויס פון אונטער די שאָטנס.

געהאַט האָט זי נאָך אַ קינד, אַ טעכטערל. גיטל האָט מען זי גערופן, איז אונטערגעקומען דער פאַרשאָלטענער זעכצנטער יולי און גיטעלע איז פון די היצלעס געכאַפּט געוואָרן, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע ייִדישע קינדער.

— רבונו־של־עולם! מיט וואָס האָט גיטעלע זיך פאַר דיר פאַרזינדיקט? ביסט דאָך, זאָגט מען, אַ פאָטער פון יתומים. פאַר וואָס האָסטו זיך נישט אָנגענומען פאַר מיין גיטעלען? און פאַר איר קינד, וואָס איז געבליבן אַ יתומהלע? פאַר וואָס האָסטו זיך נישט אָנגענומען פאַר די איבעריקע ייִדישע קינדער? ווו איז דיין הייליקע תורה? דערבאַרעם זיך איצט כאָטש אויף מיין צווייטער טאָכטער, וואָס זיצט אין דער תפיסה — נישט, חלילה, פאַר גניבה צי פאַר גזילה זיצט זי, נאָר ווייל זי איז אַ ייִדישקע... איז דען אַ פאַרברעכן צו זיין אַ ייִדיש קינד? פאַר וואָס ענטפערסטו מיר נישט? צו ווּעמען דען זאָל איך מיך ווענדן, אויב נישט צו דיר? פאַר די מענטשן בין איך שטום, מוז איך דאָך רעדן צו דיר, שרייען צו דיר, וויינען צו דיר...

וואָלט די „שטומע מאַמע" נישט געהאַט אַ שטיקל האָפענונג, אַז איר טאָכטער וועט זיך ראַטעווען, וואָלט זי גערעדט צו גאָט נאָך האַרבערע דיבורים, אָבער זי האָט מורא פאַר זיין גרימצאָרן. נישט פאַר איר אייגע־נעם לעבן האָט זי מורא, פאַרקערט: וויפל מאָל ווינטשט זי זיך גאָר דעם טויט; זי שרעקט זיך פאַרן לעבן פון איר אברהמלען — פּיער רופט מען אים איצט — וואָס געפינט זיך מיט איר צוזאַמען אין אָט דער פרעמדער שטאָט ליאָן. שווייגט זי, זי שרעקט זיך...

*

עטלעכע שיכטן שרעק האָבן זיך אָנגעזעצט אויף דער „שטומער מאַמען". אין די שלאָפלאָזע נעכט, ווען זי בלייבט אַליין, באַמיט זי זיך אָפּצושטופן איר שרעק פאַר איר אברהמלס גורל. אָבער דאָס גיט זיך איר זייער זעלטן איין.

אברהמל אַרבעט קעגן די דייטשן, האָט זי מורא, זיי זאָלן זיך נישט דערוויסן, וואָס ער טוט. אומזיסט מאַכט ער זיך אַרויס פון איר און וויל איר נישט דערציילן, ווו ער ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע טעג און נעכט. ער מיינט, אַז זי פאַרשטייט גאָרנישט. אין דער אמתן וויל זי טאַקע נישט פאַרשטיין; זי קען אפילו קיין טענות נישט האָבן צו איר זון, טאָמער ער ענטפערט איר נישט, ווען זי פרעגט אים עפּעס. מיט האַלבע ווערטער פרעגט זי אים און בעט זיך עפּעס ביי אים בעת־מעשה:

— נאָר מיך אָפּ, אברהמל, קינד מיינס! זאָג מיר נישט אויס, וואָס דו טוסט, וואָרעם ווער ווייסט וואָס עס קען נאָך, חלילה, געשען, טאָמער די דייטשן וועלן זיך דערוויסן, ווי דו הייסט און וואָס דו טוסט? גאָט זאָל שומר ומציל זיין! טאָמער — די שעה זאָל נישט זיין — כאַפּט זיך אַרויס פון מיר אַ וואָרט, וואָס טויג נישט פאַר דיר — ווי וואָלט איך עס אויס־געהאַלטן? ווי וואָלט איך עס אַריבערגעטראָגן?

זי האָט זיך פון איר זון גאָרנישט נישט דערוווסט — און דאָס האָט זי דאָך אייגנטלעך געוואָלט, דאָס איז זי דאָך אויסן געווען. אין דער זעל־

בער צייט אָבער איז איר אומרו געשטיגן. אייגנטלעך האָט ער איר גאָר־נישט נישט דערציילט, גאָרנישט פאַרטרויט. הינטער יעדן פאַרשוויגענעם וואָרט לויערט אַ סכנה, און פאַרטרויען זיך האָט זי נישט פאַר וועמען. זי איז דאָך שטום, אַ שטומע מאַמע איז זי, טאָ וואָס זאָל זי טאָן? וווהין זאָל זי זיך קערן און ווענדן?

זי פּרוּווט אַ שמועס טאָן מיט איר שנור, מיט לאהלען, כאָטש אויך פון איר, ווייסט זי, וועט זי פונקט אַזוי פיל דערגיין, ווי פון איר זון. מאַכלע האָט זי ליב, ווי זי וואָלט געווען איר אייגענע טאָכטער, שיער־שיער נישט אַזוי שטאַרק ווי די, וואָס די דייטשן האָבן זי פאַרשלעפּט, מען ווייסט נישט וווהין.

— לאהלע, לואיז, טאָכטער מיינע! זאָג מיר, איך בעט דיך, אָבער ניין, זאָג מיר גאָרנישט...

— וואָס מאַמעשי?

— גאָרנישט, סתם אַזוי! איך פריי זיך, אַז איך האָב כאָטש מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט, וואָרעם אַברהמל — פּיער, ווי איך דאַרף זאָגן...

— וואָס איז דער אונטערשייד פּיער אָדער אברהמל. פאַר דער מלחמה האָט ער זיך אויך נישט גערופן מער אברהמל.

— אַלבערט האָט מען אים גערופן.

— זעט איר שוין. טאָ וואָס איז דער אומגליק, אַז מען רופט אים איצט פּיער? איז מען שוין אָבער זיכער מיט אַזאַ נאָמען? אָט האָט מען דאָך דאָ אַרעסטירט פראַנצויזן מיט פראַנצויזישע נעמען... מסתמא האָבן זיי עפּעס געטאָן קעגן די דייטשן.

— לאהלע, איך בעט דיך, זאָג מיר גאָרנישט, דערצייל מיר נישט, וואָס איר טוט. אויך דו, דוכט זיך מיר, העלפסט מיין אברהמלען, ווי ער זאָגט, נקמה נעמען... זאָג מיר גאָרנישט, איך האָב אַזוי מורא.

— עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן, איר וועט זען, מיר וועלן זיין פריי ווי פריער און ס'וועט אונדז ווידער גאָרנישט פעלן.

יאָ, אויב די „שטומע מאַמע" טענהט זיך אויס פון צייט צו צייט מיט איר זון און מיט איר שנור, איז עס נאָר זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן;

נישט זי וויל עפּעס וואָס דערגייען פון זיי, נישט זי וויל, פּאַסט זיך צו זאָגן, נישט דערגייען; אי זי האָט מורא פאַרן אמת, אי זי שרעקט זיך פאַר זייער שווייגן. זי שרעקט זיך פאַר אַלץ, פאַר דעם, וואָס איז שוין געשען, און פאַר דעם, וואָס קען נאָך, חלילה, געשען; זי האָט מורא אי פאַרן נעכטן, אי פאַרן היינט, אי פאַרן מאָרגן. אויך פאַרן נעכטן ציטערט זי, הגם זי ווייסט, אַז דאָס וואָס איז געשען, קען מער נישט ווערן נישט בעסער, נישט ערגער.

אַ סך מאָל דוכט זיך איר, אַז זי לעבט שוין נישט מער. נאָך גוט, טראַכט זי זיך, וואָס די גלידער ברעכן איר, וואָס די הענט שטעכן איר, וואָס דער רוקן דרייט איר. אָט די ווייטיקן דערמאָנען זי, אַז זי לעבט נאָך. אַ סך מאָל דוכט זיך איר, אַז זי ווערט משוגע, און שרייען טאָר זי נישט, ווייל די שכנים קענען נאָך דערהערן אירע געשרייען... שרייען קען קאָסטן דאָס לעבן. לויטן יידישן דין טאָר מען זיך נישט אומברענגען. קיינער טאָר זיך נישט נעמען דאָס לעבן. אפילו דאָס ערגסטע לעבן איז נאָך אַלץ אַ לעבן.

זי וויל דערלעבן צו זען איר גיטעלען; זי וויל דערלעבן צו זען פריי־דעלען... יאָ, זי וויל לעבן, מיט אַלע אירע כוחות וויל זי לעבן; זי וויל כאָטש דערלעבן צו זען איר טייער אייניקל, דודלען, וואָס מען רופט אים — זי ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס — מיטן קאָמישן נאָמען רענע. ער איז שוין אַלט פינף יאָר, און ביי אַ פראַנצויזישער פאַמיליע געפינט ער זיך. שוין צוויי יאָר, ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן, האָט אים איר זון אַוועקגעפירט אַהין. אַ ביסל איז דאָס די שולד פון דער באָבען, וואָס דאָס קינד איז דערווייטערט געוואָרן פון איר און זיין טאַטע־מאַמען. אַ קינד, וואָס רעדט, טאָר נישט בלייבן לעבן דער „שטומער" באָבען, וואָרעם ער קען נאָך אַ מאָל דערציילן די שכנים, אַז זיין באָבע איז גאָרנישט אַזוי שטום, ווי זיי דוכט זיך, אַז זי שפּילט זיך אין שטומקייט... וואָס פאַר אַ גרויסן חורבן די רוצחים האָבן אָנגעמאַכט אין דער וועלט! ווי איז דאָס געזען און געהערט געוואָרן, אַז אַ באָבע זאָל זיך דאַרפן היטן אויסצורעדן אַ וואָרט — אַ יידיש וואָרט, וואָרעם פראַנצויזיש קען זי דאָך סיי ווי סיי

נישט רעדן — מיט איר אייניקל? וויפל זי קלערט נישט אַריין אין דעם, קען זי עס פאָרט נישט באַגרייפן, נישט פאַרשטיין...

ביי טאָג גיט זיך נאָך איין דער „שטומער מאַמען" נישט צו דער־טראַכטן ביז צום סוף, אָבער ביי נאַכט אויף איר געלעגער באַפאַלן איר די געדאַנקען פון אַלע זייטן.

און עס דוכט זיך איר, אַז זיי שטאַמען נאָך פון דער קעלער־שטוב אין דער שמאָלע־מילע־גאַס אין וואַרשע. איר מאַן משה איז געווען אַ ייד אַ לערנער, אויף אירע דאַרע פּלייצעס איז געלעגן דער גאַנצער יאָך פון חיונה. זי האָט געהאַנדלט מיט בייגל אויף די ראָגן פון די וואַרשעווער גאַסן. געלעבט האָט זי מיט האָפענונג און בטחון. זי האָט רק געהאָפט, אַז עס וועט געשען אַ נס און איר פעטער שלמה צוקערמאַן וועט אַראָפּנעמען איר גאַנצע משפחה קיין פּאַריז, ביז איין טאָג זענען אירע האָפענונגען טאַקע מקויים געוואָרן.

געקומען קיין פּאַריז, האָט זי ווי נישט איז, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פראַנצויזיש איז איר בשום אופן נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין, דאָך אַרויסגעשלאָגן איר חיונה אין יידישן אַרבעטער־קוואַרטאַל בעלוויל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך דאָרט קען מען האַנדלען מיט בייגל. שפּעטער זענען די קינדער אונטערגעוואַקסן און זיי האָבן געפונען אַרבעט. זי האָט מער נישט געדאַרפט שטיין מיט בייגל אין גאַס. איר מאַן האָט אויך אין פּאַריז געקענט זיצן און לערנען, פּונקט ווי ער האָט עס געטאָן אין וואַרשע, איז ער געשטאָרבן דאָן ווען ס'איז געקומען די שרעקלעכע מלחמה — און פון אַלץ איז געוואָרן אַ תל.

אַ גרויסע משפחה האָט זי איבערגעלאָזט אין וואַרשע. ווער ווייסט, וואָס עס איז פון זיי אַלעמען איצט געוואָרן?

איר טאַטע עליו השלום קומט איר צו חלום. אין טלית און תפילין לויפט ער אַרום און פּאַכעט מיט די הענט. איז דאָס מעגלעך, אַז ער, דער פרומער ייד, זאָל פּאַכען מיט די פויסטן צום הימל?

אירע אומגעקומענע קינדער, זעט זי, העלפן זייער זיידן פּאַכען מיט די פויסטן צום הימל. עפּעס שרייען זיי, עפּעס רופן זיי.

— קינדערלעך, קינדערלעך! — הערט זי איר אייגן קול — צו וועמען שרייט איר? ביי וועמען מאָנט איר? ווער וועט אייך הערן אין הימל? איר ווייסט דען נישט, אַז איר זענט יידן? די גאַנצע וועלט ווייסט, ווער איר זענט און ס'וועט אייך נישט העלפן קיין שרייען, קיין בעטן, סיידן אַ נס וועט געשען...

— וואָס איז מיט דיר, מאַמעשי? — לויפט אברהמל צו צו איר בעט
— פאַר וואָס האָסטו אַזוי געשריגן פון שלאָף?
— גאָרנישט, גאָרנישט, אברהמעלע. ס'האָט זיך מיר עפּעס וואָס געחלומט, האָב איך געשריגן.
— מען טאָר נישט גלייבן אין חלומות... ווייסט דאָך אַליין...
פּיער לייגט אַרויף די האַנט אויף זיין מאַמעס גרויען קאָפּ און ער מורמלט שטילערהייט:
— מאַמעשי, באַרואיק זיך, שלאָף איין... מיר האַלטן שוין ביים סוף, נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג...
— נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג... — חזרט די מאַמע איבער איר זונס טרייסטרייד.
— אָט זעסטו דאָך — ווערט אברהמל דרייסטער — ווי די דייטשע אַרמייען ווערן צעשלאָגן איינע נאָך דער צווייטער. באַלד וועט היטלער איינעמען אַ מפּלה...
— אַ מפּלה זאָגסטו? הלוואי, גאָטעניו מיינער! זאָל נאָר דאָ מיט אונדז גאָרנישט נישט געשען; איידער מען דערלעבט די נחמה...
פּלוצלונג הייבט די מאַמע זיך אויף אויף איר געלעגער און מיט אַן אַנטשלאָסענער מינע גיט זי אַ פרעג ביי איר זון:
— זאָג מיר, קינד מיינס, זאָג מיר אויס דעם סוד פון דיין אַרבעט...
— דאָס טאָר איך קיינעם נישט אויסזאָגן, אפילו אַ מאַמען אויך נישט, נישט ווייל איך האָב מורא פאַר דיר, אָבער פאַר דיר אַליין איז בעסער, דו זאָלסט נישט וויסן...
מאַכלע פאַרשטייט, אַז איר זון איז גערעכט. ס'איז גלייכער, אַז זי

זאָל גאָרנישט נישט וויסן, זי נעמט אפילו האָבן חרטה, וואָס זי האָט אים געבעטן, ער זאָל איר אויסזאָגן.

— אפשר — האָקט דער זון איר איבער די געדאַנקען — אפשר זאָל איך גיין רופן אַ דאָקטער, ווי באַלד דו פילסט זיך נישט געזונט?

— ניין, מיין קינד! איך דאַרף נישט קיין דאָקטער, איך בין נישט קראַנק. גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען דו לאָזט מיך מיטגיין צו דיין ארבעט, אַבי עס זאָל וואָס גיכער שוין נעמען אַ סוף...

פיער איז טאַקע דער בעסטער זון אין דער וועלט, טראַכט די „שטומע מאַמע”, אָבער פאַרלאָזן זיך אויף זיינס אַ וואָרט — קען מען נישט! לכתחילה האָט עס געהייסן: דער דייטש וועט איינבעמען אַ מיתה־משונה אין אַ וואָך, העכסטנס אין פיר וואָכן. זעבען שוין ווידער אַוועק דריי חדשים און דער דייטש איז נאָך אַלץ אין ליאָן.

*

די „מאַמע מישעל” איז אַ רעטעניש, אָבער אַלע האָבן זי ליב. אַלע באַמיען זיך איר צו באַווייזן זייער ליבשאַפט און זייער דאַנקבאַרקייט. זי האָט עפעס ווי אויפגעלעבט, נישט געקוקט אויף אירע געשוואָלענע הענט און פיס. פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אפילו אַ שמייכל אויף אירע ליפן און אין די טיפע קנייטשן פון איר פנים. זי האָט אַ געפיל ווי זי וואָלט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ טיפן סוד, וואָס זי קען קיינעם נישט אויסזאָגן. אויך זי, דוכט זיך איר, באַהאַלט עפעס אויס פון אירע קינדער, פון אברהמען און פון לאהלען. אַ זיסע נקמה נעמט זי פון זיי: ווילן זיי נישט אויס־זאָגן איר וואָס זיי טוען, זאָגט זי זיי אויך נישט אויס איר סוד, וואָס איז דאָס אָבער פאַר אַ סוד? געננוי וואָס — ווייסט זי טאַקע נישט, אָבער זי פילט, אַז זי טאָר אים נישט אויסזאָגן, דווקא ווייל זי האָט זיי אַלעמען ליב. זי האָט ליב אָן אַ שיעור איר אברהמלען, איר שנור לאהלען; זי האָט אויך ליב אַלע פאַרטיזאַנער, פרייטיק צו נאַכטס, ביי ליכט־בענטשן, בעט זי פאַר זיי אַלעמען, פאַר די, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אין די וועלדער און אין די פעלדער.

ענדלעך איז געקומען דער אויסגעבענקטער טאָג. זומער נײַנצן הונ־דערט פיר און פערציק האָבן די אַלאירטע אַרמייען געשטעלט זייער טראָט אויפן פראַנצויזישן באָדן. פון איין זייט האָבן אַלע געשפּירט, אַז די לעצטע שעה פון די אָקופּאַנטן וועט באַלד שלאָגן, און פון דער צווייטער זייט האָט מען מורא געהאַט פאַר דעם טעראָר פון דער געשטאַפּאָ.

פיער און לואיז זענען שוין זינט עטלעכע טעג פאַרשווונדן פון שטוב, און די „שטומע מאַמע" איז געזעסן איינע אַליין אין דעם הויז נומער צען.

זי זיצט אין דער פינצטער. ס'איז נאַכט, ס'איז שוין זייער שפּעט. זי האָט געהאָפט, אַז זי וועט באַלד דאָך דערהערן דעם דרייפאַכן קלאַפּ אין דער טיר און אַז איר זון וועט זיך באַלד באַווייזן. איצט, טראַכט זי זיך, וועט זי אים נישט פרעגן, פון וואַנען ער קומט, און אַפילו נישט ווי עס האַלט מיט דער מלחמה. זי וועט ווידער דאַרפן זיך אַמפּערן מיטן זון: זי וועט וועלן אים אַראָפּציִען די שיך פון די פיס, די שיך, וואָס זענען אים צו ענג געוואָרן, מחמת לעצטנס זענען אים די פיס געשוואָלן געוואָרן, ער אָבער וועט זי לייכט אָפּשטופן פון זיך.

— מאַמעשי — וועט ער איר זאָגן — וואָס איז מיט דיר? מיינסט טאַקע, אַז איך וועל זיך לאָזן אַראָפּציִען די שיך? האָסט נישט געטראָפן דאָס אָרט, מאַמעשי!

סוף־כל־סוף האָט זי זיך צוגעשפּאַרט אויף איר בעטל; זי איז איינ־געשלאָפן אין די קליידער.

אַ שרעקלעכער חלום האָט זיך איר געחלומט. אַ שׂרפה, אַלץ האָט געברענט אַרום און אַרום. איר אברהמעלע איז געווען אין מיטן פון די פלאַמען...

זי איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר. דריי קלעפּ — אַ סימן, האָט זי זיך געטראַכט, אַז איר זון קלאַפּט, אַזוי איז געווען אָפּגערעדט צווישן מאַמע און זון: דריי קלעפּ אין טיר, אַנדערש זאָל זי נישט עפענען די טיר. זי האָט זיך צורעכטגעמאַכט די האָר, אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבערן צע־קנייטשטן פּנים, ווי זי וואָלט געוואָלט פאַרטרייבן די קאָשמאַרן פון דער נאַכט — און זי האָט אויפגעמאַכט די טיר.

זי האָט אפילו נישט באַוויזן זיך צו וווּנדערן, הלמאי נאָך די דריי קלעפּ אין דער טיר האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף דעם רוצחישן בליק פון צוויי ווילד־פרעמדע. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?

איינער פון זיי האָט איר אַ זעץ געטאָן איבערן קאָפּ, אַ צווייטער האָט איר אַ בריקע געטאָן אין בויך. זי האָט זיך אַ קייקל געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע און איז געבליבן ליגן. פאַרחלשט? ניין, איר איז גאָרנישט נישט געשען. דער אימפעט, די שרעק פאַר דער סכנה, אין וועלכער איר זון געפינט זיך — דאָס אַלץ איז געווען נאָך שרעקלעכער ווי די קלעפּ.

זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו הערן, וואָס זיי רעדן צווישן זיך. אפשר וועט זי זיך אַזוי אַרום דערוויסן, ווו איר זון געפינט זיך? אויב אָבער זיי וועלן זיך באַמיען פון איר עפּעס וואָס דערגיין, וועט זי גאָרנישט נישט זאָגן. שטום איז זי געווען און שטום וועט זי בלייבן. און אייגנטלעך ווייסט זי דאָך טאַקע נישט, ווו ער איז, וואָס ער טוט. גענוג געזונט האָט איר געקאָסט, ביז זי האָט ביי זיך געפּועלט זיך גאָרנישט נישט פון אים צו דערוויסן...

זי זעט ווי זיי וואַרפן ארויס דאָס בעטגעוואַנט פון די בעטן. אפשר מיינען זיי, אַז אברהמעלע ליגט באַהאַלטן אונטער דעם מאַטראַץ? די קליידער־שאַנק האָבן זיי אויפגעריסן. אין די טישקעסטלעך זוכן זיי. אויך דאָרטן איז אברהמעלע נישטאָ. זיי וועלן אים זיכער נישט געפינען — פרייט זי זיך; זי נעמט נקמה אין די דייטשן...

פון וואַנען האָט זיך ביי איר פלוצלונג באַוויזן אַזאַ כוח צוצולויפן צום פענצטער און אויפצורייסן דאָס פענצטער? די גאַנצע גאַס האָט גע־הערט ווי די „שטומע מאַמע" האָט געשריגן. אמת, וואָס זי האָט געשריגן, האָט מען קנאַפּ־וואָס פאַרשטאַנען, ווייל געשריגן האָט זי אויף יידיש, אָבער אויך עטלעכע פראַנצויזישע ווערטער האָט מען געהערט: „אָ סעקור!" (ראַטעוועט) און „פּעי!" (פייער).

נישט אַלע שכנים האָבן מסתמא שטאַרק זיך געוווּנדערט איבער דעם דאָזיקן „נס"; שטילערהייט האָבן זיי געוווּסט, אַז זי מאַכט זיך נאָר פאַר אַ שטומע. זיי האָט אין דער מינוט געאַרט דער גורל פון דער גוטער „מאַמע מישעל".

— ראַטעוועט! ראַטעוועט! — האָט די „שטומע מאַמע״ באַוויזן אַרויס־צושרייען אין דער גאַס אַריין — ראַטעוועט! עס ברענט!

לאַנג האָט דאָס נישט געדויערט. די לאַפּע פון אַ דייטש האָט זי אַ צי געטאָן פאַר די האָר און דאָס פענצטער איז צוגעקלאַפּט געוואָרן. אין גאַס האָט מען נאָך געהערט די פאַרשטיקטע געשרייען פון דער „שטומער מאַמען״.

אין גאַס האָט זיך געקאַכט. יינגלעך זענען געלאָפן אַהין און צוריק, פון איין הויז אין אַנדערן; זאָל מען גיין זיך איינשטעלן פאַר דער „מאַמע מישעל״, וואָס ווערט געשלאָגן און פאַרפייניקט דורך די דייטשן.

און גראָד דאַן איז אָנגעקומען פּיער. ווי מיט געוואַלט האָבן די פראַנ־צויזן אים אָוועקגעשלעפּט פון דער גאַס. זיי זענען מער פון אים שוין נישט אָפּגעטראָטן, כדי עס זאָל זיך אים נישט פאַרוועלן זיך אַריינוואַרפן אַ לע־בעדיקער דער חיה אין פּיסק אַריין. מען האָט אים געמוזט צוזאָגן, אַז מען וועט זען צו טאָן אַלץ צו ראַטעווען זיין מאַמען.

מען האָט גענומען צוטראַכטן פאַרשידענע פּלענער. מיט איין וואָרט, אַ נייער פּראַנט האָט זיך געעפנט אין אַ ליאָנער הינטערגעסל, אַ פראָנט, וואָס האָט געטראָגן דעם אויסטערלישן נאָמען: „די מאַמע מישעל״.

די אַטאַקע אויפן הויז נומער צען האָט געזאָלט זיך אָנהייבן אין אָוונט. זאָלן זיי זי נאָר האַלטן, וואָרעם עס קען דאָך זיין, אַז די דייטשן וועלן זי — אַ לעבעדיקע אָדער אַ טויטע — אַרויספירן פון דאָרט, אָדער עס קען אויך זיין, אַז זיי וועלן זי האַלטן דאָרט די גאַנצע נאַכט, כדי נישט צו צע־שטערן די „פּאַסטקע״, וואָס זיי האָבן אָנגעשטעלט פאַר איר זון, וואָרעם זיי האָפן נאָך מסתמא, אַז ער וועט קומען זען זיין מאַמען. ווי אַזוי די דאָ־זיקע אייגנאַרטיקע אַטאַקע וועט דורכגעפירט ווערן, האָט קיינער נישט אָנגעהויבן צו וויסן, אָבער עפּעס וואָס וועט דאָך געוויס געשען.

עפּעס וואָס איז טאַקע געשען, אָבער אַזוינס, אויף וואָס קיינער האָט זיך נישט גערעכנט. איידער נאָך עס איז געוואָרן פינצטער האָט זיך פון הימל גענומען שיטן פעך און שוועבל, אין איין רגע האָבן זיך אָנגעצונדן גאַנצע הייזער־בלאָקן, פאַבריקן און גאַסן. אין שטאָט איז געוואָרן אַ בהלה, אַ געלויף; מענטשן האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערן. און ווי

גרויס איז געווען די פֿאַרווונדערונג פֿון די שכנים, ווען זיי האָבן אין איינעם פֿון די קעלערן דערזען די „שטומע מאַמע״.

ווי אַזוי זי איז אַהער געקומען, ווי אַזוי זי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון די דייטשע לאַפּעס — איז לייכט צו פֿאַרשטיין. דאָך האָבן זי אַלע אָנגעקוקט ווי אַ װוּנדער. איצט, ווי באַלד זי האָט צוריק געפֿונען איר לשון, וואָלט זי אפשר געקענט דערקלערן דעם וווּנדער, וואָס איז מיט איר געשען, אָבער ווי דערקלערט מען אַ נס? אַפֿילו אַזעלכע מענטשן, וואָס זענען קיין מאָל נישט געווען שטום און וואָס רעדן אויף אַ פּליסיקן פּראָווינציזשן לשון, וואָלטן אויך נישט געווען אין שטאַנד צו דערקלערן אַזאַ נס.

בערקע

שעל איז אַ ווייטע פאָרשטאָט פון פּאַריז. שעל איז נישט דער אייפעל־טורעם און נישט דער רחבותדיקער קאָנקאָרד. שעל איז אַן אָרט, ווו עס קרעכצן, שרייען און ליאַרמען מענטשן, אַנטרונענע פון היטלער־גיהנום, פון עסטרייך.

בערקע אָבער וויל לעבן, לעבן און נישט קרעכצן, נישט איבערלעבן דאָס, וואָס איז געשען. בערקע איז יונג. בערקע האָט פלינקע פיס. זיינע פיס האָבן טאַקע באַלד אַנטדעקט דעם שאָסיי, וואָס פירט פון שעל קיין פּאַריז.

בערקע איז אַראָפּגעקומען קיין פּאַריז מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, גרייט איינצושלונגען גאַסן, געסלעך, מאַגאַזינען און מענטשן. ער שפּרייזט איבער די גאַסן און קיינער באַמערקט אים נישט, קיינער זעט אים נישט. בערקעס טריט זענען נישט קיין גלייכע, ווי ביי אַנדערע ייִנגלעך אין זיין עלטער: אַ טראָט, וואָס מען דערקענט אים אויפן ערשטן קוק, אַ טראָט, וואָס פירט אין שול אַריין, פון דער שול אַהיים, צו דער באַן, אויף אַן עקס־קורסיע. נייך, זיין גאַנג איז נישט קיין גלייכמעסיקער. עס טרעפט, אַז עס געלינגט אים צו פאַרטויבן דעם הונגער, דאַן פאַרלאַנגזאַמט ער זיי־נע טריט, גייט באַדאַכט, געלאַסן. ווו נאָר אַ וויטרינע מיט גלאַנציקע שפּילצייג, שטעלט ער זיך אָפּ און קוקט. גאָר אָפט מוז ער זיך אונטערגעבן און זיך צוהאָרכן צו זיין אינערלעכן ליאַרעם. ער נעמט דאַן לויפן גיך, גיך, גלייך ער וואָלט געוואָלט פאַרלויפן דעם הונגער דעם וועג, ביז ער ווערט מיד פון דעם געראַנגל מיט אַ ריזנשפּין, וואָס שפּינט שנעל אויס אין אַלע ווינקעלעך פון גוף אַ שווערן ווייטיק. אָט דעם ווייטיק — זאָל ער פּרוּוון אים אַרויסשרייען פון זיך? אָדער, פאַרקערט, זאָל ער אים אָפּשטופּן צוריק?

און אפשר זאָל ער גאָר זיך אָפּשטעלן ביי דער וויטרינע פון אייבער

פון די בעקערייען? ווער ווייסט? עס קען אַ מאָל געשען, אַז די שויב זאָל צעבראָכן ווערן און אַלע גוטע זאַכן זאָלן נעמען פליען גלייך צו אים אין מויל אַריין. מעגלעך אויך, אַז עמעצער זאָל אים באַמערקן, ווי ער שטייט ביי דער וויטרינע און שלינגט דאָס שפּייעכץ פון מויל.

— וואָס איז, ייִנגעלע? ווילסט עסן? — וועט מען אים אַ פרעג טאָן.

— עסן? קאָן זיין. פאַר וואָס נישט? — וועט בערקע ענטפערן — אָבער דאָס אָ איז אוודאי זייער און זייער געשמאַק.

ניין, קיינער גייט צו אים נישט צו. קיינער באַמערקט אים נישט. זאָל ער אפשר אַריינגיין און זאָגן דער פאַרקויפערין, אַז זי האָט געשמאַקע זאַכן? אָבער זי ווייסט עס דאָך אַליין אויך און זי וועט אים געוויס נישט פאַרשטיין. די פאַרקויפערינס פאַרשטייען זיך נאָר אויף געלט. און קיין געלט האָט נישט בערקע.

גאַסן, געסלעך, פלעצער, ווי לאַנג קאָן מען נאָך אַזוי אַרומבלאָנדזשען? אָן אויטאָ קאָן איבערפאָרן, מען קאָן צעטרעטן ווערן, אַ שויב קאָן אויס־געבראָכן ווערן — און אַנשטאָט טאָרט, לעקעך, באַבקע, איז מעגלעך, אַז שערבלעך זאָלן גאָר פליען אין מויל אַריין.

בערקע האָט דאָס אַלץ באַטראַכט. נאָר פאַרשטאַנען האָט ער עס נישט. ניין, ער האָט נישט פאַרשטאַנען, נישט די שטאָט, נישט זיין הונגער, נישט שעל, נישט די מענטשן — און דעריבער איז ער אַנידערגעפאַלן אויפן מיטן טראָטואַר. ער האָט געחלשט.

*

אַרום און אַרום איז פריילעך, נאָר איין בערקע איז טרויעריק. ער איז זאַט, ס׳איז אים וואַרעם. טאָ פאַר וואָס איז ער אַזוי טרויעריק?

— בערקע, ווילסט זיך גאָרנישט שפּילן?

— בערקע, ס׳איז דאָך אַ קינדער־יום־טוב, מען שפּילט, מען טאַנצט, מען זינגט. וואָס שטייסטו אין אַ זייט?

— בערקע, קום, איך וועל דיר געבן אַ גוטע זאַך.

בערקע רירט זיך נישט פון אָרט. ער איז נישט הונגעריק. און בעת מען איז נישט הונגעריק, איז מען אַזוי ווי טויט. מען וויל דאַן גאָרנישט.

שוין עטלעכע טעג, ווי ער וויל גאָרנישט. אָ, דאָן, ווען ער איז אַנטלאָפֿן פון שעל איינער אַליין, דאָן האָט ער אַלץ געוואָלט. דאָן האָט זיך אים געדוכט, אַז ער שפּילט זיך מיט אַלץ און מיט אַלעמען אין באַהעלטעניש. דאָן האָט ער געוואָלט די גאַסן, דעם אייפּעל־טורעם, די שיינע, גלאַנציקע פענצטער, און וואָלט ער נישט געפאַלן אין חלשות (דאָס האָט מען אים שפּעטער דערציילט), קאָן זיין, וואָלט ער איינגענומען גאַנץ פּאַריז מיט אַלע אויטאָמאָבילן, מיט אַלע צאַצקעס, און געוואָרן וואָלט ער אַ הערשער אַ גרויסער, אַ מלך. איצט אָבער ווילט זיך אים גאָרנישט.

בערקען האָט זיך די נאַכט געחלומט: ער איז אין עסטרייך. ער איז אַ ייד, דאָס הייסט, אַן אמתער טייוול, ווי דער לערער האָט געזאָגט. הערנער האָט ער, ער הינקט. האַנס און ערנסט, נאָך מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק זיינע בעסטע חברים אין שול, שפּייען איצטער אויף אים, טשעפּען אים און זידלען: „טייוול מיאוסער! וואָס טוסטו? אין גיהנום גיי!".

— איר זענט דאָך מיינע חברים! פֿאַר וואָס שלאָגט איר מיך איצט?

— מיר האָבן פריער נישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַ שמוציקער ייד.

— איך האָב אַ ריין העמדל. איך האָב זיך היינט די אויערן געוואַשן, די פיס.

— און דאָך ביסטו אַ שמוציקער ייד.

— פֿאַר וואָס?

— ווייל אַלע ווייסן, אַז דו ביסט אַ גיפטיק שוועמל.

— אַ שוועמל בין איך? איך בין דאָך אַ טייוול, האָט איר געזאָגט.

— אַלץ איינס. דער לערער ווייסט וואָס ער זאָגט. דער פירער אַליין דערציילט עס. האָסט געדאַרפט אים הערן רעדן דורכן ראַדיאָ.

— מיר האָבן אין שטוב נישט קיין ראַדיאָ.

— נאַ דיר אַ פּאַטש!

— נאַ דיר אַ צווייטן פּאַטש!

— איך וועל זיך באַקלאָגן פֿאַרן לערער.

— אדרבא! גיי, זאָג אים דאָס.

— פֿאַר וואָס שלאָגט איר מיך אַלע?

— ווייל דו ביסט אַ בלוטזויגער.

די פיר צייטן

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— פּלאַצן פון לאַכן קאָן מען. ער ווייסט אַפילו נישט, אַז ער איז אַ בלוטזויגער — און ער וויל נאָך זיין דער בעסטער אין קלאַס.

— האַנס! גיב אים נאָך אַ פּאַטש!

— איך וועל אים אַראָפּדרייען דעם קאָפּ.

האַנס און ערנסט האָבן צונויפגערופן אַלע קינדער פון שול. דער לערער איז געזעסן און האָט געגעבן די קאָמאַנדע. דער ראַדיאָ האָט געשפּילט: „שוועמל, שוועמל גיפטיקער!" דער גאַנצער קלאַס האָט בערקען געשלאָגן, געטראָטן מיט די פיס.

בערקע האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ באַגאָסענער מיט שווייס. ער האָט קיינעם זיין חלום נישט דערציילט. אַז ער איז קראַנק, האָט ער אויך נישט געזאָגט, ער האָט נישט געוווּסט געגוי וווּ אים טוט וויי.

און איצט איז בערקע געשטאַנען אין אַ ווינקעלע און קיינער האָט אים נישט געקאָנט פון דאָרטן אַרויסשלעפּן.

יצחק

באַגינען, ווען ס׳האָט קוים־קוים געשפּראָצט אויף טאָג, האָט העלען ווי געוויינטלעך פאַרנומען איר אָרט אין דער לאַנגער ריי פאַר דער טיר פון אַ בעקעריי.

אין דער דאָזיקער ריי האָבן די איינוווינער פון דער גאַס געקענט איינער דעם צווייטן, און כאָטש העלען איז געווען אַ צוגערייזטע, האָט מען זי דאָך באַטראַכט ווי זי וואָלט כמעט זיך געהאַט אויפגעהאָדעוועט אין דער דאָזיקער גאַס און אַלע האָבן זי ליב געהאַט. העלען איז פון נאַטור געווען אַ פריינדלעכע. זי האָט קיין מאָל נישט געקאַרגט קיין שמייכל אָדער אַ גוט וואָרט. אַ שמייכל רופט אַרויס אַ שמייכל, און די פריינד־שאַפט, וואָס מ׳האָט איר אַנטקעגנגעטראָגן, איז ביז יענעם באַגינען איר גאַנץ גוט צו נוץ געקומען.

דער אָדער יענער, קען זיין, האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז זי פאַרנעמט זיך מיט קאָנספּיראַציע; עס איז אויך מעגלעך, אַז אירע שכנים האָבן זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַ יידישע פרוי, אָבער קיינער האָט איר יידישן נאָמען חנה נישט געקענט.

איר יינגעלע האָט מען דאָ גערופן איוו, זיין אמתער נאָמען אָבער איז געווען יצחק. פאַר וואָס אָבער האָט זי אים געהאַלטן נישט ביי זיך, נאָר ביי דער פראַנצויזישער פאַמיליע, וואָס וווינט אין דער זעלביקער גאַס, נאָר מיט אַ דריי־פיר הייזער ווייטער? אויף דעם האָט זי געהאַט אַ פאַרטיקן תירוץ: זי אַרבעט הינטער דער שטאָט, זי קאָן דעריבער זיך נישט פאַרנעמען ווי געהעריק מיט אים. ער איז אַ שוואַך קינד, טאָר זי אים נישט לאָזן אַליין אין שטוב.

העלען האָט אַ מאַן. די שכנים ווייסן אפילו ווי ער הייסט. מישעל דעברעז רופט מען אים. מען זעט אים זעלטן אין דער לעצטער צייט. אַן אַרכיטעקט איז ער, האָט העלען דערציילט, און ער אַרבעט ערגעץ הינטער

דער שטאָט. איבעריקנס, היינטיקע צייטן איז בעסער און געזינטער נישט צו זיין נייגעריק, ער איז אוודאי אַ ווידערשטענדלער. נישקשה, די פּאַטריאָטן ווייסן, וואָס זיי טוען. איצט איז שוין אַ פראַגע פון טעג, נישט פון וואָכן; עס האַלט שוין ביי דער דייטשער גסיסה, דאַרף מען וואָס ווייניקער רעדן און זיין געדולדיק.

אַן אַרכיטעקט? פאַר וואָס נישט? די שכנים האָבן באַשלאָסן, אַז דאָס קורץ־געשוירענע בערדל און די גרויסע שמייכלענדיקע אויגן פּאַסן זיך זייער גוט אי צו דער אַרכיטעקטור אי צו דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

העלען שטייט, הייסט עס, מיט אַנדערע שכנים פון דער גאַס אין דער ריי פאַר דער בעקעריי. פלוצלונג דערהערט זי אַ געשריי: — געשטאַפּאָ!...

דאָס דאָזיקע געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן דורך די אָפענע פענצטער פון אַנטקעגנאיבערדיקן הויז. אין דער ערשטער רגע ווייסט זי נישט וואָס פריער צו טאָן, וווהין פריער צו לויפן. זאָל זי פּרווון ראַטעווען איר מאַן, אָדער זאָל זי צו ערשט גיין זיך געזעגענען מיט איר זון ביי דער פראַנצויזישער פאַמיליע? און אפשר זאָל זי קודם־כל לויפן וואָרענען די ווידערשטענדלער?

אָבער איידער וואָס־ווען איז זי דורך דער מענטשן־מאַסע אַריינגעשטופּט געוואָרן אין דער בעקעריי. דער בעקער האָט איר דערלאַנגט איר שטענגל ברויט און דורך אַ הינטער־טיר האָט ער זי אַרויסגעלאָזט אין דרויסן.

*

העלען טראָגט זיך איבער דער שטאָט מיטן שטענגל ברויט, אין אירע אויערן רוישט נאָך אַלץ מישעלס אויסגעשריי:

— די געשטאַפּאָ!...

מישעל איז אַ פאַרבינדלער, אַן „אַזשאַן דע ליעזאָן", איצט האָבן זיך אַלע פאַרבינדונגען אָנגעצונדן און זיי ברענען ווי אַ בינטל טרוקן שטרוי. קיין רשימה פון נעמען וועט מען ביי אים נישט געפינען. אָבער צי וועט ער קענען אויסהאַלטן די פייניקונגען, וואָס די געשטאַפּאָ וועט אים אָנטאָן?

ווי אַזוי ראַטעוועט מען אים? אַ סך פּלענער לויפן מיט איר מיט, אָבער זיי ווערן אַלע צעטראָטן דורך אירע פיס. העלען ווייסט, אַז זי טאָר זיך נישט אומקוקן אויף הינטן. זי קומט זיך פאָר ווי לוטס ווייב. ווי לאַנג נאָך וועט זי הייסן העלען און טראָגן אַ מאַסקע אויף איר פּנים און אויף אירע געדאַנקען? ווי לאַנג?

און דעם אמת געזעגט, וואָס טויג איר איצט די מאַסקע? געדאַרפט וואָלט זי איצט זיך אומקערן צוריק אַהיים, צו מישעלן, צו יצחקן. ווי לאַנג נאָך וועט זי אַזוי לויפן מיטן שטענגל ברויט אין די אָרעמס? זיי זענען הונגעריק, איר מאַן און איר קינד...

העלען קערט זיך אום צוריק צום טויער פון איר הויז. סיי ווי איז דאָך אַלץ פאַרלוירן, סיי ווי. אָבער די צוויי געשטאַפּאָ־לייט, וואָס שטייען אויף דער וואַך ביים אַריינגאַנג פון איר הויז, פאַרצאַמען איר דעם וועג. זי ווייזט זיי איר שלאַפּראָק, אירע שטעקלאַטשן — אַ סימן, אַז זי וווינט דאָ; זי איז בלויז אַראָפּגעגאַנגען קויפן ברויט. אָבער זיי ווילן פון גאָרנישט נישט וויסן. אַזוי לאַנג ווי די רעוויזיע אין דעם הויז דויערט, טאָר קיינער נישט אַריינגיין און אַרויסגיין פון דאַנען.

העלען דערלאַנגט צו זיי אַ שמייכל כמעט פריינדלעך. זי איז זיי שיער נישט דאַנקבאַר, וואָס זיי פאַרווערן איר דעם אַריינגאַנג. ס׳איז נאָך פאַראַן אַ שטיקל יושר אויף דער וועלט, גנבעט זיך אַריין אַ משוגענער געדאַנק אין איר מוח — און זי טראָגט זיך אָפּ צוריק פון איר הויז, גלייך ווי מען וואָלט זי געכאַפּט ביי עפּעס אַ גניבה.

*

דעם גאַנצן טאָג איז העלען געגאַנגען גאַס־איין, גאַס־אויס, פון איין חבר צום צווייטן: מישעל איז אַרעסטירט. זי האָט קיין צייט נישט זיי צו דערציילן, ווי אַזוי דער דאָזיקער אַרעסט איז פאָרגעקומען. צוויי ווערטער זענען געגנוג: מישעל... געשטאַפּאָ... דאָ און דאָרט פּרוווט מען זי פאַרהאַלטן: זאָל זי זיך צוזעצן אויף אַ רגע, זאָל זי עפּעס נעמען אין מויל אַריין. זי וויל אָבער פון גאָרנישט וויסן. מישעל... געשטאַפּאָ... דאָס איז אַלץ,

וואָס זי זאָגט איינעם, דעם צווייטן, דעם דריטן. זאָלן זיי דאָס איבעריקע אַליין פאַרשטיין. זי האָט נישט קיין כוח צו רעדן, צו טראַכטן. זי האָט אַלץ פאַרגעסן, באַלד וועט זי אַפילו האָבן פאַרגעסן, זאָגט זי זיך שטילערהייט, אַלע אַדרעסן פון די ווידערשטענדלער, וואָס זי האָט געוואָרנט.

דאָס איז איר איינציקע טרייסט. דאָס איז אויך די איינציקע הילף, וואָס מישעל קען האָבן איצט פון איר. וואָלט זי געקענט פאַרגעסן נישט בלויז איר אַמאָליקן ריכטיקן, נאָר אפילו אויך איר היינטיקן פאַלשן נאָמען, וואָלט געווען גאָר גוט. זי וואָלט דעמאָלט אים גופא צוגעגעבן מוט צו פאַר־געסן אַלע קאָמפּראָמיטירטע נעמען, וואָס ער ווייסט.

נאָר דאָס וועט זיך איר נישט איינגעבן. דווקא ווען מען וויל פאַר־געסן יענעם און זיך אַליין, ווערט מען העלזעענדיק און העלהערנדיק; יעדער שטריך פון פנים ווערט שאַרף און בולט, יעדע זילב פון אַ נאָמען הייבט אָן צו קלינגען און דער זכרון ווערט אויסגעפּילט פון כלעריליי געשטאַלטן און קלאַנגען.

דאָס איז טאַקע אויך איצט געשען מיט איר. אָן אַ שיעור געשטאַלטן נעמען דעפילירן פאַרביי אירע אויגן. פון אַלע זייטן קומען זיי איר אַנט־קעגן און יעדע געשטאַלט פאַרנויגט זיך צערעמאָניאַל פאַר איר:

— איך בין דער און דער... איך בין די און די... דו געדענקסט מיך? אוודאי דערקענסטו מיך! וואָס פאַר אַ פראַגע? קוק זיך נאָר צו גוט צו מיר, הער זיך איין... טאָמער נישט, וועל איך דיר דערמאָנען ווען און ביי וועלכער געלעגנהייט מיר האָבן זיך געטראָפן...

פאַר אירע אויגן פליען פאַרביי אָן אַ צאָל אמתע און אויסגעטראַכטע געשטאַלטן, פנימער פון אַמאָל און אויך פון די לעצטע טעג. אַלע קוקן זיי אויף איר: ווי אַזוי גייט דאָס אַרום אַ פרוי אין מיטן העלן טאָג און אויף דער גאַס אין אַ שלאַפּראָק און אין שטעקלאַטשן?

העלען גייט אַריין אין אַ גערטנדל, זי זעצט זיך אַנידער אויף אַ באַנק. זי וועט איצט פּרווון אַ טראַכט טאָן וואָס עס איז געשען. זי גריבלט זיך אין זיך אַזוי לאַנג ביז — נישט קלאָר פון וואַנען און ווי אַזוי — דורך אַלע געשטאַלטן און נעמען, וואָס פאָרען זיך אַרום איר, שטופּט זיך דורך

איין פיגור אַזאַ, וואָס ווערט אַלץ בולטער און בולטער. ווען די דאָזיקע פיגור האָט זיך שוין געפונען נאָענט, האָט העלען אפילו געפונען אַ פּאַסיקן נאָמען פאַר איר. זי דערמאָנט זיך, אַז היינט אין אָוונט דאַרף ער קומען, דער חבר פון פאַריז, זיך טרעפן מיט איר מאַן.

איצט איז שוין נישטאָ מער קיין צייט צו זיצן אויף דער באַנק און פּרווון דערגיין צי דאָס, וואָס מיט איר איז היינט געשען, האָט טאַקע פאַר־סירט אויף דער וואָר. מישעלס אַרעסט געהער שוין צו דער ווייטער פאַר־גאַנגענהייט. אַ ניי אומגליק קומט אָן; אפשר קאָן מען אים נאָך פאַרהיטן.

פאַרהיטן? ווי אַזוי? יענער ווייסט דאָך נישט, וואָס עס איז געשען, און זי אים אַנטקעגנגיין — קאָן נישט. ווער ווייסט פון וועלכער זייט ער וועט אָנקומען? וואָס טוט מען?

דערקענט וואָלט זי אים דווקא, אפילו ווען ער זאָל זיך האָבן פאַר־שטעלט, אפילו ווען ער זאָל אַראָפּקומען מיט וואָנצעס און מיט אַ בערדל, ווי ער האָט פאָרויסגעזאָגט דאָס לעצטע מאָל ווען זי האָט אים געזען מיט דריי חדשים צוריק. לויטן גאַנג זיינעם וואָלט זי אים דערקענט. ווי אַ קאַטשקע גייט ער. אָבער מיטן אָפּוואַרטן אים אויף דער גאַס וועט זי שטעלן אין געפאַר נישט בלויז זיך אַליין, נאָר אויך אים און איר קינד, וואָס שפּילט זיך מסתמא איצט אויפן טראָטואַר צוזאַמען מיט די אַנדערע קינדער.

— מאַמעשי! — וועט ער אַ געשריי טאָן — וואָס האָסטו מיר גע־בראַכט? ווו איז דער פּאַפּאַ? ווען ער היינט קומען?

העלען שלאָגט זיך מיט דער דעה: יאָ גיין אָפּוואַרטן דעם חבר פון פאַריז, אָדער נישט גיין. אַ גאַנצן טאָג האָט זי גאָרנישט געגעסן. איר טעג־לעכע ראַציע ברויט האָט זי איבערגעלאָזט ערגעץ־ווו, אָדער אפשר איז עס איר אַרויסגעפאַלן פון די הענט. אַלץ האָט מען צוגענומען... די גע־שטאַפּאָ...

דאָס דאָזיקע שוידערלעכע וואָרט! זי טראַכט וועגן די פייניקונגען, וואָס מען טוט איצט אוודאי אָן מישעלן. אין דער לעצטער צייט, זאָגט מען, האָבן די דייטשן צוגעטראַכט נייע ראַפינירטע מעטאָדן פון פייניקונגען. ווער ווייסט צי ער וועט עס קענען אַריבערטראָגן. אפשר פרעגט מען אים

איצט ווו זי געפינט זיך, העלען, זיין ווייב, ער שרייט, אַז ער ווייסט נישט; אָדער ער זאָגט זיינע פייניקער, אַז ער ווייסט יאָ, נאָר ער וועט זיי דאָס נישט דערציילן. אין דער אמתן אָבער ווייסט ער טאַקע נישט ווו זי געפינט זיך אַצינד. וואָלט זי אים טאַקע באמת ליב געהאַט, וואָלט זי געדאַרפט לויפן צו דער געשטאַפּאָ דערציילן, אַז זי זיצט דאָ אויף דער באַנק... זאָלן זיי אויפהערן אים צו פייניקן...

זי דערשרעקט זיך פאַר זיך אַליין. איז זי אַראָפּ פון זינען? ווי אַזוי קען איר איינפאַלן צו גיין צו דער געשטאַפּאָ? און וואָס קען זי זיך מודה זיין? וועט זי דערציילן, אַז זי זיצט אויף דער באַנק אין אַ גערטנדל? און דאָס זאָל אויף די תליינים מאַכן אַן איינדרוק? דאָס זאָל אויף זיי ווירקן, אַז זיי זאָלן אויפהערן צו קוועלן זייער קרבן? אפשר ווילן זיי וויסן ווו איוו געפינט זיך? אַלע אירע שכנים ווייסן, אַז איוו געפינט זיך ביי אַ פראַנצויזישער פאַמיליע אויף דער זעלביקער גאַס. זיי וועלן אָבער מסתמא אַלע שווייגן. אין דער גאַס איז נישטאָ קיין איין מיטאַרבעטער פון די דייטשן; אין די אַנדערע גאַסן וווינען יאָ מיטאַרבעטער פון די דייטשן. אָבער פון וואַנען ווייסט זי, אַז דער אָדער יענער שכן איז נישט אין געהיים אַ פאַררעטער, אַ קאָלאַבאָראַטאָר? פון וואַנען? ווער קען עס איר גאַראַנטירן?

העלען דערמאָנט זיך ווי אַזוי די פראַנצויזן, וואָס זענען מיט איר געשטאַנען אין דער ריי פאַר דער בעקעריי, האָבן זי אַריינגעשטופּט אינעווייניק, ווי נאָר זיי האָבן דערהערט מישעלס אויסגעשריי: „געשטאַפּאָ". זיי זענען געוויס נישט קיין קאָלאַבאָראַטאָרן...

אָבער איוו איז אין געפאַר. אים לאָזן ביי דער פראַנצויזישער פאַמיליע טאָר זי נישט. געדאַרפט וואָלט זי לויפן די מינוט אים אַרויסנעמען פון דאָרטן און אים אַוועקפירן. אָבער וווהין? ווי אַזוי?

העלען הייבט זיך אויף פון דער באַנק. זי ווייסט דאָך טאַקע נישט וווהין, זי ווייסט דאָך טאַקע נישט ווי אַזוי. קינדער שפּילן זיך אין דעם גערטנדל. ס׳איז שוין נאָך דער שול. ס׳איז אָוונט. זומער איז זיבן אַ זייגער נאָך ליכטיק ווי אין מיטן העלן טאָג.

ווינטער וואָלט געווען נאָך ערגער. אין אַ ווינטער־באַגינען וואָלט

זי נישט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב אין אַ שלאָפראָק און אין שטעקלאַטשן.

מיט זעקס חדשים צוריק האָט זי זיך אַריינגעקליבן אין אָט דעם דירהלע אַנטקעגן דער בעקעריי. סיי דער זשעראַנט, סיי דער הויז־וועכ־טער סימפּאַטיזירן, ווייסט זי, מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. דערפאַר האָט זי אַזוי לייכט באַקומען איר דירהלע. וואָלט די בעקעריי זיך געפונען אויף דעם צווייטן עק גאַס, וואָלט העלען נישט געהערט מישעלס סיגנאַל, און אַלע דריי — ער, זי און זייער זונעלע — וואָלטן זיך איצט געפינען אין די לאַפּעס פון דער געשטאַפּאָ. אויך דער פּאַריזער חבר וואָלט אַריינגע־פאַלן. אָבער קיינער נישט אין דעם הויז, נישט דער זשעראַנט, נישט דער הויזוועכטער, ווייסט נישט, אַז ער דאַרף צו זיי קומען גראָד היינט; קיינער קען אים נישט וואָרענען...

דאַרף זי עס טאָן. יאָ, זי. טאָ פאַר וואָס גייט זי אַזוי לאַנגזאַם? דאָס לעבן פון צוויי מענטשן שטייט אין קאָן, און זי קריכט ווי אַ טשערעפּאַכע.

— לויף, העלען! זאָל דיר נישט אַרן, וואָס מענטשן קוקן אויף דיר — אַ פרוי אין אַ שלאָפראָק און אין שטעקלאַטשן לויפט גאַס־איין, גאַס־אויס. אפשר מיינען זיי, אַז דו ביסט אַנטלאָפן פון אַ משוגעים־הויז, אָדער דו לויפסט נאָך אַ דאָקטער. זאָל דיר נישט אַרן. לויף, העלען, לויף...

ניין, העלען לויפט נישט. זי איז דאָך נישט משוגע, זי וויל נישט אַרויסרופן קיין חשד. זי וועט גיין גיך, אָבער זי וועט נישט לויפן. זי וועט נישט ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט.

די שטאָט אָבער איז אַ גרויסע און זי איז אַ צוגערייזטע. זי קען נאָך נישט אַלע גאַסן. אַ גאַנצן טאָג איז זי געלאָפן פון איינעם צום צווייטן. ווייניק מענטשן האָט זי געפונען ביי זיך אין דער היים. ווער ווייסט וויפל ווידערשטענדלער עס וועלן אַריינפאַלן, נאָר דערפאַר ווייל זי האָט נישט געקענט זיי וואָרענען. ס'איז נישט איר שולד. זיי האָבן זיך געפונען אויף דער אַרבעט. און פון וואַנען ווייסט זי, אַז מען שפּירט זי נישט נאָך? פון וואַנען ווייסט זי, אַז די געשטאַפּאָ האַלט זי נישט אויפן אויג? ס'איז דאָך נישט צו גלייבן, אַז מען האָט זי נישט געזען. אפשר לאָזט די געשטאַפּאָ בכיוון זי לויפן פון איין ווידערשטענדלער צום צווייטן. זי ווערט אַזוי אַרום אַ מיטאַרבעטערין פון די תלינים...

ניין, זי טאָר נישט באַגעגענען דעם פּאַריזער חבר. זי טאָר אין יענער גאַס מער נישט אַריינשמעקן. נישט היינט, נישט מאָרגן, נישט איבער־מאָרגן. עס קען דאָך זיין, אַז דער פּאַריזער חבר האָט זיך צופּעליק דער־ווּסט וועגן מישעלס אַרעסט און אַז ער וועט אויסמיידן די גאַס און דאָס הויז...

אויב אַזוי, מעג זי שוין יאָ גיין אַהינצו... זי האָט דאָך דאָרט אַ קינד; דאָס קינד דאַרף זי ראַטעווען. וואָלט זי כאָטש זיך געטרויט אַ קוק צו טאָן הינטערווייַלעכץ, כּדי צו זען צי מען גייט איר טאָקע נאָך אָדער נישט. אָבער העלען וויל זיך נישט אומקוקן. ס'איז גלייכער נישט צו וויסן. בעסער זאָלן די טריט זי טראָגן אומאָפּהענגיק פון איר ווילן. זי וויל אויף זיך נישט נעמען קיין אחריות. זי ווייסט נישט אין וועלכע ריכטונג זי גייט. איר דוכט זיך, אַז זי דערווייטערט זיך אַלץ מער און מער פון איר גאַס, פון איר הויז. און אפשר, טראַכט זי זיך, איז עס גוט אַזוי...

ניין, העלען ווייסט בכלל נישט מער וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט. יעדע ריכטונג איז געפּערלעך. האַסטיקע טריט שטעלט זי, טריט, וואָס ווייסן אַליין נישט ווו און וווהין זיי טרעפן און וואָס עס איז זייער ציל. אומנוצלעכע טריט.

די געדאַנקען פּלאָנטערן זיך. אָט קייטלט אַ געדאַנק צו אַ געדאַנק, און אָט צערייסן זיי זיך און עס ווערט פון זיי גאָרנישט, שטויב.

וואָלט זי כאָטש געקענט רופן הילף, פרעגן ביי עמעצן אַן עצה, אָבער צו וועמען זאָל זי זיך קערן און ווענדן? נעכטן האָט זי נאָך געהאַט אַ מאַן, אַ חבר, אַ פריינד, אַ שטוב, ברויטקאַרטן, אַ געלעגער, אַ קינד...

— מישעל! מרדכי! זיי מוטיק!

מישעל האָט דערהערט איר רוף. נישט אויף דער וואָר, נאָר אין ווילדן קאָשמאַר, וווּהין די יסורים האָבן אַריינגעשליידערט דעם פאַרפּייניקטן מישעל.

אַ צעממיתטער ליגט מישעל אין דער צעלע. „אויף היינט וועט זיין גענוג", דערמאָנט ער זיך, האָבן די געשטאַפּאָ־לייט אַ זאָג געטאָן ביים פאַרהער, איידער ער איז געפאַלן אין חלשות. „מיר וועלן דיר נישט אָנטאָן

דעם נחת צו פֿאַרענדיקן דיך מיט איין מאָל! צו ערשט וועסטו רעדן... מיר פֿאַרזיכערן דיר... דו וועסט רעדן״...

מישעל האָט ביז איצט גאָרנישט נישט אויסגעזאָגט, און בעת מעשה האָט ער זיך געוווּנדערט פֿון וואַנען צו אים נעמען זיך כּוחות אַריבערצו־טראָגן די שווידערלעכע פּייניקונגען. ס׳איז נאָך גוט, טראַכט ער, וואָס דער מענטשלעכער קערפּער קען ליידן בלויז צו אַ געוויסער גרענעץ; נאָך דעם גייט אים אויס דאָס חיות, ער שטאַרבט אָדער פֿאַלט אין חלשות. פֿאַראַן אָבער מענטשן, האָט ער געהערט דערציילן, וואָס זענען דערצו נישט זוכה; זיי ליידן ביז צו דער לעצטער מינוט פֿון זייער לעבן און חלשן קיין מאָל נישט. אומגליקלעכע מענטשן... ער, מישעל, געהערט נישט צו דער דאָזי־קער אומגליקלעכער קאַטעגאָריע. ער האָט געחלשט דריי מאָל ביים פֿאַר־הער. צוויי מאָל האָבן זיי אים אָפּגעמינטערט, די געשטאַפּאָ־אַגענטן, און האָבן אים ווידער געפּייניקט. צום דריטן מאָל האָבן זיי אים אַרייַנגעוואָרפֿן אין דער צעלע.

ער בייסט זיך די ליפּן, ער שווייגט. ער האָט קיינעם נישט אַרויסגע־געבן, ניין. איצט האָט ער דערהערט העלענס געשריי... פֿון דער ווייט איז עס צו אים געקומען. די דאָזיקע דיסטאַנץ לאָזט זיך נישט מעסטן מיט קילאָ־מעטערס און מיט מיילן; דאָס איז אַ מהלך ווי צווישן אַ מער־ווייניקער ר׳איקן חלום און אַ ווילדן קאָשמאַר.

אָט אַזוי האָבן ביידנס קולות זיך באַגעגנט ביים ברעג פֿון אַ קאָשמאַר־אָפּגרונט. זייערע שטימען האָבן זיך באַגעגנט אין איין אויסגעשריי, אָבער זייערע וועגן האָבן זיך צעצווייגט אין צוויי אַנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען: ער איז אַרויסגעשליידערט געוואָרן פֿון זיין קאָשמאַר, און זי איז אַהין אַריינ־געפֿאַלן. פֿאַרבייגייער האָבן זי אויפֿגעהויבן אַ פֿאַרחלשטע.

דער חבר פֿון פּאַריז האָט געהאַלטן וואָרט. ער איז געקומען צו דער אָפּגערעדטער שעה, אָבער די אַלטע הויזוועכטערין, פּרוי טערעז, האָט אים נישט געלאָזט אַרויפֿגיין אויף די שטיגן.

— ניין, מיין הער! — האָט זי אויפֿן קול געזאָגט, כּדי אַלע אין הויז זאָלן הערן — איך דאַרף נישט קיין ניימאַשין! איך בעט אייך, שטייט נישט

צו... מיר דאַרפֿן נישט, און גענוג... אויף ווידערזען...

דער חבר פֿון פּאַריז האָט אפילו נישט געפּרוווט אויפֿמאַכן דאָס מויל און האָט שנעל־שנעל זיך אָפּגעטראָגן פֿון דעם הויז. ער האָט דעם אומפֿריינדלעכן קבלת־פּנים פֿון דער הויז־וועכטערין אויסגעטייטשט ווי אַ וואָרענונג. אַנישט, פֿאַר וואָס איז זי געווען אַזוי שטאַרק אין כעס? פֿאַר וואָס האָט זי אים נישט געלאָזט אַרויפֿגיין צו מישעל דעברעז?

אַלע איינוווינער פֿון דער גאַס ווייסן, אַז דער אַרכיטעקט מיטן קורץ־געשוירענעם בערדל איז אַרעסטירט געוואָרן. זיי זענען דעם באַגינען, פּונקט ווי אין אַנדערע באַגינענס געשטאַנען אין דער ריי פֿאַר דער בעקעריי, די פֿרויען און אויך אַ פּאָר עלטערע פּראַנצויזן, וואָס גייען נישט מער צו דער אַרבעט. זיי האָבן געזען, ווי די געשטאַפּאָ האָט פֿון דעם קעגנאיבערדיקן הויז אַרויסגעפֿירט דעם אַרכיטעקט און ביי קיינעם פֿון זיי איז קיין ספֿק נישט געווען, אַז ער איז פֿון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אַ צעשלאָגענעם און אַ פֿאַרבלוטיקטן האָט מען אים אַריינגעוואָרפֿן אין אַן אויטאָ.

די ווייבער האָבן אָבער באַוויזן אַריינצושטופּן דעם אַרכיטעקטס פֿרוי אין בעקעריי אַריין — זאָל זי כאָטש זיך ראַטעווען. זי איז זייער אַ סימפּאַטישע פֿרוי, שטענדיק גייט זי מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן. פֿון וואַנען שטאַמט זי? איז זי טאַקע זיין אמתע פֿרוי? אפֿשר איז זי גאָר זיינע אַ געליבטע, אַ פֿריינדין? נאָר וועמענס עסק איז עס? זיי האָבן אַ קינד. דאָס יינגעלע רופֿט אים פּאַפּאַ. ווי לאַנג וועט דאָס קינד נאָך האָבן אַ פּאַפּאַ? די געשטאַפּאָ וועט דאָך זיין טאַטן געוויס פֿאַרפּייניקן... זאָל זיך כאָטש ראַטעווען דעם אַרכיטעקטס פֿרוי, זאָל דאָס קינד האָבן אַ מאַמע.

אַלעמען גייט איצט איין לעבן ממש, אַז העלען זאָל נישט פֿאַלן קיין קרבן פֿון דער געשטאַפּאָ. מען וואָלט געדאַרפֿט זי אויסבאַהאַלטן אין אַ זיכער אָרט. אָבער קיינער ווייסט דאָך נישט וווהין זי איז פֿאַרשוווּנדן. דורך דער הינטערשטער טיר פֿון דער בעקעריי איז זי אַנטלאָפֿן אין אַ צווייטער גאַס, און פֿון דאָרט — ווער ווייסט וווהין?

זאָל זי נאָר נישט צוריקקומען אַזוי גיך. איר הויז איז דאָך מסתמא

באַוואַכט, נישט אויף לאַנג — באַלד וועט זיך דער קאַשמאַר האָבן פאַר־ענדיקט. די דייטשן האַלטן שוין ביי דער מפּלה. פאַר איר קינד דאַרף זי זיך נישט זאָרגן. איר ייִנגעלע איז אין זיכערע הענט. די גאַנצע גאַס וועט זיך אָננעמען פאַר אים.

*

מיט צוויי וואָכן צוריק איז איוו אַלט געוואָרן פיר יאָר. זיין געבוירן־טאָג, דערמאָנט ער זיך, איז געפייערט געוואָרן ביי זיין פאַפאַ און ביי זיין מאַמאַ. זיין פאַפאַ האָט אים געבראַכט מתנות: אַ פערדל און אַן אויטאָ. זיין פאַפאַ איז אָבער נישט לאַנג געבליבן און ס'איז נישט געווען אַזוי פריי־לעך ווי ביי אַנדערע קינדער, ווי ביי זיין נייער מאַמאַ, וואָס יענעם טאָג איז געפייערט געוואָרן דער געבוירן־טאָג פון איינעם פון זיינע נייע ברידער־לעך, דער פינף יעריקער ראָבערט.

איוו איז שוין אַ גרויס ייִנגל, זאָגט זיין מאַמאַ, זיין אמתע מאַמאַ. פאַר וואָס האָט ער צוויי מאַמאָס? — פרעגט זיך איוו — פאַר וואָס וווינען ביידע אין פאַרשידענע הייזער? פאַר וואָס האָבן אַלע אַנדערע קינדער פון דער גאַס בלויז איין מאַמאַ און איין פאַפאַ? פאַר וואָס טאָר ער נישט שלאָפן ביי זיין אמתער מאַמאַ און מוז זיצן דאָ מיט זיין נייער מאַמאַ? פאַר וואָס? יענעם אָוונט, דערמאָנט ער זיך, האָט ער לאַנג געוויינט, ווען ער האָט גע־דאַרפט קומען שלאָפן אַהער, מען האָט אים נישט געקענט באַרואיקן. וויפל זיין פריערדיקע מאַמע האָט אים נישט געטרייסט, אַלץ מער האָט זיך אים געגלוסט צו וויינען. ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט גיין נעכטיקן ביי זיין נייער מאַמאַ. צו לעצט האָט ער דאָך נאָכגעגעבן. וואָרעם זיין ערשטע מאַמאַ האָט אים געדראָט, אַז אויב ער וועט איר נישט פאָלגן, וועט זי זיך אויף פונאַנדערוויינען, און עס פּאַסט נישט פאַר אַ מאַמאַ צו וויינען. זי איז דאָך נישט קיין קליין קינד...

זי האָט אים געמוזט צוזאָגן, אַז צו זיין קומענדיקן געבוירן־טאָג וועט ער שוין מער נישט גיין שלאָפן אין דער פרעמד. דעמאָלט וועלן שוין אַלע זיין צוזאַמען. דער פאַפאַ, די מאַמאַ, דער זיידע, די באָבע, אַלע, אפילו

זיינע אָנקלס און זיינע טאַנטעס וועלן אויך וווינען צוזאַמען מיט זיי.

זיינע אָנקלס און זיינע טאַנטעס געדענקט ער נישט, זיין באָבען און זיין זיידן געדענקט ער אָבער נאָך זייער גוט. דער זיידע האָט געהאַט אַ באָרד, געדענקט ער. אַזוי ווי זיין פּאַפּאַ, אָבער אַ לענגערע, אַ סך אַ לענגערע. זיין זיידע איז דאָך אַ סך עלטער ווי זיין פּאַפּאַ.

איצט זעט ער קיין מאָל נישט מער זיין באָבען און זיין זיידן. אַפילו צו זיין געבוירן־טאָג זענען זיי נישט געקומען. די מאַמאַ זאָגט, אַז זיי זענען אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. ווו איז אויסלאַנד? זיי האָבן געמוזט אַוועק־פאָרן, זאָגט די מאַמאַ. פאַר וואָס געמוזט?

די מאַמאַ זאָגט אים, אַז ווען ער וועט עלטער ווערן, וועט ער עס פאַר־שטיין.. איצט איז ער נאָך צו קליין צו באַגרייפן אַזעלכע זאַכן.

איוו מיינט, אַז זיין מאַמאַ באַהאַלט עפּעס פון אים. ער ווייסט נישט וואָס. זי פּרוווט רעדן מיט אים וועגן זיין נייער היים, זי פרעגט אים צי זיינע נייע ברידערלעך זענען גוט צו אים.

גוט? ניין, ראָבערט וויל אים קיין מאָל זיינע צאַצקעס נישט געבן. זיין מאַמע שלאָגט אים דערפאַר. וויל ער מער נישט גיין אַהין, אָבער אַליין בלייבן דאָ אין שטוב וויל ער אויך נישט. וואָרעם ביי דער נייער מאַמאַ קאָן ער זיך שפּילן מיט די אַנדערע קינדער. ראָבערט איז אויך נישט שטענ־דיק שלעכט. זשאַן־קלאָד נעמט זיך אָן פאַר אים. זשאַן־קלאָד איז שוין אַ גרויסער. ער גייט שוין אין שול, ער האָט אַ רענצל מיט אַ סך ביכער.

ווען איוו וועט אַלט זיין אַזוי ווי זשאַן־קלאָד, וועט ער אויך גיין אין שול, ער וועט אויך האָבן אַ רענצל מיט ביכער, ווען אָבער וועט דאָס זיין? וויפל געבוירן־טעג וועט ער האָבן ביז צו יענער צייט?

איוו ווייסט, אַז אפילו זיין מאַמאַ, וואָס ווייסט וועגן אַלץ אין דער וועלט, קאָן אים אויף דער פראַגע „וויפל" נישט ענטפערן. פון איין גע־בוירן־טאָג צום צווייטן, זאָגט זי, דאַרף מען וואַרטן אַ גאַנץ יאָר. זענען אָבער אַלע יאָרן גלייך? האָט דאָך אים די מאַמאַ יענעם טאָג געזאָגט, אַז יאָרן זענען פאַראַן פאַרשידענע: אין מלחמה־צייט זענען די יאָרן לענגערע ווי אין פרידן־צייט. פאַר וואָס אָבער איז מלחמה? די קינדער אין גאַס שפּילן זיך אויך אין מלחמה. זיי שיסן מיט זייערע ביקסלעך, און די פראַנ־

צוויזן געווינען שטענדיק די מלחמה. איוו האָט פיינט די דייטשן, זיי זענען בייזע און פינצטערע און זיי רעדן אַ שפּראַך, וואָס קיינער פאַרשטייט נישט. פאַר וואָס רעדן זיי אויף אַזאַ שפּראַך? ער האָט דאָס שוין געפרעגט איין טאָג ביי זיין ערשטער מאַמאַ, האָט זי זיך אויסגעלאַכט פון אים. זי האָט אים געזאָגט, אַז יעדער פאָלק רעדט אויף זיין אייגענער שפּראַך.

*

העלען איז דעם זעלביקן אָוונט נאָך געקומען צו זיך. מען האָט זי אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל און מען האָט זי דאָרט אָפּגעמינטערט. קיין פּאַפּירן האָט זי נישט געהאַט ביי זיך, האָט מען זי אויפגענומען אָן פּאַפּירן.

ווער עס האָט נישט קיין פּאַפּירן — זאָל זיין אפילו פאַלשע פּאַפּירן — האָט אויך מער נישט קיין זכרון, ער האָט נישט מער אין וואָס זיך צו דערמאָנען. פאַראַן מענטשן, וואָס פאַרגעסן אַפילו, אַז זיי האָבן עפּעס וואָס פאַרגעסן.

העלען האָט מורא, אַז מאָרגן וועט זי זיך דערמאָנען, וואָס מיט איר איז היינט געשען, און זי וועט אָנגעבן איר אַמאָליקן, איר ריכטיקן, אָדער איר היינטיקן, איר פאַלשן נאָמען. יעדער קראַנקער אין שפּיטאָל מוז פאַרמאָגן אַ נאָמען. נישקשה, די געשטאַפּאָ וועט שוין פון איר אַרויסבאַקומען ווי אַזוי זי הייסט און ווער זי איז... ס'איז דאָך מעגלעך, אַז אין דער שפּיטאָל־אַדמיניסטראַציע זיצט אַ געשטאַפּאָ־מאַן, וואָס קאָנטראָלירט די פּאַפּירן פון די פּאַציענטן ווי פון דעם מעדיצינישן פּערסאָנאַל גופא. און אפשר צווישן די קראַנקע, וואָס ליגן דאָ, זענען אויך פאַראַן מוסרים, פּראָוואָקאַטאָרן. ס'איז אַ ריזיקע צו רעדן פון היץ, מען דאַרף זיך אפילו היטן מיט אַ געדאַנק...

העלען דרייט זיך אום אויף דער לינקער זייט. אין בעטל לינקס ליגט אַ פרוי. זי קרעכצט נישט, איר טוט מסתמא גאָרנישט נישט וויי, כאָטש זי איז געפערלעך קראַנק, אַנישט וואָלט זי דאָך דאָ נישט געלעגן. וואָלט יענע געווען געזונט, טראַכט העלען ווייטער, וואָלט זי איצט געשלאָפן אין איר אייגענעם בעט, ביי זיך אין שלאָפצימער. זי איז אַ יונגע פרוי און אַ גאַנץ שיינע.

נישט ווייט לייכט אַ רויט לעמפּל, און העלען קען גאַנץ גוט אָבסערווירן דעם שאָטן־שפּיל אויפן איידעלן פּנים פון דער יונגער קראַנקער פרוי. העלען וואָלט וועלן וויסן אויף וואָס די יונגע פרוי ליידט, וואָס איר פעלט. גייט זי נישט אַ מאָל צו קינד? ניין, די קינפּעטאָרינס ליגן אין אַן אַנדער זאַל. דאָ ליגן מסתמא בלויז די פּאַציענטן, וואָס ווייסן אַליין נאָך נישט גענוי אויף וועלכער קראַנקייט זיי ליידן. זייער דיאַגנאָז איז נאָך נישט געמאַכט געוואָרן. מאָרגן — איבערמאָרגן וועלן זייערע קראַנקייטן זיך באַווייזן, און דאַן וועט מען וויסן ווי אַזוי זיי צו היילן...

העלען איז יאָ קראַנק און נישט קראַנק. זי האָט געחלשט אין מיטן גאַס. „די געשטאַפּאָ! די געשטאַפּאָ״ — האָט מישעל אַ געשריי געטאָן דורכן פענצטער, איז זי געלאָפן, גאַס־איין, גאַס־אויס איז זי געלאָפן, ביז זי איז אַנידערגעפאַלן. אַט פאַר וואָס זי ליגט אין שפּיטאָל אין איינעם מיט די איבעריקע קראַנקע פרויען.

עס קען זיין, אַז דאָ געפינט זיך נאָך איינע אַזאַ פרוי, וואָס איז אַנטלאָפן פון דער געשטאַפּאָ, נאָך איינע, וואָס באַהאַלט זיך דאָ אויס אונטער דער מאַסקע פון אַ קראַנקייט. עס זענען אויך פאַראַן דאָקטוירים, קראַנקנברידער און קראַנקנשוועסטער, וואָס סימפּאַטיזירן און אַרבעטן מיט אַקטיוו אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. איז דאָך מעגלעך, אַז אויך דאָ אין זאַל, צום ביישפּיל, די דאָזיקע סימפּאַטישע יונגע פרוי, לינקס... פאַר וואָס נישט?

העלען וואָרט די פרוי זאָל איר עפּעס זאָגן שטילערהייט... זי וואָרט אויף אַ צייכן, אָבער די קראַנקע פרוי רעאַגירט נישט ווי געהעריק. אפשר האָט זי שוין יאָ באַמערקט, אַז העלען זוכט זי אין געדאַנק, אָבער זי איז פאַרזונקען אין אירע מחשבות, אָדער איר חלומט זיך עפּעס אויף דער וואַך. ליגט העלען אַן עלנטע אָן אַ נאָמען, אָן אַ פאַרגאַנגענהייט און אָן אַ צוקונפט.

אפשר וואָלט זי געדאַרפט אַ רוף טאָן די דיזשורנע קראַנקנשוועסטער און זיך באַקלאָגן פאַר איר, אַז עס טוט איר עפּעס וויי. זאָל זי איר געבן אַ באַרואיקונגס־מיטל. אין דער אמתן אָבער טוט איר גאָרנישט נישט וויי. זי טראַכט בלויז אַז עס וואָלט גוט געווען פאַר איר צוצומאַכן די אויגן

און איינצושלאָפֿן, האָט זי אָבער מורא. זי וויל בלייבן וואַך ביז צום סוף פֿון דער לאַנגער נאַכט, וואָס הייבט זיך ערשט אָן...

ווען עס פֿעלן אויס ווערטער, קען מען טייל מאָל שליסן באַקאַנט־שאַפֿט דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון אַ בליק, אָדער אפֿילו אָן זיין פֿאַרמיט־לונג, אין דער פֿינצטער. העלען האָט אַזוי אַרום געפּרוווט זיך פֿאַרבינדן מיט איר שכנה, ביז זי האָט עס דערגרייכט. זיי האָבן קיין איין וואָרט נישט אויסגערעדט דורך דער גאַנצער נאַכט, און דאָך האָט איינע פֿון דער צווייטער באַגינען געוווּסט אַלץ, וואָס עס איז געווען נייטיק צו וויסן: אַלץ? יאָ, אָבער אָן די פּרטים. העלען האָט צום ביישפּיל געוווּסט, אַז די יונגע פֿרוי איז נישט קיין אמתע פּאַציענטין און אַז זי ליגט דאָ בלויז ווייל אירער אַ נאָענטער מענטש איז געוואָרן מיט עטלעכע טעג צוריק אַרעסטירט דורך דער געשטאַפּאָ — כמעט איר פֿאַל. העלען האָט אָבער נישט געוווּסט, אַז דער אַרעסטירטער ווידערשטענדלער האָט אָן ענגן שייכות צום שפּיטאָל, וואָרעם ער איז איינער פֿון די דאָקטוירים דאָ און ער איז טאָקע איר חתן, אַזוינס קען מען זיך בלויז דערוויסן דורך רייד, אָבער נישט דורך אַ גע־דאַנק ווי אינטענסיוו ער זאָל נישט זיין.

ווען עס האָט אַ שפּראָץ געטון אויף טאָג, האָבן ביידע פֿרויען זיך שוין געקענט אַזוי גוט, אַז זיי האָבן מער נישט געדאַרפֿט פֿירן לאַנגע שמועסן, כדי צו קענען אויסאַרבעטן אַ בשותּפֿותדיקן פּלאַן פֿאַר די נאָענטס־טע שעהען.

קודם האָט מען געדאַרפֿט געפֿינען אַ פֿאַרבינדונג מיט ביידע ווידער־שטענדלער, אפֿשר וועט פֿאַרט זיך איינגעבן צו אָרגאַניזירן זייער באַ־פֿרייונג. פֿון אַ באַוואָפֿנטן איבערפֿאַל אויף דער געשטאַפּאָ האָט, פֿאַר־שטייט זיך, נישט געקענט זיין קיין רייד. אָבער אפֿשר קען מען פֿאָרט עפּעס צוטראַכטן.

ביז וואָס־ווען אָבער מוזן ביידע פֿרויען פֿאַרלאָזן דעם שפּיטאָל. אײַוו טאָר אויך נישט מער בלייבן ביי פֿרוי דיפּאָן. זאָל ער אין איינעם מיט זיין מאַמען זיצן אין אַ דערבייאיקן דערפֿל.

די פיר צייטן

*

העלען זיצט ביים בעטל פון איר קראַנקן יינגעלע און האָרכט זיך צו. דאָס האַרץ קלעמט איר. איר יצחקל איז קראַנק. יאָ, טאַקע איר יצחקל, וואָרעם זי רופט אים נישט מער אַזוי. הײַנט קען זי אים שוין אָנרופן נישט בלויז אין געדאַנק, נאָר אָפן און פריי פאַר דער גאַנצער וועלט: יצחק. נישטאָ מער קיין דייטשן, נישט אין דעם דאָרף, ווו זי איז פאַרבליבן צו־ליב דער קראַנקייט פון איר יינגעלע, און אפילו נישט אין פאַריז. נעכטן האָבן די דייטשן דאָרט קאַפּיטולירט, דער קאָשמאַר האָט זיך פאַרענדיקט.

פאַרענדיקט? נישט פאַר איר. איר יינגעלע איז קראַנק. אַ לונגען־אָנצינדונג. העלען וויינט אָבער נישט. זי האָט נישט מער קיין טרערן.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זי געפּרוּווט זיך פאָרשטעלן, ווי אַזוי זי וועט אויפנעמען די באַפרייונג. איין קלייניקייט: עס וועלן מער נישט זיין קיין דייטשן אין פראַנקרייך, עס וועלן מער נישט זיין קיין היצלעס און מען וועט מער נישט דאַרפן זיך שרעקן פאַר דעם מינדסטן גערויש ביי דער טיר. זי וועט דאַך, האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, משוגע ווערן פאַר פרייד.

געוויס וועט די באַפרייונג, האָט זי בעת מעשה געטראַכט, נישט זיין קיין פולע, וואָרעם די האָפענונג, אַז מישעל האָט זיך געראַטעוועט, וועט וואָס אַ טאָג ווייטער אַלץ שוואַכער און שוואַכער ווערן. קען מען דען אַרויסגיין אַ לעבעדיקער פון די שוידערלעכע פייניקונגען? און אירע עלטערן?... שוין לאַנג ווי זי גלייבט נישט מער אין תחיית המתים... אָבער דאָס וואָרט „באַפרייונג" איז געווען אַ באַפליגלט וואָרט.

איצט כאַפּט זיך העלען צו איר איבערראַשונג, אַז זי טראַכט נישט מער וועגן דער באַפרייונג, כאָטש זי איז שוין געקומען. זי קוקט אויף יצחקן און טראַכט וועגן גאָרנישט, גלייך ווי דאָס וואָלט געהאַט אַ וועלכע נישט איז ממשות...

זי רעדט צו איר יינגעלע, זי שמועסט זיך דורך מיט אים אויף שטום־לשון, אָן ווערטער, זי וויל נישט, אַז ער זאָל זיך אָנשטרענגען, זי פרעגט אים און ענטפערט זיך אַליין. אָט ווי אַזוי:

— יצחק, מיין טייער יינגעלע, טוט דיר עפעס ווי?

— יאָ, מאַמעשי, עס טוט מיר ווי.

— וווּ טוט דיר ווי, מיין יינגעלע?

— איך ווייס נישט, מאַמעשי.

— מיין טייער יינגעלע, באַלד וועט דיר ווערן לייכטער.

— ווען באַלד, מאַמעשי?

— דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז דו וועסט באַלד געזונט ווערן. ניין, ניין! שטרענג זיך נישט אָן, רעד נישט. איך ווייס אַליין, איך ווייס אַלץ. דו ביסט דאָך מיין לעבן, מיין טרייסט, מיין באַפרייונג...

— באַפרייונג?

— וואָס באַפרייונג איז, קענסטו נאָך נישט פאַרשטיין, מיין יינגעלע. דו ווייסט נישט ווער די דייטשן זענען, וואָס פאַר אַ רוצחים, וואָס פאַר אַ מערדער זיי זענען. אָבער בעסער טראַכט נישט וועגן זיי, מיין יינגעלע. איך קען דיר אָנזאָגן אַ גוטע בשורה, אַז מיר האָבן זיי פאַריאָגט פון דאַנען, מיר האָבן זיי פאַרטריבן.

— איר?

— יאָ, דיין פאָפאָ, די איבעריקע פאָפאָס און אויך איך. אַלע, אַלע האָבן מיר זיך צונויפגענומען און מיר האָבן זיי פאַריאָגט פון פראַנקרייך.

— אַזוי שטאַרק זענט איר?

— נישט מיר אַליין האָבן זיי פאַריאָגט, מיין יינגעלע. אַלע מענטשן האָבן צונויפגעלייגט די כוחות און געקעמפט אַזוי לאַנג קעגן דעם דייטש, ביז מען איז אים ביייגעקומען, און איצט זענען מיר ווידער געוואָרן פרייע מענטשן ווי אַ מאָל.

— וווּ איז דער פאָפאָ איצט?

— אַוועקגעפאָרן איז ער, מיין טייער יינגעלע, אַוועקגעפאָרן. איך האָב דיר שוין דערציילט.

— יאָ, מאַמעשי, אָבער דו האָסט מיר קיין מאָל נישט געזאָגט וווהין ער איז געפאָרן.

— ער וועט באַלד צוריקקומען צו אונדז.

— יאָ, אָבער וווהין איז ער געפאָרן?

— איך אַליין ווייס אויך נישט וווהין, ער האָט מיר נישט געזאָגט וווהין ער פאָרט.

— פאַר וואָס?

— קען זיין, ער האָט אַליין אויך נישט געוווּסט וווהין ער פאָרט, אַנישט, וואָלט ער מיר געזאָגט.

— פאַר וואָס האָט מיר זשאַן־קלאָר דערציילט, אַז מען האָט מיין פּאַפּאַ אַרויסגעפירט פון שטוב אַ צעשלאָגענעם?

— זשאַן־קלאָר ווייסט נישט.

— ער ווייסט יאָ, מאַמעשי. אויך אַנדערע קינדער האָבן געזאָגט...

— ס׳איז נישט אמת, טראַכט נישט וועגן דעם. דיין פּאַפּאַ וועט באַלד צוריקקומען.

— נישט אמת, זאָגסטו, מאַמעשי? איך וויל אויך עס זאָל זיין נישט אמת, אָבער...

— ניין, מיין טייער יינגעלע, ס׳איז נישט אמת. טראַכט נישט מער וועגן דעם, רו זיך אויס, רעד נישט מער, וועסט ווערן גיך געזונט, וועלן מיר פאָרן קיין פּאַריז... וועסט זען וואָס פּאַראַ שיינע, גרויסע שטאָט עס איז פּאַריז. דו קענסט זי נאָך נישט. אונטערוועגנס ביסטו געבוירן געוואָרן ווען מיר זענען אַנטלאָפן פון פּאַריז.

— איך בין אַנטלאָפן?

— נאַרעלע, דו ביסט נאָך דאַן אויף דער וועלט נישט געווען. ווי אַזוי האָסטו געקענט לויפן?

— אויב איך בין נישט געלאָפן, טאָ פון וואַנען בין איך געקומען אַהער?

— דאָס קען איך דיר נישט דערקלערן. דו ביסט נאָך צו קליין צו באַגרייפן אַזעלכע זאַכן.

— ווען וועל איך ווערן גרויס?

— צו ערשט ווער געזונט, מיין טייער יינגעלע, זאָל דער פּאַפּאַ צוריקקומען. דערנאָך...

— וואָס דערנאָך?

— דערנאָך וועסטו גיין אין שול, דו וועסט זיך לערנען. דו וועסט וואַקסן אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט אויסוואַקסן אַ גרויסער... אָבער איצטער שלאָף, מיין טייער ייִנגעלע, שלאָף. ווען דו וועסט זיך אויפכאַפּן אַן אויסגערוטער און אַ געזונטער, וועל איך דיר ווייטער דערציילן.

— וואָס וועסטו מיר דערציילן?

— איך וועל דיר דערציילן אַ שיין, אָבער טאַקע זייער אַ שיין מעשהלע.

— פון וואָס אַ מעשהלע?

— פון פּאַריז, פון דעם זיידן, פון דער באָבען דיינער.

— אמת, מאַמעשי?

— אמת, מיין ייִנגעלע, אָבער איצט רעד נישט מער... שלאָף... שלאָף...

א שפּראַץ אויף טאָג

די באַן־וועלט איז אַ וועלט פאַר זיך, אַ וועלט, וואָס בייט זיך כסדר.

זי גופא ווייסט נישט פון קיין דאָ און דאָרטן, זי פאַרבינדט בלויז איין מהלך מיטן צווייטן; קיין מרחק איז פאַר איר ממילא נישט צו ווייט, קיין איין סטאַנציע איז נישט גענוג אָנגעלייגט, אַזוי צו זאָגן, אַז אַ באַן זאָל דווקא ווען פאַרבלייבן דאָרטן לענגער ווי ס'איז נייטיק. אָנגעלאָדן אָדער אויסגעלאָדן די מענטשן, די בהמות, להבדיל, אָדער די סחורות — און זי פאָרט ווייטער.

אַזאָ איז די באַן־וועלט.

אַ צוג קומט אָן, אַ צוג גייט אַוועק. עס לויפן וואַגאָנען מיט תבואה, מיט מאַשינען, מיט בהמות, אָדער מיט מענטשן. פאַראַן וואַגאָנען ערשטע און וואַגאָנען צווייטע קלאַס. און טייל מאָל זענען די פּאַסאַזשירן זעלנער. יאָ, דייטשע זעלנער פון דער אָקופּאַציע־אַרמיי.

וועט דאָ טאַקע ווערן דערציילט וועגן דער באַן־וועלט, אַזוי ווי זי האָט אויסגעזען אין פראַנקרייך.

:

געווען דאַן אויך אַ גאַנץ באַזונדערער מין פּאַסאַזשירן, וואָס פלעגן פאָרן אָדער בעסער געזאָגט — געפירט ווערן פון מערב קיין מזרח און קיין מאָל נישט פאַרקערט. די דאָזיקע „פּאַסאַזשירן", פלעגן אַרויסגעשלעפּט ווערן פון זייערע בעטן און די עס־עס־לייט פלעגן זיי אַריינשליידערן אין די וואַגאָנען ערגער ווי מען טוט עס מיט בהמות, וואָס מען פירט צום שעכטהויז.

די „צוואַנג־פּאַסאַזשירן" פלעגן געפירט ווערן צו די אויסראָטונגס־לאַגערן אין פוילן.

מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן די באַן־מאַשיניסטן. אין זייערע הענט ליגט דער גורל פון דער באַן־וועלט. וואָרעם ס'איז גענוג, אַז דער באַן־

מאַשיניסט זאָל איינדרעמלען אויף אַ רגע, אַז ער זאָל פּאַלש אַ דריק טאָן אויף אַ קנאָפּ — און דער צוג זאָל אַראָפּ פון די רעלסן און צעשמעטערט ווערן אויף פּיץ־פּיצלעך.

געוויינטלעך היט זיך דער באַן־מאַשיניסט און גיט גוט אַכטונג אויף די סיגנאַלן, וואָס ער באַגעגנט אין וועג. ער ווייסט, אַז אים זענען נישט בלויז אַנגעטרויט געוואָרן פרעמדע מענטשלעכע לעבנס, נאָר אַז ער גופא ריזיקירט אויך מיט זיין לעבן, אויב ער וועט נישט זיין פּאָרזיכטיק. סיידן — סיידן ער האָט חשק צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

אָבער אַ באַן־מאַשיניסט האָט אַפילו נישט קיין צייט בעת דער נסיעה זיינער צו טראַכטן וועגן זעלבסטמאָרד. אַלע זיינע געדאַנקען זענען פאַר־טאָן מיטן לאָקאָמאָטיוו, וואָס ער פירט; ער אָטעמט מיטן לאָקאָמאָטיווס אָטעם און זיין האַרץ קלאַפּט מיט לאָקאָמאָטיווס ריטעם. אויב שוין יאָ זעלבסטמאָרד צוליב דער אָדער יענער סיבה, וועט אַ באַן־מאַשיניסט גיכער וועלן זיך אַריינוואַרפן אין אַ טיפן טייך אַריין, אָדער זיך לאָזן פאַרברע־נען לעבעדיקערהייט — ערשט נאָך דעם, ווי ער וועט האָבן צוגעפירט זיין צוג צו אַ זיכערער סטאַנציע.

לייענט מען אַ מאָל אין אַ צייטונג, אַז דאָ אָדער דאָרט איז פאָרגע־קומען אַ באַן־קאַטאַסטראָפע, דאַרף מען זיך משער זיין, אַז זי איז געשען קעגן דעם ווילן פונעם באַן־מאַשיניסט. ער האָט אפשר געהאַט אַ טעות ביים מאַנעווורירן, די סיגנאַליזירונג האָט אפשר נישט פונקציאָנירט ווי גע־העריק און אַנשטאָט רויט איז דער סיגנאַל געווען בלוי, אָדער די רעלסן זענען געווען צעקרימט און צעבויגן, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

אָבער היות ווי ס'איז נישטאָ, ווי מען ווייסט, אויף דער גאָרער וועלט אַ כלל אָן אַן אויסנאַם, קען געשען — און בעת דער היטלער־אָקופּאַציע איז עס מער ווי איין מאָל געשען — אַז די שינעס ווערן אויפגעשרויפט דורך ווידערשטענדלער, אָדער די סיגנאַלן ווערן בכיוון אומגעביטן. ס'האָט אויך געטראָפן, אַז דער באַן־מאַשיניסט האָט מיט די הענט זיינע געפירט דעם צוג אין אָפּגרונט אַריין, הגם ער האָט דערמיט געשטעלט דאָס אייגן לעבן אין געפאַר.

געמיינט זענען דאָ, פאַרשטייט זיך, די באַן־קאַטאַסטראָפעס, ביי וועל־כע עס זענען צעשטערט געוואָרן די דייטשע מיליטער־טראַנספּאָרטן.

האַרט פאַר זייער מפּלה, האָבן די דייטשן פאַרלוירן זייער לעצט ביסל צוטרוי צו די פראַנצויזישע באַן־מאַשיניסטן, (וואָס אין דער גרעסטער מער־הייט זייערע האָבן זיי געהערט צו דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג), און בכלל צום גאַנצן פראַנצויזישן באַן־וועזן, אַנגעהויבן פון די סטאַנציע־פאַרשטייער און פאַרענדיקט מיט די וועכטער אויף די וועגן, אַלע זענען געוואָרן פאַרדעכטיקט אין זייערע אויגן.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין — זיך באַגיין אָן די פראַנצויזישע באַן־לייט האָבן די דייטשן נישט געקענט. האָבן זיי קיין עצה נישט געהאַט און גע־מוזט באַנוצן זיך מיט דער פראַנצויזישער באַן־וועלט.

*

זומער, ניינצן הונדערט פיר און פערציק.

אין דער גרופּע ווידערשטענדלער פון שאַמבערי האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט זיך גערופן פראַנסואַ דערבעז. די גרופּע ווידערשטענד־לער פון שאַמבערי איז אין לויף פון דעם זומער געוואָרן אַזוי שטאַרק און מעכטיק, אַז זי האָט זיך געפילט בכוח צו קענען איינקלעמען די דייטשע חיילות צווישן צוויי פייערן.

זיין ריכטיקער נאָמען איז אייגנטלעך נישט געווען פראַנסואַ דערבעז. געהייסן האָט ער גאָר פרידריך שילער, פונקט ווי דער גרויסער דייטשער דיכטער. און דאָך, נישט געקוקט אויף זיין באַרימטן דייטשן נאָמען, איז ער נישט געווען קיין „ריין אַרישער", כאָטש אויסגעזען האָט ער דווקא מער „דייטש" ווי אַ סך אמתע דייטשן.

ער איז געווען הויך געוואַקסן, בלאָנד און פאַרמאָגט האָט ער אַ פּאָר טיף־בלויע אויגן. די היטלעריסטן וואָלטן געוואָרן מלא חימה ווען זיי וואָלטן זיך אָנגעשטויסן אין פראַנקרייך אויף אַזאַ מין פרידריך שילער.

פרידריכס נאָמען און אויסזען זענען געווען פאַר אים אַ ברכה און אַ קללה אין דער זעלבער צייט.

שוין אין זיין היימשטאָט, אין בערלין, מיט צען יאָר צוריק, האָט דער קליינער פריץ — נאָך דעם ווי היטלער האָט פאַרכאַפּט די מאַכט — גע־האָט אויסצושטיין צרות צוליב זיין בלאָנדן אויסזען און עכט דייטשן, באַ־רימטן נאָמען. זיינע שול־חברים און זיינע לערער האָבן אים געטרודפּט, ס׳האָט אויסגעקוקט, ווי זיי וואָלטן אים באַשולדיקט, אַז ער האָט זיך אָנ־געטאָן אַ מאַסקע פון אַן אַרישער „פיזיאָנאָמיע״ און אַז ער האָט געגנבעט פון זיי איינעם פון זייערע בעסטע און אָנגעזעענסטע נעמען.

אין דער היים האָבן טאַטע־מאַמע זיך באַמיט צו נישט צו מאַכן די דאָזיקע לעכערלעכע באַשולדיקונג. ביז צו היטלערס אויפשטייג האָט די משפחה שילער כמעט ווי נישט געוווּסט ווער עס איז אַן אמתער ייד. זיי האָבן נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס מען האָט צו זיי און צו זייער בן־יחיד. זיי האָבן זיך געזאָגט, אַז מסתמא זענען אַלע זייערע אַמאָליקע באַקאַנטע און געוועזענע גוטע־פריינד פּלוצלונג משוגע געוואָרן, פאַר־כאַפּט פון אַ היטלער־פּסיכאָז, וואָס וועט אָבער נישט לאַנג דויערן.

פריץ האָט נאָך וויניקער ווי זיינע עלטערן פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך אַרום אים, פאַר וואָס מען באַהאַנדלט אים אין קלאַס ווי אַ פאַרשטוי־סענעם, כאָטש ער איז אַ גוטער תלמיד. די דייטשע געשיכטע, די דייטשע געאָגראַפיע קען ער דאָך בעסער ווי למשל האַנס, אַדאָלף אָדער אָסקאַר.

ער האָט זיך געפילט ווי דערלייזט, ווען מען האָט אים פאַריאָגט פון דער אַלגעמיינער דייטשער שול אין איינעם מיט די איבעריקע יידישע קינדער. שפּעטער, ווען ער האָט מיט די עלטערן פאַרלאָזט דייטשלאַנד, האָט ער זיך געפילט ווי איינער, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַ שלאַנגען־גרוב.

אין פראַנקרייך איז ער באַלד היימיש געוואָרן, נישט געקוקט אויפן שווערן מאַטעריעלן מצב פון זיינע עלטערן. אין אַ גאָר קורצער צייט איז ער געוואָרן היימיש אויך מיט דער פראַנצויזישער געשיכטע און מיט דער פראַנצויזישער געאָגראַפיע. אים איז געלונגען שנעל צו דעריאָגן זיין קלאַס אין פאַריזער ליציי, וווּ ער איז אַן שוועריקייטן אויפגענומען געוואָרן.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן און זיין פאָטער איז, ווי אַ דייטשער בירגער, אינטערנירט געוואָרן דורך די פראַנצויזן, האָט

ער געהאַט פאַרענדיקט דעם צווייטן קלאַס און באַוויזן אָפּצוגעבן דעם ערשטן מאַטורע־עקזאַמען. עס האָט אָבער נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן פאַרזעצן די לימודים. ער איז ווידער געבליבן שטעקן נישט אַהין, נישט אַהער מיט זיין דייטשן באַרימטן נאָמען און מיט זיין „עכט אַרישן" בלאָנדן אויסזען.

איצט אָבער האָט ער שוין נישט מער געטאַפּט אין אַ פינצטערניש ווי מיט יאָרן צוריק, וואָס שייך דער רעטעניש פון זיין אָפּשטאַמונג. ברעקלעך און שטיקלעך וועגן דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק זענען שוין געהאַט דערגאַנגען צו זיין באַוווסטזיין. ער איז אפילו געווען גרייט זיך „מודה" צו זיין, אַז ער פאַרשטייט פאַר וואָס און מיט וואָס ער איז אַ ייד. זיין פאַרבונדנקייט מיט דער יידישער פאַרגאַנגענהייט איז אָבער געבליבן אַ פאַרנעפּלטע און געדריקט אין זיין אונטערבאַוווסטזיין.

דעם זעכצנטן יולי, ניינצן הונדערט צוויי און פערציק — גראָד איז ער אין דער נאַכט פון פופצנטן אויפן זעכצנטן יולי אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר — זענען פרידריכס עלטערן, אין איינעם מיט צענדליקער טויזנטער אַנדערע יידן, אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט זיי איינגעשפּאַרט אינעם ווינטער־וועלאָדראָם.

די ביטערקייט, וואָס האָט זיך ביי אים געהאַט אָנגעזאַמלט, האָט זיך אויסגעגאָסן. דעם פאַרוואָס פון די אַנטי־יידישע רדיפות האָט ער טאַקע נישט פאַרענטפערט און נישט דערקלערט, אָבער ער האָט אויך מער נישט געקענט נישט סאָלידאַריזירן זיך מיטן אַלגעמיינעם יידישן גורל.

וואָס פאַר אַן אונטערשיד איז דען ווי ער הייסט; וועמענס עסק איז דאָס, צי ער איז בלאָנד, צי שוואַרץ, צי זיינע אויגן זענען בלויע אָדער ברוינע — אַזוי צי אַזוי איז ער אַ ייד, און אַ ייד וועט ער בלייבן, נישט געקוקט אויף אַלע געפאַרן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער יידישקייט; אַ ייד וויל ער פאַרבלייבן, אַפילו ווען אים זאָל זיך איינגעבן, אַ דאַנק זיין נאָמען און זיין אויסזען, צו לייקענען אין זיין יידישער אָפּשטאַמונג.

אָבער דאָס הייסט נישט, אַז ער מוז אַן שום נוצן פאַר זיך און פאַר אַנדערע זיך אַריינוואַרפן צום לייב אין פיסק און זיך בעטן, אַז ער זאָל

אים איינשלינגען אַ לעבעדיקן. פון זיין נאָמען און אויסזען וועט ער ציען אַ נוצן פאַר דער פראַנצויזישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

*

מער ווי אַ סך אַנדערע פראַנצויזישע ווידערשטענדלער האָט פרידריך געקענט ברענגען נוצן דער באַוועגונג. מיט זיין דייטש רעדן און מיט זיין עכט אַרישן אויסזען האָט ער געקענט געווינען דעם צוטרוי פון די אָקופּאַנטן.

אָבער דעם נאָמען זיינעם האָט ער דאָך געמוזט אָוועקוואַרפן. אין די נייע באַדינגונגען איז דאָס געווען אַ קאָמפּראָמיטירנדיקער נאָמען. ווי קומט צו אים אַזאַ נאָמען? — האָט די געשטאַפּאָ געהאַט רעכט אים צו פרעגן. איז ער נישט אַ מאָל אַ דייטשער ייד? דאָס האָבן דאָך די יידן אין דייטשלאַנד זיך מאַסקירט אונטער פרעמדע נעמען. און וואָלט די געשטאַפּאָ נאָכגעפאָרשט, וואָלט דאַן אַרויסגעקומען דער ריינער אמת.

פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט ער באַקומען פּאַפּירן אויפן נאָמען פון פראַנסואַ דעברעז און ער האָט געזאָלט זיך האַלטן גרייט צו באַ־טייליקן זיך אין אַן אַקציע, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט ספּעציעל פאַר אים, אין אַן אַקציע, אין וועלכער ער וועט קענען אָנווענדן אי זיינע קענטעניש אין דער דייטשער שפּראַך, אי זיין מכלומרשט אַרישן אויסזען.

פרידריך שילער האָט גאַר גיך זיך איינגעלעבט מיט זיין נייעם נאָמען.

— מיט עטלעכע יאָרן צוריק — האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין זיין שול־חבר מאַרסעל, וואָס האָט אים געפרעגט ווי אַזוי ער פילט זיך מיט זיין נייעם נאָמען — ווען מען וואָלט מיר געזאָגט, אַז איך וועל אין איין שיינעם טאָג זיך אויפכאַפּן נישט ווי פרידריך שילער, נאָר ווי זשאַן ראַסין, לאָמיר זאָגן, אָדער ווי קאָרנעי, אָדער אפילו ווי בלעז פּאַסקאַל, און עס וועט מיר נישט אָנהייבן צו אַרן, וואָלט איך עס נישט געגלייבט אויף מיר. איצט אָבער, דו פאַרשטייסט...

— פאַר וואָס אַ מאָל נישט און איצט יאָ? — האָט מאַרסעל געוואָלט וויסן.

— איך האָב אויפגעהערט זיך צו אידענטיפיצירן מיטן אַמאָליקן דייטש־לאַנד, פון דעם היינטיקן דייטשלאַנד שמועסט מען שוין נישט. אַט פאַר וואָס מיין אַלטער נאָמען איז מיר געוואָרן פולשטענדיק גלייכגילטיק.

— און מיט וועמען אידענטיפיצירסטו זיך יאָ?

— שוין גיכער אפשר מיט משהן פון דער ביבל, מיט דוד המלך, מיט ישעיה הנביא...

— אויך איך בין פריער געווען רעליגיעז. איך שטאַם פון אַ פרומער קאַטוילישער משפחה און איך האָב געלייענט אי דעם נייעם, אי דעם אַלטן טעסטאַמענט...

— דו ווייסט גאַנץ גוט, מאַרסעל, אַז איך בין פונקט אַזאַ פריידענקער ווי דו, און נישט וועגן רעליגיע, נישט וועגן דער יידישער רעליגיע רעד איך...

— נאָר וועגן וואָס רעדסטו?

— איך ווייס אַליין נישט וועגן וואָס. מסתמא רעד איך וועגן דער געלער לאַטע, וואָס איך האָב געטראָגן איידער מיינע עלטערן זענען דע־פאָרטירט געוואָרן...

— אָבער איך פאַרשטיי נישט פאַר וואָס דו אינטערעסירסט זיך מיט אַ פּראָבלעם, וואָס איז דיך נישט דירעקט נוגע.

— אַלע פּראָבלעמען אינטערעסירן מיך.

— גוט. אָבער איצט פאָרסטו צוריק קיין פּאַריז, און אַלע דיינע גע־דאַנקען דאַרפסטו קאָנצענטרירן אַרום איין זאַך: היטן זיך, זיין פאָרזיכטיק. דו ביסט אַ פאַרבינדלער צווישן שאַמבערי און פּאַריז, און דיין אויפגאַבע איז גאָרנישט קיין לייכטע.

— צו דעם בין איך שוין געוואָרן קאַלטבלוטיק, טאָמער פאַל איך אַריין

— מילא, מען קען דאָך פון דעם אייגענעם גורל נישט אַנטלויפן. אָבער אויך דו, ווי איך ווייס, קלייבסט זיך דורכפירן אַן אַקציע, וואָס איז פאַר־בונדן מיט גאָר גרויסע סכנות.

— איך בין גרייט. מיר זענען פאַרבליבן צען טעג ביז צום שפרונג. איך וועל זיי פאַרברענגען לעבן דיין שוועסטער אויפן פלאַטאָ ד'אַפּי.

— גיב איר איבער אַ האַרציקן גרוס פון מיר.

— איך דאַנק דיר, מאַרסעל, וואָס דו האָסט מיך באַקענט מיט איר.

איך וווּנדער זיך פון וואַנעט עס קומט צו אַזאַ יונג מיידל אַזוי פיל דער־פאַרונג און איינזעען.

— פון איר קראַנקייט אוודאי.

— זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי פילט זיך לעצטנס בעסער. לאָמיר האָפן, אַז זי וועט געזונט ווערן אין דער סאַנאַטאָריע.

— לאָמיר האָפן...

די חברים האָבן זיך געזעגנט. מאַרסעל האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין קיין פּאַריז, און פראַנסואַ האָט גענומען דעם צוג קיין פּלאַטאָ ד'אַפי, צו דער סאַנאַטאָריע, וווּ מאַרסעלס שוועסטער אַריאַן ריוויער האָט זיך געפונען.

*

צען טעג זענען אים פאַרבליבן ביז צום לעצטן שפּרונג זיינעם, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. די שליחות, וואָס ער האָט געזאָלט אויספירן פאַר דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט נישט געקאָנט אַנדערש זיך פאַרענדיקן ווי אָדער מיטן טויט אָדער מיט דער פרייהייט.

דער גורל פון דער לונגען־קראַנקער אַריאַן ריוויער האָט אין די טעג זיך אויך געפונען אויפן שיידוועג: צום גוטן אָדער צום בייזן.

די דאָקטוירים און די קראַנקנשוועסטער האָבן דיאַגנאָסטירט דעם קריזיס. אָבער זי גופא האָט נישט געליטן מער ווי פריער. זי האָט בלויז באַמערקט דעם איבערברוך אין איר וויטאַליטעט.

— איך ווייס נישט ווי אַזוי דיר דאָס צו דערקלערן, מיין ליבער פראַנסואַ, וואָרעם דאָס לאָזט זיך נישט איבערגעבן אין ווערטער.

— איך ווייס נישט גענוי וואָס דו מיינסט, אָבער איך שטויס זיך אָן...

זי האָט געשמייכלט. עס האָט אויסגעקוקט ווי זי וואָלט זיך מיט איר שמייכל באַדינט, ווי מיט אַ פּרעצייכן.

נאָך דער דאָזיקער באַגעגעניש האָט אַריאַנס געזונט־צושטאַנד אָנגעהויבן זיך צו פאַרבעסערן, ווי אַ נס וואָלט געשען. זי האָט גענומען אורלויב פון דער סאַנאַטאָריע. ערגעץ וווּ האָבן זיי געדונגען אַ צימערל ביי אַ פּויער אין די בערג.

געציילטע טעג האָבן זיי פאַרמאָגט, צען טעג אין גאַנצן. די טעג

זענען געווען קורצע, טעג, וואָס פאַרשווינדן נאָך איידער מען קוקט זיך אַרום.

פראַנסואַ און אַריאַן האָבן איינער פאַרן צווייטן נישט געקאַרגט קיין צערטלעכקייט. זיי האָבן זיך באַמיט אויף ווי ווייט מעגלעך נישט צו טראַכטן וועגן דעם טאָג ווען זיי וועלן דאַרפן זיך צעשיידן, ווער ווייסט אויף ווי לאַנג, אויב נישט גאָר אויף אייביק.

ס׳איז געווען ווי אַ חלום אויף דער וואָר: דער בלויער הימל, די בערג, דאָס קליינע קלאָרע טייכעלע, וואָס שלענגלט זיך אין טאָל, די סאַנאַטאָריע מיט אירע דאָקטוירים און מיט אירע קראַנקע, אַריאַן ריוויער, וואָס געפינט זיך איצט אויפן וועג צו געזונט, און איר חבר, פריריך שילער, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים אין דער געשטאַלט פון אַ פראַנסואַ דעברעז.

— מיר האָבן נאָך פינף טעג, אַריאַן, פינף טעג. דאָס איז נישט קיין קלייניקייט.

— פינף קורצע טעג, פראַנסואַ.

*

לעבן דעם פראַנצויזישן באַן־מאַשיניסט אין לאָקאָמאָטיוו זיצט אַ דייטשער זעלנער פון דער ווערמאַכט. מען קאָן זיך איצטער נישט מער פאַרלאָזן אויף די פראַנצויזישע באַן־מאַשיניסטן. ווילד זענען זיי געוואָרן זינט די אַליאירטע האָבן זיך אַרויסגעזעצט אין פראַנקרייך. זיי מיינען, אַז דייטשלאַנד האָט שוין ענדגילטיק פאַרשפילט די מלחמה. אָבער נאָך איז „דויטשלאַנד איבער אַלעס״... נאָך... נאָך...

זינגען טאַקע דעם דאָזיקן דייטשן הימען די זעלנער אין מיליטער־צוג, וואָס פאָרן איצט אין דער טיפער נאַכט אויף אורלויב קיין דייטשלאַנד, אָדער דאָס דוכט זיך בלויז דעם געהילף־מאַשיניסט, אָדער בעסער געזאָגט, דעם וועכטער־מאַשיניסט?

איבער אַלעס? איבער אַלעס אין דער וועלט?

ניין, טראַכט דער וועכטער־מאַשיניסט. נאָך אַ ווײַלע, נאָך אַ רגע, און אַ גרויסע צאָל פון די סאָלדאַטן און געשטאַפּאָ־לייט, וואָס געפינען זיך אין דעם דאָזיקן אורלויב־צוג, וועלן ליגן „אונטער אַלעס אין דער וועלט״; אונטער די רעדער וועלן זיי ליגן, ווער אָן אַ האַנט און ווער אָן אַ פוס,

ווער אין גסיסה און ווער שוין טויט. אונטער אַלעס... אונטער אַלעס אין דער וועלט...

עס איז, פאַרשטייט זיך, נישט אויסגעשלאָסן, טראַכט זיך דער געהילף־מאַשיניסט, אַז אויך איך וועל בעת מעשה אומקומען, אָדער נאָך ערגער: אַרויסגיין אַ שווערע קאַליקע פון דער באַן־קאַטאַסטראָפע, וואָס מיר ביידע, דער אמתער, דער פראַנצויזישער באַן־מאַשיניסט, און איך גופא, גרייטן צו קאַלטבלוטיק. אפשר וועלן מיר ביידע נישט באַוויזן אַרונטערצושפּרינגען פון דעם צוג איידער דער דינאַמיט־רוקזאַק וועט עקספּלאָדירן, אָבער אויף דעם זענען מיר ביידע גרייט. זיין קרבן איז נאָך אַ גרעסערער ווי מיינער, וואָרעם ער איז אַ באַווייבטער און אַ טאַטע פון דריי קליינע קינדער, בעת איך...

דער אַלאַרם־סיגנאַל האָט אַ קלונג געטאָן צוויי מינוט פריער איידער דער באַן־מאַשיניסט און זיין דייטשער וועכטער האָבן געזאָלט אַרויסשפּרינגען פון לאָקאָמאָטיוו, אַזוי ווי עס איז געווען אָפּגעמאַכט צווישן זיי. אָבער עס איז דאָך גאָר נישט געווען קיין רייד, פליט דורך אַ געדאַנק דורך פראַנסואַס מוח, וועגן אַ וועלכן נישט איז סיגנאַל. ווער זשע האָט געגעבן דעם אַלאַרם־סיגנאַל? וואָס איז דאָ געשען? ס'איז בלויז אָפּגערעדט, אַז ווען דער צוג וועט אָנקומען אויפן שיידוועג ווו די באַן־רעלסן צעצווייגן זיך אין פאַרשידענע ריכטונגען, וועט מען פאַרלאַנגזאַמען זיין גאַנג, כדי די מאַשיניסטן זאָלן קאָנען אַרונטערשפּרינגען באַצייטנס פון לאָקאָמאָטיוו איידער דער רוקזאַק וועט עקספּלאָדירן.

קיינער אין דעם דאָזיקן צוג, חוץ זיי ביידע, האָט דאָך נישט געקאָנט זיך ריכטן אויף דער אָנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע, טאָ ווער־זשע האָט אין איינעם פון די וואַגאָנען געגעבן דעם אַלאַרם־סיגנאַל? ווער?

די געדאַנקען לויפן שנעל. ס'איז נישטאָ קיין צייט זיי צו קאָנטראָלירן. וואָס עס זאָל נישט האָבן געשען, איז געקומען דער מאָמענט אַ וואָרף צו טאָן דעם דינאַמיט־רוקזאַק. אין אַ ברוכטייל פון אַ סעקונדע האָט פראַנסואַ זיך געכאַפּט, אַז דער אַלאַרם־סיגנאַל וועט דעם אַטענטאַט פאַרלייכטערן. אויף יעדן פאַל וועט זיין חבר דער באַן־מאַשיניסט האָבן אַ געלעגנהייט זיך אַרונטערצוכאַפּן פון דעם צוג, כדי כלומרשט צו זען וואָס עס איז געשען,

און ער אַליין וועט דאַן וויניקער ריזיקירן מיט זיין לעבן.

דער צוג האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אָפּצושטעלן און די קאַטאַסטראָפּע איז שוין געשען.

*

דער אַטענטאַט האָט זיך איינגעגעבן. ער האָט גורם געווען אַ היפּשע צאָל טויטע און פאַרוואונדעטע צווישן די פּאַסאַזשירן פון דעם אורלויב־צוג. דער פראַנצויזישער באַן־מאַשיניסט איז אָבער אַרויס בשלום בעת דעם געפּילדער און רעש, וואָס איז אַנטשטאַנען.

צווישן די לייכט־פאַרוואונדעטע האָבן זיך געפונען אויך פראַנסואַ דעברעז, דער כלומרשטער דייטשער וועכטער־מאַשיניסט און... אַריאַן רי־וויער, וואָס איז געווען פאַרקליידט ווי אַ דייטשער זעלנער.

זיי זענען פאַרוואונדעט געוואָרן אַ „שפּראָץ אויף טאָג". ווען מען האָט זיי אָפּגעפירט אין שפּיטאָל איז שוין די זון געשטאַנען הויך אין הימל. זייערע וואונדן זענען געווען לייכטע און נאָך דעם ווי מען האָט זיי באַנ־דאַזשירט, וואָלטן זיי געקאָנט גאַנץ רואיק פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל און אָפּ־וואַרטן זייער גענעזונג ביי זיך אין דער היים.

ווו איז אָבער געווען זייער היים? ווער זענען זיי? זיי טראָגן ביידע מונדירן פון דער דייטשער ווערמאַכט? איז אויב אַזוי, זאָלן זיי גיין צום טייוול. אמת, אַ דאָקטער און אַ קראַנקנשוועסטער טאָרן נישט מאַכן קיין אונטערשיד צווישן אַ פראַנצויזישן און אַ דייטשן פאַרוואונדעטן אַפילו ווען עס זאָל זיך אַרויסשטעלן, אַז דער פאַרוואונדעטער איז אַ געשטאַפּאָ־מאַן; אַ קראַנקער איז אַ קראַנקער.

ווייזט זיך אַרויס, אַז נישט איינער, נישט דער אַנדערער געהערט אויף אַן אמת צו דער דייטשער ווערמאַכט. נאָך מער: איינער פון זיי איז נישט קיין מאַן, נאָר אַ פרוי, און זי רעדט פראַנצויזיש אָן דעם מינדסטן אַקצענט, אַזוי ווי נאָר אַ געבוירענער פראַנצויז קען רעדן.

די פאַרוואונדערונג פונעם דאָקטער, וואָס האָט זיי באַטראַכט, האָט לאַנג נישט געדויערט. אַריאַן ריוויער האָט כמעט אין דער אייגענער רגע געפונען אַ געלעגנהייט ווי אַזוי אים אַריינצושושקען אין אויער אַריין ווער און וואָס זיי זענען ביידע אין דער אמתן. זי האָט אפילו נישט קיין מורא

געהאַט טאָמער איז גראָד דער דאָקטער אַ שונא פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, ווייל די מאַכט פון די דייטשע אָקופּאַנטן און פון זייערע פראַנצויזישע מיטהעלפער האָט שוין סיי ווי סיי געהאַלטן אין גוססן אין דער טולוזער געגנט, ווו די באַן־קאַטאַסטראָפע האָט זיך אָפּגעשפּילט.

„אַ שפּראָץ אויף טאָג" איז געווען די לעצטע דורך די ווידערשטענדלער פון דרום־פראַנקרייך אויסגעפירטע אַקציע קעגן דער דייטשער אָקופּאַציע־אַרמיי.

נאָך דעם דאָזיקן געלונגענעם „שפּראָץ אויף טאָג", איז פאַרשטייט זיך געקומען דער טאָג אַליין. דער דאָזיקער ערשטער טאָג ערב דער ענדגילטיקער באַפרייונג איז געווען צו קורץ סיי פאַר אַריאַן, סיי פאַר פראַנסואַ. זי האָט נישט באַוויזן אים צו דערציילן אַלץ ווי אַזוי איר איז געלונגען צו פועלן ביי די פאַראַנטוואָרטלעכע פירער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, אַז זיי זאָלן איר פאַרשאַפן די דייטשע זעלנערישע קליידער און אַז זיי זאָלן איר דערלויבן געבן דעם אַלאַרם־סיגנאַל אין דער געהעריקער מינוט, כדי פראַנסואַ זאָל באַוויזן צו פאַרלאַנגזאַמען דעם צוג און אַרויסשפּרינגען באַצייטנס פון אים.

זי האָט זיי איבערצייגט, אַז דער אַטענטאַט קען ווערן אויסגעפירט און פראַנסואַ זאָל דערביי נישט דאַרפן מקריב זיין זיין לעבן.

פארט א ייִד קיין ישראל

פאַרט אַ ייד קיין ישראל

1

פאַראַן געזאַנגען און ניגונים, וואָס מוזן דורכמאַכן אַלערליי גילגולים איידער זיי באַקומען זייער רעכטן תיקון. זיי וואַנדערן אויס אַ וועלט מיט מענטשן, וואַלגערן זיך אויס אין פאַרשידענע צייטן, קומען אַריבער פון איין דור צום צווייטן — אַט אַזוי ווי י. ל. פּרץ האָט עס געשילדערט אין זיין „גילגול פון אַ ניגון" — ביז, זיי קומען אָן ערגעץ־ווו געלייטערטע, אויס־געלייזטע. זייערע וואַנדערונגען מאַכן זיי דורך צווישן חלום און וואָר. דער־פאַר טאַקע איז אַזוי שווער מיטצוגיין מיט זיי.

עס טרעפט, אַז אויפן וועג שטייען צו זיי צו נאָך אַנדערע ניגונים, וואָס זענען אפשר צו שוואַך מיט זייערע אייגענע כוחות צו פליען אין די הימלען, און זיי בלייבן שטעקן, אַזוי צו זאָגן, אין זייער רעפריין אָדער אין די ערשטע טענער זייערע. געפינט זיך איין אַ ניגון, וואָס האָט רחמנות אויף זיי, נעמט זיי אַרונטער אונטער זיינע פליגל, צוזאַמען מיט אים, אונטער זיין שוץ, וועלן זיי אפשר אויך אויפגעריכט ווערן.

אַזאַ מין גילגול האָט דורכגעמאַכט דאָס פאָלקסליד „אויפן וועג שטייט אַ בוים..."

ניין, נישט אין זכות פון זיין אינהאַלט און אויך נישט אין זכות פון זיין מעלאָדיע האָט זיך דאָס ליד דערדינט צו דער גדולה, נאָר ווייל עס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסן חלום, וואָס האָט זיך איבערגעחזרט אין משך פון אַ סך דורות.

„פאָרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל" הייסט דער דאָזיקער חלום. דורות יידן האָבן געזונגען דאָס ליד; זיי האָבן אַריינגעלייגט אין אָט דעם געזאַנג גאָר זייער האָפענונג.

און עס פלעגט טרעפן, אַז אַנהייבן פלעגן זיי זינגען זייער ליד אין חלום, כדי עס צו פאַרענדיקן זינגען אויף דער וואָר; טייל מאָל אָבער איז דער סדר געווען אַ פאַרקערטער: אָנגעהויבן וואַקסן האָט עס אויף דער

וואָר, און שפּעטער פלעגט דאָס ליד זיך פאַרצווייגן אין חלום, וואָרעם אין דער ווירקלעכקייט האָט אים פאַרפעלט לופט צו עטעמען.

אָבער אייגנטלעך, ווערט דאָך דאָס פאָלקסליד זייער זעלטן דערזונגען ביז צום סוף, בפרט נאָך, אויב עס כאַפּן זיך מיט דער צייט אין אים אַריין נייע ווערטער, נייע שטימונגען; בפרט נאָך, אויב דער ניגון זיינער באַ־קומט — צוליב די אָדער יענע טעמים — אַ טיפערן רעזאָנאַנס, אַ ווייטערן ווידערקול...

יצחק האָט ליב געהאַט צו זינגען און צו הערן זינגען פאַרשידענע יידישע פאָלקסלידער, טייל מאָל — ביז אין זייער צענטן גורל אַריין.

„אויפן וועג שטייט אַ בוים"...

וויפל מאָל דוכט זיך אים, אַז זיין עלטער־עלטערבאָבע האָט שוין גע־זונגען דאָס דאָזיקע ליד.

יאָ, יצחק געדענקט נאָך גוט זיין עלטער־עלטערבאָבען, וואָס האָט אַריינ־געלעבט אַ שטיק אינעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אַריין. איטע־באָשע האָט זי געהייסן. יצחק איז נאָך דעמאָלט געווען אַ פּיצל קינד, בסך־הכל פיר־פינף יאָר איז ער אַלט געווען, ווען ער האָט צום לעצטן מאָל געהערט זיין עלטער־עלטערבאָבען זינגען „אויפן וועג שטייט אַ בוים". מיט איר צע־קאַרבטן, צעאַקערטן און איינגעפאַלענעם קולכעלע האָט זי עס געזונגען. איר שטים איז געווען פול מיט קנייטשן; אַ שטים — אַ חורבה, וווּ איטלעך וואָרט און יעדער טאָן אין איר איז געווען אויסגעווייִנט און אויסגעמוטשעט.

וואָס איז דער ווונדער? איז דאָך איטע־באָשע געווען שטאַרק פאַר־מאַטערט פון אירע אשת־חילדיקע הונדערט יאָר לעבן. זי האָט פאַר דער צייט באַוויזן איבערצולעבן איר מאַן, ר' שיע־זלמן, וואָס איז ערגעץ אין וועג אומגעקומען בעת זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל.

ר' שיע־זלמן איז געווען איינער פון יענע פּאַרצייטיקע יידן, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ בענקשאַפט נאָך ציון — ביי שחרית, ביי מנחה און ביי מעריב און אַפילו אויך אין מיטן דער נאַכט, בעת זיי פלעגן אויפשטיין פראַווען חצות. אַזוי לאַנג און אַזוי ווייט, ביז די דאָזיקע בענקשאַפט האָט זיי אַרומגעכאַפּט פון קאָפּ ביז די פיס, זיי

באַפאַלן און באַפוילן: „לך לך״! אַ גזירה מן השמים! מען האָט געמוזט זי מקיים זיין.

האָט ר׳ שיע־זלמן איינעם אַ דינסטיק (ווייל פון אַלע טעג פון דער וואָך איז דינסטיק, ווי באַקאַנט, דער מזלדיקסטער טאָג) נאָך שחרית־דאַווענען, אַ וואָרף־געטאָן אַ פעקל אויף דער מאָגערער פלייצע — אַ לעבל שוואַרץ ברויט, אַ טלית־און־תפילין, אַ תהילימל, אַ סידור — און זיך געלאָזט גיין אין וועג אַריין, קיין ארץ־ישראל.

פון די אַלע מעשיות, וואָס יצחק האָט קליינערהייט זיך אָנגעהערט וועגן זיין עלטער־עלטערזיידן, האָט ער בכן אַרויסגעדרונגען, אַז ר׳ שיע־זלמן איז געווען אַ מאָדנער ייד. יצחק האָט אים טאַקע קיין מאָל נישט געזען, אָבער אים איז לייכט זיך פאָרצושטעלן זיין עלטער־עלטערזיידנס געשטאַלט, גלייך ווי זי וואָלט נאָך היינט געלעבט: אַ ווייסע באָרד, גרויע, קלוגע אויגן, אַ שטערן מיט טיפע קנייטשן.

אַן אויסערגעוויינלעכע געשעעניש האָט זיך געטראָפן מיט אַ קנאַפן יאָרהונדערט צוריק, מיט יצחקס עלטער־עלטערזיידן, ר׳ שיע־זלמן לובץ. יאָרן לאַנג האָט דאָס שטעטל געקאָכט: ס׳טייטש, ווי אַזוי? ווי אַזוי נעמט דאָס אַ ייד אין מיטן דרינען און לאָזט איבער אויף גאָטס באַראָט אַ ווייב, אַן אישה צנועה מיט קינדער קיין עין־הרע אַ טוץ — און אפשר נאָך מער, אַ פאַרדינעריק, אַן אשת־חיל, מיט אייניקלעך דערוואַקסענע — און גאָרנישט?

יצחקס עלטער־עלטערבאָבע אָבער פלעגט תמיד מלמד זכות זיין אויף איר מאַן דעם למדן־וואָוניק: „ער האָט רעכט געטאָן, וואָס ער איז געפאָרן. וואָלט ער כאָטש אָנגעקומען אויף אַן אָרט... און אַזוי וואָס? ווי אין וואַסער אַריין...״

מען האָט אָבער געזען, אַז אַ ביסל האָט איטע־באַשען יאָ פאַרדראָסן, וואָס איר מאַן האָט זיך מיט איר נישט באַראָטן פאַר זיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל, אַ וואָרט האָט ער אפילו נישט געזאָגט וועגן זיין שטילן פּלאַן. און דאָס אַלץ נאָר דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער שווייגער, ר׳ שיע־זלמן.

ווי עס ווייזט אויס, איז יצחקס עלטער־עלטערזיידע טאַקע קיין מאָל

צום ים־הגדול נישט דערפאָרן. אַזוי האָט מען זיך משער געווען אין שטעטל, אָדער ריכטיקער געזאָגט — ער איז קיין מאָל נישט דערגאַנגען צום ים; וואָרעם זיין רייזע האָט ער דאָך געמאַכט צו פוס. ר׳ שיע־זלמן האָט, ווי די עלטער־עלטערבאָבע האָט דערציילט, קיין צורת־־מטבע נישט געקענט, האָט ער קיין פרוטה מיט זיך נישט מיטגענומען מיט וואָס צו דינגען אַ פור. ער איז געגאַנגען צו פוס. וואָכן לאַנג, חדשים לאַנג איז ער געגאַנגען איבער באַרג און איבער טאָל, דורך וועלדער, דורך זומפּן, און — ווי אין וואַסער אַריין...

גרויס איז מסתמא געווען דער פּחד ביי ר׳ שיע־זלמן פאַרן ים־הגדול מיט זיינע שטורעמס און כוואַליעס. ער האָט געקענט דעם ים בלויז ווי אַ וואָרט, אַ משל, און זיין גרימצאָרן האָט אים אַנטקעגנגעברויזט אין די שורות פון יהודה הלוי, וואָס האָט מיט אַכט הונדערט יאָר צוריק זיך באַמיט איינצושטילן דעם שטורעם אויפן ים מיטן וואָרט פון זיין בענקשאַפט.

מען דאַרף זיך משער זיין, אַז די מורא פאַר רויבערס און פאַר מזיקים אין וועג איז ביי יצחקס עלטער־עלטערזיידן געווען נאָך גרעסער ווי די מורא פאַרן ים. פון דעסטוועגן האָט ער גובר געווען דעם פּחד. אַנישט וואָלט ער דאָך נישט געלאָזט זיך איינער אַליין אין אַזאַ וויטן וועג. ס׳קען זיין, אַז שפּעטער, ווען ער איז שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען צו פוס אַ שטיק וועגס, האָט די באַהאַלטענע שרעק זיך אַרויסגעכאַפּט פון זיינע עצמות און אים געליימט זיינע טריט. אפשר איז ער גאָר פאַר גרויס שרעק, חלילה, גע־שטאָרבן אין מיטן וועג. אָבער אַרויסגייענדיק פון שטוב מיטן פּעקל אויף דער פּלייצע און מיטן גרויסן בטחון אין האַרצן, איז ער — אַזוי דאַרף מען זיך משער זיין — לכתחילה געגאַנגען מיט זיכערע טריט און מיט אַ ציטער־דיקער תפילת־הדרך אויף די ליפּן.

הונדערטער מעשיות האָט מען זיך וועגן אים אָנדערציילט אין שטעטל. און וועלכע פון זיי איז געווען דער אמת? אָבער ווער קען דען אונטערשיידן אמת פון אויסטראַכטעניש, חלום פון וואָר אין אַ מעשה, און מכל שכן אין אַ ליד, וואָס דער חלום איז זייער היים און דער ניגון איז זייער נשמה?

אגב, איז שוין אפילו צו ר׳ שיע־זלמנס צייטן ארץ־ישראל אויך נישט מער געווען בלויז חלום, נאָר אַ שטיק אמתע געאָגראַפיע. שוין דעמאָלט

זענען פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אַלערליי ארץ־ישראל־וועגפֿירערס אין דער פֿרומער שפּראַך לשון־קודש און אַפֿילו אויך אין יידיש, און נישט ווי עס שרייבט אברהם משה לונץ, ר׳ שיע־זלמנס פּלימעניק, אין זיין „דורך פּאַלעסטינאַ״, אַז זיין „פּירער״ איז דער ערשטער, וואָס איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן „אין דער זשאַרגאָנישער שפּראַכע״.

צו דעם דאָזיקן אויספֿיר איז יצחק געקומען נאָך זיינע גריבלענישן אין דער געשיכטע פֿון זיין משפּחה. אברהם משה לונץ איז טאַקע זיינער אַ ווייטער קרובֿ, און דווקא פֿון זיין עלטער־עלטערזיידנס צד. קען מען זיך שוין משער זיין, מיט וואָס פֿאַר אַן אינטערעס ער האָט דורכשטודירט דאָס דאָזיקע ספֿרל, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אויף דעם ברעג פֿון דער סענע ביי אַ ביכער־געשטעל און וואָס איז אַ יקר המציאות היינטיקע צייטן, בפֿרט נאָך ביי די פּאַריזער נישט־יידישע מוכרי־ספֿרים.

שוין צום וויפֿלטן מאָל פֿאַרטיפֿט זיך יצחק אין „דורך פּאַלעסטינאַ״ — ניין, נישט אַזוי צוליב די ידיעות, וואָס ער קען שעפּן אין אַ ביכל, וואָס איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אין „פּעה״ק ירושלים תובב״א״ מיט קנאַפּע זיבעציק יאָר צוריק אין דעם „ריינסטן״ משכיליש־דייטשמערישן לשון, נאָר ווייל עס איז דערשינען בסך־הכל דרייסיק יאָר נאָך זיין עלטער־עלטער־זיידנס טויט, אויפֿן שיידוועג, הייסט עס, צווישן די אַמאָליקע און די היינטיקע צייטן. וואָס שייך דעם לשון, האָט ר׳ שיע־זלמן אוודאי גערעדט אַ בעסערן יידיש ווי זיין פּלימעניק אברהם משה, ווייל ר׳ שיע־זלמן איז דאָך נישט געווען קיין משכיל און ממילא אויך נישט אַ „בעפֿעדערער דער העברעישן שפּראַכע״, ווי לונץ גיט אַן וועגן זיך אין דער הקדמה צו זיין „זשאַרגאָנישעס ווערק״, ווו יצחק לייענט איין מאָל און נאָך אַ מאָל:

„איינע אויספֿיהרלעכע געאָגראַפֿיע אונד היסטאָרישע באַשרייבונג אַללער אָרטשאַפֿטען פּאַלעסטינאַס: ימים, טייכען, אונד קוועלין, שטעדט, דערפֿער, קאָלאָניען אונד זייערע איינוואָהנער־צאַל. אַלטער־טהימער, גראַב־היילען, שולען, ערציהונגס אונד וואָהלטעטיקייטס־אַנשטאַלטען.

אַלעס נאָך די נייעסטע נאַכפֿאָרשונגען

נעבסט מעהרער אינטערעסאַנטע אַבבילדונגען אונד האַלץ־שניט״.

יצחק טראַכט וועגן זיין עלטער־עלטערזיידן; ער טראַכט אויך וועגן אברהם משה לונץ און וועגן זיך גופא, וואָרעם ער הייסט דאָך אויך לונץ. און אַזוי טראַכטנדיק וועגן אַלץ און וועגן גאָרנישט, הייבט ער אָן צו מאַכן אַלע רייזע־הכנות.

„פאָרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל״.

טיף אין האַרצן מוז זיך יצחק מודה זיין, אַז זיין הייסער ווונטש איז זיך צו טרעפן אין ישראל מיט פריידעלען. הגם, צוריק געשמועסט, שרעקט ער זיך אַ ביסל פאַר דער דאָזיקער באַגעגעניש. ער פאָרט טאַקע אַליין, אָן זיין פרוי. אָבער וואָס דאַרף ער זיך שרעקן, וויל ער זיך איינרעדן, ער פאָרט דאָך אייגנטלעך נאָר סתם אַזוי, זען דאָס לאַנד, דאָס לאַנד, וווהין ר׳ שיע־זלמן איז נישט דערגאַנגען, און וואָס אברהם־משה איז שוין יאָ געהאַט דורכגעגאַנגען אין דער לענג און אין דער ברייט מיט 70 יאָר צוריק, און וואָס יצחק וועט איצט דערזען גאָר אַנדערש.

2

יצחקס געדאַנק שפינט זיך ווייטער: אין וועלכער ריכטונג וועט זיך סוף כל סוף פאַרקירעווען אָט דאָס אַלטע געזאַנג? אין דער פאַרגאַנגענ־הייט אָדער אין דער צוקונפט? אין חלום זענען אַלע גרענעצן דינע, צע־שווומענע, קוים־קוים וואָס מען באַמערקט זיי... מען קען לייכט פאַרבייטן די צייטן, אויסמישן טאָג מיט נאַכט. אָבער יצחק איז זיכער, אַז ער ווייסט גענוי, ווו דער עבר געפינט זיך און ווו דער היינט הייבט זיך אָן. ער שטייט מיט ביידע פיס אויף דר׳ערד; ער איז אַ היינצייטיקער מענטש. „פאָרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל״ היינטיקע צייטן איז נישט מער קיין פאַנטאַזיע, נאָר טאָגטעגלעכע ווירקלעכקייט.

פאָרן איצט יידן קיין ארץ־ישראל נישט ווי אַ מאָל, ווען יעדערער פלעגט פאָרן פאַר זיך און נישט וויסן, צי ער וועט ווען נישט איז אָנקו־מען אויף אָן אָרט, אָדער ער וועט גאָר, חלילה, אומקומען אין וועג; צי עס וועט זיך אים איינגעבן צו פאַרמיידן דעם „פחד בלילות״, די שרעק אין די נעכט, און צי ער וועט ניצול ווערן פון די סכנות, וואָס לויערן אויף אַלע וועגגייערס ביי טאָג.

פאַרט איצט אַ ייד קיין ארץ־ישראל נישט מיט פּאַרווייִנטע אויגן ווי אַ מאָל. ער פאָרט דאָך אויף זיין אייגענער שיף. וויל ער, לייגט ער זיך אַנידער אויפן שיפדעק אין אַ ליגשטול, די אויגן געווענדעט צום הימל און צום ים; וויל ער, דרייט ער זיך אַרום אויף דער שיף און כאַפּט אַ שמועס מיט דעם, מיט יענעם. מיט אַ גאַנצער וועלט יידן קען ער זיך דאָך באַקענען אויף דער שיף! ווילסטו אינדיע — נאַ דיר אינדישע יידן, ווילסטו צפון־אַפריקאַנישע יידן — איז האָסטו זיי. און פון אַמעריקע, אויסטראַליע, כינע, יאַפּאַן, טאַהיטי, האָנאָלולו — און פון וואַנען נישט?

איינס און צוויי ווערן אויסגעפילט די קאַיוטעס פון אַלע דריי קלאַסן, אַזוי גוט ווי די גרויסע שלאָפזאַלן אין אונטערדעק, און עס געשעט ווי אַ צו־נויפשטויס צווישן דעם פּאַריזער „פּלעצל", אַ שטייגער, מיט דער מאַראָ־קאַנישער מעלאה — אַ מין געטאָ פון די אַמאָליקע יאָרן אין די מזרח־אייראָפּעישע לענדער.

נאָר קיינער האָט פון דעם דאָזיקן צונויפטרעף נישט געליטן. פאַר־קערט: יידן האָבן זיך גאָר דערנענטערט איינער צום צווייטן, מען האָט זיך פונאַנדערגערעדט און אויסגעפרעגט, פון וואַנען ווער עס קומט, וואָס ער טוט, און וואָס ער טוט נישט, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז מען האָט זיך דעררעדט.

אויך יצחק פּרוווט אַריינוואַרפן אַ וואָרט ביי דעם, ביי יענעם, וואָס קומט אים גראָד אונטער דער האַנט. עס דוכט זיך אים, אַז ער שמועסט זיך דורך מיט אַלעמען אויף אַ מאָל, מיטן גאַנצן קיבוץ־גליות, ווי ער שטייט און גייט. עס דוכט זיך אים אויך, אַז ער נעמט אויף אַ „פּאַרהער", אַזוי צו זאָגן, אָט די אַלע צפון־אַפריקאַנישע עולים, די מאַראָקאַנישע, די אַלזשירישע און די טונעזער יידן.

נישט לייכט איז אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די דאָזיקע מאָדנע יידן — זיי רעדן צווישן זיך אויף אַ מין אַראַבישן יידיש. דער מהלך, וואָס טיילט זיי אָפּ פון די מזרח־אייראָפּעישע, און נאָך מער פון די מערב־אייראָפּעישע יידן, לאָזט זיך נישט אַריבערשפּרינגען דורך אַ קפיצת־הדרך.

זיצן זיי, די האַלב־בלינדע, דערשלאָגענע און קראַנקע צפון־אַפריקאַ־נישע יידן, אויף זייערע אָרעמע פּעקלעך, און זאָגן תהילים. זייערע קינדער

אָבער, זייערע אייניקלעך, קלייבן זיך צונויף אין אָוונט ביים רויטגליענדיקן זונאונטערגאַנג אויפן שיפדעק, און די שוואַרצחנעוודיקע און שוואַרצאויגיקע בחורים און מיידלעך לאָזן זיך אַוועק אין אַ האָרא און זיי זינגען אויך אונטער אַ ליד אין העברעיש.

יצחק קוקט זיך צו צו זייער הילוך, צו זייערע גענג, ער הערט זיך צו צו זייערע טענות און מענות. ער באַמיט זיך אַריינצוזעבן דערין דאָס אַלטע פאָלקסליד „פאָרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל" — אַנישט דוכט זיך אים, וועט אַלץ פונאַנדערפאַלן... אין דעם דאָזיקן פאַרביקן ספעקטאַקל איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן גאָר אומגעריכט; ער פילט זיך טאַקע אין אים ווי אַ מיטשפּילער, אָבער צו גלייכער צייט קומט ער זיך אויך פאָר ווי אַ ווילד־פרעמדער, ווי אַ זייטיקער...

ער אַנטלויפט פון דעם טומל, און אין אַ ווינקל שיף באַמיט ער זיך אַרויסצורופן זיין עלטער־עלטערזיידנס געשטאַלט. וואָס וואָלט ער, ר' שיע־זלמן, דערצו געזאָגט? יצחק וויל זיך אַריינרייסן אין זיין עלטער־עלטערזיידנס מחשבות, אָבער אַרויסגעוואָרפענע מי. וואָרעם דער טומל דאָ איז זייער גרויס און די הילכערס פאַרפלייצן די שיף מיט טענץ־ניגונים. נישט תמיד קען ער אָנכאַפּן דעם איבערגעריסענעם פאָדעם פון אייגענעם געדאַנק. ער ווייס, אַז דאָס וועט זיך אים נישט איינגעבן אַזוי לייכט, וואָרעם אויך אין די געדאַנקען ביי אים איז אַ רעש און אַ טומל. דער אינעווייניקס־טער טומל שטייגט טייל מאָל אַפילו אַריבער דעם פון דרויסן, וואָרעם יענער רעש האָט כאָטש אַ פרייע וועלט פאַר זיך און קען זיך צעשפּרייטן אין אַלע זייטן.

ברעקלעך מחשבות: די היים, קאָלעט, ניקאָל זיין טעכטערל. און ווייטער, נאָך ווייטער, אַמאָליקע צייטן. ער איז נאָך געווען אַ קינד און אַלץ איז געווען אי פּשוט אי פול מיט סודות. זיינע אַלטע חברים, וואָס ער האָט שוין יאָרן לאַנג נישט געזען. ער וועט זיי איצט טרעפן אין ישראל. וואָס מאַכן זיי? ווי לעבן זיי? ווי אַזוי זעט אויס לוסיאַ? האָט דאָס לעבן אויפ־געהערט זי צו באַוועלן און צו גיין איר קידער־ווידער?

ווער איז לוסיאַ?

לוסיאַ איז יצחקס אַן אַלטע חברטע. אַ סטודענטין איז זי געווען. זי האָט שטודירט ליטעראַטור אין דער סאָרבאָנע. ער קען זי שוין לאַנג, און איידער נאָך ער האָט זיך געטראָפן מיט פריידעלען. דערנאָך אָבער איז געקומען פריידעלע און יצחק האָט אויפגעהערט זיך צו טרעפן מיט לוסיאַן. דערנאָך איז פריידעלע אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און לוסיאַ איז פאַרבליבן אין פאַריז. דערנאָך איז געקומען די מלחמה, די אָקופּאַציע און לוסיאַ איז פאַרשלעפּט געוואָרן קיין אוישוויץ.

איצט געפינען זיך ביידע, אי לוסיאַ, אי פריידעלע, אין ישראל. האָרט פאַר דער מלחמה איז פריידעלע אַוועקגעפאָרן אַהינצו. אויף איינעם פון די סאַמע ערשטע מעפּילים־שיפן איז זי געפאָרן. זי האָט זיך געהאַט געבעטן ביי אים, ער זאָל מיטפאָרן מיט איר. ער האָט זיך אָבער געקווענקלט. ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן זיין מאַמען. פון זיין עלטער־עלטער־זיידן ר׳ שיע־זלמן האָט ער דאָך דעמאָלט נאָך נישט געטראַכט... ס׳איז אַפילו יאָ געווען אַ שטיקל רייד, אַז ער וועט שפּעטער אונטערקומען, ווייל זי צוריקקומען וועט שוין קיין מאָל אין לעבן נישט; אַלע בריקן האָט זי הינטער זיך פאַרברענט. זי האָט אפילו נישט געוואָלט אָפּוואַרטן, ביז זי וועט פאַר־ענדיקן איר מעדיצין־שטודיום, ניין און ניין. דאָ וועט זי מער נישט בלייבן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס איר איז, ווי זי האָט געזאָגט, זייער שווער אָנגעקומען דאָס צעשיידן זיך מיט אים. און דערנאָך... דערנאָך האָט זיך אַ גאַס געטאָן אַ בלוטיקער מבול אויף דער וועלט; און דערנאָך: פראַנט, פּאַרטיזאַנקע, געשטאַפּאָ... יאָ, איידער ער איז אַוועק אויפן פראָנט, האָט ער נאָך אייליק חתונה געהאַט מיט קאָלעטן, אַ יידיש מיידל, וואָס איז געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן אין פראַנקרייך.

יצחק דערמאָנט זיך נאָך, ווי אַזוי דער קליינשטעטלדיקער מער האָט אין מיטן לייענען דעם חתונה־אַקט זיך שטאַרק פאַרהוסט. דער מער האָט זיך שפּעטער פאַרענטפערט, באשר ער איז געווען שטאַרק מיד דעם טאָג. אַ סך פאַרלעך האָט ער געהאַט אַריינצופירן אין פאַמיליע־לעבן. זייער פאַ־מיליע־לעבן איז אָבער דעם קומענדיקן טאָג איבערגעריסן געוואָרן, די מענער — סאָלדאַטן האָבן געמוזט אָפּפאָרן אויפן פראָנט... דערנאָך...

אָבער דאָס איז דאָך געווען פריער... פריער ווי וואָס? גיי געפין אַלץ אָפּ אין קנויל פון פאַרפּלאָנטערטע זכרונות. דערווייל שוועבט אַלץ אַרום פאַר זיינע אויגן מיט נישט בולטע קאָנטורן; ס'איז נאָך נישט קלאָר, ווי אַזוי דאָס פּאַלקסליד וועט זיך פאַרענדיקן. איז טאָקע גלייכער ביז וואָס ווען אָפּצוווענדן דעם געדאַנק ערגעץ אַנדערשוווּ.

3

נישט פון די גאָר לייכטע זאַכן איז אויף אַ שיף צו פּראָווען התבודדות. דער ליאַרעם איז גרויס: טוריסטן, עולים, עמיגראַנטן...

יידן זענען קיין מאָל קיין גרויסע שווייגערס נישט געווען, זאָלן זיי איצט, ווי באַלד זיי האָבן שוין יאָ זוכה געווען צו פאָרן מיט אַ יידישער שיף, גאָר נעמען פאַרקריכן בהדרי־חדרים און מיר נישט דיר נישט פּלוצלונג נעמען שווייגן?

נעם עס פאַר ליב, יצחק, הער זיך צו ווי שושנה דמארי, די תימנערין, זינגט שיר־השירים, הער זיך צו צו דער פּליטע, וואָס ווערט געשפּילט:

— אל תראוני שאני שחרחורת...

פריידעלעס געשטאַלט שווימט ווידער אַרויף פאַר יצחקס אויגן. אַ שיין מיידל איז זי געווען, כאָטש איר הויט איז געווען אַ ווייסע. איצט אוודאי איז שוין איר הויט אָפּגעברענט געוואָרן פון דער זון, אָבער פון דעמאָלט אָן זענען דאָך שוין אַוועק אַזוי פיל יאָרן. שיינקייט פאַרבלייכט... נאַריש־קייטן... וועט ער זיך צוהערן צו דעם גלגול פון אַ ניגון. אַ נייע פּליטע האָט מען אַרויפגעזעצט אויפן גראַמאָפאָן. ס'איז נאָך אַלץ דאָס קול פון שושנה דמארי. יצחק האָט באַקומען צוגעשיקט די דאָזיקע פּליטע פון ישראל, איר קול איז אים באַקאַנט... „ארצנו הקטנטונת", „אונדזער קליינטשיק לענדעלע", הייסט דאָס שלאַגער־לידל, וואָס ווערט געשפּילט און געזונגען אויף דער נייער פּליטע.

יאָ, אַ קליין לענדעלע איז ישראל, די שיף, וואָס פאַרבינדט ישראל מיט דער גרויסער וועלט, איז אויך אַ קליינע, אָבער די גאַנצע וועלט קומט זיך דאָך דאָ צונויף...

טאָ זאָל ליאַרמען, זאָל רוישן, זאָל קאָכן. עפּעס וואָס וועט זיך דאָך אויסקאָכן.

אָבער אין יצחקן זינגט זיך פאַרעקשנט דאָס אַלטע ליד:

„פּאָרט אַ ייד קיין ארץ־ישראל״...

4

יצחק האָט בשום אופן נישט געקענט איינשלאָפן, כאָטש מצד דעם ים וואָלט קיין מניעה נישט געווען. רואיק ביז גאָר האָט זיך דער ים פאַרהאַלטן און ווען נישט ווען גאָר האָט זיין צוקאָפּנס אַ קאָפּעלע זיך געוואַקלט.

אין מוח האָט זיך אים געפּלאָנטערט דער פלאָט־אָפיציר אדמוני, וואָס אַרבעט אויף דער שיף. וואָס פאַר אַ מאָדנער צופאַל! ווי ער האָט אים דער־ציילט, האָט ער געאַרבעט אויף יענער שיף, מיט וועלכער פריידעלע איז ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה געפאָרן קיין ארץ־ישראל. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. דער פלאָט־אָפיציר אדמוני — ראָט האָט ער פריער געהייסן — האָט זיך, ווייזט אויס, פאַראינטערעסירט מיט פריידעלעס גרויסע מעלות. וואָלט עס זיך געהאַנדלט אין עמעצן אַנדערש, וואָלט ער עס גע־פּטרט מיט אַ: „מאַלע, וואָס עס פּאַסירט אַלץ אויף דער וועלט״. אָבער וואָס שייך פריידעלען, קען יצחק זיך נישט דערמיט באַגנוגענען. ווי ער זאָל נישט וועלן פאַרטרייבן פון זיך איר געשטאַלט, שווימט זי ווידער אַרויף פאַר זיינע אויגן.

יצחק איז אין כעס אויף זיך אַליין, הלמאי דאָס פאַרדריסט אים, בעת ער האָט גאָרנישט קיין רעכט דערויף. ער האָט נישט קיין רעכט דערויף, אויב אַפילו די אַנצוהערעניש, וואָס אדמוני האָט געמאַכט, זענען ריכטיקע. און וואָס איז די עוולה, אויב ער טרעפט זיך נאָך עד־היום מיט איר, כאָטש זי איז פאַרבונדן מיט אַ צווייטן מאַן?

דער ענין איז זייער און זייער אַ פאַרפּלאָנטערטער. ער ווייסט אפילו נישט, אויף וועמען ער זאָל אייפערזיכטיק זיין. און טאָמער וועט ער שוין יאָ דערגיין אויף וועמען ער איז אייפערזיכטיק, פרעגט זיך דאָך, צי טוט ער נישט דערמיט אַן עוולה קאָלעטן, זיין פרוי? אפשר דאַרף גאָר אדמוני שפּילן די ראָל פון אַ באַעוולהטן?

אָבער מיט וואָס פאַר אַ רעכט מישט ער זיך אַריין אין פריידעלעס פערזענלעכע ענינים? וואָס טראַכט ער זיך פאַרט? איז גאָר נישטאָ קיין מיטל איינצושלאָפן?

דעם אַנדערן טאָג האָט אים דער אָפיציר אדמוני אַרומגעפירט אונטן אין שיף, אין אירע אינגעווייַדן. ער האָט אים באַוויזן און דערקלערט דעם מעכאַניזם פון אירע טרייב־מאַשינען, ער האָט אָנגערופן מיטן נאָמען איטלעכן טייל פון אירע שטאָלענע געדערעם. פון פריידעלען אָבער איז מער נישט געווען די רייד, גלייך ווי זי וואָלט גאָרנישט עקזיסטירט — נישט פאַר אדמונין, נישט פאַר יצחקן.

5

דעם פרימאָרגן האָט קיינעם פון די פּאַסאַזשירן זיך שוין נישט געגלוסט צו פרישטיקן; קיינער איז נישט געווען נישט הונגעריק, נישט דורשטיק. אַלע זענען זיי געשטאַנען אויפן שיפדעק און עפּעס וואָס האָט זיך געצאַפּלט אין זייער לייב־און־לעבן. יעדערער האָט עפּעס ווי געפילט, אַז ער קערט זיך אום צוריק צו זיך אַהיים, אַפילו דער, וואָס איז קיין מאָל אין ארץ־ישראל נאָך נישט געווען און ווייסט אייגנטלעך נישט, מיט וואָס דאָס לאַנד שמעקט.

אַלע זענען זיי געשטאַנען אויפן שיפדעק און האָבן זיך צוגעקוקט, ווי חיפה שיילט זיך צו ביסלעך אַרויס פון דעם ים, פון דעם הימל, און שטעלט אַרויס אירע טורעמלעך, אירע הייזער. אַ שטראַלנדיקע, אַן אויסגעפּוצטע, אַ יום־טובדיקע איז די אַלט־נייַע היים זיי אַנטקעגנגעקומען.

האַסטיק האָט יצחק געגנומען זיך געזעגענען מיט זיינע נייַע באַקאַנטע, מען דאַרף זיך צווייַלן, ס'איז קיין צייַט נישטאָ. אַלע שטופּן זיך צום פּאַס־פּאָרט־קאָנטראָל, וואָס ווערט געפּראַוועט אויף דער שיף גופא, אינעם עס־זאַל. איבערגעקומען דעם פּאַספּאָרט־קאָנטראָל, פאַלט מען אַריין אין די הענט און אין די פאַרשנדיקע בליקן פון יענע באַאַמטע, וואָס זענען ממונה אויף דעם דעוויזן־קאָנטראָל.

דער צאַלאַמט קוקט אויס ווי אַן אויסשטעלונג פון אַלערליי סחורות, אַרטיקלען און מתנות. וואָס גאַפסטו, יצחק? זעסט דען נישט, אַז קיינער האָט צו דיר קיין טענות נישט, הלמאי דו פירסט דאָס און יענץ? לויטער מתנות פירסטו דאָך... האָסט דאָך אַזוי פיל קרובים, קיין עין־הרע, אין ארץ־ישראל. גיב נאָר אַ קוק אין דיין אַדרעסן־ביכל, וועסטו זען, אַז דו ביסט דאָ נישט קיין עלנטער. אָבער פריידעלען, זי דאַרפסטו באַגעגענען פריער פאַר אַלעמען...

ווו איז זי אָבער? זי האָט געוויס באַקומען די טעלעגראַמע, וואָס דו האָסט געהאַט אַדרעסירט צו פּרוי אביבית, סאַנאַטאָריע, הר הכרמל, חיפה. דאָס איז איר אַדרעס. אויף דעם דאָזיקן אַדרעס האָט זי די גאַנצע צייט באַקומען פון דיר בריוו. דעם נאָמען פון דער גאַס איז נישט נייטיק אָנ־צוגעבן, וואָרעם די סאַנאַטאָריע איז גענוג באַקאַנט אין חיפה. אָבער אפשר וווינט זי גאָר איצט אין קיבוץ, צו וועלכן זי געהערט? אין דעם פאַל וואָלט מען געוויס איבערגעשיקט דיין טעלעגראַמע... אפשר איז זי גאָר קראַנק?

יצחק שטייט ביים טויער פון צאַלאַמט. זיינע וואַליזעס האָט ער לעבן זיך. ער קוקט זיך אויס די אויגן זיינע. נישטאָ פריידעלע, נישטאָ אביבית. ער האָט אַ שמייכל געטאָן. ס׳איז אים אויסגעקומען גלייך ווי פריידעלע און אביבית וואָלטן געוואָרן צוויי באַזונדערע געשטאַלטן, יעדע פון זיי באַ־גלייט דורך אַן אַנדערן געדאַנק...

6

אַז איך וועל קומען קיין ארץ־ישראל, האָט יצחק געהאַט באַשלאָסן, מיט וועמען וועל איך זיך טרעפן? צו ערשט וועל איך זיך טרעפן מיט פריידעלען; היינט הייסט זי אביבית. פאַר וואָס נישט? אביבית איז דער טייטש: פרילינג, אַ פרילינג־פרוי. — שלום. שלום. — וואָס מאַכסטו? — און דו וואָס מאַכסט?

אָבער דערווייל שטייט יצחק ביים טויער פון צאַלאַמט און פון פריי־דעלען, פון אביבית, זעט מען נישט קיין שפור אַפילו.

פרעגט זיך: נאָך וואָס האָט בכלל געטויגט די דערוואַרטונג, און דאָס אויסמאָלן, וואָס ער האָט זיך אויסגעמאָלט, ווי אַזוי זי וועט פון דער וויטן

צווינקען, אַ סימן, אַז זי האָט אים דערקענט און זי וואַרט אויף אים, זי וואַרט אים אָפּ — צו וואָס האָט ער עס געדאַרפט זיך פאַרשטעלן?

קומט זיך יצחק פאַר, ווי אַ „געפאַנגענער ביי דער האָפענונג" — ווי יהודה הלוי איז זיך פאַרגעקומען, און דאָס אַלץ, וואָס שווינדלט פאַר זיינע אויגן: די יידישע שטאָט, מיט די מענטשן, וואָס לויפן פאַרהאַוועטע, פאַרשמייעטע — אַ וועלט מיט פנימער — דאָס אַלץ זעט אים אויס אי היימיש, אי פרעמד...

— ווייזט זיך אַרויס, יצחק, אַז דו האָסט זיך אָפּגענאַרט, אַז מען האָט דיך אַריינגענאַרט אין אַזאַ פּאָזיציע, ווו דו קומסט זיך פאַר לעכערלעך... נו, ווו איז זי, דיין אביבית, דיין פריידעלע?

— יצחק! שלום!

— פריידעלע! שלום!

— וואָס מאַכסטו, יצחק?

— איך האָב געוואַרט אויף דיר.

— אַנטשולדיק מיר, יצחק.

— האָסט באַקומען מיין טעלעגראַמע?

— יאָ, געוויס האָב איך באַקומען דיין טעלעגראַמע. אַנטשולדיק מיר, וואָס איך האָב זיך אַזוי פאַרשפּעטיקט. איך האָב נישט געקענט פריער קומען... גלייב מיר.

— איך גלייב דיר, פריידעלע, דאַרפסט זיך נישט פאַרענטפערן.

— ניין, נישט דאָס. איך וואָלט באַשטימט געקומען צו דער צייט... איין קליניקייט! אַזאַ צייט ווי מיר האָבן זיך נישט געזען, אָבער...

— אָבער וואָס?

— איך האָב געדאַרפט אַסיסטירן ביי אַן אָפּעראַציע. גראָד היינט האָט מען אים אָפּערירט...

—וועמען?

— דו קענסט אים נישט. אַ פּאַציענט פון מיין סאַנאַטאָריע.

— און?

— די אָפּעראַציע איז אַריבער בשלום.

— אבי דו ביסט געקומען, פריידעלע.

אַז ער וועט קומען אין ארץ־ישראל, האָט יצחק זיך געהאַט פאָרגע־נומען, וועט ער... ער וועט קודם כל אויספרעגן פריידעלען: וואָס, ווען און ווי אַזוי? אַזוי פיל געשעענישן זענען דאָך פאָרגעקומען, זינט זיי האָבן זיך צעשיידט. ער האָט זיך פאָרגענומען, זי צו פאַרוואַרפן מיט פראַגעס וועגן איר גופא, וועגן אַלע חברים און חברטעס.

אָבער אַלע פראַגעס, וואָס ער האָט געהאַט בדעה איר צו שטעלן, האָבן ווי אויסגעוועפּט, זיי זענען אָפּגעטראָטן אין אַ זייט, גלייך ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט פאַר אַן ענטפער. זיי זענען געבליבן שטעקן ערגעץ־ווו, פון וואַנען עס איז נישט לייכט זיי אַרויסצוציען.

— יצחק — האָט אביבית זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן — פאַר וואָס עפּעס שטייען מיר אויפן גאַס? אָט איז אַ קאַפע, ביסט דאָך אוודאי דורש־טיק און מיד פון וועג.

— אַ טרונק טאָן וואָלט אפשר נישט געשאַט... אַזוי איז דאָס, פריידעלע...

— אַזוי איז דאָס, יצחק — האָט אביבית אונטערגעכאַפּט.

און ווידער האָבן ביידע נישט געוווסט וואָס צו זאָגן, סיידן דאָס, צי יצחק געדענקט נאָך די קאַוויאַרניעס אין פּאַריז?

— געוויס, געוויס געדענק איך — האָט ער געענטפערט האַסטיק — איך קום דאָך איצט פון דאָרטן.

— קומסט טאַקע פון פּאַריז... מאָדנע.

— וואָס מאָדנע?

— אַלץ איז מאָדנע, יצחק, דאָס גאַנצע לעבן איז מאָדנע. איך טראַכט אָפט וועגן פּאַריז.

— איך אויך.

— דו ביסט דאָך אין פּאַריז.

— איך טראַכט וועגן פּאַריז פון פאַר דער מלחמה.

— געדענקסט נאָך די „סאָרבאָנקע", ווי מיר פלעגן זי רופן, די קאַ־וויאַרניע אויף בולוואַר מיש?

— געוויס געדענק איך.

— און די „קאַפּולאַד"? און „לאַ סורס"?

— עס פעלן קאַוויאַרניעס אין דעם לאַטיינישן פערטל?

— פעלן פעלט טאַקע נישט, אָבער עס מוז שוין נישט זיין דאָס, וואָס ס'איז געווען. דעמאָלט זענען מיר נאָך אַלע געווען יונג, דאָס גאַנצע לעבן איז געווען יונג. זייט באַקאַנט. אָט איז לונץ, אַן אַלטער חבר מיינער, ערשט געקומען פון פּאַריז, און אָט איז אדמוני, אויך אַן אַלטער פריינד מיינער...

— מיר קענען זיך — האָבן יצחק און אדמוני אַ זאָג געטאָן כמעט צוזאַמען.

— אַ, יאָ, איר זענט דאָך געקומען מיט דער זעלביקער שיף.

— הער אדמוני — האָט יצחק זיך אָפּגערופן — האָט מיר אָפּגעגעבן אַ גרוס פון דיר.

— זייער שיין פון זיין זייט, — האָט אביבית זיך געוויצלט — אָבער ווי האָסטו געוווסט, יצחק, אַז מיר קענען זיך?

— אינטואיציע.

— אַן אַ שפּאַס.

— מען האָט זיך פונאַנדערגערעדט וועגן די מעפּילים, — האָט אדמוני יצחקן אַרויסגעהאָלפן — און בכלל, ביז עס איז געקומען צו רייד אויך וועגן דיר, אביבית. אגב, האָב איך דיר דאָך שוין דערציילט היינט אין דער פרי, אַז איך האָב געטראָפן דיינעם אַ חבר אויף דער שיף.

— אמת, דו האָסט מיר געזאָגט.

הייסט דאָס, האָט יצחק זיך געטראַכט, אַז די מעשה מיט דער אָפּעראַציע, וואָס אביבית האָט אָנגעגעבן ווי אַ סיבה פון איר פאַרשפּעטיקונג, איז געווען אַן אויסגעטראַכטע, אַ תירוץ, אין דער אמתן האָט זי זיך גאָר גע־טראָפן מיט אדמונין, טאַקע אין דער זעלביקער קאַוויאַרניע וואָס איצט. פאַר וואָס האָט זי עס געטאָן? פאַר וואָס האָט זי געזוכט זיך צו פאַרענט־פערן? זי איז דאָך אים אייגנטלעך גאָרנישט נישט שולדיק. און ער, יצחק? און ווו איז קאָלעט? וואָס באַדייט דאָס אַלץ? ווי זאָל מען עס פאַרשטיין? וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט אדמוני אין פריידעלעס לעבן?

און וואָס איז מיט לוסיאַן?

אָט די פראַגע האָט זיך אים כסדר געפּלאָנטערט אין מוח, אָבער ביז צו די ליפּן איז זי נישט דערגאַנגען. מאָדנע, ווי לוסיאַס געשטאַלט שטויסט

ביסלעכווייז אַרויס אביבית פון זיין מחשבה, כאָטש לוסיאַ איז ווייט, און זי, אביבית, זיצט דאָ מיט אים ביי איין טישל. עפּעס האָט זיך אַריינגעמישט צווישן פריידעלען און יצחקן און באַמיט זיך צו שטערן דעם שמועס זייערן.

— דו האָסט מיר נאָך גאָרנישט דערציילט, וואָס דו מאַכסט, יצחק.

— וואָס איך מאַך? — האָט יצחק ווי זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף — דו זעסט דאָך, פריידעלע, אביבית, האָב איך געוואָלט זאָגן, דו זעסט דאָך: איך בין געזונט.

— זייער גוט, זייער גוט. און דיין משפּחהלע וואָס מאַכט? אַ שאָד, וואָס דיין חברטע און דיין טעכטערל... זענען מיט דיר נישט געקומען. איך וואָלט אַזוי געוואָלט זיי זען, יצחק. דיין טעכטערל איז שוין אוודאי איצט אַ גאַנצע פריילין. ווי אַלט איז זי איצט? וואַרט, וואַרט לאָמיר טרעפן: זי דאַרף שוין היינט אַלט זיין אוודאי אַרום פופצן יאָר... ווי די צייט לויפט! וואָס זאָגסטו עפּעס?

טאַקע מאָדנע, האָט יצחק געטראַכט, מאָדנע ווי די צייט לויפט. מען באַווייזט קוים זיך אַרומצוקוקן, ווי אַלץ ווערט — פאַרגאַנגענהייט און עס בלייבט איבער אַ הויפן אַש; איין מינוט איז דער קבר פון דער צווייטער מינוט, וואָס קומט נאָך איר. אויך אביבית, פאַלט אים איין, איז פריידעלעס קבר... און יצחק, איז ער דען עפּעס מער ווי פאַרגאַנגענהייט פאַר איר? פון דעסטוועגן איז זי פאָרט געקומען אים אָפּוואַרטן...

— דו זעסט אַ מאָל לוסיאַן?

— לוסיאַ? יאָ, מיר טרעפן זיך פון צייט צו צייט, אָבער...

— אָבער וואָס?

— פאַרביטערט איז זי. זי קען זיך צו דעם היגן לעבן נישט צופּאַסן, זי גייט אַרום ווי אַ ברוגזע און מיר דוכט זיך, אַז זי האָט טענות...

— צו וועמען?

— צום לעבן, צו דער אַרומיקער סביבה, צו אַלץ און צו אַלעמען. אַ שאָד...

— וואָס איז אַ שאָד?

— אַ שאָד, וואָס זי נעמט נישט דאָס לעבן, ווי עס איז. עס דוכט זיך איר אָבער, אַז מען האָט אויף איר רחמנות און מען טיילט איר בכיוון צו לייכטערע אַרבעטן, כדי איר צו לאָזן שפּירן, אַז זי קען זיך מיט אַנדערע נישט פאַרמעסטן. אַן אומגליקלעך מיידל...

— נאָך דעם וואָס זי האָט זיך אָנגעליטן אין אוישוויץ, איז דאָס קיין וווּנדער נישט.

— אַנדערע פרויען, וואָס זענען געקומען פון אוישוויץ, באַמיען זיך צו פאַרגעסן, זי — נישט.

— שווער צו פאַרגעסן אוישוויץ.

— מען מוז פאַרגעסן.

און יצחק האָט גענומען זיך וווּנדערן איבער זיך אַליין. ער האָט נישט פאַרשטאַנען זיין פריערדיקע שפּאַנונג. אים האָט זיך געדוכט, אַז עפּעס האָט ביי זייער באַגעגעניש פלוצלונג זיך איבערגעריסן...

7

וואָלט יצחקס עלטער־עלטערזיידע ר' שיע־זלמן זיך געהאַט דער־שלאָגן מיט אַ קנאַפּן יאָרהונדערט צוריק קיין ארץ־ישראל, וואָלט ער דעמאָלט געוויס נישט געזעסן ווי זיין אור־אור־אייניקל יצחק אין אַ קאַ־וויאַרניע און געטרונקען אָראַנזשן־זאַפט דורך אַ שטרויעלע. ער וואָלט בכלל נישט אָנגעשפּאַרט אין חיפה, נאָר אין עכו אָדער יפו, וואָס צו יענער צייט זענען זיי דאָך געווען די צוויי איינציקע פּאָרטשטעט פון ארץ־ישראל. און וואָס שייך אדמוני — ווו? ווער? וואָס?

פאַר וואָס ווידער אדמוני? האָט שוין יצחק נישט פון וואָס און פון וועמען צו טראַכטן און צו קלערן? וואָס פאַר אַ שייכות האָט אדמוני, דער זון פון אַ דייטשן ייִד, דער זון פון אַ פּרייסישן געהיימראַט, צו אביבית?

אדמוני האָט גענומען פאַרקירעווען דעם בשותּפותדיקן שמועס צו דער פּרשה מעפּילים־שיפן. דאָ איז ער געווען אין דער היים. ס'האָט אויס־געזען, ווי דאָס וואָלט געווען אַ המשך פון דעם שמועס, וואָס ער האָט געהאַט געפירט אויפן שיף מיט יצחקן, וואָרעם ער האָט אַריינגעוואָרפן, מיר נישט דיר נישט, אַזאַ מין זאַג:

— לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזערע מעפּילים. פון מאָנאַט אויגוסט 1945 ביז צום 29־טן מאַי 1948, זענען צו די ישראלדיקע ברעגעס געקומען צו שווימען 65 מעפּילים־שיפן, גרעסערע, קלענערע, אָבער קיין איינע פון זיי איז נישט געווען בכוח זיך צו פאַרמעסטן מיט אַן אמתן שטורעם אויפן ים, און נאָך ווייניקער — דורכצוברעכן די ים־בלאָקאַדע פון די בריטישע קריגסשיפן. פון אַכט פאַרשידענע פּאָרטן פלעגן אָפּשווימען אונדזערע שיפן: פון פראַנקרייך, בולגאַריע, רומעניע, יוגאָסלאַוויע, איטאַליע, גריכנלאַנד, אַלזשיר, שוועדן. עס זענען געווען שיפן מיט אַ 30 נפשות פּאַסאַזשירן און אויך אַזעלכע שיפן, ווו עס האָבן זיך געפונען נישט ווייניקער ווי זיבן טויזנט פּליטים. אַרום און אַרום זענען אָנגעקומען אין לאַנד אויפן ים־ברעג קרוב צו זיבעציק טויזנט נישט־לעגאַלע עולים.

— מיט יעדער שיף — האָט אביבית אַריינגעוואָרפן — בין איך מער־ווייניקער געווען פאַרבונדן, ווייל מיין ערשטער מאַן...

— ווי? — האָט יצחק געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט זיך גע־וווּנדערט — האָסט שוין געהאַט אַן ערשטן מאַן?

— פון דעם טויט פון מיין ערשטן מאַן ביז איך האָב חתונה געהאַט מיט מיין איצטיקן מאַן, איז נישט פיל צייט פאַרביי.

— האָסט זיך צוגעאיילט...

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן — האָט זיך אביבית כלומרשט אַ בייזער געטאָן אויף יצחקן — הער בעסער צו די געשיכטע. כדי זי זאָל אונדז נישט אַריינשלעפּן ביז אין אָוונט, וועל איך זי דיר דערציילן בקיצור... ברוך איז געווען אַן אָנפירער פון דער העפּלה... איין מאָל, בעת אַזאַ מין אַקציע, האָט ברוך פאַרלוירן דאָס לעבן...

8

...אַז איך וועל קומען אין ארץ־ישראל
וועט זיין אַ גרויסע שמחה.

אַזוי פאַרענדיקט זיך דאָס פאָלקסליד, וואָס האָט אויף זיינע פליגלען געבראַכט צו פירן יצחקן אויף אַ באַזוך אין ישראל. אמת, דער עיקר

געצויגן האָט אים צו פריידעלען. סתם אַזוי, ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ שמועס צו טאָן מיט איר וועגן פאַרגאַנגענע צייטן. ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז די דאָזיקע צייטן זענען שוין אַוועק אין דער פאַרגאַנגענהייט און וועלן שוין קיין מאָל מער נישט צוריקקערן. ער האָט געוווּסט, אַז פריי־דעלע איז אַ מאַמע פון צוויי קינדער; זי האָט חתונה געהאַט צו ערשט מיט ברוכן און נאָך דעם, אַז ברוך איז אומגעקומען, האָט זי זיך פאַר־בונדן מיט אשרן. אָבער פון אדמונין האָט ער ביז צו דער שיף גאָרנישט געוווּסט... איז די „גרויסע שמחה" זיינע צעשטערט געוואָרן?

פאַר וואָס אייגנטלעך? פרעגט זיך יצחק. אויף דער דאָזיקער פראַגע קען ער קיין לאָגישן ענטפער נישט געבן; מסתמא דערפאַר ווייל זי גופא, די פראַגע, וואָס ער שטעלט זיך, איז אויך נישט קיין לאָגישע און שטאַמען שטאַמט זי גאָר פון יענע געגנטן, ווו אַלץ איז סודותדיק און לאָזט זיך נישט איינשפּאַנען אין דעם גראָדן שכל... אפשר.

אָבער פון דעסטוועגן האָט ער פאָרט נישט געדאַרפט אַזוי פלוצלונג אַוועקפאָרן פון חיפה. ס'האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט אַנטלאָפן. פאַרדריסט אים טאַקע איצט, וואָס ער האָט זיך נישט גענומען אין דער האַנט, וואָס ער האָט אַזוי בולט, אַזוי שאַרף אַרויסגעוויזן זיין אייפערזוכט. ווי פּאַסט עס פאַר אים? און ווי וועט ער נאָך דעם, ווען ער וועט צוריקקומען אין פּאַריז, קענען קאַלטן קוקן אין די אויגן אַריין?

אמת, ער איז זיך פאַרגעקומען ווי אַן איבעריקער, ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט. די פאַר טעג, וואָס אדמוני פאַרברענגט איצט אין חיפה צווישן דעם אַנקום און דעם אָפּגאַנג פון זיין שיף, וויל ער זיין צוזאַמען מיט אביבית. און דאָ האָט זיך גאָר אַריינגעמישט יצחק אין מיטן דרינען. ס'איז פריידעלען שוין אַזוי אויך גענוג פיינלעך, וואָס זי פאַרשאַפט אשרן צער, וואָרעם ער ווייסט דאָך, אַז זי האָט ליב אדמונין נאָך פון יענער צייט, ווען ער, אשר, איז געזעסן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. פאַר רחמנות, ווייזט אויס, האָט זי חתונה געהאַט צו ערשט מיט ברוכן, דערנאָך מיט אים... מיט אשרן, פאַר לויטער רחמנות...

יאָ, אָבער ווי קומט עס, אַז יצחק זאָל פּלוצלונג קומען צו איר מיט אַלטע חשבונות, אין וועלכע קיין איין ציפער שטימט נישט מער? ווי אַזוי קען ער האָבן וועלכע נישט איז פּרעטענזיעס צו איר? האָט ער טאַקע גוט געטאָן, יצחק, וואָס ער האָט זי באַלד באַפרייט פון זיין פּערזאָן, וואָרעם נאָך אַלעמען האָט ער דאָ אַזוי פיל אַלטע חברים און באַקאַנטע; אין יעדער שטאָט, אין יעדן דאָרף כמעט וווינט עמעצער, וועמען ער קען פון אַמאָליקע יאָרן; יעדערער וועט זיך פרייען אים אויפצונעמען מיט פולע אָרעמס... לוסיאַ אַ שטייגער...

די „גרויסע שמחה" איז נישט צעשטערט, ניין. ער פאָרט קיין תל־אביב...

זיינוול

אַ שטעטעלע אין גאַליציע, מיט אַ יידיש לעבן ווי פאַרצייטן. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אייביק וועט עס דויערן, טאָג־איין, טאָג־אויס, ווי עס האָט זיך געפירט ביז איצט און ווי גאָט האָט געבאָטן.

טאָמער האָט זיך אין דעם שטעטל געפונען אַ שטיקל נגיד, איז אָבער צו דער אָרעמקייט פון די איבעריקע יידן נישט געווען קיין גרענעץ. ווו אָרעמקייט, דאָרטן שלימזל. זעצט זיך אָן אויף עמעצן דער שלימזל, טשעפּעט ער זיך שוין נישט אָפּ פון אים כל זמן יענער לעבט אויף דער וועלט. בונטעוועט מען זיך קעגן אים, איז נאָך ערגער. קיין גאַנצער פון זיינע הענט גייט מען נישט אַרויס, צו חוזק און צו שפּאָט ווערט מען אין לייטישע צינגער — כאָטש גיי טו זיך אָן אַ מעשה!

אַזאַ שלימזל איז געווען זיינוול. ער איז געווען אַ קיילעכיקער יתום, ווי מען זאָגט, גאָר פרי האָט ער פאַרלוירן אי זיין טאַטן, אי זיין מאַמען, געדוכט האָט זיך אים, אַז ער איז פון אַ שטיין געבוירן געוואָרן. דערצו נאָך איז ער געווען אַ מין פאַרזעעניש, גאָר אָן אַ פּנים, אָן לייב און לעבן. אָן אַ פּנים? עס רעדט זיך נאָר אַזוי. איידער אַזאַ פּנים, איידער אַזאַ אויסזען, איז שוין גלייכער גאָר קיין פּנים נישט צו האָבן.

אַזוי פלעגט זיך וויצלען חיים ביק דער קצב, אַ גראָבער מגושמדיקער ייד, וואָס האָט ליב געהאַט חוזק צו מאַכן פון קאַליקעס און פון משוגעים. פלעגט חיים ביק דער קצב אויסמאָלן אַ פּאָרטרעט פון עמעצן, איז דאָס שוין געווען אַ פּאָרטרעט מיט אַלע פּיטשעווקעס.

— זיינוול — פלעגט ער שילדערן — אַ לאַנגער דראַנג, און אַ קאָפּ — נישט קיין קאָפּ, נאָר אַ קעפּעלע, אַן אַרבעסל. זיין נאָז — אַ קאַרטאָפל, די אויערן זיינע, ווי פון אַן אייזל, און ליפּן האָט ער, זענען זיי דיק און געשוואָלן. און איצט זעט נאָר זיינע אויגן: אַ קאַלב קוקט אויף אייך, אָדער אויף יענעם, וואָרעם זיי שיקלען, און ווען זיינוול קוקט אייך אָן, ווערט

אייך נישט גוט אויפן האַרצן. געקרייזלטע האָר האָט ער ווי אַ שעפּס, נישט שוואַרץ, נישט גרוי, נאָר עפּעס גאָר אַ שטיק בלאָטע.

אַזוי זעט ער טאַקע אויס, זיינוול, דאָס איז אמת. דערצו איז ער נאָך אַ שלימזל, אַ גרויסער שלימזל, וואָס די וועלט האָט עס נאָך נישט געזען. וואָס דאַרפט איר מער? אפילו זיינע שיך — טאָמער עמעץ שענקט אים שוין יאָ אויף ווינטער אַ פּאָר צעריסענע שיך — טוט ער נישט אָן ווי אַ מענטש, ער פאַרבייט זיי שטענדיק איינעם מיטן צווייטן. זיי קרימען אויס זיינע פיס און די פיס קרימען אויס זיינע שיך. הינקט ער אַזוי, אַז אַלע אמתע קאַליקעס, וואָס הינקען, אַזוי צו זאָגן, נאַטירלעכערהייט, מאַכן חוזק פון אים.

אָבער וואָס מער מען לאַכט פון אים, אַלץ מער איז ער צופרידן אי מיט זיך גופא, אי מיט גאָטס וועלטל. אויף אַלץ ענטפערט ער מיט אַ גע־לעכטערל, און אויף אַ געלעכטער ענטפערט ער מיט אַ הירזשעניש און ער באַווייזט זיינע גרויסע, געלע, פערדישע ציין.

זיינוול איז אַ גוטמוטיק באַשעפעניש; ער איז, ווייזט אויס געבוירן געוואָרן אויף חוזק, און דאָס רופט אַרויס ביי אים אַ געלעכטער. נישט ווייל אים גלוסט זיך קיין מאָל נישט אַ ווײן צו טאָן און זיך צו באַקלאָגן אויף זיין ביטערן גורל, נאָר ווייל ער מיינט, אַז ער טאָר אויף קיינעם קיין פאַראיבל נישט האָבן, עס טאָר קיינעם נישט פאַרדריסן. זאָל קיינער נישט מיינען, אַז ער איז אַ שלעכטער מענטש...

קומט אים יאָ אויס אַ מאָל אַ קלער צו טאָן וועגן זיין גורל און וועגן זיינע יסורים, פרעגט ער זיך באַלד: ווער איז ער און וואָס איז ער?

אין שטעטל האָט מען געהאַלטן, אַז זיינוול איז אַ גלגול פון אַ פריי־ערדיקן שטאָט־משוגענעם, כאָטש אויסערלעך זענען זיי מיט גאָרנישט נישט ענלעך איינער צום צווייטן. וואָרעם יענער איז געווען דווקא אַ ברייטער, אַ קורצער ווי אַ יאַטקע־קלאָץ; פלעגט יענעם ווײ טאָן ווען חדר־ייִנגלעך האָבן אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער, פלעגט ער זיך צעריטשען ווי אַן אָקס. פונקט דער היפוך איז זיינוול, אַ הויך וואָרט קען ער נישט אַרויסרעדן. אדרבא, ער ברענגט אַריין די מענטשן אין כעס דווקא מיט זיין שטיל גע־לעכטערל.

זאָל שוין זיין אַזוי; זייַנוול לאַכט, זייַנוול פרייט זיך, לאָמיר לאָזן אים לאַכן, לאָמיר לאָזן אים זיך פרייען.

אפשר וועלן מיר דאָך אַנטדעקן די סיבה פון זייַנוולס פרייד? שוין דאָס אַליין וואָס זיין פּעטער, לייזער פּאָמפּיק, האָט אים נישט אין גאַנצן פאַרלאָזן און פלעגט פון צייט צו צייט אים אָפּשמייסן, גלייך ווי ער וואָלט געווען זיין אייגן קינד — איז דאָס גופא נישט געווען זייַנוולס פאַר־באָרגן גליק? פאַראַן יתומים, וואָס ווייסן נישט אפילו פון דעם.

אפשר איז הינטער זייַנוולס געלעכטער געלעגן באַהאַלטן אַ פרייד אַזאַ, וואָס ער גופא האָט נישט געזען, נישט געפילט, אַ גליק, וואָס האָט געלויכטן, געוואַרעמט?

*

לאָמיר דערציילן אַ מעשה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן מיט זייַנוולען בעת ער איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל, און נישט דער שטאָט־משוגענער, וואָס ער איז געוואָרן שפּעטער — אַ לאַנגער דראָנג מיט אַ פּאָר קעלבערנע אויגן און אומגעלומפּערטע אויסגעדרייטע הענט און פיס.

געווען איז ער אַ ייִנגל, דוכט זיך, ווי אַלע ייִנגלעך. אויך ער פלעגט, פּונקט ווי אַלע קינדער, וועלן זיך אַ שפּיל טאָן, ווי עס פּאַסט פאַר זיין עלטער; אויך ער וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט צוצולייגן אַ האַנט ביי דער זאַמד־הייל, וואָס די חדר־ייִנגלעך האָבן געגראָבן הינטער דער שטאָט אין יענע זומער־אָוונטן. פאַר וואָס טאַקע נישט? נאָר זייַנוולען האָט מען בשום אופן נישט צוגעלאָזן צו דער שפּיל. אַ שלימזל איז ער געווען, אַ טוי־געניכטס.

דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט און געמוזט האָט ער זיך באַגנוגענען מיט שטיין פון דערווייטנס. ער האָט זיך צוגעקוקט, ווי אַנדערע בויען אַ טור־נעל און שפּילן זיך אין די זומער־אָוונטן, ווען זיי זענען פריי פון חדר.

פון דעסטוועגן איז ער מיטגעלאָפן אַלע אָוונט מיט זיי און שטילער־הייט אין דמיון, האָט ער זיך אויך באַטייליקט אין בוי פון דער ריזן־הייל, וואָס האָט זיך געצויגן אויף עטלעכע מעטער די לענג. ענדלעך איז דער זאַמד־טונעל פאַרטיק געוואָרן — אָן מכשירים, אָן רידלען — מיט די הוילע הענט.

איצט האָט מען געדאַרפט אויספּרובירן און זען, ווי אַזוי מען קען אונטערן זאַמד, אויב נישט גיין, וואָרעם דערצו איז די הייל דאָך נישט געווען גענוג טיף, איז כאָטש קריכן, וואָס דאָס גופא וואָלט שוין אויך געווען אַ גרויסער אויפטו. געוויס איז געווען אַ סכנה צו קריכן אין דער זאַמד־הייל און ס'איז נישט געווען קיין איין יינגל, וואָס זאָל שטילערהייט נישט מורא האָבן אי פאַר דעם געפערלעכן גאַנג אונטער דעם זאַמד, אי פאַר די שמיץ, וואָס ער וועט דערפאַר אַריינכאַפּן פון זיין טאַטן. וואָלטן זיי דאָך געדאַרפט, די חדר־יינגלעך, אויסנוצן דעם שלימזל זיינוול, וואָס איז געווען אַ לעקיש און אַ ווילדער שוטה. זיי וואָלטן אים געדאַרפט צווינגען אַריינצוקריכן אין לאָך און זיך שאַרן ביז צום צווייטן אַרויסגאַנג. אָבער הערט אַ מעשה! נישט בלויז זיי האָבן אים נישט געצוווּנגען אַריינצוקריכן אין טונעל אַריין, נאָר זיי האָבן אים אָפּגעזאָגט ווען ער האָט אַליין זיך אָנגעבאָטן אויסצופּרובירן דער ערשטער די הייל.

— גיי אַוועק פון דאַנען, אַנישט... — האָט אויף אים אַ געשריי געטאָן נחומקע דער רויטער און האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אים.

— אויסגעטריקנט זאָלסטו ווערן — האָט זיך אַ בייזער געטאָן אויף אים מאָטקע דער קרומער מיטן ממזרישן אייגל — אויב דו ווילסט נישט, מ'יר זאָלן מאַכן פון דיר...

— וואָס אַרט אייך? איך האָב נישט מורא! האָט זיך זיינוול ביי זיי געבעטן — איך וועל פאַרשאָטן ווערן, נישט איר...

— שלימזל איינער! אויך מיר אַ מענטש פאַרשאָטן צו ווערן — איז שלמהקע די פּיאַווקע אַרויפגעפאַלן אויף אים מיט אַזאַ רציחה, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אים דורס צו זיין — צו דעם טויגסטו אויך נישט... אויב קריכן, וועל איך קריכן, נישט דו, נישט קיינער.

— אַ גאַנצער יחסן איז ער, שלמהקע פּיאַווקע! האָבן עטלעכע יינגלעך זיך אָפּגערופן מיט אַ מאָל — דו וועסט אויך נישט קריכן. וואָס פאַר אַ קרייכער ביסטו?

— ס'איז דאָך געווען אָפּגעמאַכט צווישן אונדז — האָט שלמהקע פּיאַווקע געטענהט — אַ וואָרט איז שוין גאָר קיין וואָרט נישט ביי אייך?

— ווער אָפּגעמאַכט? וואָס אָפּגעמאַכט? — האָט מענדקע קורנאָסע זיך געקאָכט — מען האָט גערעדט וועגן ציפּעלען...

— איך וויל נישט קריכן אין דער הייל — האָט ציפּעלע דעם נגידס מיידעלע מיט די לאַנגע שוואַרצע צעפּלעך זיך געפּיעשטשעט. — איך וויל גיין אַ היים.

— דאָ איז נישטאָ נישט וועלן — האָט מענדקע קורנאָסע געפּסקנט — מען טוט דיר אָן אַ כבוד דערמיט און דו האַלסט זיך גרויס.

— אָבער איך וויל נישט קריכן אין דער הייל אַריין, איך וויל נישט...

ציפּעלע האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, כדי צו זען דורך וואַנען עס איז לייכטער צו אַנטלויפן. אָבער איידער וואָס־ווען האָבן די חדר־יינגלעך זי אָנגעכאַפּט און זי אַריינגעשטופּט אין דער הייל. מען ווייסט נישט, ווי אַזוי און פון וואַנען עס האָבן ביי ביידע הייל־אַריינגענג זיך גענומען צוויי סנאָפּעס שטרוי. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און ביידע סנאָפּעס שטרוי האָבן גענומען ברענען. ציפּעלע, דעם נגידס טעכטערל מיט די לאַנגע גע־קרייזלטע צעפּעלעך, איז געלעגן אינעווייניק.

ווער ווייסט, ווי די שפּיל וואָלט זיך פאַרענדיקט, ווען זיינוול וואָלט נישט צוגעלאָפן און פאַרלאָשן ביידע סנאָפּעס שטרוי.

ווען זיינוול האָט אַרויסגעשלעפּט ציפּעלען פון דעם אונטערגעצונדענעם טונעל, האָט ער זי קוים דערקענט. פאַרסאַזשעט איז זי געווען, שוואַרץ פון קאָפּ ביז די פיס. זיי האָבן ביידע נישט געוווסט וואָס מיט זיי האָט זיך געטאָן און זיך געהאַלטן פאַר די הענט. איר הערט? זיינוול, וואָס האָט נישט געהאַט נישט קיין טאַטן, נישט קיין מאַמען, אַ שלימזל, אַ נעבעך, אַ גאַרנישט, און ציפּעלע דעם נגידס טעכטערל, אַ ציטעריק מיידעלע, וואָס איז ביי איר טאַטן געווען ווי אַן אויג אין קאָפּ, האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענטלעך, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען ברודער און שוועסטער. אָבער זיינוול האָט איר, קען מען זאָגן, געראַטעוועט דאָס לעבן, ער האָט זי אַרויסגע־געצויגן פון דער ברענענדיקער הייל. אפשר איז דאָס טאַקע געווען די סיבה פון דעם ווילדן געלעכטער, וואָס האָט אים אָנגעכאַפּט; אפשר אויך דאָס, וואָס זי איז געווען שוואַרץ ווי קויל.

זיינוול האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער און ציפּעלע

איז געווען צעטומלט. זי האָט בכלל נישט געוווסט, אויף וואָסער וועלט זי געפינט זיך.

די ווייסע הברהניקעס זענען דערווייל נעלם געוואָרן, זיי האָבן זיך צעשאָטן אין אַלע זייטן פאַר מורא צוליב דעם, וואָס זיי האָבן דאָ אָפּגעטאָן. באַלד זענען געקומען צו לויפן יידן און יידענעס מיט אַ געפּילדער, מיט אַ געשריי, און קודם כל האָבן זיי זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זייוולען. זיי האָבן אים אַזוי צעממיתטט, אַז ער האָט געמוזט ליגן וואָכן גאַנצע אין דער סוכה זיינער, ווו ער איז געווויינטלעך געשלאָפן.

ציפּעלע אָבער האָט זיך געכאַפּט, אַז זיינוול האָט אומזיסט און אומנישט באַקומען קלעפּ. זי האָט געפילט, אַז ער איז אומשולדיק, אַז עס קומט אים נישט צו שלאָגן; פאַרקערט, דאַנקען וואָלט מען אים גאָר געדאַרפט, וואָס ער האָט זי אַרויסגעראַטעוועט פון דער ברענענדיקער הייל. מען וואָלט געדאַרפט אים געבן צוקערקעס, מאַנדלקיכלעך. האָט זי דאָס טאַקע געטאָן. בשתיקה פלעגט זי זיך אַריינגנבענען צו אים אין דער סוכה און אים ברענגען גוטע זאַכן.

זיינוול האָט געשמייכלט. ער וואָלט זיך אפשר פונאַנדערגעלאַכט אויפן קול, פאַר פרייד, וואָס ציפּעלע פאַרשטייט, אַז ער האָט זי געראַטעוועט. זי איז נישט אַזוי שלעכט, ווי זיינע חברים אין חדר, ווי די גרויסע, די יידן און די יידענעס, וואָס האָבן אים אַזוי געשלאָגן; ער וואָלט זיך אפשר געפרייט אויפן קול, ער האָט אָבער קיין כוח נישט געהאַט, אַלע גלידער האָבן אים ווייי געטאָן.

*

איידער די דאָזיקע געשיכטע איז זיך פאַרלאָפן, האָט שוין זיינוול נישט ווינציק קלעפּ אַריינגעכאַפּט פון רבין צוליב זיין עברי זאָגן. ער איז געווען דער לעצטער און דער ערגסטער פון אַלע תלמידים. איצט אָבער האָבן זיך שוין אַלע אָפּגעזאָגט פון אים, אַפילו די רביצין, וואָס געווייינטלעך פלעגט זי האָבן אויף אים רחמנות און געטענהט, אַז ער איז גאָרנישט אַזאַ פאַרשטאָפּטער קאָפּ, ווי מען זאָגט. וואָס אים פעלט, דאָס איז עסן צו דער זעט. זאָל מען אים ווייניקער שלאָגן, וועט ער זיין גלייך מיט

אַנדערע קינדער. לייזער פּאַמפּיק וואָלט געמעגט זיך קימערן אַ ביסל מער וועגן אים. ער איז דאָך אַ פעטער. ווער דען זאָל זיך אָננעמען פאַר אַ יתום?

אָבער לייזער פּאַמפּיק האָט אייגענע קינדער, וואָס גייען נאָך אין חדר, און זיי האָבן נישט אַזעלכע פאַרשטאָפּטע קעפּ ווי זיינוול. שוין צייט, אַז דער דאַזיקער טויגעניכטס זאָל נישט מער ליגן אויף זיין קאַרק. לייזער פּאַמפּיק האָט טאַקע געפונען פאַר אים אַרבעט. זיינוול איז געווען כמעט גליקלעך, וואָס ער האָט נישט געדאַרפט גיין אין חדר און אויסשטיין קלעפּ און בזיונות.

פון די גוישע גאַסן האָט זיינוול גענומען טראָגן מילך פאַר די רייכע בעלי־בתים פון שטעטל.

די קאַנען זענען געווען שווערע און זיי האָבן אים אָפּגעריסן די הענט. געדאַרפט האָט ער גיין טריט ביי טריט, כדי ער זאָל נישט פאַרגיסן קיין טראָפּן מילך. אין די זומער־חדשים איז נאָך געווען ווי עס איז, אָבער ווינ־טער, אין די גרויסע פרעסט, פלעגט ער אָפּפרירן די הענט און עס פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז אָט־אָט לאָזט ער אַרויס די קאַנען פון די הענט.

די אָנשטרענגונגען ביים טראָגן די קאַנען האָבן נאָך מער אויסגעע־קריממט זיינע הענט און פיס. זיינוול איז, נאָך מער ווי פריער, געוואָרן באַ־פאַלן פון די שקצים, און דער עיקר פון סטאַכן.

איין פּראָסטיקן פרימאָרגן האָט סטאַך אָנגערייצט אויף אים זיין הונט. זיינוול האָט זיך געשראָקן פאַר סטאַכס הונט מער ווי פאַרן מלאך־המות. דער הונט איז אַרויפגעפאַלן אויף אים מיט אַזאַ בילעריי, אַז דאָס האַרץ האָט גענומען אים קלאַפּן סכנות־נפשות. ער האָט קיין אַנדער אויסוועג נישט געזען ווי אַנידערצושטעלן אין מיטן גאַס ביידע קאַנען מילך. נאָר איין גאָט אין הימל האָט אים געקענט אַרויסראַטעווען פון דער גרויסער סכנה.

סטאַכס קודלעוואַטער הונט האָט דערשמעקט פרישע מילך. ער האָט אויפגעהערט צו בילן און האָט זיך צוגעשאַרט צו אַ קאַן. ער האָט אַריינ־געשטעקט די מאָרדע אין דעם קאַן — און האָט זי שוין מער נישט געקענט אַרויסשלעפּן. זיינוול האָט אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיקן געלעכטער. ס'איז געוואָרן אַן אויפלויף, אַ געזעמל. געקומען צו לויפן איז אויך לייזער פּאַמ־פּיק. עמעץ האָט אים דערציילט, אַז זיינוול האָט אַריינגעוואָרפן סטאַכס הונט אין אַ קריג מילך.

לייזער פּאַמפּיק האָט תחילת גאָרנישט פאַרשטאַנען. וואָס הייסט? זיינוול, וואָס ציטערט פאַר אַ הונט, וועט גיין אָפּטאָן אַזאַ מין שפּיצל.

לייזער פּאַמפּיק האָט געקנייטשט דעם שטערן, געביסן אַ שפּיץ באָרד און נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. געטראַכט אַהין, געטראַכט אַהער, ער האָט גאָרנישט נישט געקענט צוטראַכטן, האָט ער זיך אָנגערופן צו זיינוולען:

— הער נאָר, דו, וואָס האָסטו דאָ געטאָן מיטן הונט?

זיינוול האָט נאָך אַלץ געלאַכט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס מען וויל פון אים. ענדלעך האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— דער הונט האָט געוואָלט מיך בייסן...

— וואָס טשעפּעסטו זיך מיט הינט?

— ווער טשעפּעט זיך מיט הינט? איך האָב געטראָגן מילך...

— דו ענטפער מיר בעסער, וואָס טוט דאָ דער הונט?

— קרוג... מילך...

און זיינוול האָט זיך ווידער צעלאַכט.

איצט איז זיין פעטער לייזער פּאַמפּיק אויף אים אַרויפגעפאַלן און האָט אים פאַר אַלעמען אין די אויגן געשלאָגן. אָבער ווי אויף צו־להכעיס, וואָס מער ער האָט אים געשלאָגן, אַלץ מער האָט זיינוול געלאַכט, און צו־זאַמען מיט אים — אַלע אַרומיקע, ביז עס איז אים מיאוס געוואָרן דאָס שפּיל און ער איז אַנטלאָפן אין דער פינצטערער סוכה זיינער אַ צעשלאָ־גענער, אַ צעממיתטער און אַ פאַרוווּנדערטער פון דער מעשה מיט סטאַכס הונט...

ווי אַזוי דער הונט האָט זיך באַפרייט פון דעם קאַן — דאָס געהערט שוין נישט צו אונדזער געשיכטע, נאָר פון דעמאָלט אָן האָט זיינוול פאַר־לוירן די אַרבעט. דאָס שטעטל האָט זיך אויסגעזוכט אַן אַנדערן מילך־טרעגער.

*

זיינוול וואַקסט און מיט אים וואַקסט זיין שלימזל. דרייט זיך אַרום אַ יונג פוסט־און־פּאַס און ווייס נישט וואָס מיט זיך צו טאָן, אַן אומגליק

פאַר זיך אַליין און פאַר אַנדערע. וואָס וועט ווערן פון אים? לייזער פּאָמפּיק קען עס נישט צוקוקן. זאָל ער גיין פּאַשען גענדז אויף די לאָנקעס.

אין די פּאָר זומער־חדשים, וואָס זיינוול האָט פאַרבראַכט מיט זיינע גענדז אויף די לאָנקעס, האָט ער פאַרזוכט דעם אמתן טעם פון אַ קינדהייט. אין דרויסן, אונטערן ברייטן הימל, האָט ער זיך געפילט מער ווי אין דער היים ווי אין זיין פעטערס סוכה. ער האָט ליב באַקומען די גענדז און זיי האָבן אים, ווייזט אויס, אויך ליב באַקומען. זיי האָבן אים געפאָלגט אויף טריט און שריט. עס איז געווען גענוג, ער זאָל אַריינשטעקן צוויי פינגער אין מויל און אַ פייף טאָן, אַז זיינע גענדזועלעך זאָלן זיך תיכף אויסשטעלן אין איין שורה, איינע הינטער דער צווייטער, און זיך לאָזן אין וועג אַריין.

ווער שמועסט נאָך, אַז די גענדזועלעך פלעגן זיך אָוועקשטעלן אויף איין פיסל, רואיקע, צופרידענע — ווייל אַ גענדזעלע, דאַרף מען וויסן, קען זיך אויסרוען נאָר אויף איין פיסל — דעמאָלט איז צו זיינוולס גליק נישט געווען קיין גרענעץ.

זיינוול האָט ליב געהאַט זיך צו קאָלערן אויף די לאָנקעס, איינצוזאַפּן אין זיך דעם ריח פון די גראָזן און זיך אויסצוטענהן מיט יעדן בלימעלע. ער האָט זיך אָבער קיין מאָל נישט נאָכגעיאָגט נאָך זומערפייגעלעך. מען טאָר זיי קיין שלעכטס נישט טאָן, מען טאָר זיי נישט פאַרטשעפּען, נישט אָנרירן — גאָטס באַשעפעניש! ער וועט בעסער זיך צוקוקן צו די בינען, ווי זיי פליען אַרום פון איין בלימעלע צום צווייטן, זיך צוהערן, ווי עס שעפּטשען זיך די ווינטלעך מיט די גראָזן אויף די לאָנקעס.

געווען איז עס אַ דאָנערשטיק, דער לעצטער דאָנערשטיק זיינער אויף די לאָנקעס מיט די גענדז. מען גראָבט קאַרטאָפל אויף די פעלדער. מען גראָבט אויס די צוויי זעק קאַרטאָפל, וואָס זיינוול האָט פאַרדינט מיט זיין פּאַשען גענדז. איצט וועט זיין פעטער, האָט ער געוווסט, זיין צופרידן פון אים. נישט בלויז וואָס ער האָט פאַרדינט אויפן עסן פאַר זיך, באַקומט ער נאָך צוויי זעק קאַרטאָפל.

צוקוקן ווי מען גראָבט קאַרטאָפל, איז פון תמיד אָן געווען אַ שטיקל

די פיר צייטן

יום־טוב, אַ מין ל״ג־בעומר. זענען טאַקע דעם דאָנערשטיק, באַלד נאָכן חדר, אַ סך ייִנגלעך געקומען צו לויפן אויפן פעלד.

דאָס מאָל האָבן זיי זיך מיט זיינוולען נישט געטשעפּעט. פאַרקערט, זיי זענען געווען זייער גוט צו אים, זיי האָבן אים אפילו געוויזן אַ נייע שפּיל, וואָס איז אים זייער געפעלן געוואָרן, עפּעס אַ קונציקע שפּיל אַזאַ מיט אַ ראָד און אַ שטעקן. צום סוף האָבן די ווייסע חברהניקעס אים פאַרגע־לייגט צו גיין זיך באָדן מיט זיי אין דעם דערבייאיקן טייכל.

זיינוול האָט געזען, אַז זיינע געגנדזלעך שטייען אויף איין פיסל, ווי שטענדיק ווען זיי זענען זאַט, האָט ער זיך געטראַכט: פאַר וואָס נישט? עס קען נישט שאַטן זיך אַ פּלוישע צו טאָן אין טייכל צוזאַמען מיט זיינע חברימלעך.

די ווייסע חברהניקעס האָבן אים פאַרנאַרט ווייט אין טייכל אַריין, צוגעכאַפּט זיין העמדל און זיינע הויזלעך און זיי זענען אַנטלאָפן. ער איז געבליבן שטיין אַ נאַקעטער. נאַקעט איז ער געלאָפן צוריק צו זיינע געגנדז־לעך, אָבער די ייִנגלעך האָבן אויך זיי צעטריבן אין אַלע זייטן, האָט ער אַ נאַקעטער געמוזט זיך יאָגן נאָך זיי. סוף־כּל־סוף האָט ער געפונען עפּעס אַ זאַק, אַ שמאַטע, אין אָט דעם הילוך איז ער צוריקגעגאַנגען אין זיין סוכּה.

יענע נאַכט האָט ער זיך געוואָרפן אויף זיין האַרטן געלעגער און נישט געקענט איינשלאָפן. צום ערשטן מאָל האָט ער לאַנג און ביטער געוויינט.

*

פאַראַן איין טאָג אין יאָר ווען אַלע שלימזלניקעס ווערן גרויסע פאַרדינער, טאַקע דערפאַר וואָס זיי זענען שלימזלניקעס. דאָס איז פּורים, ווי אַלע ווייסן, וואָרעם דעם טאָג דאַרפן אַלע בעלי־בתּים אָנקומען צו זיי; זיי קענען דאָך אַליין נישט טראָגן קיין שלח־מנות.

פלעגט זיינוול טאַקע וואַרטן אַ גאַנץ יאָר אויף אָט דעם טאָג, סיי צוליבן פאַרדינסט, וואָס דאָס שלח־מנות־טראָגן ברענגט איין, סיי צוליבן אָנזען, וואָרעם אַ שלח־מנות־טרעגער איז נישט אַבי ווער. אמת, אַ שלימזל פאַר־

בלייבט ער אויך פורים און אַלע מאַכן פון אים חוזק, אָבער דאָס ווילן זיי דאָך, דאָס געהערט דאָך צו דער שמחה פון פורים.

אויך צום שלימזל דאַרף מען האָבן מזל. האָט מען אַ ביסעלע מזל, שאַרט מען פורים פולע הויפנס מיט גאָלד. זיינוול איז אָבער געווען אַ שלי־מזל אָן אַ ברעקל מזל. די באַלעבאַטים זענען אפשר אין דעם נישט געווען שולדיק. זיי האָבן געוואָלט מאַכן פון זיינוולען אַ שטיקל פורים־שפּילער. וואָס פאַדערט מען דען פון אים? ער דאַרף זיך נישט פאַרשטעלן, זאָל ער נאָר זיין ווי אַלע טעג פון יאָר וועט שוין במילא זיין פריילעך. פורים איז דאָך אַ מצווה צו לאַכן, אַ מצווה זיך נאַריש צו מאַכן. אָבער גראָד אום פורים גיט זיך זיינוולען גאָרנישט איין. ווי אויף צו־להכעיס גלוסט זיך אים דווקא פורים נישט צו לאַכן, נישט צו מאַכן העוויות; גראָד פורים ווערט זיינוול טרויעריק.

— ניין, פון זיינוולען וועט שוין נישט ווערן קיין מענטש, קיין מאָל נישט — האָבן יידן געזאָגט אויף אים.

— אַ פּנים האָסטו דווקא ווי אַנגעמאָסטן פאַר פורים — האָט איינער אַ לץ זיך געבייזערט אויף אים — אַ פּנים, וואָס וואָלט געקענט דיר אַריינ־ברענגען אין איין טאָג פרנסה אויף אַ גאַנץ יאָר. נאָר דו ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט דעם. ביסטו נישט ווערט, אַז מען זאָל שינדן די הויט פון דיר?

דער עיקר איז חיים ביק דער קצב געווען מלא חימה אויף זיינוולען. וואָלט ער געהאַט גאָט אין האַרצן, וואָלט ער אים אפשר געממיתט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל:

— זאָג אַליין, זיינוול, בראָך, שלימזל וואָס דו ביסט! ווו האָסטו דיין משוגע קעפּעלע? וואָס טוסטו אויף מיט דיין קאַרטאָפל־נאָז? ווו טוסטו אַהין דיינע אייזלשע אויערן? פאַר וואָס גלאָצסטו נישט מיט דיינע קעל־בערנע אויגן? פאַרשטערסט דאָך אונדז דעם פורים. געפונען אַ טאָג ווען טרויעריק צו זיין? אויף וואָס האָט דיר גאָט געגעבן אַזאַ פורימדיק פּנים? אויף צו וויינען? אויף צו כליפּען? אַ מרה־שחורה מעג זיך אַריינכאַפּן אין דיר, ווען דו ווילסט, אָבער נישט פורים. דו הערסט? און איצט טראָג זיך אָפּ פון דאַנען, אַנישט...

אויך די ווייסע חברהניקעס האָבן אויף זייער שטייגער זיך באַמיט אים צו געבן צו פאַרשטיין, וואָס מען דאַרף טאָן, ווען מען וויל ווערן אַ שלח־מנות־טרעגער. מען האָט אים בעת מעשה, פאַרשטייט זיך, אויך מכבד געווען מיט אַ שפּאַר ביסל קלעפּ. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן. אנשטאָט צו לאַכן, האָט זיינוול גאָר זיך פונאַנדערגעוויינט אויפן מיטן גאָס, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען פורים אויף דער וועלט...

וואָס טוט מען מיט אים? אַ גאַנץ יאָר לאַכט ער און ער ווייסט נישט פאַר וואָס ער לאַכט, אָבער דווקא פורים און שושן־פורים, אין אָט די צוויי טעג, כאַפּט אים אָן די מרה־שחורה, און ער ווערט אויס קונצנמאַכער, כאָטש שנייד אים, כאָטש בראָק אים און מאַך פון אים אַ תל...

פורים־צייט אין די קליינע שטעטלעך זענען די גאַסן און די געסלעך נאָך באַדעקט מיט שניי, מיט אייז און ס'איז גליטשיק און קאַלט.

פלעגט טאָקע זיינוול שטאַרק מורא האָבן, ער זאָל זיך נישט אויסגליטשן און נישט צעברעכן אַ גלאָז, וואָס דער אָדער יענער האָט אים אָנגעטרויט. איין גליק נאָר, וואָס די איבעריקע שלח־מנות־טרעגער פלעגן זיין פאַר־נומען מיט זייער אייגענער שרעק נישט אומצופאַלן, אַנישט וואָלטן זיי אים שוין באַוויזן וואָס פאַר אַ טויגענישט ער איז...

אין איינעם אַ פורים האָט זיך געטראָפן מיט זיינוולען אַזאַ מעשה. אַ פאַרשטעלטער שלח־מנות־טרעגער האָט אים באַגעגנט אויף אַ ראָג געסל:

— הער נאָר, זיינוול! — האָט ער זיך אָפּגערופן צו אים — איך זוך דיך אַרום אומעטום. איך האָב פאַר דיר אַ גוט פאַרדינסטל. דו זאָלסט אָבער נישט זיין קיין שוטה, קענסטו פאַרדינען, ווייס איך? אפשר אַ גאַנץ צענערל.

— וואָס דאַרף איך טאָן? — האָט זיינוול אים געפרעגט אַ פאַרחידוש־טער — וואָס, חיימקע? — ער האָט אים דערקענט אונטער דער מאַסקע זיינער, לויטן קול האָט ער אים דערקענט.

— וואָס דו דאַרפסט טאָן? בהמה! איך האָב געגנוג צו טראָגן, גיב איך דיר איבער אַ שלח־מנות פאַר פייוול נאָז דעם דאָזאָר. ווייסט דאַך,

ווו ער ווינט? אויף דער קאַזע־גאַס, לעבן דער שול. ער וועט דיר גוט באַצאָלן און דו וועסט נאָך קריגן אַ קיכל אויך.

— אוי, גוט! — איז זיינוול געוואָרן צופרידן.

— וואַרט, וואַרט, בהמה! — האָט חיימקע אים אָנגעכאַפּט ביים אַרבל -- צוריקוועגס וועסטו קומען צו משה גוידער, דו ווייסט דאָך, משה דער תבואה־הענדלער. מען וויל דיר דאָרטן געבן עטלעכע שלח־מנותן אויף אַ מאָל, וואָס דו וועסט פונאַנדערטראָגן צו די גבאים. קום אָבער נישט צו פרי, ערשט נאָך דער מגילה, דאָרטן וועלן אויך זיין די פּורים־שפּילער, מען וועט דיך אפשר אויך צולאָזן צום שפּילן, פאַר וואָס נישט? וועסט קומען?

— אוודאי וועל איך קומען, פאַר וואָס נישט? חיימקע ביסט אַ גוטער, וואָס דו...

— איך בין נישט חיימקע, האָסט אַ טעות.

— מאַכסט אַ געלעכטער. איך זע דאָך, אַז דו ביסט...

— וואָס זעסטו, בהמה? פון וואַנען ווייסטו, אַז איך בין חיימקע?

— מען הערט דאָך, ווי דו רעדסט, חיימקע...

— איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז היינט בין איך נישט חיימקע, נישט היינט, נישט מאָרגן, איבערמאָרגן אפשר... נו, גיי שוין גיכער, וואָס שטייסטו, משוגענער?

— איך גיי שוין, איך גיי שוין...

— פאַרגעס נישט וואָס איך זאָג דיר: צו ערשט וועסטו גיין צו רב פּייוול נאָז... זאָלסט זיך נישט אַרויסרעדן „פּייפקע נאָז", רב פּייוול נאָז אויך נישט. טאָמער רופסטו אים „נאָז", וועט ער דיך מאַכן פאַר אַ קאַליקע און דו וועסט קיין מאָל מער נישט קענען ווערן קיין פּורים־שפּילער... געדענק, וואָס איך זאָג דיר. נאָך דעם וועסטו קומען צו משה גוידער. וועסט שוין דאָרטן טרעפן די גאַנצע חברה פּורים־שפּילער. עס קען זיין, אַז מיר וועלן דיך אַריינגעמען אין דער חברה און דו וועסט מיטשפּילן. וועסט ווערן המן, אָדער גאָר זרש... אַ ושתי המלכה איז שוין ביי אונדז פאַראַן...

„אַריין, אַריין,

ושתי דו מיין..."

— אוי, ס'איז שיין...

— מרדכי הצדיק איז נאָך שענער... דו וועסט זען, איך בין מרדכי הצדיק, וואָס רייט אויפן פערד.

— מען האָט דיך צוגעלאָזט?

— פאַרגעס נישט צו קומען נאָך דער מגילה צו משה גוידער, צום תבואה־הענדלער, אַנישט... אַנישט וועט מען זיך אָפּרעכענען מיט דיר. די ווייסט דאָך, אַז מיט אונדז שפּילט מען זיך נישט...

חיימקעס לעצטע ווערטער זענען זיינוולען גוט אַריין אין קאָפּ. עפּעס וואָס איז דאָ נישט גלאַטיק. טאָמער וועט ער נישט קומען צו משה גוידער, האָט חיימקע געזאָגט, וועט מען זיך גוט אָפּרעכענען מיט אים. מסתמא האָבן זיי שוין צוגעטראַכט אַ ניי שפּיצל. זיינוול האָט נאָך נישט פאַרגעסן די מעשה, ווען ער איז געבליבן שטיין אַ נאַקעטער אויפן ברעג טייכל. ער האָט אויך נישט פאַרגעסן די אַנדערע שפּיצלעך, וואָס מען האָט אים אָפּגעטאָן. אומעטום איז חיימקע געווען איינער פון די ערשטע אים צו דער־גיין די יאָרן.

וואָס פאַר אַ שפּיצל האָט ער איצט צוגעטראַכט?

משה גוידער איז געווען אַ ייד אַ „חזיר", דאָס הייסט, רייך און קאַרג. ס'שטעטל האָט אים דעריבער שטאַרק פיינט געהאַט, די ווייסע חברהניקעס זענען געווען אויף אים ברוגז, ווייל ער פלעגט, ווי נאָר עפּעס, אָנכאַפּן דעם און יענעם און אים אַזוי טרייסלען, אַז ער זאָל אויסברעכן דער מאַמעס מילך.

משה גוידער איז געווען אַ מילנער. ער איז געווען דער בעל־הבית פון דער ווינטמיל, וואָס האָט זיך געפונען אַ פּופּצן וויאָרסט ווייט פון שטעטל. דאָס יאָר איז פּורים אויסגעפאַלן אַ מיטוואָך, און דאָנערשטיק, כידוע, איז אַ מאַרק־טאָג. האָט ער געמוזט צוזען, אַז דאָס מעל זאָל זיין צעמאָלן אין דער נאַכט פון מיטוואָך אויף דאָנערשטיק. זיין ווייב זלאַטע מיט אירע דריי קינדער זענען געפאָרן צו אַ שמחהלע ביי זייערע קרובים אין אַ דערביי־איק שטעטל. פאַרבליבן אין שטוב איז בלויז שרהלע, דאָס עלטסטע טעכ־

טערל משה גוידערס — אַ שיין חנוודיק מיידל, אַ ציטעריקס — כדי צו פירן די בעל־בתישקייט.

האָט חיימקע צוגעטראַכט אַ פּלאַן: מען וועט פון משה גוידערס ווינונג אַרויסרוימען די גוטע געטראַנקען און נאַשערייען, וואָס זענען צוגעגרייט געוואָרן אויף פּורים. איי, שרהלע וועט מאַכן אַ גוואַלד? דאַרף מען מאַכן אַזוי, אַז זי זאָל נישט קענען שרייען. חברה וועט זיך פאַרשטעלן ווי פּורים־שפּילער, און פּורים, ווייסט מען, מעג מען טאָן אַלץ, אַבי זיך משמח צו זיין.

וואָס האָט דאָס אָבער צו טאָן מיט זיינוולען?

זיינוול וועט ווערן איינגעשפּאַרט אין שלאָפצימער אין איינעם מיט שרהלען און מען וועט אַהין אויך אַריינוואַרפן אַ ניס־פּולווער, כדי זיי זאָלן ביידע ניסן, שרהלע און זיינוול. און אויב אפילו שרהלע וועט שרייען, איז מען אין פּורים־נאַכט געוווינט צו אַלערליי געוואַלדן. ווען עס זאָל אַפילו אויסברעכן אַ שרפה אין שטעטל אין פּורים־נאַכט און אַ דאַך זאָל אַנהייבן ברענען, וואָלט מען עס אויך נישט גענומען ערנסט...

זיינוול איז אַוועק צו דער באַגעגעניש, ווי עס איז געווען אָפּגעמאַכט. די ווייסע חברהניקעס זענען אַרויפגעפאַלן אויף אים און זיי האָבן אים אַריינגעוואָרפן צו משה גוידער אין שטוב אַריין. זיי האָבן אַ שאָט געטאָן אַ ניס־פּולווער, און זיינוולען אַריינגעשטופּט אין שרהלעס חדרל.

שרהלע האָט זיך אויפגעכאַפּט און איידער נאָך זי האָט אויפגעמאַכט אירע אויגן, האָט זי שוין אָנגעהויבן ניסן. זיינוול האָט איר געענטפערט מיט ניסעריי: אַפּשיק!... אַפּשיק!...

שרהלע ניסט, זיינוול ניסט, און עס דוכט זיך, אַז די ווייסע חברהניקעס, וואָס זענען געבליבן שטיין פון דרויסן, וועלן איינוואַרפן דאָס הויז און די ווענט מיט זייער געלעכטער. זיינוול גופא האָט אויך אָנגעכאַפּט אַ משוגע־נער געלעכטער און ער האָט זיך געדרייט אין דרייען.

— שרהלע... אַפּשיק... כי־כי...

— וואָס?... אַפּשיק..... ווי?... אַפּשיק...

— נישט מורא... אַפּשיק... כי.... נישט מורא... פּורים...

— מאַמע...

— שרהלע... אַפּשיק... כּי...
— מאַמע... אַפּשיק... טאַטע...
— נישט מורא... גנבים... איך װעל...
— אַפּשיק...

ניסעריי, געװיין און געלעכטער... זײנװול האָט געטראַכט, אַז ער דאַרף דאָ עפּעס טאָן, ער דאַרף ראַטעװען שרהלען פון די פּורים־שפּילער, פון די גנבים, פון דעם ניס־פּולװער. זיך אַליין דאַרף ער אויך ראַטעװען, װײל טאָמער קומט איר טאַטע פּלוצלונג צו פאָרן און געפינט זײנװולען פאַר־שפּאַרט מיט שרהלען אין צימער, װעט זײַן אָך און װיי צו אים. װאָס װעט ער זאָגן? װעט מען אים גלייבן, אַז חברה האָט אים פאַרנאַרט אַהער, אַז ער איז אומשולדיק און אַז ער האָט שרהלען נישט געמיינט שלעכטס צו טאָן?

זײנװול האָט גענומען מאַכן משוגענע קונצן. ער האָט זיך געשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ, װי אַן אמתער פּורים־שפּילער. ער האָט גענומען זינגען:

מרדכי הצדיק רײַט אויפן פערד,
המן הרשע ליגט אין דר׳ערד!

דאָס איז ער אי המן הרשע אי מרדכי הצדיק. זאָל שרהלע זען. אַפּשיק... זאָל זי נישט מורא האָבן... גנבים... אַפּשיק... פּורים־שפּילער... זאָל זי נישט מורא האָבן. שרהלע! באַהאַלט זיך אין שאַנק! אָט אַזוי, שרהלע... אַפּשיק... כּי־כּי־כּי...

זײנװול האָט שוין גאָרנישט געװוּסט װאָס צו טאָן. אפשר איז ער טאַקע משוגע געװאָרן? ער האָט געלאַכט, ער האָט זיך געדרייט אויף דר׳ערד און געמאַכט העװיות. דערנאָך האָט ער אויפגעריסן טיר און פענצטער און ער איז אַרויס אויפן גאַס. ער האָט זיך געלאָזט לויפן װי אַ װילדער, און חברה לצים הינטער אים.

פאַר װאָס איז ער צוריקגעלאָפן צום דאָזאָר? װער װייסט? אפשר װײל די װייסע חברהניקעס האָבן אים פאַריאָגט אַהין. ביים דאָזאָר האָט

מען שוין אוודאי אויפגעמאַכט דאָס פּעקל שלח־מנות, וואָס ער האָט זיי געהאַט געבראַכט, שלח־מנות? מיסט און זאַמד איז דאָס געווען...

ווי מען האָט דערזען זיינוולען, דעם שלח־מנות־טרעגער, האָט מען, פאַרשטייט זיך, גענומען אים שלאָגן וויפל נאָר עס איז אין אים אַריין — מיט אַ בעזעם, מיט אַ וואַלגערהאָלץ, מיט וואָס נאָר עס האָט זיך געמאַכט. חברה האָט נאָך אַרויסגעגנבעט פון זיין קעשענע די פּאָר קופּערנע מטבעות, וואָס ער האָט פאַרדינט מיט זיין שלח־מנות טראָגן.

★

דעם דאָנערשטיק איז ווי יעדן דאָנערשטיק געווען דער מאַרק, פון וועלכן אַלע שטעטלדיקע יידן און אויך די יידן פון אַרום אין אַרום ציען די חיונה פאַר דער גאַנצער וואָך.

ס׳גאַנצע שטעטל איז געווען אויפן מאַרק. שושן־פּורים — זענען אויך די חדר־יינגלעך און די מלמדים געקומען אויפן מאַרק זיך משמח זיין ווי גאָט האָט געבאָטן, זיך פרייען איבער המנס מפּלה.

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס מאָל דער טומל נישט בהדרגה ווי יעדן דאָנערשטיק, נאָר באַגינען, פאַרן דאַוונען, און איידער נאָך דער מאַרק איז פול געוואָרן מיט פּויערים. די סיבה איז אַ פּשוטע: ווען משה גוידער איז צוריקגעקומען פון דער מיל אַ שפּראָץ אויף טאָג, האָט ער שרהלען נישט געפונען אין איר בעטל און גענומען זי זוכן אומעטום; ער איז געלאָפן אין בית־מדרש אַריין, און פון דאָרטן — אין מאַרק. עס האָט זיך געטאָן חושך.

— שרהלע, ווו ביסטו? — האָט משה גוידער געשריגן לויפנדיק איבער די גאַסן און געסלעך. ער האָט געקלאַפּט אין אַלע לאָדנס, אין אַלע טירן:

— איר האָט נישט געזען אַ מאָל מיין שרהלען?

— אייער שרהלע? — האָט מען זיך געוווּנדערט — וואָס הייסט? קיינער האָט זי נישט צוגעגנבעט.

— נישט צוגעגנבעט, זאָגט איר? — האָט משה גוידער געשריגן — יאָ צוגעגנבעט... קומט צו מיר, וועט איר זען, ווי אזוי מען האָט איבער־

געקערט די גאַנצע שטוב. גנבים, באַנדיטן זענען געווען ביי מיר, זיי האָבן אַלץ אַרויסגעגנבעט, דעם גאַנצן פורים האָט מען ביי מיר אַרויסגעגנבעט.

דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען כּאַדראָם. אויך אויף די ווייסע חברהניקעס האָט געציטערט די הויט, זיי האָבן אָבער מורא געהאַט אויס־צורעדן אַ וואָרט. וואָס האָט דער משוגענער זיינוול געטאָן מיט שרהלען? וואָלט כאָטש שרהלע נישט פאַרפאַלן געוואָרן. פריער פאַר אַלץ מוז מען אויפזוכן זיינוולען. אָבער ער וועט דאָך אַוודאי דערציילן וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן מיט אים. וואָס טוט מען? ווו איז זיינוול? ווו איז שרהלע?

חברה איז אַוועק זוכן זיינוולען, שרהלען. זיי האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן אויפן מאַרק, זיי זענען אַריינגעקראָכן אין די פויערישע פורלעך, געזוכט, געגישטערט און זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, געכאַפּט קלעפּ פון די פויערים.

ס׳איז אַריבער אַ שעה, און זיינוולען האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען אין ערגעץ, כאָטש געפונען האָט ער זיך אין זיין סוכה. דער סוף איז געווען, אַז צו זיינוולס אויערן זענען דאָך דערגאַנגען די געשרייען פון שטעטל:

מען האָט אַרויסגעגנבעט ביי משהן פלעשער מיט גוטע געטראַנקען... טעפּ איינגעמאַכטס... די באַנדיטן האָבן פאַרשלעפּט שרהלען...

זיינוולען האָבן נאָך ווייַ געטאָן די ביינער פון די קלעפּ, וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט פון דאָזאַר. עס האָט אים געמישט אין קאָפּ פון די קאַשמאַרן אין דער נאַכט, פון דער ניסעריי, פון דעם געלעכטער, פון דער שאַנק, ווו ער האָט געהאַט פאַרשפּאַרט שרהלען, כדי זי אויסצובאַהאַלטן פאַר די ווייסע חברהניקעס, וואָס האָבן געוואָלט איר טאָן שלעכטס.

האָט זיינוול זיך אַ וויש געטאָן די אויגן און איז תיכּף געלאָפן צו משה גוידער אין שטוב זען וואָס שרהלע מאַכט.

און ווי נאָר דער צונויפגעזאַמלטער עולם האָט דערזען זיינוולען, איז אַלעמען קלאָר געוואָרן, ווער עס איז געווען דער שולדיקער. אַלע האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים, אַלע מיט אַ מאָל, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געהאַט צונויפגערעדט:

— זאָג נאָר, באַנדיט וואָס דו ביסט, וואָס האָסטו געטאָן מיט שרהלען?

— משוגענער, די מינוט זאָלסטו זאָגן, ווו עס איז שרהלע.

זיינוול האָט זיך אַרויסגעדרייט פון זייערע הענט און פויסטן, איז צו־געלאָפן צו דער שאַנק, האָט אויפגעריסן די טיר. שרהלע איז געלעגן אַ צו־נויפגעקאָרטשעטע צווישן די קליידער, וואָס זענען דאָרט געהאַנגען ; זי איז געשלאָפן.

— אַפּשיק ! — האָבן אַלע אויף אַ מאָל אַ ניס געטאָן.

— איך — האָט זיינוול געפּרוווט זיך פאַרענטפערן — דאָס האָב איך איך... אַפּשיק... זי פאַרשפאַרט אין דער שאַנק...

— אוודאי דו ! — האָט משה גוידער געשריגן ווי נישט מיט זיין קול — אוודאי... אַפּשיק...

— ניין, טאַטע... אַפּשיק.... טאַטע... אַפּשיק... — האָט שרהלע גע־פּרוווט זיך אָננעמען פאַר זיינוולען — גנבים... אַפּשיק... ער האָט מיר געראַ־אַ־טע־ווע־ע־עט... אַפּשיק...

— יאָ, יאָ... אַפּשיק... — האָט זיינוול אונטערגעכאַפּט — דאָס האָב איך... אַפּשיק... זי... פאַרשפאַרט... אַפּשיק... ווען נישט איך...

— ווי אַזוי אָבער קומסטו אַהער צו מיר אין שטוב ? — האָט משה גוידער געריטשעט — ווי... אַפּשיק ?... איך וועל דיך... אַפּשיק...

ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. מען האָט אים געזעצט אין קאָפּ, אין די אויגן, מען האָט אים אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, אים געטראָטן מיט די פיס, געשריגן צו אים, אַז ער זאָל זיך מודה זיין :

— ווי אַזוי ?

— פאַר וואָס ?

זיי וואָלטן אים אפשר צוגעהרגעט, ווען עס קומט נישט צו לויפן, ווי דאָס האַרץ וואָלט אים געזאָגט, זיינוולס פעטער — פאָרט אַ פעטער ! — און ווען ער וואָלט אים נישט אַרויסגעשלעפּט פון זייערע הענט.

— געוואַלד ! גזלנים ! וואָס האָט איר צו אים ? — האָט ער געשריגן און געפאָכעט מיט די הענט — איר האָט דאָך אים שיער נישט געממיתט...

— איר זענט נישט בעסער פון אים ! — האָט משה גוידער געשריגן — איר נעמט זיך נאָך אָן פאַר אים ?

— פון אים בין איך נישט בעסער — האָט לייזער פאָמפּיק געענט־

פערט — אָבער אויף אים זאָלט איר נישט אויפהייבן קיין האַנט, זאָג איך אייך. ער איז טאַקע אַ יתום, אָבער ער האָט נאָך אַ פעטער, וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר אים, איר הערט?

לייזער פּאָמפּיק האָט אויפגעהויבן זיינוולען פון דער ערד מיט אַזאַ באַוועגונג, גלייך ווי ער וואָלט געווען זיין טאַטע. וואָס איז מיט אים געשען? אַ רחמנות־געפיל האָט זיך אין אים פּלוצלונג דערוועקט.

— ער האָט זיך דאָך אַליין מודה געווען! — האָט עמעץ זיך אָנגערופן — וואָס וועט איר איצט זאָגן?

— איך וועל אייך זאָגן — האָט לייזער פּאָמפּיק געשריגן — אַז אַ רוח זאָל אַריין אין אייער טאַטנס טאַטן אַריין! וואַרט, וואַרט, איר וועט נאָך הערן פון מיר, איך וועל דאָס אייך נישט פאַרשווייגן, איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט אייך. איר האָט דאָך אים אַוועקגעקוילעט.

— ער איז נאָך גערעכט! — האָט משה גוידער געשריגן.

— אַוודאי בין איך גערעכט! — האָט לייזער פּאָמפּיק געפּאָכעט מיט דער פויסט — מיינט נישט, אַז ווייל ער איז אַ יתום איז ער הפקר און אַלע קענען טאָן מיט אים וואָס זיי ווילן.

*

ס'איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז דער שושן־פּורים איז דעם טאָג געוואָרן פאַרשטערט: דאָס שפּילן פון די פּורים־שפּילער איז נישט געווען דאָס וואָס אַלע מאָל, דער אַלטבאַקאַנטער ניגון פון די פּורים־געזאַנגען האָט זיך עפּעס אויך נישט געקלעפּט, מען האָט נישט געוווּסט ווער עס איז „מרדכי הצדיק" און ווער עס איז „המן הרשע".

מער פון אַלעמען איז געווען צעטומלט זיינוול, אי צוליב דעם, וואָס עס איז געשען מיט אים אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט, אי צוליב דער נייער גאָר אומדערוואַרטעטער באַציונג, וואָס זיין פעטער האָט צו אים איצט אַרויסגעוויזן.

ווי איז דאָס מעגלעך, אַז זיין פעטער זאָל פּלוצלונג האָבן אַזוי זיך געענדערט? נישט בלויז ער האָט אים נישט מער געשלאָגן, געטריבן פון דער סוכה, נאָר פונקט פאַרקערט — ער האָט אים גאָר אַריינגענומען צו

זיך אין שטוב אַריין; ער האָט אויך אָנגעזאָגט זיין ווייב, אַז זי זאָל אים מאַכן טיי, געבן אַ ניי העמד. מען האָט אים אַריינגעלייגט אין אַ בעט אַריין, און מען האָט אים באַהאַנדלט ווי אַ קראַנקן. וועגן דער מעשה, וואָס איז געשען ביי משה גוידער האָט מען נישט געהערט קיין איין וואָרט מער. מען האָט, ווייזט אויס, געוואָרט, אַז זיינוול זאָל אַליין דערציילן, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען. מיט בייזן וועט ער זיך נאָך מער צעטומלען און מען וועט זיך גאָרנישט דערוויסן פון אים, האָט מען געוואָרט, ביז ער וועט אַ ביסל קומען צו זיך און וועט אַליין אַלץ דערציילן.

און אַזוי איז טאַקע געווען. דעם אַנדערן טאָג, ווען זיינוול איז אַ ביסל געקומען צו זיך, האָט ער, צו ערשט שטאַמלענדיק, דערנאָך אַלץ מער און מער דייטלעך, דערציילט די מעשה פון אָנהייב ביז צום סוף. כאָטש זי איז איצט נאָך אויך נישט געווען זייער קלאָר, לויגט זיך דאָך זי איבערצודער־ציילן פונקט אַזוי, ווי זיינוול האָט זי דערציילט זיין פעטער און זיינע שוועסטערקינדער, וואָס זענען אַלע געווען פאַרזאַמלט ביי זיין בעטל.

— איך האָב געטראָגן שלח־מנות... פורים... איך האָב ליב פורים צו טראָגן שלח־מנות... ס'איז פריילעך, אומעטום איז פריילעך... האָב איך געטראָגן שלח־מנות... פורים...

— דערצייל ווייטער, זיינוול — האָט אים אויפגעמונטערט דער פעטער, ווען ער האָט געזען, אַז ער נעמט זיך פּלאָנטערן און קריכט אַראָפּ פון וועג — דערצייל בעסער וואָס דאָרט איז געווען, ביי משהן.

— דאָרט? גאָרנישט. האָב איך געטראָגן שלח־מנות, קומט אונטער אויפן וועג אַ פאַרשטעלטער פורים־שפּילער. ניין, חיימקע...

— וואָסער חיימקע? — פרעגט אים דער פעטער.

— חיימקע, חיימקע באַשע־קיילעס, דאָרטן, דאָס קרעמל...

— איך ווייס שוין, איך ווייס שוין — זאָגט דער פעטער — דערצייל זשע ווייטער. קומט אונטער, זאָגסטו, חיימקע באַשע־קיילעס...

— זאָגט מיר חיימקע: רוף מיך איצט נישט חיימקע, איצט בין איך אַ פורים־שפּילער. זאָג איך צו אים: איך זע, אַז דו טראָגסט אַ מאַסקע. זאָגט ער צו מיר: צו ערשט טראָג אָפּ אַ פּעקל שלח־מנות צום דאָזאָר און דערנאָך וועסטו קומען צו משה דעם תבואה־הענדלער...

— איצט הייב איך שוין אָן צו פאַרשטיין — האָט זיך לייזער פּאָמפּיק געכאַפּט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען — דערצייל ווייטער. האָסטו אָפּגעטראָגן די שלח־מנות צום דאָזאָר און דערנאָך ביסטו געלאָפן צו משה גוידער... דערצייל ווייטער.

— האָב איך אָפּגעטראָגן די שלח־מנות צום דאָזאָר און בין גלייך געלאָפן צו ר׳ משהן... בין איך געקומען צו ר׳ משהן, האָבן זיי מיך גענומען...

— ווער זיי? — האָט לייזער פּאָמפּיק זיך אויפגערעגט.

— חיימקע און די איבעריקע.

— ווער די איבעריקע?

— די פאַלשע פּורים־שפּילער...

— ווייס איך שוין... דערצייל ווייטער...

— זיי האָבן מיך אַריינגעוואָרפן צו שרהלען אין שלאָפצימער...

— פאַר וואָס האָסטו זיך געלאָזט וואַרפן?

— אַ סך געווען... פּורים־שפּילער... זיי האָבן מיך פאַרמאַכט אינעווייניק, שרהלע איז שוין געשלאָפן, האָבן מיר ביידע אָנגעהויבן צו ניסן. אַפּשיק... ניסן און ניסן... האָב איך איר געזאָגט: שרהלע, האָב נישט מורא... האָב איך גענומען און האָב זי אַריינגעפירט אין שאַנק. איך האָב מורא געהאַט פאַר חיימקען, ער זאָל איר נישט עפּעס טאָן...

— דאָס איז אַלץ? פאַרשטיי איך שוין, וואָס עס איז געשען. דערצייל ווייטער, איך וועל זיי שוין ווייזן...

— פּעטער! — האָט זיך זיינוול גענומען בעטן — שרהלע איז נישט שולדיק. דאָס האָב איך זי פאַרשפּאַרט אין שאַנק. זי איז נישט שולדיק...

— אַ נאַר בלייבט אַ נאַר... ווער האָט צו שרהלען? אוודאי איז זי נישט שולדיק... אָבער אים, איר שיינעם טאַטן, און חיימקע באַשע־קיילעס, איך וועל זיי פאַרשווייגן, מיינסטו?

★

זיינוולס פּעטער איז פון דעם טאָג אָן געוואָרן אַן אמתער פּעטער און זיינוול האָט פון דעמאָלט אָן געהאַט, ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר אים. לייזער פּאָמפּיק האָט מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט מאַכן פון זיינוולען

אַ שטיקל לייט, אויסלערנען אים אַ מלאכה, אַז ער זאָל נישט דאַרפן אָנ־קומען צו פרעמדע מענטשן.

איז זיינוול אָנגעקומען ווי אַ געזעל צו משה קישקע, דעם שניידער. אַלץ, וואָס זיינוול איז ביז איצט אויסגעשטאַנען אין זיין לעבן, איז גאָר־נישט געווען אַנטקעגן דעם, וואָס ער האָט געליטן ביי משה קישקע, סיי פון אים אַליין, סיי פון די געזעלן.

אַז אַ געזעל דאַרף אונטערטראָגן דער בעל־הביתטע איר קאָשיק, אויס־ליידיקן דעם צעבער און אויסקערן דעם הויף — דאָס ווייסט יעדער איינער. זינט עס זענען פאַראַן שניידערס אויף דער וועלט און זינט די שניידערס האָבן געזעלן, פירט זיך אַזוי. אָבער קריגן געשלאָגן, סיי פון בעל־הבית, סיי פון די אַרבעטער, אומזיסט און אומנישט? איז איידער זיינוול האָט זיך אויסגעלערנט האַלטן אַ נאָדל אין דער האַנט, זענען פאַרביי אַ סך חדשים, און יעדער, וואָס האָט נאָר געהאַט גאָט אין האַרצן, האָט אים געשלאָגן.

אמת, טעג און וואָכן זענען אַוועק, ביז מען האָט אים באַוויזן אַ נאָדל. און אפילו דערנאָך, ווען מען האָט אים שוין יאָ צוגעלאָזט צום טיש, האָט מען אים צעהרגעט דעם פינגער, אויף וועלכן ער האָט געדאַרפט טראָגן אַ פינגערהוט. פון נייען האָט שוין קיין רייד נישט געקענט זיין.

וואָלט ער כאָטש געוויינט, וואָלט ער זיך כאָטש באַקלאָגט — אפשר וואָלט עמעצער פאַרט אויף אים רחמנות געהאַט, אַ גוט וואָרט אים געזאָגט, זיך אָנגענומען זיין קריוודע. וואָלט זיינוול געוויינט, וואָלט אפשר משה קישקע זיך איינגעשטעלט פאַר אים. אָבער ער, אַנשטאָט צו וויינען, אָנ־שטאָט זיך צו באַקלאָגן, האָט ער נישט אויפגעהערט צו כיכיקען. טאָ וואָס איז אַ וווּנדער, אויב משה קישקע האָט צוגעלאָזט, אַז זיבע געזעלן זאָלן אים שלאָגן וויפל נאָר דאָס האַרץ האָט זיי געגלוסט?

יאָ, זיינוול האָט נישט אויפגעהערט צו כיכיקען אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ער האָט אַלעמען אַרויסגעפירט פון געדולד. עס האָט נישט גע־האָלפן נישט מיט גוטן, נישט מיט בייזן — זיינוול האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן. ער האָט אַלעמען אַרויסגעבראַכט פון די כלים. די געזעלן האָבן צוליב אים נישט איין מאָל פאַרלוירן אַ געוועט, ווען עס וועט פריער געלינגען אים צו דערפירן צו טרערן. דאָס האָט זיך קיינעם נישט איינגעג־

געבן. זיינוול האָט געלאַכט אַפילו ווען ער האָט געזען, אַז חברה האָט גע־גאָסן וואַסער אין די קוילן וואָס מען האָט אים געהייסן פונאַנדערבלאָזן צום פּרעסאייזן.

וואָס פֿאַר אַ שפּיצל חברה זאָלן נישט האָבן צוגעטראַכט פֿאַר זיינעט־וועגן, איז אַלץ געווען אַרויסגעוואָרפן. זיי האָבן פֿאַרנייט די אַרבל פֿון זיין מלבוש, וואָס ער האָט געדאַרפֿט אָנטאָן, זיי האָבן אַריינגעוואָרפן פּאָדעם־צויטן אין זיין שיסל קאַרטאָפל, ס׳איז גאָרנישט געווען צו מאַכן מיט אים.

— ווייסט איר גאָר וואָס? — האָט זיך איין מאָל אָנגערופן אַ געזעל — לאָמיר אַוועקלייגן אונטערגעצונדענע שמאַטעס לעבן זיינע פֿיס, וועט דאָס הייסן, אַז ער פֿאַרברענט דאָס מלבוש, וואָס ער פּרעסט...

אַ נעכטיקער טאָג! זיינוול האָט געלאַכט אויך פֿון דעם שפּיצל. דאָס איז טאַקע געווען דער אָנהייב פֿונעם סוף פֿון זיינוולס שניידער־קאַריערע.

געווען איז דאָס אַן ערב־פּסח, ווען משה קישקע איז געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט אַרבעט. שווער צו זאָגן, צי איז עס געווען דערפֿאַר, וואָס זיינוולען איז געפֿעלן געוואָרן דאָס שפּיצל פֿון די געזעלן, אָדער ביי אים האָט זיך אויפֿ־געוועקט עפּעס אַ געפֿיל פֿון נקמה — ער האָט באַשלאָסן זיי נאָכצוטאָן און אויך אַ שפּיל טאָן מיט פֿייער.

געאַרבעט האָט מען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, כדי אויסצופּאַרטיקן די מלבושים אויף פּסח. קוים, קוים וואָס מען האָט זיך פֿאַרגונען אַ פּאָר שעה שלאָף. מען האָט זיך אויסגעלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, כדי עס זאָל זיין האַרט און מען זאָל וואָס ווייניקער שלאָפֿן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי אַלע האָבן גענומען כראָפּען. וואָס האָט זיינוול געטאָן? ער האָט מיט עטלעכע שטעך צוגענייט איין קאָלדרע צו אַ צווייטער, ביז צו משה קישקעס קאָלדרע, אונטערגעצונדן אַ שטיק פּאַפּיר און אָנגעהויבן שרייען: „עס ברענט! עס ברענט!"

אַלע האָבן זיך אויפגעכאַפּט, גענומען ציען זייערע קאָלדרעס און אַזוי אַרום אַרונטערגעשלעפּט די קאָלדרע פֿון משה קישקע, וועלכער איז געבליבן ליגן אין די גאַטקעס. זיינוול האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פֿון געלעכטער.

פאַרשטייט זיך, קיין קלעפּ האָט מען אים אויך דאָס מאָל נישט געזשאַ־לעוועט, און דערנאָך האָט מען אים פּראָסט־פּשוט אַרויסגעוואָרפן אין מיטן נאַכט.

*

אָט איז שוין זיינוול אַ בעקעריונג. וואָרעם אויב שוין יאָ פייער, האָט זיין פעטער זיך געטראַכט, טאָ זאָל כאָטש זיין מיט תכלית. ער האָט גע־פּועלט ביי עלי דעם בעקער, אַז ער זאָל צונעמען זיינוולען פאַר אַ העלפער.

געוויס איז אויך דאָ פאָרגעקומען אַ געשיכטע מיט פייער און מיט געלעכטער, און זיינוול איז געוואָרן אויס בעקעריונג, פּונקט אַזוי ווי ער איז געוואָרן אויס שניידעריונג. לייזער פּאַמפּיק האָט שוין גאָרנישט געוווּסט מער ווי זיך אַן עצה צו געבן מיט אים. ער האָט געטראַכט אַהין, געטראַכט אַהער, ביז ער האָט זיך צו עפּעס דערטראַכט: ער וועט אים מאַכן פאַר אַ באַהעלפער. זיינוולען איז דאָס שטאַרק געפעלן געוואָרן, ווען דער פעטער האָט מיט אים וועגן דעם גערעדט.

— ביי וועלכן מלמד וועל איך זיין אַ באַהעלפער, פעטער?

— וואָס פאַרשטייסטו נישט, פויערשער קאָפּ וואָס דו ביסט? נישט דאָ... ביי אַ מלמד פון אַ דאָרף. וואָס שווייגסטו?

— יאָ, פעטער, אַ מלמד אין אַ דאָרף...

— דיר איז לייכט צו זאָגן: אַ מלמד אין אַ דאָרף... פאַראַן מלמדים אַזעלכע? ווו האָסטו אַזעלכע דערפער?

— איך ווייס נישט, פעטער...

— דו ווייסט נישט? איך ווייס יאָ, ווייל איך זאָרג פאַר דיר, דו דאַרפסט גאָט דאַנקען, וואָס דו האָסט אַ פעטער, וואָס זאָרגט פאַר דיר. איך האָב שוין געפונען פאַר דיר אַ מלמד, וואָס וועט דיך צונעמען פאַר אַ באַהעלפער. דו זאָלסט נאָר זיין אַ מענטש, נישט מאַכן קיין קונצן, נישט לאַכן ווי אַ משו־גענער, נישט מאַכן קיין שרפות, זיך אויפפירן לייטיש...

אָבער גראָד איצט, ווען זיינוול האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך אויפ־פירן לייטיש, און דער עיקר, נישט לאַכן שטענדיק, צי מען דאַרף יאָ, צי מען דאַרף נישט, גראָד איצט האָט ער בשום אופן נישט געקענט זיך איינ־

האַלטן און ער האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. ניין, דאָס איז נישט געווען קיין פשוט געלעכטער. דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט: ער האָט געלאַכט און געוויינט צוזאַמען. אַפילו לייזער פּאַמפּיק האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז זיינוול טוט עס נישט בכיוון, אַז ס'איז ביי אים נישט קיין געלעכטער, נאָר אַ מין געוויין.

*

אַ באַהעלפער? וואָס דאַרף אַ מלמד אין דאָרף אַ באַהעלפער? וויפל יינגלעך לערנען זיך דען ביי אים? פינף־זעקס, אויב מען רעכנט שוין אַריין דעם מלמדס אייגענע קינדער; דער עלטסטער איז אַלט אַכט יאָר, דאָס יינגסטע — איין יאָר.

יחיאל דער דאָרף־מלמד אָדער יחיאל די ציג, ווי מען האָט אים גע־רופן, ווייל ער האָט געהאַט נישט קיין באָרד, נאָר אַ בערדל ווי אַ ציג, האָט זיך געניייטיקט נישט אין אַ באַהעלפער, נאָר אין אַ ניאַנקע, בעסער געזאָגט — איז אַ הויז־קנעכט.

האָט זיינוול געשלעפּט פּאָמעניצעס, געפּוצט די קופּערנע כלים, גע־האַקט האָלץ, פאַרוויגט דאָס שווינדזיכטיקע יינגעלע, דער רביצינס „צירונג״, ווי זי האָט עס גערופן. דער רבי גופא האָט אים פון צייט צו צייט מכבד געווען מיטן קאַנטשיק, אויב אַ יינגל האָט געזאָגט שלעכט עברי. זיינוולען צו ערשט, דערנאָך אויך דעם יינגל.

אָבער דאָס פלעגט געשען, דעם אמת געזאָגט, זייער זעלטן. פאָרט איז זיינוול נישט מער געווען קיין חדר־יינגל, און די דאָרפישע יינגלעך זענען נישט קיין איבערגעשפּיצטע, האָט זיינוול ביי זיי געהאַט מער גליק, ווי ביי זיינע חברים אַ מאָל אין שטעטל. זיי האָבן זיך מיט אים נישט געטשע־פּעט. פאַרקערט, זיי האָבן זיך מיט אים געחברט. זיינוול האָט זיך געפרייט, וואָס זיי חברן זיך מיט אים און וואָס זיי לערנען אים אויס פאַרשידענע קונצן.

כדי זיי געפעלן צו ווערן, האָט ער זיך אויפגעפירט נאָך קינדישער ווי זיי, און איין מאָל איז ער אין מיטן העלן טאָג אַריינגעריטן אויף אַ ציג אין חדר אַריין...

ס'איז, פאַרשטייט זיך, געוואָרן אַ גרויס געלעכטער. מער פון אַלעמען האָט זיינוול געלאַכט. דער מלמד און זיין ווייב האָבן זיך שטאַרק געשראָקן.

מען זאָל זיי צוצאָלן אַפילו, וואָלטן זיי נישט מסכים געווען ווייטער צו האַלטן זיינוולען ביי זיך. דעם טאָג נאָך האָט יחיאל דער מלמד אָפּגעשיקט זיינוולען צוריק צו זיין פעטער לייזער פּאָמפּיק.

איצט האָט לייזער פּאָמפּיק שוין אַראָפּגעלאָזט די הענט. זאָל עס גיין ווי עס גייט, האָט ער זיך געטראַכט, ער האָט אַלץ געטאָן, וואָס ער האָט געקענט.

אָבער דעמאָלט איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אין גאַנצן געענ־דערט זיינוולס גורל.

*

אינעם דאָרף ביעלאַנקע, אַן אַכצן קילאָמעטער פון שטעטל, וווינט יאַנקל דער אויסטויגער — אַ קרעטשמער, וועלכער האַנדלט נאָך אונטער מיט חזיר־האָר, האָזנפעלכלעך, געטריקנטע קעלבערנע מעגעלעך, בהמות, עופות, פערד. אַ ייד איז ער אַ מגושמדיקער, אָבער אַ גאַנצער יחסן ביי זיך. פאַרמאָגט ער דאָך צוויי אייגענע ספר־תורהס און אויף אַלע שבת קומען צו אים אַראָפּ ישובניקעס פון דער אומגעגנט. און ווער שמועסט נאָך צו די יום־טובים אָדער גאָר צו די ימים־נוראים — דאַן ברענגט ער אַפילו אַראָפּ פון ליפּעץ אָדער פון נאָך ווייטער אַ חזן אָדער אַ בעל־תפילה און מען דאַוונט ביי אים נישט אין איין מנין, נאָר אין עטלעכע.

נישקשה, יאַנקל דער אויסטויגער פאַרשטייט ווי צו פירן אַ יידיש לעבן אין עושר און טאַקע אויך אין כבוד. וואָרעם ווער וועט זיך אָפּזאָגן אים אַ חנפע צו טאָן: „ר׳ יאַנקל אַהין! ר׳ יאַנקל אַהער! ר׳ יאַנקל, געזונט זאָלט איר זיין״?

קינדער האָט ער גערעטענע, איינס אין איינס. זיי האָדעווען זיך גרינג און וואַקסן ווי אויף הייוון. ער גופא איז דווקא נישט אַזוי איי, איי. קוים קוים וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט עברי קליינערהייט, אָבער דערפאַר זיינע קינדער — קיין עין־הרע, קיין בייז אויג זאָל זיי נישט שאַטן. ביי די בעסטע מלמדים האָבן זיי זיך געלערנט. זיינע מיידלעך האָט ער גאָר געשיקט אין שטאָט אַריין אין די קלאַסן. קענען זיי טאַקע נישט בלויז גוט רעדן און שרייבן פּויליש, נאָר אַפילו דייטש אויך, וואָרעם ביעלאַנקע איז

נישט ווייט פון דער דייטשער גרענעץ און דייטש טויג צום געשעפט. שמועסט מען דאָך, אַז יאַנקל דער אויסטויגער מאַכט פון צייט צו צייט אויך אַ קאָנטרעבאַנדל. מילא, ווּעמען טוט ער דערמיט אַ רעה? אַ ייד טויג זיך אויס, זאָל אים ווויל באַקומען! ער איז נישט קיין חזיר, און מען קען ביי אים אַ מאָל אויך כאַפּן אַ גמילת־חסד — אויף פּראָצענט פאַרשטייט זיך, און אויף אַ משכון. וואָס ווילט איר? ער זאָל געבן בלינדערהייט? און טאָמער גיט מען אים נישט אָפּ, וואָס וועט ער טאָן? ער וועט אייך לאָדן צום „ונתנה תוקף״?

איין צרה, וואָס צוליב דער פּרנסה מוזן זיינע קינדער זיך חברן מיט שקצים. מילא, די זין — פאַר וואָס נישט? זאָגט מען דאָך אַ גלייכוווערטל: „צוליב פּרנסה־וועגן מוז מען האַנדלען מיט מאַטשעק־לעבן״. אָבער די טעכטער זיינע — וואָס האָבן זיי אַרומצוגיין מיט שקצים, מיט דעם פּריצס זינדלעך, אַ שטייגער?

גאָר אַ סך נחת האָט ער געהאַט פון זיין מיטלסטער טעכטערל שולמית. זי איז געווען אַ מיידל מיט אַלע מעלות: אי שיין, אי געראָטן, אי געביל־דעט, און וואָס נישט? ס׳איז בלויז אַ שאָד, וואָס מען וווינט אין דאָרף. אין שטאָט, וואָלט ער זיך נישט געוווּנדערט, ווען אין איר פאַרליבט זיך אַ בוכ־האַלטער אָדער אַפילו אַן אַפּטייקער. פינף קלאַסן גימנאַזיע האָט זי דאָך געמאַכט, זי האָט אפילו געלערנט לאַטייניש, כאָטש זי דאַרף עס אויף כפּרות... וואָס טויג איר לאַטייניש? נדן האָט זי, ברוך השם. ער וועט איר נישט קריוודען. זאָל זיך נאָר מאַכן אַ גוטער שידוך. נאָר ער איילט זיך נישט. זאָל קודם חתונה האָבן די עלטערע, דבורהלע, מיט שולמיתן האָט ער קיין דאגות נישט.

אַ מענטש טאָר זיך קיין מאָל נישט איבערנעמען. וואָלט אים עמעצער דערציילט מיט אַ יאָר צוריק, וואָס מיט זיין געליבטער טאָכטער שולמיתן וועט געשען, וואָלט ער יענעם אַנגעשפּיגן אין די אויגן; ער וואָלט אים אויסגעפּאַטשט, קיין איין גאַנצן אבר וואָלט ער אין אים נישט איבערגעלאָזט, אַ טויטן וואָלט מען יענעם אַוועקגעטראָגן. וואָס הייסט? זיין טאָכטער? זיין שולמית? מען דאַרף וויסן וואָס מען רעדט...

דערפאַר טאַקע האָט קיינער זיך נישט געטרויט אויסצורעדן אַ וואָרט, כאָטש אַלע האָבן געזען, אַז שולמית גייט ארום — נישט פאַר קיין יידישער טאָכטער געדאַכט — מיט אַ בייכל; אַלע, חוץ ער און חוץ זיין ווייב ברייגע. זי האָט דאָך אוודאי געדאַרפט עפּעס באַמערקן. זי האָט דאָך געטראָגן און אויסגעהאָדעוועט זעקס קינדער... אויף אַ בייכל פון אַן אייגענער טאָכטער איז מען, ווייזט אויס, נישט קיין מבין. ביז זי האָט זיך דערוווסט אין אָנהייב פינפטן חודש...

אַזאַ אומגליק! אַזאַ חרפּה! ווי אַזוי וועט ער עס אַריבערטראָגן? אָבער יאַנקל איז נישט קיין ייד, וואָס פאַלט ביי זיך. זענען שדכנים געקומען. מען האָט זיך געשושקעט און מען איז דורכגעקומען. ס'איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה.

פאַרשטייט מען שוין אַליין, אויף וועמען דער גורל איז געפאַלן חתונה צו האָבן מיט שולמיתן. געקענט וואָלט מען אפילו געפינען אַ לייטישערן שידוך, אָבער ווער און וואָס פאַר אַ חתן מען זאָל נישט האָבן געפונען, וואָלט ער דאָך בשום אופן נישט מסכים געווען חתונה צו האָבן אויף צו פלייסן: אויב שוין יאָ ווערן דער טאַטע פון אַ פרעמד קינד, איז כאָטש האָבן די שיינע שולמית פאַר אַ ווייב. אויף זיינוולען אָבער האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזן. מען איז געווען זיכער, אַז ער וועט קיין פּרעטענזיעס נישט האָבן. וואָס האָט ער אייגנטלעך צו פאַרלירן? וואָס נאָך וויל ער? נישקשה, יאַנקל אויסטויגער וועט אים נישט באַוואלהן.

דער פּלאַן צו פאַרנאַרן זיינוולען קיין ביעלאַנקע איז נאָך נישט געווען אין גאַנצן פאַרטיק. יאַנקל דער אויסטויגער גופא האָט נאָך נישט געוווסט, ווי אַזוי דאָס וועט צושטאַנד קומען, אָבער ער האָט זיך פאַרלאָזן אויף זיינוולס נאַרישקייט. אים וועט מען קענען צווינגען, ער זאָל זי גלייך אויף מאָרגן אָפּגטן. ווי אַזוי אָבער וועט דורכגיין די ערשטע נאַכט נאָך דער חופּה? שולמית וועט דאָך אפילו נישט וועלן אויף אים קוקן. אָבער אויך דאָ האָט יאַנקל אויסטויגער עפּעס צוגעטראַכט. ער האָט געהאָפט, אַז עס וועט אַלץ אַדורכגיין בשלום.

שולמית האָט אויף יעדן פאַל געמוזט איינגיין אויף אַ שידוך. זיינוולען האָט זי קיין מאָל פאַר די אויגן נישט געזען. פאַר וואָס זאָל יאַנקל דער

אויסטויגער איר נישט זאָגן, אַז זי האָט חתונה אויף צו פלייסן מיט זיינוולען, אַ ווייטער קרוב יאַנקל, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען, אַ קלויזניק, אַ בטלן, וואָס זיצט אין ליפּעץ און לערנט? שולמית קען אים נישט. אָבער זי האָט געהערט דעם נאָמען, זי ווייס, אַז ער איז אַ ווייטער קרוב. הגם איר וואָלט קיין מאָל נישט איינגעפאַלן, אַז זי קען ווערן זיין ווייב, איז דער שידוך נישט אַזאַ קרומער, און אויב מען וועט איר זאָגן, אַז ער איז מסכים זי אָפּצוגטן אויף מאָרגן נאָך דער חופּה, וועט זי זיך נישט אַזוי קרימען. פאַר וואָס נישט? סיי ווי וועט דאָך יאַנקל דער אויסטויגער זי אָפּשיקן קיין דייטשלאַנד, ווו קיינער קען זי נישט. וואָס האָט זי דאָ צו פאַרלירן?

מאָלט אייך, אַז יאַנקלען דעם אויסטויגער איז נישט אַזוי לייכט אָנ־צוקומען צו פועלן ביי זיין טאָכטער, זי זאָל מסכים זיין אויף צו שטעלן אַ חופּה מיט דעם בחור דעם בטלן, אָבער האָט זי דען געהאַט אַן אַנדער ברירה? זי האָט דאָך נישט געקענט גיין אונטער דער חופּה מיט צעשעקן, דעם פּריצס צעבאַלעוועט זונדל...

דער שגץ מאַטשעק, ווען יאַנקל האָט געשיקט אין שטאָט, האָט נישט געהאַט קיין גרויסע מי אויפצוזוכן זיינוולען און אים איינצורעדן, אַז ער זאָל מיטפאָרן מיט אים צו יאַנקל דעם אויסטויגער, וואָס האָט אַרבעט פאַר אים. געמאַכט איז דאָס געוואָרן געשיקט און געהיים. קיינער האָט זיך דערפון נישט דערוווּסט. אַפילו לייזער פּאַמפּיק האָט פון דער גאַנצער מעשה נישט געהערט. זינט דער געשיכטע ביי דעם דאָרף־מלמד, האָט ער בכלל אויפגע־הערט זיך צו אינטערעסירן מיט זיינוולען, וואָס האָט געלעבט מער אויף דער גאַס ווי אין דער סוכה, און זיך מפרנס געווען — ער האָט אַליין נישט געוווּסט פון וואָס און ווי אַזוי.

*

יאַנקל דער אויסטויגער האָט צונויפגעקליבן אַ מנין דאָרפס־יידן און אַראָפּגעבראַכט אַ רב פון דערבייאיקן שטעטל. אַלץ איז געווען צוגעגרייט ווי צו אַן אמתער חתונה. אַ לאַנגער ווייסגעדעקטער טיש איז געשטאַנען אין מיטן קרעטשמע און אויפן טיש — מכל טוב, טאַקע ווי צו אַן אמתער חתונה. יאַנקל האָט אַפילו צוגעגרייט פאַר זיינוולען חתונה־מלבושים, אמת, נישט אין גאַנצן אויף זיין מאָס, אָבער דאָך נייע מלבושים מיט שיך און אַ הוט, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אמתן חתן־בחור.

ווי נאָר זײַנוול איז געקומען, האָט יאַנקל אים גלײַך גענומען אויף אַ פֿאַרהער און צווישן זיי איז פֿאָרגעקומען אַזאַ מין שמועס:

— דו ביסט עס דער חתן־בחור?

— וואָס? — האָט זײַנוול געפֿרעגט, ווײַל ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס יענער וויל.

— איך פֿרעג דיך, צי דו ביסט עס דער חתן־בחור? מאַך זיך נאָר נישט תמעוואַטע. ענטפֿער.

— איך הייס זײַנוול.

— זײַנוול. אַ באַקאַנטער נאָמען. ווי רופֿט מען דײַן טאַטן?

— איך האָב נישט קיין טאַטן.

— יאָ, יאָ, איך ווייס. דו ביסט אַ יתום, נעבעך, האַ?

— איך האָב אַ פֿעטער.

— לייזער? ר׳ לייזער?

— יאָ, ר׳ לייזער.

— און ווי איז דײַן פֿאַמיליע־נאָמען?

— מײַן פֿאַמיליע־נאָמען? זײַנוול, זײַנוול שטערנהוט.

— שטערנהוט?

— שטערנהוט, זײַנוול שטערנהוט הייס איך...

— איך גלייב דיר. פֿאַר וואָס נישט שטערנהוט? ס׳איז אַ גאַנץ שיינער נאָמען? און ווי האָט געהייסן דײַן טאַטע, ווייסטו?

— אברהם האָט ער געהייסן...

— ר׳ אברהם?

— יאָ, ר׳ אברהם האָט ער געהייסן. ער איז געשטאָרבן, ווען איך בין געווען אַ קליין ייִנגל. דרײַ יאָר בין איך אַלט געווען.

— אַ שאָד, אַ שאָד, אַ טייערער ייִד געווען ר׳ אברהם. געשטאָרבן פֿאַר דער צײַט, און דו ביסט פֿאַרבליבן אַ קיילעכיקער יתום, דײַן מאַמע איז נאָך פֿריִער געהאַט געשטאָרבן. זעסט, אַז איך ווייס...

— פֿון וואַנען ווייסט איר?

— פֿאַר וואָס זאָל איך נישט וויסן? דו מיינסט, אַז איך וועל נעמען פֿאַר אַן איידעם אַבי וועמען, נישט קענענדיק זײַן יחוס?

— וואָס? איך האָב נישט פאַרשטאַנען...

— וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין? דו ווייסט כאָטש נאָך וואָס דו ביסט אַהער געקומען? איך וויל דיך האָבן פאַר אַן איידעם...

— איידעם? איר לאַכט פון מיר...

— גיי שוין, גיי. ווער לאַכט פון דיר? דו זעסט דעם טיש מיט די גוטע מאכלים?

— יאָ, איך זע...

— און באַלד וועסטו זען דיין כלה אויך. זאָג מיר, דו האָסט זי ליב, דיין כלה? זי איז אַ קרובה דיינע, דו הערסט וואָס איך זאָג דיר...

— וועלכע כלה? איר לאַכט פון מיר... וועלכע קרובה?

— ווער לאַכט פון דיר? אין אַזעלכע זאַכן שפּילט מען זיך נישט. אַז איך זאָג דיר, דו וועסט ווערן מיין איידעם, ווייס איך וואָס איך זאָג.

— איר לאַכט פון מיר.

— באַלד וועסטו זען דיין כלה, דיין קרובה, דאַן וועסטו שוין גלייבן, מיין איך. אָבער דו דאַרפסט זיך צו ערשט איבערטאָן אין דיינע חתונה־מלבושים, וואָס איך האָב צוגעגרייט פאַר דיר. וואַש זיך אַרום און טו זיך איבער, די צייט שטייט נישט אויף אַן אָרט. איך וואָלט דיר געהייסן געבן אַנבייסן, אָבער דו ווייסט דאָך מסתמא, אַז חתן־כלה דאַרפן פאַסטן דעם טאָג פון דער חופה. דערפאַר אָבער נאָך דער חופה וועסטו האָבן אַ גוטע וועטשערע...

*

זיינוולען האָט זיך געדוכט, אַז אים חלומט זיך עפּעס אַ חלום. ער האָט זיך געריבן די אויגן און זיך באַמיט צו דערגיין, וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט געוווּסט, אַז מיט כוח וועט ער גאָרנישט נישט אויפטאָן, וואָרעם זיי זענען שטאַרקער פון אים. אַ יינגל אַפילו איז אויך שטאַרקער פון אים, בפרט נאָך יאַנקל דער אויסטויגער, יאַנקל דער קרעטשמער. נו, גוט, זאָגט יאַנקל, אַ כלה, זאָל זיין אַ כלה; זאָגט יאַנקל, אַז זיינוול איז אַ חתן־בחור און אַז ער יאַנקל, וועט זיין זיין שווער, זאָל זיין אַ חתן־בחור און אַ שווער... פאַר וואָס נישט?

דער שמועס אָבער מיט זיין קינפטיקן שווער איז נאָך נישט געווען

פאַרענדיקט. יאַנקל הייסט אים קודם זיך איבערטאָן, זיך אָנטאָן ווי אַן אמתער חתן־בחור.

— ביסט צופרידן, זיינוול, וואָס דו ביסט געוואָרן אַ חתן־בחור?

— יאָ, יאָ, צופרידן, וואָס איך בין געוואָרן...

— זאָג, שעם זיך נישט, אַ חתן־בחור...

— אַ... חתן־בחור...

— און דו וועסט אָנטאָן נייע מלבושים.

— איך וועל אָנטאָן נייע מלבושים.

— איך מיין, אַז זיי וועלן דיר פּאַסן.

— איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געטראָגן נייע מלבושים...

— נישקשה, נישקשה, גיי טו זיך איבער. איך האָב אַן אויג, איך ווייס וואָס עס פּאַסט... שטעל זיך נאָר אויף, לאָמיר זען...

זיינוול האָט זיך אויפגעשטעלט. יאַנקל האָט גענומען אים דרייען אַהין און צוריק. ער האָט אים דערנאָך אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע:

— ווי דען? עס וועט מוזן פּאַסן... אָבער איידער דו גייסט זיך איבער־טאָן, האָב איך נאָך מיט דיר עפּעס צו רעדן... דו ווייסט כאָטש, פאַר וואָס איך נעם דיך פאַר אַן איידעם?

— איך ווייס נישט — האָט זיינוול געענטפערט — איר האָט געזאָגט...

— ביסט אַ נאַר — האָט יאַנקל זיך פונאַנדערגעלאַכט — ווי זאָל איך דיר זאָגן? מיין טאָכטער... האָט זיך באַנאַרישט... ס'האָט געטראָפן מיט איר אַן אומגליק... זי איז... ווי זאָל איך דיר זאָגן?

— אַן אומגליק...

— וואָס פאַר אַן אומגליק? זאָג, וואָס דו טראַכסט, ליימענער גולם...

— איך ווייס נישט...

— דו ביסט נאָך אַ גרעסערער שוטה, ווי איך האָב געטראַכט... איך רעד דאָך מיט דיר פּשוט און קלאָר... עס האָט געטראָפן מיט איר אַן אומ־גליק, האָב איך דיר געזאָגט...

— איך פאַרשטיי נישט...

— אויב איך נעם דיך פאַר אַן איידעם, איז דאָס נישט איבער דיין

תורה, איבער דיין קלוגשאַפט, מישטיינס געזאָגט, אויך נישט איבער דיין עשירות... פאַרשטייסט שוין איצט?

— איצט פאַרשטיי איך שוין — האָט זיינוול געענטפערט, כאָטש ער האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס יאַנקל וויל פון אים.

— אַזוי איז גוט — האָט יאַנקל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, כאָטש ער אויך איז געווען זיכער ביי זיך, אַז יאַנקל האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען. דעם אמת געזאָגט, האָט ער אפילו אָנגעהויבן חרטה האָבן אויף דער גאַנצער מעשה מיט זיינוולען. וואָלט אים איצט אונטערגעקומען אַן אַנדער לעקיש, וואָלט ער זיינוולען אָפּגעשיקט צוריק אַהיים. אַ רחמנות אויף שולמיתן, ווי צו אירע יאָרן. מיט אָט דעם נפש וועט זי עס דאַרפן שטיין אונטער דער חופה... אָבער עס איז שוין געווען שפּעט און יאַנקל איז אַרויסגעפאָרן מיטן ריכטיקן לשון:

— הער נאָר צו, זיינוול, וואָס איך וועל דיר זאָגן. וואָס טויגן מיר איבעריקע רייד? מיין טאָכטער האָט זיך באַנאַרישט — פרעג נישט ווי אַזוי, פרעג נישט מיט וועמען. ס'איז נישט דיין עסק. איצט מוז איך זי חתונה מאַכן מיט אַ יידישן בחור, פאַרשטייסטו שוין? אָבער מיין נישט, אַז איך וויל פטור ווערן פון מיין טאָכטער. ווען דו וואָלסט געווען מער מענטש, וואָלט איך דיר דערציילט, וויפל קלאַסן זי האָט געמאַכט, וויפל לאַטייניש זי האָט געלערנט, ווי אַ דאָקטאָר... אָבער דו פאַרשטייסט דאָך נישט די זאַכן... אמת וואָס איך זאָג?

— אמת...

— זעסטו שוין? וואָס וועל איך דיר אויסרעכענען אירע מעלות? דו דאַרפסט אַליין פאַרשטיין, אַז אַ ווייב פאַר דיר פּאַסט זי נישט צו זיין...

— אָבער איך דאַרף דאָך מיט איר חתונה האָבן...

— שוטה איינער! ליימענער גולם! פאַר וואָס מיינסטו האָב איך דיך אַהער געבראַכט?

— איך ווייס נישט...

— נאַ דיר גאָר, דו ביסט געקומען, כדי חתונה צו האָבן מיט מיין שולמיתן...

— איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר ווילט נישט, זי זאָל זיין מיין ווייב...

— איך וויל יאָ... איך וויל נישט... וואָס איז דאָ פאַראַן נישט צו פאַרשטיין? איך זע שוין, אַז כ׳וועל מיט דיר קיין טאָלק נישט דערגיין... וועל איך רעדן מיט דיר אָפן: מיין טאָכטער טראָגט... פאַרשטייסטו שוין?

זיינוול האָט מורא געהאַט צו זאָגן, אַז ער האָט נישט פאַרשטאַנען, האָט ער בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ — איין מאָל אויף יאָ, איין מאָל אויף נישט...

— מען קען דאָך אַרויסגיין פון געדולד — האָט יאַנקל אָנגעהויבן צו שרייען — וואָס פאַרשטייסטו נישט? זי טראָגט... זי איז אַ טראָגעדיקע, אַ מעוברתע! פאַרשטייסטו שוין, אידיאָט איינער?

— איצט פאַרשטיי איך — האָט זיינוול אַ טרויעריקן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— ווען אַ מיידל טראָגט פאַר דער חתונה אין פינפטן חודש, קען מען מער נישט וואַרטן. און דו ביסט אַ קינד פון אַ פיינער משפחה, האָב איך באַשלאָסן, אַז דו וועסט מיט איר שטיין אונטער דער חופה — וואָס אַרט דיך? — נישקשה, איך וועל דיך נישט באַעוולהן. אָבער מאָרגן וועסטו איר געבן אַ גט... אי דו וועסט פאַרדינען אַ מצווה, אי דו וועסט דערפון נישט האָבן קיין שאָדן. וועסט עסן אַ גוטע וועטשערע, די מלבושים, וואָס איך האָב דיר געמאַכט, וועסטו מיטנעמען מיט זיך. איך האָב אַלץ צוגעגרייט, פאַראַן דאָ אַ רב. מאָרגן וועט ער זיך דערוויסן פון שולמיתן, אַז דו טויגסט נישט פאַר אַ מאַן, וועט דער רב אייך אָפּגטן. ביסט מסכים?

— מסכים — האָט זיינוול געענטפערט.

— אויב אַזוי איז מער קיין מניעה נישטאָ. טאָ גיי זשע גיכער, זיינוול, גיי אַריין אין יענעם צימער, וואַש זיך אַרום, טו זיך איבער און זאָל זיין מיט מזל. אַז ס׳איז באַשערט אַזאַ אומגליק, וואָס קען איך טאָן?

*

פון דער מינוט אָן איז אַלץ צוגעגאַנגען כשורה, אָן געשרייען, אָן געוואַלדן. זיינוול האָט זיך אַרומגעוואַשן, האָט זיך אָנגעטאָן די נייע מלבושים. זיי זענען געווען אַ ביסל צו ברייט און צו קורץ, אָבער פון דעסטוועגן האָט

ער איצט אויסגעזען ווי אַ גיי־געבוירענער. וואָלט אים איצט אָנגעקוקט חיים ביק דער קצב, וואָלט ער וועגן אים אַוודאי געהאַט אַן אַנדער מיינונג. גייט מען אָנגעטאָן ווי אַ מענטש, איז דאָס פּנים אויך אַן אַנדערס. און נישט בלויז דאָס פּנים, אפילו שכל האָט מען אויך מער. מען איז גאָר אַן אַנדער מענטש.

אָט פּאָר וואָס שולמית איז נישט געפאַלן אין חלשות ווען זי האָט אים דערזען. דערמיט אָבער איז נאָך נישט געזאָגט, אַז זי האָט זיך אין זיינוולען פאַרליבט אויפן ערשטן קוק. דאָס וואָלט שוין גאָרנישט געווען נאַטירלעך. וואָלט אפילו איר חתן זיינוול געווען אַ שיינער בחור, אַ געבילדעטער ווי זי, מיט איין וואָרט, אַ לייט, וואָלט זי זיך אין אים אויך נישט פאַרליבט, ווארעם זי איז נאָך אַלץ געווען פאַרקאָכט אין דעם בלאָנדן צעשעקן, דעם פריצס צעבאַלעוועט זונדל.

אוודאי איז שולמיתן דאָס שטיין מיט זיינוולען אונטער דער חופה נישט אָנגעקומען לייכט, און ווען זי האָט צו אים אויסגעשטרעקט דעם מיטלסטן פינגער, ער זאָל איר אָנטאָן דאָס קידושין־רינגעלע, האָט איר די האַנט געציטערט און אין אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. אָבער אפשר האָט זי נישט אַזוי פיל געוויינט אויף איר אייגן טרויעריק מזל, ווי אויף אים, אויף זיינוולען; זי האָט דאָך גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ קאָמעדיע. איר האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס מען מאַכט צוליב איר אַזוי ביטער חוזק פון אַ מענטשן. זי האָט געהאַט אַ גוט האַרץ און ס׳איז איר זייער נישט געווען ניחא צו שטיין אונטער דער חופה מיט אַ בחור, וועמער ער זאָל נישט זיין, און טראַכטן גאָר פון אַן אַנדערן. וואָלט זי געהאַט אַ ביסל מער מוט, וואָלט זי אַנטלאָפן פון אונטער דער חופה.

*

מען וואָלט נאָך ווייטער געקענט שילדערן אי שולמיתס טרויעריקער צושטאַנד, אי זיינוולס קלאָגעדיקע לאַגע, באַשרייבן די פאַרוווּנדערטע פּנימער פון די אַלע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער אויס־טערלישער חתונה. אָבער מיר דערנעענטערן זיך דאָך צום סוף פון דער געשיכטע. מיר וועלן פאַרשווייגן די חופּה־וועטשערע, די גילדערנע יויך,

די גוטע מאכלים, די שמועסן ביים טיש, די וויצן פון דעם בדחן און די פריילעכע ניגונים פון די כלי־זמרס, און מיר וועלן זיך צוהערן צום שמועס, וואָס איז פאָרגעקומען אין צימער פון יונגן פּאָרל.

שולמית איז געלעגן אין בעט און זי האָט געוויינט. זיינוול איז געזעסן אויף אַ שטול לעבן בעט און ער האָט אַפילו נישט געוואָגט צו קוקן אין איר זייט. אין אַ פּאָר שעה איז ער עפּעס געוואָרן אַן אַנדער מענטש: אויס יינגל, אויס נאַר, אויס זיינוול, טאַקע אַ ניי־געבוירענער. וואָס איז געשען? ווי פאַרענדערט זיך דאָס אַ מענטש אַזוי פּלוצלונג? שווער צו פאַרשטיין. אמת, שכל און פאַרשטאַנד קומען נישט מיט אַ מאָל. אָבער עפּעס וואָס האָט זיך דאָך אין אים אויפגעכאַפּט, עפּעס אַזוינס, וואָס ער אַליין האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז, עפּעס, וואָס איז געווען ביז איצט פאַרדעקט מיט שלימזל, מיט אומגליק. ער האָט גענומען טראַכטן און רעדן ווי אַ נאָרמאַ־לער מענטש מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד. ער האָט אַפילו געהאַט גענוג מוט זיך צו ווענדן צו שולמיתן מיט אַזאַ מין פראַגע:

— וואָס וויינט איר? וואָס?...

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרוויינטע אויגן און אים געענטפערט:

— דו מעגסט מיר זאָגן דו... איך בין דאָך...

וואָלט מען אים אָנגעזאָגט, אַז מען וועט אים באַלד קרוינען פאַר אַ קיסר, וואָלט ער אויך נישט געוואָרן אַזוי צעטומלט און דערשראָקן. ער האָט זיינע אייגענע אויערן נישט געגלויבט. וואָס? זי האָט געזאָגט דו מעגסט מיר? איז דאָס מעגלעך? נישט אַנדערש ער, אָדער זי האָט אַ טעות געהאַט...

— יאָ, זיינוול — האָט זי איבערגעחזרט — זאָג מיר דו, איך בעט דיך... איך בין אויף אַן אמת דיין שולמית... גענוג געמאַכט חוזק פון דיר... מיך פאַרדריסט שטאַרק, וואָס מיין טאַטע האָט דיך צוליב מיר אַזוי פאַרשעמט... וויל איך עס איצט גוט מאַכן... איך האָב פעסט באַשלאָסן...

זיינוול איז געבליבן זיצן ווי אַ געפּלעפטער. ער האָט גאָרנישט גע־הערט, אפשר האָט ער אויך נישט ריכטיק פאַרשטאַנען אירע רייד. אפשר האָט זי געזאָגט עפּעס גאָר אַנדערש, אין אַן אַנדער שפּראַך, כדי ער זאָל נישט פאַרשטיין, אָבער ער האָט דאָך פאָרט געהערט זי זאָגן... וואָס האָט זי געזאָגט? ער האָט קיין טעות נישט. ער האָט געהערט מיט זיינע אייגענע

אויערן, ווי זי האָט געזאָגט: דיין שולמית... ווען־מענס איז זי? זי איז זיין שולמית? פאַר וואָס? וואָס איז ער, זי זאָל זיין זיין ווייב? אים איז גוט, וואָס ער קען זיצן דאָ לעבן איר. ער, זיינוול, זיצט איצט ביי יאַנקלס טאָכטער, מאָרגן וועט דאָך אַלץ זיין אָוועקגעפלויגן, מאָרגן וועט ער ווערן צוריק דער זיינוול וואָס געווען, דער, נאָך וועמען אַלע חדר־יינגלעך לויפן נאָך, זיינוול דער משוגענער...

לויט אירע ווייטערדיקע רייד, וואָלט מען געקענט אָננעמען, אַז זי האָט זיך צוגעהערט צו זיינע געדאַנקען:

— איך האָב היינט איבערגעלעבט, וואָס אַן אַנדער מענטש לעבט נישט דורך אין צוואַנציק יאָר. איך האָב געטאָן אַ גרויסע אומרעכט, אַ פאַר־ברעכן בין איך באַגאַנגען קעגן דיר.

— רעדט נישט, רעדט נישט... אַ פאַרברעכן?

— יאָ, אַ פאַרברעכן, נאָך ערגער ווי אַ פאַרברעכן. און דו, מיין ליבער מאַן, זאָג מיר מער נישט איר. אַנישט וועל איך ווערן בייז אויף דיר.

— ניין, ניין, זייט נישט בייז אויף מיר — האָט זיינוול זיך גענומען בעטן — איך בין דאָך נישט שולדיק. איך האָב פון קיין זאַך נישט געוווּסט. וואָס האָב איך געקענט טאָן? מיט געוואַלד האָט מען מיך גענומען. מען האָט מיר געזאָגט, בין איך געקומען צו פאָרן...

— דו פאַרשטייסט מיך נישט. נישט דו ביסט שולדיק, נאָר איך, איך...

— איך פאַרשטיי נישט. איר ווילט איך זאָל אייך לאָזן אַליין? איר זענט אין כעס אויף מיר, וואָס איך בלייב זיצן ביי אייך אין צימער?

— גאָט איז מיר דיר! וואָס רעדסטו, ווי זאָל איך דיר דערקלערן, אַז נישט דו ביסט שולדיק, נאָר, פאַרקערט, אַז איך בין די שולדיקע? אָבער איך קען ווייטער נישט רעדן צו דיר אַזוי לאַנג, ווי דו וועסט מיך אירצן...

— איך וועל אייך נישט מער אירצן...

— איך בעט דיך, זיינוול, זאָג: דו...

— איך קען נישט.

— אויב אַזוי זאָג מיר נאָך, זאָג צוזאַמען מיט מיר: דו.

— דו...

— אַזוי איז גוט. מיר זענען מאַן און ווייב, און אויב דו ווילסט, וועלן מיר שטענדיק פאַרבלייבן מאַן און ווייב.

— אויב איך וויל!?... אָבער כ׳האָב דאָך צוגעזאָגט אייך צו געבן אַ גט...

— דו אירצט מיך שוין ווידער? שווער זיך אָפּצוגעווינען, אָדער שווער זיך צוגעווינען, אָבער אַזוי ווי מיר פאַרבלייבן שוין מאַן און ווייב, וועסטו זיך מוזן צוגעווינען מיר צו דוצן...

— און דיין טאַטע?

— דו האָסט חתונה געהאַט מיט מיר, נישט מיט מיין טאַטן.

— איך האָב אים צוגעזאָגט, אַז איך וועל אייך... דיר מאָרגן געבן אַ גט... אַנישט וואָלט ער מיך נישט אַריינגעלאָזן דאָ אין צימער...

— ער האָט געמוזט דיך אַריינלאָזן אין מיין צימער. מיר זענען דאָך געשטאַנען אונטער דער חופה.

— יאָ, מיר זענען געשטאַנען אונטער דער חופה. אָבער ער וועט דאָך אונדז דערהרגענען... דיין טאַטע...

— האָב נישט קיין מורא, דער טאַטע קען אונדז גאָרנישט טאָן, אויב מיר שפּאַרן זיך איין... אויב דו שפּאַרסט זיך איין און גיסט נישט קיין גט. ער וויל, כ׳זאָל מאָרגן זאָגן דעם רב, אַז דו ביסט נישט... אַז דו ביסט נישט... נו, דו ווייסט שוין, וואָס כ׳מיין...

— כ׳ווייס נישט, ניין, כ׳ווייס נישט, איך פאַרשטיי נישט וואָס איר... וואָס דו מיינסט — האָט זיינוול געענטפערט און אין זיין קול און אין זיינע אויגן איז געלעגן אַזוי פיל תמימות, אַז שולמית האָט פּלוצלונג דערשפּירט אין זיך אַ מאָדנע געריירטקייט.

ביז איצט האָט זי נאָר געוואָלט פאַרגלעטן דאָס אומרעכט, וואָס צוליב איר האָט מען אָנגעטאָן זיינוולען. אָבער מיט אַ מאָל האָט זי גענומען קוקן אויף אים מיט גאָר אַנדערע אויגן. די ערלעכקייט און די גוטסקייט, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט פון זיינוולס אויגן, האָבן באַלויכטן זיין גאַנץ פּנים.

— זיי ווילן, כ׳זאָל זאָגן, אַז... דו ביסט נישט נאָרמאַל — די לעצטע ווערטער האָט זי קוים אַרויסגעפּליסטערט — כ׳וועל עס אָבער נישט זאָגן, ניין, כ׳וועל עס נישט זאָגן. פרעג נישט, כ׳וויל אַזוי. כ׳וויל, מיר זאָלן

בלייבן מאַן און ווייב. כ׳זע, דו ביסט אַ גוטער, דו וועסט זיין אַ גוטער טאַטע צו מיין קינד. רו וועסט עס ליב האָבן ווי דיינס... וועסט קיין מאָל אים נישט פאַרוואַרפן, אַז ער איז... — דאָס האַרבע וואָרט איז געבליבן שטעקן אין איר קעל — דו ביסט אַ גוטער, און אַ שיינער אויך — האָט שולמית זיך פלוצלונג צעשמייכלט און אַריינגעקוקט זיינוולען טיף אין די אויגן אַריין — יאָ, אַ שיינער. קום גיב מיר די האַנט, ריר מיך אָן...

אויף זיינוולען האָבן די רייד פון דער יונגער פרוי זיך אַרויפגעגאָסן ווי אַ וואַרעמע כוואַליע. עפּעס האָט ער נישט פאַרשטאַנען, און עפּעס יאָ. ס׳איז אים געווען אי גוט, אי באַנג.ביים האַרצן האָט געצופּט אַ זיס געפיל און אַ מורא איינצייטיק. ווען ער האָט דערהערט די לעצטע ווערטער פון שולמית און דערזען, ווי עס שטרעקט זיך צו אים אויס אַ נאַקעטער, ווייסער, רינדער אָרעם — איז ער געוואָרן צונטער־רויט. אַ היץ האָט אים אַ שלאָג געטאָן צום קאָפּ. ווען ער וואָלט געהאַט כוח, וואָלט ער אַנטלאָפן פון צימער, פון הויז, פון דאָרף. אָבער די פיס זענען אים געווען ווי אונטערגעהאַקט.

— האָב נישט קיין מורא — האָט שולמית געפליסטערט, וואָס אַ מאָל שטילער און אָפּגעהאַקטער — האָב נישט קיין מורא, כ׳בין דאָך דיין ווייב. גיב מיר די האַנט, קום נענטער, אָט אַזוי...

זיינוולען איז פאַרגעקומען ווי נישט ער, נאָר עמעצער אַנדערש וואָלט אויסגעשטרעקט אַ ציטערדיקע האַנט. ער האָט נישט געהאַט קיין ווילן, קיין געדאַנק. ער איז אין גאַנצן געווען אין רשות פון יענעם אַנדערן, וואָס האָט באַפוילן מיט זיינע באַוועגונגען.

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. זיין האַנט האָט באַגעגנט אַ וואַרעמע, לעבעדיקע גלאַטקייט, וואָס האָט אים ווי אָפּגעבריט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן צוריק די האַנט, נאָך אַלץ מיט פאַרמאַכטע אויגן.

— האָב נישט קיין מורא — האָט ער דערהערט איר שטים — האָב נישט קיין מורא, קום, בייג זיך צו.

און ווידער אָן זיין ווילן, קעגן זיין ווילן, האָט יענער אומבאַקאַנטער, אומהיימלעכער כוח, וועלכער האָט איצט געוועלטיקט איבער אים, אַ בייג געטאָן זיין נאַקן. צוויי וואַרעמע, שמעקעדיקע גלאַטע אָרעמס האָבן אַרומגענומען זיין האַלדז, געצויגן זיין קאָפּ אַלץ ווייטער, טיפער. ער האָט גע־

אַטעמט אַ קיין מאָל נישט געאָנטן ריח פון באַטיסט און פּרויען־לייב, און פּלוצלונג האָט ער דערשפּירט אויף זיינע ליפּן אַזאַ זיסקייט, וואָס קיין שום ווערטער קענען נישט איבערגעבן איר טעם.

כ׳בין געשטאָרבן — האָט עס אַ קלאַפּ געטאָן אין די לעצטע איבער־בלייבענישן פון זיין געדאַנק — נישט אַנדערש, כ׳בין געשטאָרבן און בין אין גן־עדן... אָבער פאַר וואָס קומט עס מיר?

דאָס זענען געווען די לעצטע געדאַנקען פון זיינוולען. פון איצט אָן האָט זיך אַלץ אויסגעלאָשן. געבליבן איז נאָר דער אויסטערלישער ריח, וואָס האָט אים אַוועקגעטראָגן ווייט, העט ווייט, ווו די צייט האָט זיך אָפּ־געשטעלט און דער רוים אַרום איז פאַרשוווּנדן...

*

וואָס יאַנקל דער אויסטויגער האָט אויף צומאָרגנס נישט געטאָן, וויפל ער האָט נישט געסטראַשעט און וויפל ער האָט זיך נישט געבעטן — קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. ער האָט געדראָט, אַז ער וועט זיינוולען דער־הרגענען, געסטראַשעט מיט פּאָליציי, זיך געוואָרפן שלאָגן אים. אָבער ער האָט געהאַט פאַר זיך גאָר אַן אַנדערן זיינוולען, אַן אויסגעגלייכטן, מיט ברייטע פּלייצעס און רואיקע אויגן. זיינוול האָט מער נישט געלאַכט מיט זיין משוגענעם געלעכטער, ווי זיין שטייגער איז געווען. ער האָט נאָר געשמייכלט, און פאַרן דאַזיקן שמייכל האָבן זיך ביי יאַנקלען אַראָפּגעלאָזט די הענט. ער האָט געפּרוווט מיט גוטן. צוגעזאָגט זיינוולען, אַז ער וועט אים אָפּגילטן, אויב ער וועט געבן אַ גט. ער האָט צום סוף פאַרלוירן יעדע גאווה און געבעטן זיך ביי זיין טאָכטער, זי זאָל רחמנות האָבן אויף איר אַלטן טאַטן. ער האָט געקליאַנטשעט, געוויינט, און ווידער אויפגעשפּרונגען אין ווילדן כעס, געוואָרפן טעלער אויף דער ערד, צעבראָכן מעבל, צעיאָגט דאָס גאַנצע הויזגעזינט, אויסגעפּאַטשט זיינע זין — און ווידער געוויינט און געבעטן זיך.

אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן. „מיר ווילן בלייבן מאַן און ווייב" — האָט שולמית איבערגעחזרט און זיינוול האָט אַפילו דאָס נישט

געזאָגט — אפשר האָט ער עס נאָך נישט געוואָגט צו זאָגן — ער האָט בלויז געשמייכלט, אַ מאָדנער שמייכל איז עס געווען, וואָס אין אים איז געלעגן סײַ פאַרוווּנדערונג איבער דעם, וואָס מיט אים איז געשען, סײַ עפּעס אַ זיכערקייט — ווי ביי אַ בלינדן, וואָס ווערט זעעוודיק...

יאַנקל אויסטויגער האָט נעבעך געמוזט נאָכגעבן. אָבער איין זאַך האָט ער יאָ אויסגעפירט. מאַן און ווייב, זעט ער, וועלן זיי שוין בלייבן, אָבער ער וויל זיי נישט האָבן פאַר די אויגן, ער וויל נישט כסדר זען זיין חרפּה, ער וויל נישט הערן וואָס לייט וועלן וועגן דעם רעדן. זאָלן זיי אַוועק, אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד. ער וועט זיי געבן אויף הוצאות און ווייטער זאָלן זיי שוין אַליין זען, ער, דער לעקיש, און זי מיט איר... ער האָט פאַר־ביסן די ליפּן, כדי נישט אַרויסצורעדן דאָס וואָרט ממזר...

*

צו וואָס נאָך דערציילן, וואָס ביי יאַנקל דעם אויסטויגער האָט זיך געטאָן, ווען דאָס פאַרפאָלק איז אויף צו מאָרגנס אַוועקגעפאָרן? ערשט איצט האָט ער דערשפּירט, וואָסער בראָך ער אַליין, מיט די אייגענע הענט, האָט אָנגעטאָן. ער האָט דאָך זיינוולען דעם שוטה אַריינגעלייגט, קען מען זאָגן, צו זיין טאָכטער אין בעט אַריין. ווי איז דאָס מעגלעך אַרויפצולאָזן גאָר אויפן געדאַנק, אַז זי, שולמית, די שיינע שולמית, די גערעטענע שולמית זאָל זיך האָבן פאַרליבט אין אַזאַ שוטה, אַזאַ טויגעניקעס, אַזאַ פאַרזעעניש? ווי איז דאָס מעגלעך? מען לאַכט דאָך פון אים אין די הויפנס און מען איז גע־רעכט. גיי און לאָז אויס דעם כעס אויף הירשקען דעם שדכן, וואָרעם דאָס איז דאָך זיין פּלאַן געווען, ער זאָל נעמען דעם משוגענעם זיינוול פאַר אַן איידעם. נישקשה, ער וועט אים אונטערהאַקן די זייטן, הירשקען דעם אויס־וווּרף, און שדכנות וועט ער אים געבן אַ פייג. ווי איז דאָס מעגלעך? זאָל זיינוול זי האָבן געמאַכט משוגע? שולמית... שולמית... די חרפּה, וואָס זי האָט אים אָנגעטאָן! ער קען פאַר קיינעם מער נישט ווייזן די אויגן. אים זאָל געשען אַזאַ מין זאַך, אים, יאַנקל דעם אויסטויגער? אויסגעהאָדעוועט אַזאַ טאָכטער... זי געלערנט... וואָלט זי נישט געגאַנגען אין די קלאַסן, וואָלט זי זיך נישט געהאַט באַקענט מיט דעם פּריצישן זונדל. זי וואָלט חתונה

געהאַט ווי אַ כשרע יידישע טאָכטער... און איצט? נישטאָ מער שולמית! מיט עפּעס אַ זיינוול, אַ בראָך... וואָלט זי כאַטש אַנטלאָפן מיט איר בלאָנדן שגץ... ניין, ער ווייסט שוין גאָרנישט וואָס צו טראַכטן... מען קען, ווייזט אויס, נישט זיין קיין חכם אפילו לגבי אַ משוגענעם זיינוול...

*

צווישן אַלע פאָרלעך, וואָס וואַלגערן זיך אַרום אין די אייראָפּעישע גרויסע שטעט, קען מען אפשר, מען זאָל לאַנג זוכן, געפינען אויך אַ פאַמיליע שטערנהוט. אָבער וואָס מיט איר איז דאָרט געשען, ווי זעט אויס דאָס לעבן צווישן דער שיינער שולמית און זיינוול דעם שלימזל, און צי איז זיינוול גופא „געוואָרן אַ מענטש”, ווי מען זאָגט, אַ לייט צו לייטן גלייך — דאָס איז שוין אַן אַנדערע געשיכטע, אַ נייע געשיכטע, וואָס אפשר וועט מען זי אַ מאָל דערציילן, און אפשר נישט. ס'זענען דאָ אַזוי פיל נישט־פאַר־ענדיקטע געשיכטעס. און אפשר איז גוט אַזוי: אויף אַ נישט־פאַרענדיקטער געשיכטע, קען מען מיינען, אַז זי איז אויסגעגאַנגען צום גוטן. הלוואי זאָל עס אַזוי זיין מיט אונדזער געשיכטע. מיר ווינטשן עס שולמיתן און זיינוולען פון גאַנצן האַרצן. דער עיקר זיינוולען, ער האָט עס כשר פאַרדינט.

העלענע

אַ שטרענגער ווינטער געווען, אַ כעסן פון אַ ווינטער. ער האָט געסווישטשעט, געפייפט און געקלאַפּט אין די שויבן, די טירן האָבן געקרעכצט, ציגל פון די דעכער זענען געפאַלן און ביימלעך האָבן זיך געבויגן אין דרייען. אַראָפּגעפאַלענע גילע בלעטער זענען געשליידערט געוואָרן פון ווינט און אויסגעזען ווי גאָלדענע פייגל, וואָס ווערן געיאָגט פון אַ ריזיקן שוואַרצן אָדלער.

אָנגעהויבן האָט זיך די גרויסע זאַווערוכע נאָך אין האַרבסט. די פעלדער זענען געלעגן נאַקעטע פול מיט שוואַרצע פלאַכטעס. עס האָט זיך געדוכט, אַז די קראָען האָבן איבערגעלאָזט אויף די פעלדער זייערע שאָטנס; זאָל בלייבן אַ זכר, אַז זיי זענען פאַרבייגעפלויגן.

די טייכן און די טייכלעך זענען געוואָרן אָנגעשוואָלן פון די כסדרדיקע רעגנס. אַן אומעט איז געלעגן איבער גאָר דעם אַרום. ער איז אַריינגעדרונגען אין די פּויערישע כאַטעס און זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעלע גריזשען, עגבערן — כאָטש נעם און טו זיך אָן אַ מעשה!

ווו טוט מען זיך אַהין אין אַזאַ טאָג? זיצט מען איינגעקאָרטשעט הינטערן אויוון. צרות נעמען וואַקסן אויף די קעפּ, ווי ווילדע שוועמלעך אויף אַ בערגל. די פּויערים, ווי נאָר זיי דערזעען דעם ערשטן זון־שטראַל, נעמען זיי זיך רייבן די אויגן. עס דוכט זיך זיי, אַז די גרויקייט פון זייערע קעפּ וועט צעשמאָלצן ווערן, פּונקט ווי דער שניי ביי דער טיר.

זיצט אַ יידישע משפחה צווישן די פּויערים אין דאָרף. האַרבסט איז האַרבסט, ווינטער איז ווינטער. באַלד וועט קומען דער פרילינג. דאָס שוואַרצע שטיקל ברויט, וואָס מען עסט, איז ברויט פון דער אייגענער פּראַצע: געזייט און געשניטן, געדראָשן, געקנאָטן, געבאַקן — אַלץ מיט די אייגענע הענט! וויפל מאָל האָט זיך אַזאַ שטיקל ברויט אַדורכגעוואַלגערט דורך די פינגער, ביז עס איז ראוי געווען צום עסן? ווער עס ווייסט עס, פאַר דעם איז

אויך קיין סוד נישט דער דאָרפישער אומעט, ער פאַרשטייט דעם ווינט און בכלל דאָס פויערישע לעבן אין דאָרף, וואָס ליגטביים טייך בוג.

יידן. אָבער וואָס באַדייט עס? אַז פויליש רעדט מען פונקט מיט אַזאַ נוסח, ווי די אַנדערע פויערים, און די הענט זייערע זענען באַדעקט מיט די זעלבע שווערע מאָזאָליעס. און דאָך, זיי זענען געווען אַזוי אַנדערש. נעמט, למשל, מיין ברודער הערש.

מיין ברודער הערש האָט געשפּילט פידל, אַז נאָטן פאַרשטייט זיך, נישט געלערנט זיך ביי קיינעם. זיינע ניגונים האָבן פאַרמאָגט אין זיך אי דעם יידישן טרויער, אי דעם פוילישן אָטעם פון דער ערד. מיין ברודער הערש האָט געקענט פאַרטייטשן אויף זיין פידל מיין מאַמעס שטילע תפילות, מיין טאַטנס קרעכץ, אָבער אין די טענער האָט געשטעקט אויך עפּעס גאָר שקאָציש, אַז עס פלעגט זיך פשוט פאַרגלוסטן אַ טאַנץ טאָן. וואָס טאַנצט מען? אַ שערעלע, אַ קראַקאָוויאַק, אַ מאַזורקע?

פאַר וואָס אָבער קען מען נישט פאַראייניקן אַ שערעלע מיט אַ מאַזורקע? פאַר וואָס? אויב שוין יאָ טאַנצן און זיך משמח זיין, פאַר וואָס זשע נישט אַלע צוזאַמען?

מיין טאַטע איז געווען גאָר שטאָלץ פון הערשלס שפּילן. „איי איז דאָס אַ מאַיִדים אין פידל־שפּילן". פלעגט ער געשמאַק אָפּזיפצן. זיינע בלויע אויגן פלעגן בעת מעשה אַרויסקוקן פון פנים, וואָס איז געווען אַזוי באַוואַקסן, אַז מען האָט אפילו אַ קנייטש נישט אַרויסגעזען. אויך מיין מאַמע פלעגט ווערן ברייטער פון אָנקוקן. פאַר גרויס גערירטקייט האָבן די שפּיזלען זיך געשאָקלט אין אירע צעאַקערטע הענט: „זאָל אים קיין שד נישט קענען, הערשן, שוין ווידער פאַרלוירן דריי אייגעלעך צולוב אים".

צו יענער צייט האָט אַ שערעלע נאָך גאַנץ גוט געהויזט מיט אַ מאַזורקע. מיר האָבן זיך געפילט אין דעם דאָרף, ווו מיר האָבן געוווינט, נישט ווי געסט, נאָר ווי באַלעבאַטים. מיין טאַטע, דער עיקר, האָט ליב געהאַט דאָס דאָרף, געווען פאַרוואַקסן אין אים מיט אַלע זיינע אברים און חושים. זיין טאַטע האָט דאָרט געלעבט, זיין זיידע, זיין עלטערזיידע; פעלדער, וועלדער, טייכן — איטלעכן טראָט האָט ער געקענט פון אויסווייניק.

מיין טאַטע איז געווען גוט צונויפגעלעבט מיט די פויערים, ער איז געווען ווי איינער פון זיי.

קריניצע האָט געהייסן אונדזער דאָרף, און דאָס שענסטע מיידל פון דאָרף האָט געהייסן העלענע. אָט אין דער העלענע האָט מיין ברודער הערש זיך פלוצלונג פאַרליבט.

וואָס מיר פידל, ווער מיר פידל? הערש איז אומטריי געוואָרן דער פידל. זיין גאַנצע נשמה האָט ער אָפּגעגעבן דער שיינער העלענע.

טרויעריק און פאַרביסן האָט מיין טאַטע געקלאַפּט די שטיפּטלעך אין די שיך. ער האָט שוין מער נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, כדי זיך איינצוהערן „וואָס דאָס פידעלע זאָגט". די מאַמע האָט געוויינט און אַן איינגעקאָרטשעטע איז זי געזעסן אין אַ ווינקעלע. דאָס פידעלע האָט געשוויגן.

„פאַר וואָס שטריקט מער די מאַמע נישט די ווייסע וואָלענע זאָקן, פאַר וואָס?" האָב איך כסדר געפרעגט, כאָטש איך האָב גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דער גאַנצער טרויער איז צוליב דער שיינער העלענען. איך האָב דעמאָלט געמיינט, אַז די שיינע העלענע האָט אָפּגעטאָן דער מאַמען אַ שפּיצל. דאָס האָט זיך איר פלוצלונג פאַרוואָלט שטריקן זאָקן פאַר הערשן, נו, איז דערי־בער די מאַמע אומעטיק. אָבער וואָס בין איך שולדיק? און וואָס איז דער טאַטע שולדיק?

אַ נייער ניגון האָט אַרומגעפלאַטערט אין שטוב. דער טאַטע כריפּעט ביים וואָרשטאַט, די מאַמע זיפצט. יאָ, דער דאָזיקער טרויעריקער ניגון איז אַרומגעגאַנגען אין שטוב אַפילו דאַן, ווען דער טאַטע און די מאַמע זענען געווען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ ווײַלע אין דרויסן.

ביז היינט נאָך הער איך דעם פאַרשטיקטן ניגון. ערגעץ אין אַ וויג־קעלע הענגט ער און שפּינט אַ גע״ץ פאַר זכרונות.

אַ שוועסטער

דער טאָג איז נישט געווען קיין קורץ־פרייטיק, נאָר אַ לאַנגער, לאַנגער פרייטיק; אַ לאַנגער, אויסגעצויגענער טאָג, אָנגעפּראָפּט מיט צייט, וואָס האָט נישט געוואָלט זיך רירן פון אָרט, גלייך יעדע פאַרגאַנגענע מינוט וואָלט זיך אַנטקעגנגעשטעלט מיט געוואַלד און מיט עקשנות — נישט אָפּצוטרעטן.

אָן אַ צאָל געדרישן — גרויסע און קליינע — ווערן ווי פּילקעס גע־שליידערט אַהין און צוריק, אַהין און צוריק; די קליינע געדרישן מאַכן אָן מער ליאַרעם ווי די גרויסע. אויף שטויב צעמאָלן זיי די געדאַנקען, קיין איין מחשבהלע לאָזן זיי נישט איבער גאַנץ, קיין איין ברעקל רעיון לאָזן זיי נישט אויפקומען. גאָרנישט בלייבט איבער, אַ חוץ אַ טעמפּער ווייטיק; ער שטיקט, ער וואָרנט. עס ווילט זיך שרייען, געוואַלדעווען, רופן צו הילף. נאָר צו וועמען שרייען? צו וועמען ווענדט מען זיך? ווער וועט מיך הערן?

אוודאי נישט די באַנען, וואָס לויפן אין מרחקים אַריין. אוודאי נישט די אַוויאָנען, וואָס באַמיען זיך איינצונעמען דעם רוים. אוודאי נישט די שיפן, וואָס שפּילן אַ תקיפות־שפּיל מיט די כוואַליעס, אַוודאי און אַוודאי נישט די ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, וואָס פאַרהילכן די וועלט.

די וועלט האָט קיין צייט נישט זיך צוצוהערן צו מיינע טענות. די גלייכ־גילטיקע וועלט בין איך אַליין, איך גופא ווער זיך קעגן דעם צער, וואָס פאָלט אויף מיר, בעת איך קוק אויף מיין קראַנקער שוועסטער און לאָז שרהלען אויסגיין פאַר יסורים; איך בין אַ שטילער שותף צו די דאָקטוירים, וואָס האָבן איר אָפּגעזאָגט דאָס לעבן; איך טו גאָרנישט, וואָס זאָל איינ־האַלטן איר בלוטשטורץ, איך בין דער מערדער...

אָבער וואָס קען איך טאָן? ווי אַזוי קען איך איר העלפן?

געדאַרפט וואָלט איך זיך אויסטאָן פון מיין איך, געדאַרפט וואָלט איך אָפּגעבן מיין שוועסטער גאָר מיין חיות. ערשט דעמלט וואָלט איך געקענט

זאָגן, אַז איך טו עפּעס, ערשט דעמלט וואָלט איך געווען אַ ריכטיקער ברודער.

איך קוק אויף מיין שוועסטער, אויף מיין שטערבלעך־קראַנקער שוועס־טער. איך זע אויף איר וואַקס־געלן פּנים אַ מאָדנעם שאָטן; שטאַרק באַ־שעפטיקט איז ער, דער דאָזיקער שאָטן. עמעץ האָט אים אַהערגעשיקט קעמפן מיט דעם לעצטן ביסל חיות, וואָס ראַנגלט זיך קעגן דעם טויט; צעטרעטן וויל ער דעם מינדסטן ווילן, וואָס די קראַנקע ווייזט אַרויס ווייטער צו לעבן. און ער פירט אויס זיין שליחות בשלימות. אין די אויגן פאַרקריכט ער, אין די וויעס הענגט ער זיך אָן, אין די מויל־ווינקלען ניש־טערט ער; ער וויל יעדן נעסט פון ווידערשטאַנד קעגן דעם טויט אויפ־דעקן, כדי צו קענען אים דערשטיקן. און טאָמער וועט ער נישט באַווייזן אומעטום אַליין, וועט אים קומען צו הילף אַ צווייטער שאָטן, אַ דריטער.

שרהלעס פּנים ווערט באַלאַגערט פון אַן אַ צאָל שאָטנס אַזוינע. גרוי־זאַמע מלאכי חבלה זענען זיי. הגם מען זעט זיי דייטלעך, קען מען זיי דאָך נישט פאַריאָגן. שאָטנס זענען זיי, אָן קיין שום ממשות, אָן אַ תוך, שליחים פון אַ וועלט אָן דימענסיעס, אינסטרומענטן פון ווייטיק, בלינדע געצייג צו פייניקן, צו קוועלן, צו צעשטערן דאָס לעבן.

און איך, וואָס זע זיי, וואָס פיל זיי כמעט אַרומקריכן אויף מיין אייגע־נעם גוף, האָב קיין שליטה נישט אויף זיי.

נישט איך און נישט די מלאכי השרת, די גוטע מלאכים, וואָס זענען לכבוד שבת געקומען צו גאַסט צו אונדז. זיי זענען אויך שאָטנס. וואָלטן זיי דאָך אייגנטלעך געדאַרפט יאָ וויסן אַ מיטל ווי אַזוי צו פאַרטרייבן די בייזע, די צעשטערנדיקע רוחות.

— קומט צו נענטער, קומט, גוטע מלאכים, גיט אַן עצה קעגן די שדים, העלפט מיין אָרעמער שוועסטער!

אַנגעשטרענגט הער איך זיך צו צו דער שטילקייט. איך האַלט איין דעם אָטעם. איך וואַרט אויף דער הילף פון די מלאכים. אַן אַ קול בעט איך זיך ביי זיי, זיי זאָלן זיך דערנענטערן צו דער קראַנקער, זייערע וואַרעמע פליגלען זאָלן זיי אויסשפּרייטן איבער איר.

אָבער מיר דוכט זיך, אַז זיי רירן זיך נישט פון אָרט, זיי פּרוּוון אפילו נישט העלפן.

אין אַ ווינקעלע שטייט די מאַמע, אַן איינגעבויגענע אין דרייען. אַ פאַרקלעמטע. טרערן גיסן זיך איר פון אויגן, הייסע טרערן.

זי האָט אָקערשט געבענטשט ליכט, אונדזער מאַמע. זי האָט געמאַכט אַ ברכה אויפן שבת, אויף די מלאכים, אויפן לעבן.

אַ פאַרשטיקטער קרעכץ פאַריאָגט די מלאכים און צעשטערט דעם שבת. מיך פאַרדריסט, וואָס איך קען נישט אָפּנעמען אַ טייל פון איר ווייטיק; איך בין פול מיט צאָרן אויף זיך, וואָס איך קען נישט מער ווי זי מיטפילן, מיט איין וואָרט: וואָס איך בין — איך, אַ מחיצה, אַ וואַנט, וואָס טיילט מיך פונאַנדער פון איר. איך געפין זיך מחוץ פון אירע יסורים. אַלץ וואָס איך רעד, וואָס איך טראַכט, איז נישט מער ווי אַ פרומער ווונטש מיטצופילן, מיטצוליידן.

דאָס טוט מיר וויי. נישט פיזיש, וואָרעם מיין קערפּער זאָגט זיך אָפּ מיך צו פאָלגן; ער וויל נישט ליידן קיין פרעמדע ווייטיקן. אומזיסט בייס איך זיך די פינגער ביז בלוט: מיר טוט נישט וויי, מיר טוט נישט וויי...

איך מאַך צו די אויגן. אַזוי אַרום וועט מיר לייכטער זיין זיך צו פאַרקלייבן אין די פאַרמאַכטע חדרים פון אונדזער קינדהייט, אַהין, ווי אונדזער וועלט האָט זיך געענדיקט ביים האָריזאָנט, און דאָך איז זי געווען אַזאַ ווייטע, אַזאַ טיפע. מיר פלעגן צוזאַמען פאַרבעטן די גאַנצע וועלט צו גאַסט און אַליין געפילט זיך ווי געסט ביי איר.

ווער איז צו אונדז געווען גלייך? האָבן פייגעלעך געזונגען — האָבן זיי פאַר אונדזערט וועגן געזונגען. האָט אַ טייכעלע געמורמלט — האָט ער זיינע סודות אויסגעזאָגט אונדז, נאָר אונדז. האָט אַ האָן געקרייט, האָט ער עס געטאָן פאַר אונדז. און די באַבעלעך און די זשוקעלעך, אַלץ, וואָס פליט און קריכט — פאַר וועמענס וועגן האָט זיך דאָס געגרויסט און געהנדלט, אויב נישט פאַר אונדזערט וועגן — פאַר שרהלען און פאַר מיר?

און שפּעטער, אין יאָרן אַרום: איך האָב געלייענט אירע ביכער, זי האָט געלייענט מיינע. מיר האָבן זיך געטיילט מיט אונדזערע געדאַנקען, פּונקט ווי מיר האָבן זיך געטיילט מיט אַן עפּל אָדער מיט אַ באַרנע.

איך געדענק ווי מיר האָט פאַרדראָסן, וואָס מיר קענען נישט בשותפות חלומען דעם זעלביקן חלום. דאָס איז בפירוש געווען אַן עוולה.

דערנאָך איז געקומען אַ צייט, ווען נישט אַלע געדאַנקען, וואָס אַ ייִנגל טראַכט, זענען ראוי אַנטפּלעקט צו ווערן פאַר אַ מיידל, און נישט אַלץ, וואָס קומט אַרויף ביי אַ מיידל אויפן זינען, דאַרף זי, מעג זי, איר ברודער דערציילן. מיר האָבן זיך אַ ביסל אָפּגעפרעמדט איינער פון דעם צווייטן. אין יענער צייט האָט אָנגעהויבן בויען זיך די וואַנט, דער „איך", וואָס טיילט אונדזביידן פונאַנדער. אַזוי, דוכט מיר, איז דאָס געשען.

— — — — — — — — — — — — — —

איך עפן די אויגן. איך קוק זיך צו צו די שאָטנס, וואָס פויזן אַרום אויף די ווענט. לאַנגפיסיקע שאָטנס — ווער ווייסט, וואָס זיי זוכן, וועמען זיי זוכן?

איך נעם אַן מיין שוועסטערס האַנט. ווי הייס ס'איז איר האַנט! און איר פולס ציטערט, פלאַטערט.

— איך בין אַזוי מיד, אַזוי מיד — שעפּטשעט זי כמעט אָן אַ קול.

איך לאָז נישט אָפּ איר האַנט. איך בעט זיך ביי איר, איך וואָלט אַריינגעבן אין איר אַ ביסעלע ווילן. איך ווייס, אַז נאָר דאָס קען זי ראַטעווען.

— מיד בין איך, אַזוי מיד...

אויך די צייט, דוכט מיר, איז מיד; און דער זייגער איז מיד. קוים, קוים, וואָס זיין פולס שלאָגט, קוים, קוים, וואָס זיינע ווייזערס שלעפּן זיך. ווידער פאַרטראָגט עס מיך צום עבר.

אין איין סעקטאָר פון ווידערשטאַנד האָבן מיר געאַרבעט, מיין שוועסטער און איך. באַזונדערע נעמען האָבן מיר געהאַט, באַזונדערע פאַמיליע־נעמען, ווי עס האָט זיך דעמלט געפירט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. איר מאַמע האָט, לויט די פּאַפּירן, געהייסן אַנדערש ווי מיין מאַמע; אָבער קיין מאָל האָבן מיר זיך נישט געהאַט געפילט אַזוי ענג פאַרבונדן איינער מיטן צווייטן, ווי גראָד אין יענע טעג; קיין מאָל פריער זענען מיר נישט געהאַט געווען מער ברודער און שוועסטער ווי צו יענער צייט. יעדע פרייע מינוט, וואָס מיר האָבן „אָפּגעשפּאָרט", האָבן מיר פאַרטאָן אויף זכרונות. און מאָדנע: די זכרונות זענען געווען ענג געבונדן מיט די פּלענער אויף

להבא. אפֿשר מאָל האָט מען גאָר נישט געקענט זיי אונטערשיידן. ס'האָט אויסגעזען, ווי די פֿאַרגאַנגענהייט וואָלט איר רעליעף באַקומען ערשט אין דער צוקונפֿט, וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן.

— דו געדענקסט דעם קרומען אַלטערן, וואָס פֿלעגט טאַנצן בעסער ווי אַלע אין שטעטל?

— און דבורהלען מיטן „פּאַריזער קאָמפּלעקס" געדענקסטו? זי פֿלעגט רק טענהן, אַז זי פּאַסט זיך אַריין אין דער שטעטלשער סביבה ווי אַ פּערל צווישן אַרבעס.

— און שמואליקן, דעם שטענדיק פֿאַרחלומטן שמואליקן, וואָס פֿלעגט שרייבן לאַנגע פּאָעמעס וועגן בלאַסע בת־מלכהס, געדענקסטו נאָך? און וואָס, קלערסטו, וועט מען טאָן מיט היטלערן, ווען מען וועט אים כאַפּן? הענגען? בראָטן? פֿערטלען? אפֿשר וועט מען אים גאָר פֿאַרשפּאַרן אין אַ שטייג, ווי אַ ווילדע חיה, און מען וועט אים אַרומפֿירן איבער דער וועלט ווי אַ בייז וווּנדער?

אַזוי לייכט זענען מיר אַריבערגעשפּרונגען פֿון נעכטן צום מאָרגן איבער דעם היינט, וואָס איז פֿול געווען מיט אַזוי פֿיל סכנות.

— — — — — — — — — — — — —

— איאַ, שרהלע, דו געדענקסט?

שרהלע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ. הייסט עס, אַז מיר האָט זיך סוף כל סוף איינגעגעבן צו פֿאַרבינדן מיט מיין קראַנקער שוועס־טער. הייסט עס, אַז ס'איז מעגלעך אַריבערצושפּרינגען דעם היינט, אַז מען קאָן אים אויף אַ געוויסער צייט אָפּשטעלן, פּונקט ווי מען שטעלט אָפּ דאָס אָטעמען פֿון אַ קראַנקער לונג דורך אַ פּנעוומאָטאָראַקס.

און איך לאָז נישט אָפּ; איך ציִ ווייטער דעם פֿאָדעם פֿון אונדזערע בשותפֿותדיקע זכרונות. איך נישטער אין אַלע ווינקעלעך. וווּ נאָר אַ פֿריי־לעכע געשטאַלט, וווּ נאָר אַן איינגעגעבענע מינוט — אַלץ, אַלץ, אַלץ, פֿאַר־בעט איך צו אונדז, און איך רעד, איך דערצייל, איך באַשווער...

אַ שעה פֿאַרגייט נאָך אַ שעה. שרהלע, זע איך, האָט איינגעדרימלט. איר פּולס ווערט רויִקער, איר אָטעם — גלייכמאָסיקער. אַ שמייכעלע באַ־ווייזט זיך אויף אירע ליפּן.

אַבי זי פּאָלגט מיך נאָר, פריי איך זיך, אַבי זי לאָזט זיך פון מיר פירן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער קריזיס איז אָבער נישט פאַרביי אין יענער נאַכט. דאָקטוירים זענען געקומען און האָבן געטאָן אַלץ, וואָס ס'איז מעגלעך געווען. צוויי מאָל האָט מען איר געמאַכט בלוט־טראַנספוזיעס. אַ סך מאָל האָבן זי די כוחות פאַרלאָזן און זי האָט שיר־שיר זיך אָפּגעזאָגט צו קעמפן.

איין נאַכט האָבן זיך די שאָטנס ווידער פאַרקליבן אויף איר פּנים; טיפע קנייטשן האָבן זיי דאָרט צעגראָבן און אין איטלעכן קנייטש האָבן זיי פאַרזייט אַ ביסעלע סם. איך האָב אויפגעהויבן אַ געוואַלד און מיר האָט זיך איינגעגעבן אויף דאָס ניי צו פאַריאָגן די בייזע רוחות פון איר געלעגער.

וואָס איך האָב געטאָן, וואָס איך האָב אַריינגעשריגן אין דער נאַכט אַריין — געדענק איך נישט מער. אָבער וואָס ווייטער איז געשען, דערמאָן איך זיך, גלייך דאָס וואָלט היינט ערשט געטראָפן. איך דערמאָן זיך אין יענער ווילדער נסיעה אויף אַ צעיושעטן ים, אין אַן אַלטן האַלב־חרובן שיפל.

אַ האַלוצינאַציע איז דאָס געווען, געוויס! אויף די גרענעצן צווישן לעבן און טויט, אין אַ בין־השמשות־צייט האָט זיך דאָס געטראָפן. איך האָב אַ כאַפּ געטאָן שרהלען אין מיינע אָרעמס און האָב זי אַנגעטרויט דעם ים, דעם שטורעם. קיין אַנדער עצה איז נישט געווען ווי זי צו ברענגען אויף יענער זייט ברעג, דאָרט, וווּ דאָס לעבן הייבט זיך ווידער אָן. איך בין זיכער געווען, אַז אויב מיר וועט זיך איינגעבן זי צו דערפירן אַהין, וועט זי זיין אַ געראַטעוועטע.

איך דערמאָן זיך ווי אַזוי איך האָב געהאַלטן די רודערס אין מיינע אָנגעדראָלענע הענט, ווי אַזוי איך האָב זיך געראַנגלט מיטן ים. די כוואַליעס האָבן יעדע רגע זיך געגרייט איינצושלינגען די וועלט. זיי האָבן זיך פאַר־מאָסטן איינע קעגן דער צווייטער און אַלע — קעגן אונדז ביידן.

איך זע, ווי שרהלעס שרעק וואַקסט, אירע אויגן ווערן גרעסער, גרעסער. אָבער דער פחד שפּאַנט אירע מוסקלען, טראָגט איר אונטער כוח. פּלוצלונג איז דאָס אומגלויבלעכע געשען: שרהלע האָט מיר אַרויסגעריסן פון די הענט די רודערס און אַליין גענומען רודערן, רודערן, רודערן...

י. פינער

איך האָב מיינע אייגענע אויגן נישט געגלייבט.

— שרהלע! — שריי איך — שרהלע!

— יוסף — ענטפערט זי מיר.

— שרהלע! דו ביסט עס?

— יאָ, יוסף!

— גיב מיר צוריק די רודערס, דו ביסט דאָך קראַנק.

— ניין, לאָז מיך, יוסף! איך בין נישט קראַנק.

— שרהלע, איך האָב מורא איצט זיך צו דערנענטערן מיט דיר צום ברעג.

— האָב נישט מורא, ברודער, דער ברעג איז נאָך ווייט.

— פאַרקערעווע צוריק, שרהלע, צוריק! איך האָב מורא פאַרן ברעג.

— ווען מיר וועלן צוקומען צום ברעג וועל איך שוין זיין שטאַרקער פונעם טויט. האָב נישט מורא, ברודער.

ווי לאַנג מיר האָבן זיך אַזוי געראַנגלט מיטן שטורעם, וויפל טעג און נעכט מיר האָבן פאַרבראַכט אין דעם דאָזיקן צעבראָכענעם שיפל — וואָס פאַר אַ באַדייט האָט דאָס און ווער דאַרף דאָס וויסן? דער עיקר: מיר זענען צוגעקומען צום ברעג, פאַר וועלכן איך האָב אַזוי געציטערט. מיר זענען ביידע בייגעשטאַנען דעם נסיון, דעם נסיון פון טויט, דעם נסיון צו שטאַרבן זענען מיר בייגעקומען!

*

פּאַמעלעך קומט שרהלע ווידער צו זיך. איין חוש נאָכן צווייטן ווערט גרייט אַריינצוזאַפּן אין זיך אַ נייע וועלט.

און די טעג זענען שוין נישט מער אַזוינע לאַנגע, די נעכט — נישט מער אַזוינע פינצטערע, מאָוימדיקע. ניין! איין טאָג אַוועק, קומט אַ ייִנגע־רער אויף זיין אָרט; איין נאַכט פאַרשווונדן, שיקט זי איר שוועסטער זי פאַרבייטן אַן אויסגעפּוצטע אין סאַמעט און אין פינקלענדיקע שטערן.

שרהלעס בלויע אויגן זאָגן צו אַלץ: יאָ! — צום לוסטיקן פלוידערדיקן זייגער, צום שלאָף, צום לעבן, צו דער וועלט, וואָס איז צו איר נישט מער פיינטלעך.

און שרהלע שמייכלט. זי פרייט זיך מיט מיין פרייד. זי פרייט זיך מיט דער מאַמעס שמחה־טרערן. זי פרייט זיך אַפילו מיט שאָטנס אויף די יוענט. וואָס מאַכן זיך נאָך דינער ווי זיי זענען אין דער אמתן...

איך בין נאָך אַלץ ווי באַנומען. אַזוי פיל נעכט בין איך נישט געשלאָפן, אַזוי פיל נעכט האָב איך געלויערט אויף שרהלעס אַ שמייכל, און איצט — אַזאַ שפע! עס ווילט זיך נישט דורכלאָזן קיין איין שמייכל אירן, נישט פאַרזאַמען קיין איין בליק.

— געדענקסט, שרהלע, ווי מיר זענען ביידע געזעסן אין דעם אַלטן צעבראָכענעם שיפעלע? ווי אונדז איז באַפאַלן אַ שטורעם און ווי די כוואַליעס האָבן געוואָלט אונדז איינשלינגען? געדענקסט, ווי איך האָב געציטערט פאַרן ברעג — די גבורה זאָל זיך ווידער נישט אָפּטאָן פון דיר?

— איך געדענק, ברודערל, איך געדענק.

האָט מיר דער שטורעם געשאָנקען אַ שוועסטער.

די פיר צייטן

די פיר צייטן

ראָמאַן אין פיר עפּיזאָדן

פרילינג

נאָך דעם ווי די פיר צייטן פון יאָר — פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר — האָבן זיך פאַרענדיקט מיט זייערע דריי הונדערט פינף און זעכציק טעג און דריי הונדערט פינף און זעכציק נעכט, מיט זייערע שמחות און מיט זייערע צרות, מיט זייערע פריילעכע און מיט זייערע אומעטיקע געזאַנגען, סיי די, וואָס קומען פון דרויסן, און סיי די, וואָס קומען פון אינווייניק, — איז ווידער אַ מאָל אַראָפּגעקומען דער פרילינג.

אַ נייער פרילינג איז דאָס געווען, אַ פרילינג, וואָס האָט געשפּאַרט פון אַלע זייטן. דיביימער האָבן זיך באַדעקט מיט בלעטער, די שטאַרקע אומעטיקע ביימער פון פּאַריז. פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן איבערגעציילט אַלע ביימער, וואָס וואַקסן אויפן ריזן־שטח פון דער וועלטשטאָט פּאַריז. פינף און אַכציק טויזנט ביימער, זאָגן זיי — און מען מעג זיי גלייבן אויפן וואָרט — וואַקסן אויף די פּאַריזער בולוואַרן, גאַסן און געסלעך, חוץ די ביימער, וואָס וואַקסן אין בולאָנער וואַלד און אין ווענסענער וואַלד.

ווי לאַנג לעבט דען אַ בוים אין פּאַריז? עס ווענדט זיך וועלכע ביימער. ווייל אין פּאַריז, ווי יעדער איינער, וואָס האָט נאָר אַ שטיקל ידיעה אין באָטאַניק, קען עס לייכט באַמערקן, וואַקסן דאָך פאַרשידענע מינים ביימער און נישט אַלעמען איז באַשערט צו לעבן די זעלביקע צאָל יאָרן. אַ פּלאַטאַנע, למשל, קען דאָ אָפּלעבן אַ וואָסערע אַכציק יאָר, אויב נאַטירלעך אַלץ גייט ביי איר צו כשורה, אויב זי ווערט נישט חלילה קראַנק אויף איינער פון די „נאַטירלעכע” אָדער אומנאַטירלעכע בוים־קראַנקייטן, אויב זי ווערט נישט טויב פון דעם גאַסן־ליאַרעם, אויב זי ווערט נישט פאַרשניטן פאַר דער צייט דורך אַ מענטשן־האַנט. איז עס אָבער אַ לינדנבוים, דעמאָלט

לעבט ער אָפּ קוים פינף און פערציק יאָר. פינף און פערציק פרילינגען, הייסט עס, ציט ער אָן, און נאָך דעם איז אויס מיט אים, אויס.

ס'וואָלט נאָך געווען אַ סך וואָס צו זאָגן, אַ סך וואָס צו דערציילן פון די פּאַריזער ביימער, אָבער נישט זיי מאַכן דאָך דעם פרילינג אין פּאַריז. זיי זענען נישט די סיבה פון דעם פרילינג, נאָר זיין רעזולטאַט. ווען אַלץ בליט זיך פונאַנדער אין דער נאַטור — בליען זיי אויך. אפשר ווייסן זיי, אַז זיי בליען, ווייל דער פרילינג איז געקומען, אָבער זיי ווייסן אויך מסתמא, אַז דער פרילינג מוז קומען נישט בלויז פאַר זייערט וועגן, נאָר פאַר גאַנץ פּאַריז, פאַר יונג און אַלט — אייגנטלעך פאַר יונג מער ווי פאַר אַלט, פאַר מאַן און פרוי, פאַר דער האָפענונג, פאַר דער ליבע.

אָבער כדי צו זען און צו געניסן פון פרילינג אין גאָר זיין גלאַנץ און פראַכט, וואָלט מען אייגנטלעך געדאַרפט פאַרלאָזן פּאַריז און גיין אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אויף די פעלדער, אין די וועלדער, אין די טייכן, ווו די הימלען שפּיגלען זיך אָפּ און ווו די ביימער קענען זיך נישט זאַט אָנקוקן.

כדי צו פאַרשטיין, וואָס דער פרילינג מיינט אויף אָן אמתן, ווי ער דרינגט אַריין אין אַלץ און אין אַלעמען, וואָס פאַר אַ בשורה־טובה ער ברענגט צו טראָגן דער וועלט — וואָלט מען געדאַרפט אים באַנעמען נישט בלויז מיטן געהער, וואָס כאַפּט אויף בלויז דעם אויסערלעכן קלאַנג, נאָר מיט אַלע חושים, וואָס מען פאַרמאָגט. און טאָמער קלעקן נישט קיין חושים, מעג מען אויך איינשפּאַנען דעם געדאַנק, מעג מען אויך אויפדעקן דאָס האַרץ, רופן צו הילף די נשמה — וואָלט מען געדאַרפט זיך צוהערן צום „פרילינג”, וואָס וויוואַלדי האָט געשילדערט, און שפּעטער בעטהאָווען — אין זיין „פּאַסטאָראַלע”. אָט דאָס הייסט פרילינג!

אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס גראָד דעמלט, ווען דער פרילינג קומט אָן און די נאַטור ווערט באַנייט, גראָד דעמלט קען אַ שטאָטמענטש נישט אַוועק־וואַרפן זיין אַרבעט און גיין זיך צוהערן צו דעם פרילינג, וואָס צעזינגט זיך אויף די פעלדער, אין די וועלדער און אין די טייכן. אַ שאָד, וואָס די פאַר טעג פעריען פאַלט אויס אין מיטן זומער, דעמלט ווען דער פרי־לינג איז שוין נישטאָ. אָבער עמעץ, וואָס האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון

אַנטאָניאָ וויוואַלדיס „פרילינג״, קען אים געניסן אויך ביי זיך אין שטוב, אין אָוונט, ווען ער קומט פון דער אַרבעט.

פיר סעזאָנען — פיר צייטן — זענען פאַראַן אין יאָר, אויף איין פליטע האָבן זיי זיך אַרויפגעקליבן: פרילינג, זומער, האַרבסט און ווינטער. איין סעזאָן שיילט זיך אַרויס פון דעם פריערדיקן, און קומען קומט אויס, ווי איין צייט וואָלט געבוירן די צווייטע, בעת אין דער אמתן איז דער עלטער־זיידע גאָר זיין אייגענער אור־אור־אייניקל. פיר דורות צייטן אויף איין פליטע. דער רויטהאָריקער גלח, ווי מען האָט אים גערופן, האָט געגעבן פאַר די דאָזיקע פיר דורות אַ מוזיקאַלישן תיקון. ער האָט זיי פאַראייביקט אין קלאַנג, איצט קען שוין יעדער איינער זיי דורכלעבן כמעט אין דער זעלביקער צייט און קען בעת מעשה חלומען און טראַכטן פון זיין אייגענעם זומער, האַרבסט אָדער ווינטער. אין אָוונט, ווען קיינער חוץ אים איז נישטאָ, חוץ אים און חוץ די שאָטנס פון זיין פאַרגאַנגענהייט, וואָס פויזען אַרום אין זיינע געדאַנקען.

*

דאָס טאָקע האָט נעכטן אָוונט געטאָן דער געשעפט־פירער פון אַ גרויסן פאַריזער אוניווערסאַל־מאַגאַזין, דער מעלאָמאַן מאַרסעל.

אַ מאָל פלעגט ער זיך אַנידערזעצן ביי דער פיאַנע און שפּילן באַך, מאָצאַרט, בעטהאָווען און... ניין, וויוואַלדי האָט געשריבן מוזיק נאָר פאַר פליייט, פידל און קלאַוועסין, ווייל צו זיין צייט, צום סוף פון זיבעצעטן יאָרהונדערט, הייסט עס, האָט נאָך קיין פיאַנע נישט עקזיסטירט אויף דער וועלט. איז פון וויוואַלדין טאָקע נישט איבערגעבליבן קיין פיאַנע־מוזיק. און וואָס שייך די טראַנסקריפּציעס פון איין אינסטרומענט פאַרן אַנדערן, קענען זיי דאָך, ווי באַקאַנט, אַן אמתן מוזיקאַלישן מענטש, נישט צופרידנשטעלן.

שוין עטלעכע יאָר ווי מאַרסעל האָט זיך מער נישט צוגערירט צו די פיאַנע־קלאַווישן. זינט זיין פרוי איז געשטאָרבן. זינט חנה איז אַוועק פון דער וועלט, האָט ער פאַרלאָזן די פיאַנע. אים האָט זיך געדוכט, אַז ס׳איז מער קיינער נישטאָ, וועמער עס זאָל קענען פאַרשטיין זיין שפּילן — נישט

אַזוי דאָס, וואָס ער שפּילט, ווי דאָס, וואָס ער דערשפּילט נישט, די אויס־טייטשונג זיינע, וואָס ער באַמיט זיך צוצוגעבן צום אָריגינאַל.

אַ פּליטע איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. פאַר דער אינטערפּרעטאַציע טראָגט ער קיין שום אחריות נישט. נישט ע ר שפּילט, נאָר אַ צווייטער. און ווען עס רעדט זיך וועגן פרילינג, איז דאָס נישט זיין, נישט מאַרסעלס פרילינג, נאָר דער בשותפותדיקער פרילינג פון וויוואַלדין און פונעם שטוט־גאַרטער קאַמער־אָרקעסטער מיט זיין דיריגענט קאַרל מינכינגער און דעם סאָלאָ־פידלער ריינהאָלד באַרכעט.

הגם, צוריק געשמועסט, איז שווער זיך פאָרצושטעלן אין מוזיק אַ גריי־נערן און שענערן פרילינג, אַ זאַטערן און מער פרוכפּערדיקן זומער, אַ מער פאַרקלערטן און מער זיס־טרויעריקן האַרבסט, אַ מער האַרץ־צערייסנדיקן און מער פאַרצווייפלטן ווינטער, ווי די פיר צייטן פון יאָר, וואָס אַנטאָניאָ וויוואַלדי האָט אונדז געשאָנקען און וואָס מינכינגער און זיין קאַמער־אָרקעס־טער האָבן איינגעקריצט אין זייער פּליטע. ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז די פייגעלעך אין וואַלד זאָלן שענער זינגען, אַז די וואַסערקוואַלן זאָלן מורמלען געהיימנישפולער, און די זעפירן, דאָס הייסט די מערב־ווינטעלעך, זאָלן ליבלעכער גלעטן די נשמה, ווי זיי טוען עס אין וויוואַלדיס מוזיקאַלי־שער אויסטייטשונג.

פאַרשטייט זיך, אויך ביי וויוואַלדין פאַרגייט דער פרילינג נישט אָן שטורעמס, אָן שטאַרק־ברוגזע ווינטן, וואָס קומען צו לויפן, מען ווייס נישט פון וואַנען, און ווילן מאַכן פון אַלץ און פון אַלעמען אַ תל. עס דונערט, עס בליצט. מער ווי איין שוואַך ביימל ווערט אויסגעריסן מיטן וואָרצל; וויי און ווינד איז טאָקע דעמאָלט די יונגיטשקע נאָך נישט גענוג איינגע־וואָרצלטע ביימלעך! זיי ווייסן נעבעך נישט, פאַר וואָס דאָס קומט זיי, מיט וואָס זיי האָבן זיך דאָס אַזוי פאַרזינדיקט לגבי דער נאַטור, לגבי דער וועלט, אַז די שטורעם־ווינטן ווילן דווקא זיי אַרויסרייסן פון זייער היים, פון דעם שטיק ערד, ווו זיי זענען פאַרפלאַנצט געוואָרן. דאָס ערגסטע איז, וואָס ס'איז גאָר נישטאָ פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן, פאַר וועמען זיך צו זשאַ־לעווען. לית דין ולית דיין! זיפצן זיי, נעבעך, די יונגע ביימלעך, און די

ווינטן טראָגן אַ זועק זייערע זיפצן — ווייס איך וואָהין! אפשר גאָר אין כף־הקלע אַרײַן.

יאָ, אָבער ווי נאָר דער שטורעם — ווייל אַלץ נעמט אַ סוף — שטילט זיך איין, נעמען די פייגעלעך זיך ווידער צו זייער מלאכה, ווי ס'וואָלט גאָרנישט נישט געווען, גאָרנישט נישט געשען, און זייער געזאַנג ווערט נאָך פרייַלעכער, זייער שירה ווערט נאָך הילכיקער ווי פריער. גוט איז זיי, וואָס זיי לעבן אויף דער וועלט. זיי זענען יונג און פול מיט געזאַנג און די גאַנצע נאַטור איז יונג און פול מיט געזאַנג.

און ווען אַלץ אין פעלד האָט זיך שוין אָנגעזעטיקט מיט געזאַנג און אַ גליקלעכע מידקייט האָט זיך אומעטום צעשפּרייט, לייגט זיך דער פּאַסטעך אַנידער אין גראָז (וויוואַלדי האָט דערהערט אַפילו דאָס שטילע שאָרשען פון דעם גראָז, ווו דער פּאַסטעך האָט זיך אַנידערגעלייגט, און האָט דאָס „מוזיקאַליש" פּאַראַייביקט אין עטלעכע טענער און קלאַנגען) און שלאָפט איין. ער האָט נישט קיין מורא, אַז די שאָף זיינע וועלן זיך צעלויפן, ווייל זיין הונט איז געבליבן אויף דער וואַך. ער האָט אַ שאַרף אויג און פלינקע פיס. אַנו, פּרווּוט נאָר מאַכן אַ „ויברח", מער ווי דאָס פעלט אייך נישט...

חלומט זיך דעם פּאַסטעכל — אָדער אפשר איז דאָס טאַקע געשען אויף דער וואָר — אַז פון ערגעץ־ווו זענען געקומען צו פליען נימפעס און פּאַס־טעכער, כדי דאָ אויף אַן אָרט טאַקע אויסצופירן אַ קאַראַהאָד־טאַנץ לכבוד דעם פרילינג.

פון דעם אַלעמען איז געדרונגען, אַז וויוואַלדיס „פרילינג" לאָזט זיך נישט אָנועקמאַכן מיט דער האַנט בלויז דורכן אויסרייד, אַז ער איז נישט מער ווי אַן אַקוסטישע אימיטאַציע פון דעם אמתן פרילינג. ניין, וויוואַלדיס „פרילינג" איז אפשר נאָך אמתער און עכטער ווי דער געוויינטלעכער פרילינג אין דער נאַטור, אָדער בעסער געזאָגט, ער איז שטענדיקער, ער קען זיך אויך באַווייזן אין די איבעריקע צייטן פון יאָר, אַבי נאָר דער מענטש זאָל האָבן אַ געהער, אַבי נאָר ער זאָל פאַרשטיין זיין שפּראַך, און דער עיקר: פרילינג זאָל זיין ביי אים אין האַרצן, פאַרליבט זאָל ער זיין אין עמעצן... אָבער אויף פאַרליבט צו זיין, דאַרף מען וויסן, איז דער נאַטיר־לעכער פרילינג נאָך נישט גענוג, איז די יוגנט אויך נישט אַלץ; אַפילו

וויוואַלדיס „פרילינג״ קען אויך נישט אַרויסכישופן די פּערזאָן, וואָס איז אין שטאַנד דעם צווייטן צו פאַרשאַפן גליק בלויז דורך אַ בליק, בלויז דורך אַ ציטער פון די ברעמען, בלויז דורך אַ וואָרט...

*

האָט זיך געמאַכט אַזוי — וואָס פאַר אַן אומגעריכט גליק! — אַז די דריי פרילינגען האָבן זיך צונויפגעטראָפן ביי דעם געשעפט־פירער מאַרסעל, און דווקא אין דער גרויסער, טומלדיקער אָבער שיינער שטאָט פאַריז, נישט אין דער נאַטור, ערגעץ־ווו ביים ים, אין די בערג אָדער אין וואַלד; דווקא ביי דעם פופציקיעריקן מרדכי, ווי ער הייסט לויט זיין יידישן נאָמען, האָט וויוואַלדיס פרילינג זיך צעבליט אין גאַר זיין גלאַנץ און אין גאַר זיין פראַכט. וואָרעם איידער נאָך ער איז געקומען אויפן אָפּגערעדטן אָרט, אויף בולוואַר סעבאַסטאָפּאָל, איז ער שנעל געלאָפן צו זיך אַהיים, כדי צו כאַפּן אַ הער, אַזוי צו זאָגן, אין וויוואַלדיס „פרילינג״.

בלויז דעם „פרילינג״ האָט ער געוואָלט הערן און ווען דער „האַרבסט״ איז געקומען האָט ער אָפּגעשטעלט דעם גראַמאָפאָן, הגם קיין גרויסע טובה פאַר אַ פליטע איז דאָס נישט, מען זאָל זי אָפּשטעלן אין מיטן. אָבער ער האָט, ווי געזאָגט, זיך געאיילט צו דעם טרעפאָרט.

געקומען איז ער אַ פרילינגדיקער, אַ יום־טובדיקער. ער האָט פאַרגעסן אין דעם האַרבסט, וואָס ער האָט געהאַט דורכגעמאַכט דאָ נישט לאַנג אויף זיין אייגענעם קערפּער, און פאַרגעסן האָט ער דעם ווינטער, וואָס האָט געהאַט געבושעוועט אין זיין האַרצן, פאַרגעסן די שניי־זאַוויערוכעס. ער איז ווי פון דאָס ניי געבוירן געוואָרן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען, אַז די וועלט איז גאַרנישט אַזוי שלעכט, ווי אים האָט זיך געהאַט אויס־געדוכט דעם פאַרגאַנגענעם פרילינג, ווען ער איז געלעגן צו בעט אין גרויסע יסורים און געמיינט, אַז ער איז שוין פאַרביי.

נאָך יענעם פרילינג איז געקומען אַ זומער, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ ווינטער, וואָרעם עס האָט נישט אויפגעהערט צו רעגענען אין דעם דאָרף, ווו ער האָט זיך געהאַט פאַרקליבן, כדי זיך אויסצורוען פון זיין קראַנקייט.

דערנאָך איז געקומען דער האַרבסט און ער איז פון דאָס ניי קראַנק

געוואָרן. דאָס מאָל האָבן אים שוין די דאָקטוירים בכלל אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.. ער אָבער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. געגלוסט האָט זיך אים דערלעבן אַ נייעם פרילינג.

מיינט נישט, אַז דער באַשלוס פון אַ מענטשן, ווען די דאָקטוירים פאַרמשפּטן צום טויט, זיין באַשלוס ווייטער צו לעבן, איז גאָרנישט ווערט, האָט נישט קיין שום ממשות. אַ טעות! קיינער גייט נישט אַוועק פון דער וועלט מיט אַ נאַטירלעכן טויט, אויב ער גופא איז נישט מסכים צו שטאַרבן. אמת, זיינע יסורים רייסן טייל מאָל אַרויס מיט געוואַלט פון אים דעם דאָזיקן באַשלוס, אָבער טאָמער פאַרט עקשנט ער זיך איין, טאָמער לאָזט ער זיך נישט איבעררעדן, דעמלט קען קיין איין דאָקטאָר, קיין איין פּראָפעסאָר, ווי גרויס ער זאָל נישט זיין, פועלן ביי אים, ער זאָל גלייבן, אַז פאַר אים איז שוין מער קיין שום רפואה נישט. ווייל ער נישט שטאַרבן, וועט ער גובר זיין זיינע יסורים — און וועט בלייבן לעבן.

דאָס זעלבע איז אויך געשען מיט מאַרסעלן. אַ ראיה, ער לעבט. און אָט איז ער געקומען זיך טרעפן אויף בולוואַר סעבאַסטאָפּאָל מיט פראַנסואַז.

יאָ פראַנסואַז! טאַקע איר האָט ער, צום גרויסן טייל, צו פאַרדאַנקען זיין לעבן. וואָרעם זי — אפשר מער נאָך ווי זיין איינציקע טאָכטער מרים, וואָס איז אים אַזוי ליב, און בלויז מיט איר זיצן גאַנצע נעכט ביי זיין בעט האָט זי שטיקער חיות אריינגעגעבן אין זיינע ביינער; — זי פראַנסואַז, האָט אים אונטערגעטראָגן מוט און האָפענונג. קיין סך פלעגט זי נישט רעדן, וואָרעם בטבע איז זי אַ שווייגעוודיקע און בסך־הכל האָט זי דאָך נאָר אויס־געפירט דאָס, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט איר באַפוילן צו טאָן — צוויי מאָל אַ טאָג אין משך פון צוויי לאַנגע חדשים האָט זי אים געמאַכט איינ־שפּריצונגען — אָבער פון צייט צו צייט פלעגט זיך אַרויסגליטשן פון אירע ליפּ אַ וואָרט, אַז ער איז גאָרנישט אַזוי געפערלעך קראַנק, ווי ער מיינט, אַז עס איז זייער לייכט גענעזן צו ווערן פון אַזאַ קראַנקייט. דער עיקר איז זיך נישט מייאש צו זיין, זיך צו שטאַרקן און צו גלויבן, אַז נאָך אַלעמען איז די וועלט שיין, און אַז אין איר איז נאָך פאַראַן גענוג גליק און פרייד, און אַז מען דאַרף בלויז וויסן, ווו און ווען די אַלע אוצרות אויסצוגעפינען.

דאָס, וואָס די ליפּן אירע האָבן נישט גערעדט, האָט איר בליק פאַר־

ענדיקט, און ער האָט טאַקע גענומען גלייבן אין אירע רייד, גלייבן אין זיין כוח געזונט צו ווערן, גלייבן בשלימות, אַז ער וועט נאָך זוכה זיין צו דער־לעבן אַ פרילינג, אַ דרייפאַכיקן פרילינג: אין דער נאַטור, אין האַרצן ביי אים און אין דער מוזיק.

דער דאָזיקער דרייפאַכיקער פרילינג איז געקומען. לייכט איז אים אויפן געמיט, כאַטש נעם און טאַנץ די ראַנדאָ, וואָס מיט איר און דורך איר באַגריסט אַנטאָניאָ וויוואַלדי דעם אָנקום פון פרילינג אויף דער וועלט. עס איז אים געוווען צו מוט, גלייך ווי ער וואָלט זיך טאַקע געפונען איצט אין וואַלד אַרומגערינגלט פון אָט די אַלע פייגעלעך, וואָס זינגען אַ הימען פאַר דער נאַטור.

מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן איז אים פראַנסואַז אַנטקעגנגעקו־קומען און פון דעם גאַנצן רווישיקן אַרום, פון די אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן איינער הינטער דעם צווייטן, אין די הונדערטער, זיך געקייקלט אויפן בולוואַר, פון די טויזנטער און טויזנטער פאַרבייגייערס, מענער, פרויען און קינדער, פון די פילפאַרביקע ליכטער און פּראָזשעקטאָרן, וואָס האָבן אַרומגעטאַנצט איבער די פאַסאַדן פון די הייזער, האָט זיך אַרויסגעשיילט איין איינציקער סילועט: פראַנסואַז, מאַרסעלס פרילינג. וואָס מיר וואָלד? ווער מיר וואָלד? ווער זאָגט עס, אַז בלויז אין די וועלדער, בלויז אויף די פעלדער באַווייזט זיך דער פרילינג? ער שטייט איין אין האַרצן פון דעם מענטשן, און פון דאָרטן, אויב עס מאַכט זיך נאָר אַ פּאַסיקע געלעגנהייט, קען ער זיך אויך פאַרנעמען אין דרויסן, קען ער דערלאַנגען אַ שפּאַציר קיין מזרח, קיין מערב, קיין צפון, קיין דרום. אָט אַזוי.

— גוט נאָוונט, מאַרסעל!

— גוט נאָוונט, פראַנסואַז!

— דו וואַרטסט שוין לאַנג, טייערער?

— ניין, פראַנסואַז, איך בין אָקאָרשט געקומען. האָסט נישט געדאַרפט זיך אַזוי איילן. נישקשה, איך וואָלט נאָך אונטערגעוואַרט אַ ווײַלע. אין דער אמתן האָסטו נישט פאַרשפּעטיקט.

— אַנטשולדיק מיר, מאַרסעל. מיט אַ קראַנקן קען מען קיין מאָל נישט

וויסן. איך האָב זיך פּאַרשפּעטיקט אויף גאַנצע צוואַנציק מינוט. אַנטשול־דיק מיר.

— וואָס רעדסטו, טייערע מײַנע? נישט דו האָסט זיך פּאַרשפּעטיקט, נאָר איך.

פראַנסואַז האָט זיך צעלאַכט:

—דו ביסט אַזוי גוט, מאַרסעל, אַזוי איידל. דו שטייסט און וואַרטסט אויף מיר און פּאַרשפּעטיקט — האָסטו זיך, נישט איך. דײַנע פרומע ליגנס זענען מלא חן, מאַרסעל. איך דאַנק דיר, מאַרסעל.

—וואָס האָסטו מיר צו דאַנקען, פראַנסואַז? ס'איז דער ריינער אמת, אַז פּאַרשפּעטיקט האָב איך זיך, נישט דו. וועגן דעם איז גאָרנישטאָ וואָס צו דיסקוטירן. און ווייסטו פאַר וואָס איך האָב זיך פּאַרשפּעטיקט? איך בין געלאָפן שנעל אין שטוב הערן וויוואַלדיס „פרילינג". מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער, אַנטאָניאָ וויוואַלדי, דאַרף באַשטעטיקן דעם אָנקומען פון פרילינג. און אים, דוכט מיר, איז דער פרילינג נישט גאַנץ, אָן אים איז ער ווי אַ בעל־מום.

— חוץ דעם „פרילינג" האָט דאָך וויוואַלדי אויך באַזונגען דעם זומער, דעם האַרבסט, דעם ווינטער.

— געוויס. אָבער אָנהייבן הייבט זיך אָן זײַן געזאַנג מיט דעם פרילינג, וואָס איז טאַקע אין דער אמתן דער אויסגאַנגפּונקט פון אַלע צייטן פון יאָר. אָבער וואָס שטייען מיר דאָ? לאָמיר גיין אָפּכאַפּן דאָס האַרץ אין דעם רעסטאָראַן.

מאַרסעל איז געווען ווי צעטראָגן. ער האָט זיך געפילט, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן געהאַט אַ ראַנדעוווּ מיט אַ פרוי. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט, ער איז געווען נישט זיכער אין זײַנע באַוועגונגען, אַ צאַפּלדיקע פרייד האָט זיך געפּלאָנטערט אין זײַנע רעיונות. ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, זי האָט אַרויסגענומען פון איר טאַש אַ פּודעלע שוועבעלעך און אים אונטערגעטראָגן פײַער. ביי דער שײַן פון פלעמל האָט ער דערזען אירע גרויסע מאַנדל־אויגן, וואָס זענען אים אַזוי גוט באַקאַנט געווען, נאָר איצט האָט זיך אים געדוכט, אַז ער זעט זיי צום ערשטן מאָל אין לעבן. עפּעס וואָס האָט זיך אַרויסגעשיילט

פון איר בליק, וואָס ער האָט נאָך קיין מאָל ביי איר נישט געהאַט באַ־מערקט: טרייסט, לוסט, אַן איינגעהאַלטענע ליידנשאַפט, אָבער אויך אַן איבערגעגעבנקייט צום גורל, וואָס איז, ווי מען ווייסט, דער הערשער נישט בלויז אויף דעם פרילינג, נאָר אויך אויף די איבעריקע דריי צייטן פון יאָר.

זיי זענען געזעסן אין רעסטאָראַן, אין אַ צימערל, וואָס איז געווען באַ־שטימט פאַר פאָרלעך. דאָס געדעמפטע ליכט דורך דעם אַבאַזשור איבערן טישל איז געוונען מילד און האָט ווי באַגלייט דעם שטילן שמועס פון די צוויי מענטשן.

איטלעך מאָל ווען זיי טרעפן זיך, דערציילן זיי זיך קודם מעשיות פון זייערע קינדער: ער פון זיין טאָכטער, מירעלע, און זי פון איר זון, וויקטאָר. עס האָט זיך געדוכט, אַז די בעסטע פאַרמיטלערס צווישן זיי זענען זייערע קינדער, כאָטש אייגנטלעך וואָלט גאָר געדאַרפט זיין פונקט פאַר־קערט, ווייל זייער זעלטן טרעפט, אַז אַ טאָכטער זאָל נישט זיין אייפערזיכ־טיק אויף איר טאַטנס ליבע צו אַ פרוי, וואָס איז נישט איר מוטער. וואָס שייך אַ זון, ווערט ער דאָך קיין מאָל נישט מסכים זיין מיטן געדאַנק, אַז זיין מאַמע זאָל זיין פאַרליבט אין אַ מאַן, וואָס איז נישט זיין פאָטער.

— נעכטן אין אָוונט איז מיר מיין האַרץ שיר נישט צעשפרונגען געוואָרן פאַר פרייד, ווען איך בין געקומען אַהיים פון דער אַרבעט און האָב געפונען אַ געדעקטן טיש. וויקטאָר האָט צוגעגרייט אָוונטברויט פאַר אונדז ביידן. ער האָט אַפילו מיך נישט געלאָזט אַראָפּרוימען פון טיש און וואַשן דאָס געפעס. „דו האָסט שוין גענוג היינט געאַרבעט", האָט ער מיר געזאָגט. נעכטן איז ער באַזונדערס געווען צערטלעך צו מיר. ער האָט מיך אַרומגענומען און האָט מיר אַריינגערוימט אַ סוד אין אויער. ווייסט וואָס פאַר אַ סוד? ער האָט מיר דערציילט, אַז מיך האָט ער ליב אַ סך מער ווי אַנדערע זין האָבן ליב זייערע מאַמעס. — „ווי קען דאָס זיין מער ליב? — האָב איך אים געפרעגט — אפשר מיינען די אַנדערע, אַז זיי האָבן אויך מער ליב"? „וואָס פאַר אַ פאַרגלייך, מאַמעלע, צווישן מיר און אַנדערע? קיינער האָט דאָך נישט אַזאַ שיינע, אַזאַ קלוגע, גוטע מאַמע ווי איך".

— וואָס פאַר אַ פראַגע? — האָט מאַרסעל זיך אָפּגערופן — אוודאי איז דיין זון גערעכט. דער אויספיר צו וועלכן ער קומט, איז די לאָגיק

גופא. איך גופא בין גרייט אַנצוּוּוענדן דיין זונס זאָג אויף דעם מין פּרוּי בכלל. קיינער קען נישט ליב האָבן אַזוי אַ פרוי ווי איך האָב דיך ליב, טאָקע צוליב די מעלות, וואָס דיין זון האָט אין דיר אויסגעפונען.

— איך האָב דיר דאָס דערציילט צום שבח פון מיין זון, נישט צו מיין שבח. איך האַלט, אַז ער איז שטאַרק מגזם.

— זיי זשע נישט אַזוי באַשיידן. דו ווייסט דאָך אַליין, אַז פון דיין זונס מויל רעדט אַרויס דער ריינער אמת, און דו דאַרפסט אים נישט פאַר־שרייען.

— ניין, ניין, מאַרסעל. לאָמיר נישט רעדן קיין נאַרישקייטן. יאָ קלוג און שיין, נישט קלוג און שיין, וואָס פאַר אַ נפקא מינה? אַבי איך געפעל דיר ווי איך בין, ווי איך שטיי און גיי. געפעל איך דיר טאָקע? — האָט פראַנסואַז זיך צו אים געטוליעט.

— טייערע מיינע. איך האָב דיך ליב, אַזוי ליב. דו ביסט מיין פריי־לינג, דו ביסט מיין...

— יאָ, נאָך דעם, ווי מיין זון האָט מיר געהאַט דערציילט ווי ליב ער האָט מיך, האָט דער פרילינג גענומען זינגען אין מיין האַרצן און איך האָב אַנגעשטעלט דעם גראַמאָפאָן.

— דו אויך?

— וואָס הייסט?

— וויוואַלדי?

— וויוואַלדי... דער פרילינג...

— איז אָפגעמאַכט?

— וואָס?

— דו ווייסט שוין וואָס איך מיין.

—געוויס, מאַרסעל.

— טרעפן מיר זיך, הייסט עס, מאָרגן פרי אַכט אַ זייגער אויפן ליאָנער וואָקזאַל.

*

דאָס איז געווען אַ דערפעלע, וואָס האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט גע־האָט אַרויסגעשווומען פון אַ חלום אַ ווייטן און זיך אָפּגעשטעלט דאָ, אונטער

דעם דאָזיקן הימל, וואָס האָט פאַרטריבן אַלע וואָלקנס פון זיך, כדי עס זאָל די מענטשן זיין לייכט אויפן געמיט. אָרעם אין אָרעם שפּאַצירן מאַרסעל און פראַנסואַז איבער די דאָרף־שטעגעלעך. ווער איז צו זיי איצטער גלייך? ווער? סיידן אפשר די פייגעלעך אין דער לופטן, די פייגעלעך, וואָס שפּרינגען פון צווייגל צו צווייגל.

— דו הערסט, מאַרסעל?

— דו הערסט, פראַנסואַז?

— דו הערסט די ראָנדאָ, וואָס די פייגעלעך זינגען? פּונקט ווי אין וויוואַלדיס פרילינג־קאָנצערט.

— נאָך שענער, פראַנסואַז! נאָך שענער ווי אין וויוואַלדיס פרילינג־קאָנצערט, ווייל נאָך אַלעמען האָט דאָך וויוואַלדי זיין פרילינג־קאָנצערט אַנטליען ביי דער נאַטור, ביי דעם אמתן פרילינג, וואָס איז נישט בלויז קלאַנג, נישט בלויז פאַרן געהער באַשאַפן געוואָרן, נאָר איז אויך ליכט, וואָס דאָס אויג זאַפּט איין אין זיך און פאַרשפּרייט עס איבערן גאַנצן גוף, באַהאַלט עס טיף אין דער נשמה, טיף, טיף...

— נאָך אַלעמען — האָט פראַנסואַז זיך אָנגערופן — האָט דאָך וויוואַלדיס פרילינג־קאָנצערט זיך אינספּירירט פון אונדזער ביידנס גליק. עס מאַכט נישט אויס, וואָס וויוואַלדי האָט געלעבט מיט דריטהאַלבן יאָרהונדערט פאַר אונדז. זיין „פרילינג" איז דער פרילינג פון אַלע גליקלעכע מענטשן, סיי פון די, וואָס האָבן פאַר אים געלעבט און סיי פון די, וואָס לעבן און וועלן נאָך אים לעבן. גליק געהערט צו דער אייביקייט און נישט צו דעם אָדער יענעם יאָרהונדערט.

— פילסט זיך גליקלעך, פראַנסואַז?

— יאָ, מאַרסעל.

— און עס קומט דיר גאָרנישט אַרויף אויפן געדאַנק, אַז דער האַרבסט קען אונטערקומען?

— צו ערשט וועט קומען דער זומער.

— דער זומער מיט זיין זאַטקייט, אפשר אויך מיט זיין איבערגעזעטיקטקייט.

— וואָס ביסטו מיט דעם אויסן, מאַרסעל?

— גאָרנישט, טייערע מיינע, איך זאָג נאָר, אַז קיין זאַך דויערט נישט אייביק. אָט בין איך אַ מאָל געווען יונג, שטאַרק, גליקלעך. איך האָב שטו־דירט מוזיק, איך האָב געשריבן לידער, און געמיינט האָב איך דעמלט, אַז שטענדיק וועל איך שטודירן מוזיק און שרייבן לידער, איז געקומען די מלחמה און אויס איז געווען מיט דער מוזיק און מיט די לידער מיינע. פון איין טאָג אויפן צווייטן איז מיין פרילינג פאַרשוווּנדן און איך האָב זיך גאָרנישט אַרומגעזען, ווי דער האַרבסט איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר. דער איבערגאַנג פון פרילינג צום האַרבסט איז געווען אַזאַ קורצער, אַז איך האָב אים כמעט ווי נישט באַמערקט. וואָס רעד איך, נישט באַ־מערקט? האָט זיך דאָך בעת יענעם זומער אַריינגעכאַפּט די שוידערלעכע מלחמה. די דייטשן האָבן מיט זייערע שטיוול צעטרעטן יעדן זכר פון זומער, וואָס האָט זיך געהאַט פאַרוואַלגערט אין מיין לעבן. אויב נאָך אַלע יסורים און פיין בין איך פאַרבליבן ביים לעבן, איז עס אַ רעטעניש פאַר מיר גופא. דערנאָך האָב איך זיך באַמיט זיך צו שאַפן אַן עקזיסטענץ. עד היום קען איך נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי מיר האָט זיך איינגעגעבן צו ווערן אַ גע־שעפט־פירער אין אַן אוניווערסאַל־מאַגאַזין, איך האָב דאָך קיין שום פעיקייט נישט געהאַט פאַר געשעפט. אמאָליקע צייטן איז דאָס מיר אַפילו געווען שטאַרק דערווידער. דערנאָך איז מיין פרוי געשטאָרבן, דערנאָך בין איך קראַנק געוואָרן, און ווען נישט דו...

— מיין ליבער מאַרסעל, איך האָב דיך שוין מער ווי איין מאָל געבעטן, אַז דו זאָלסט דיין געזונט־ווערן נישט צושרייבן אויף מיין חשבון. ערשט צום סוף לעבן קען מען וויסן, צי דער אָדער יענער חשבון איז טאַקע געווען אַ ריכטיקער. טייל מאָל זעט מען זיך אַרום, אַז דאָ אָדער דאָרט האָט מען געהאַט אַ טעות.

— פראַנסואַז, דו באַהאַלטסט עפּעס אויס?

— וואָס פעלט דיר איין, מאַרסעל?

— שוין עטלעכע וואָכן ווי איך זע דיך אַ פאַרקלערטע, דיין שמייכל איז פאַרשלייערט, ווי דו וואָלסט הינטער אים פאַרשטעקט אַ סוד, וואָס דו ווילסט מיר נישט אויסזאָגן.

— עס דוכט זיך דיר. לאָמיר וועגן דעם מער נישט רעדן, זעסט?

אויפן הימל האָט זיך אונטערגערוקט אַ כמאַרע. מסתמא וועט באַלד אויס־ברעכן אַ שטורעם. אַזוינס געשעט אויך אין מיטן פרילינג.

— אין פרילינג נאָך מער, ווי אין די איבעריקע צייטן פון יאָר.

— לאָמיר זיך אויסבאַהאַלטן פון שטורעם.

— לאָמיר שווייגן.

— לאָמיר שווייגן.

*

אַזוי ווי אין וויוואַלדיס פרילינג־קאָנצערט, האָט דער שטורעם, די בליצן און די דונערס, אויך דאָ נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. די פייגעלעך האָבן באַלד ווידער זיך גענומען צו זייער געזאַנג. אין צווישן איז געוואָרן אָוונט, די שאָטנס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די פעלדער און דאָס פּאַסטעכל, ווידער אַ מאָל ווי אין וויוואַלדיס פרילינג־קאָנצערט, האָט זיך צוגעלייגט אויפן גראָז כאַפּן אַ דרעמל. אויך מאַרסעל און פראַנסואַז זענען אייניק געוואָרן צווישן זיך. שווייגנדיקערהייט האָבן זיי זיך איבערגעבעטן און מער איז צווישן זיי קיין רייד נישט געווען וועגן סודות, וואָס איינער זאָל האָבן אויסבאַהאַלטן פאַרן צווייטן.

דאָס פּאַסטעכל איז, ווי געזאָגט, איינגעשלאָפן אויף דער לאָנקע און ס׳האָט זיך אים געחלומט אַ חלום פון פרילינג. פראַנסואַז און מאַרסעל האָבן זיך פאַרקליבן אין דעם פויערישן צימערל, וואָס זיי האָבן געהאַט אָפּגעדונגען אויף צוויי נעכט.

ליגן זיי אין דעם ברייטן בעט, איינער לעבן דעם צווייטן. ביידע זענען זיי שוין נישט זייער יונג. פראַנסואַז איז נישט מער ווי זיבן יאָר ייִנגער פון מאַרסעלן — דריי און פערציק יאָר איז זי אַלט. אָבער איר קערפּער איז ווי דער קערפּער פון אַ פינף און צוואַנציק יאָריקער פרוי, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האָט שוין אַ זון פון אַ יאָר זעכצן.

מאַרסעל איז אַנטציקט פון איר יונגן קערפּער, פון איר פרילינג־קערפּער:

— אין מיינע יונגע יאָרן בין איך געווען אַ מאַדים, ווי מען האָט גע־זאָגט, אין דער וואָרט־קונסט, און מיר פלעגט זיך איינגעבן אויסצוגעפינען דאָס פּאַסיקסטע וואָרט פאַר יעדן אבר אינעם מענטשלעכן גוף. איך רעד

איצט נישט וועגן די נעמען, וואָס איטלעכער אבר פאַרמאָגט אין דעם גע־וויינטלעכן שפּראַך־געברויך. דאָס ווייסט יעדער איינער. איך מיין דאָ די צוגאָב־נעמען, וואָס יעדער גליד אין דעם פרויען־קערפּער באַקומט אין דער שעה פון דער ליבע, דער נאָמען, וואָס דינט ווי אַ פאַרגלייך, ווי צום ביי־שפּיל, אין דער שענסטער ליבע־פּאָעמע פון דער וועלט, אין שיר השירים, צום ביישפּיל.

— שיר־השירים?

— האָסט קיין מאָל נישט געלייענט שיר־השירים פון דער ביבל?

— פון דעם אַלטן טעסטאַמענט?

— נישט פון דעם אַלטן, נישט פון דעם נייעם טעסטאַמענט, נאָר דער שיר־השירים פון אַלע טעסטאַמענטן, אויב מען זאָל דאָס וואָרט „טעסטאַ־מענט" באַנוצן אין זיין ווערטלעכן באַדייט, וואָס דאָס מיינט „צוואה", די צוואה פון דעם פרילינג. הער זיך צו, פראַנסואַז:

„דאָס געזאַנג פון געזאַנגען, וואָס פון שלמהן.
קושן זאָל ער מיך מיט די קושן פון זיין מויל;
וואָרעם בעסער פון ווייַן איז דיין ליבשאַפט."

יאָ, פראַנסואַז; אַזוי האָט שולמית זיך געבעטן ביי איר געליבטן, דעם מלך שלמה.

— און ער, שלמה?

— שלמה האָט איר צוליב געטאָן, ער האָט זי געקושט מיט די קושן פון זיין מויל, און האָט בעת מעשה איר צוגעפּליסטערט:

„ביסט שיין, געליבטע מיין, ביסט שיין,
דיינע אויגן זענען טויבן."

און דערנאָך האָבן זיי זיך פאַרלוירן, ווי עס טרעפט אויך היינט צווישן געליבטע. דערנאָך האָבן זיי זיך ווידער געפונען. האָט ער זי פון דאָס ניי באַטראַכט, פון דאָס ניי באַקוקט און אין גרויס אַנטציקונג אויסגערופן:

י. פינער

„ווי שיין דיינע טריט אין סאַנדאַלן,
דו פירשטלעכע טאָכטער.
דיינע רונדע דיכן ווי צירונג
געמאַכט פון די הענט פון אַ קינסטלער.
דיין נאָפּל אַ בעכער אַ רונדער;
עס פעלט נישט דער מישוויין.
דיין בויך אַ הויפן ווייץ
מיט ליליען באַזוימט.
דיינע בריסט ווי צוויי הירשלעך,
צווילינגס פון אַ הירשין.

— און וואָס האָט זי אים אויף דעם געענטפערט?

— שולמית האָט אויף דעם אים גאָרנישט געהאַט וואָס צו ענטפערן חוץ דאָס, וואָס איך הער איצט מורמלען דיינע ליפּן:

„איך בין מיין געליבטנס,
און צו מיר איז זיין געלוסט.“

יאָ, פראַנסואַז, צו דיר איז מיין געלוסט, ווייל איך טאַקע דיך איצט בעטן דאָס, וואָס דער דיכטער האָט געבעטן פון זיין געליבטער אין דער פּאָעמע „שיר השירים“:

„טו מיך אַרויף ווי אַ זיגל אויף דיין האַרצן,
ווי אַ זיגל אויף דיין אָרעם,
וואָרעם שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבשאַפט,
האַרט ווי דער קבר די אייפערזוכט;
אירע פלאַמען זענען פלאַמען פייער,
אַ פלאַקער פון גאָט“. *

---

* די ציטאַטן פון שיר־השירים זענען געגעבן אין דער יהואש־איבערזעצונג — דער מחבר.

— מאַרסעל, טייערער מיינער, טראַכט פון גאָרנישט נישט איבער. דו האָסט נישט וואָס אייפערזיכטיק צו זיין. שלאָף, שלאָף. אַלץ גייט פאַרביי. אַלץ פאַרשווינדט.

— ניין פראַנסואַז, מיינע ביסטו, מיינע. איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן. ביסט דאָך אַזאַ גוטע, אַזאַ שיינע. פאַר וואָס זאָל איך דיך דען אָפּלאָזן? וועסטו אָוועקגיין פון מיר, וועל איך שטאַרבן. דו הערסט, פראַנסואַז? דו הערסט? פאַרלאָז מיך נישט.

*

זיי האָבן זיך ליב געהאַט. מאַן און פרוי זענען זיי געווען אין דער דאָזיקער פרילינג־נאַכט, ווייט פון פאַריז, איינער ווי דער צווייטער ווייט פון די טאָג־טעגלעכע דאגות. צוויי טעג אורלויב האָבן זיי גענומען. און אָט איז שוין דער ערשטער טאָג פאַרביי; אָט איז שוין די ערשטע נאַכט זייערע אויך פאַרשוואונדן. אין דרויסן טאָגט שוין. די פייגעלעך ריכטן אָפּ זייער מאָרגן־תפילה. זיי איז גוט, די פייגעלעך אין דרויסן. זיי פרעגן קיין קשיות נישט, זיי טראָגן פאַר קיינעם קיין אחריות נישט, זיי זייען נישט און זיי שניידן נישט. אַלץ באַקומען זיי פון דער נאַטור פאַרטיקערהייט. עס קומט זיי, די נאַטור זאָרגט פאַר זיי. אָבער ער, מאַרסעל, האָט אַ טאָכ־טער. ווער ווייס, צי זי פאַראורטיילט נישט שטילערהייט איר טאַטן, וואָס האָט זיך אויף דער עלטער פאַרליבט אין אַ פרעמדער פרוי? אמת, זי זאָגט גאָרנישט, אָבער זי ליידט דערפון אָן שום ספק. צו ליב האָט זי געהאַט איר מוטער, זי זאָל אים דאָס איצט פאַרשווייגן. מאַרסעל האָט צו איר קיין טענות נישט. פאַרקערט, אים וואָלט גאָר פאַרדראָסן אויף איר, ווען זי וואָלט פון זיין ליבע נישט געמאַכט קיין ווענז; ער וואָלט זי גאָר פאַר־אורטיילט, ווען זי וואָלט זיך באַטראַכט ווי אַ „קינפּטיקע טאָכטער" פון פראַנסואַז...

אויך פראַנסואַז האָט געטראַכט וועגן איר זון, וועגן וויקטאָרן, וואָס האָט זי אַזוי ליב און וועמען זי האָט ליב ווי די וועלט. ער איז אין גאַנצן ענלעך צו זיין פאָטער, נישט בלויז פיזיש, נאָר אויך גייסטיק. און פראַנסואַז

כאַפּט זיך פלוצלינג, אַז זי האָט ליב איר זון טאַקע ווייל ער איז אין גאַנצן דער פּאָרטרעט פון זיין טאַטן.

אָבער אויך מאַרסעלן האָט זי ליב. איז מאַרסעל איר מאַן? קען ער זיין אַ מאַן פאַר איר? פאַר וואָס האָט זי אים נישט באַגעגנט מיט אַ זעכצן, ניין, מיט אַ זיבעצן יאָר צוריק? אָבער וואָלט זי זיך דעמאָלט געטראָפן מיט מאַרסעלן און זיי וואָלטן חתונה געהאַט, וואָלט דאָך וויקטאָר נישט געווען געבוירן געוואָרן. אויב זי קען זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלן ווי מאַרסעלס פרוי, איז אָבער לחלוטין אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן נישט צו האָבן אַ זון, וואָס הייסט וויקטאָר און איז אַזוי ענלעך צום מאָלער ראָבערט קאָסט. אמת, זי וואָלט אפשר געהאַט אַן אַנדערן זון, אָדער אַ טאָכטער. מרים וואָלט זי אפשר געהייסן.

פראַנסואַז האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרפּלאָנטערט אין אירע געדאַנקען, אַז זי האָט מער נישט געוווּסט ווו איין און ווו אויס. כדי צו מאַכן דערצו אַ סוף, איז זי אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און זי האָט גענומען זיך אָנטאָן.

אויך מאַרסעל איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט.

דער טאָג און די צווייטע נאַכט, וואָס זיי זענען פאַרבליבן אין דעם דערפל, זענען געווען ווי איבעריקע. שנעל פאַרגייט דער פרילינג אין די יאָרן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די פייגעלעך שפּרינגען נאָך אַלץ אַרום פון צווייגל צו צווייגל און הערן נישט אויף צו צוויטשערן מיט זייערע קולכעלעך; וואָס די לאָנקעס לייכטן מיט זייער שענסטן גרין און אויף טריט און שריט צעעפענען די קנאָספּן זייערע מיילעכלעך. עס פאַרגייט זייער שנעל דער פרילינג ביי מענטשן, וואָס האָבן שוין הינטער זיך אַ פאַרגאַנגענהייט און ביי וועמען זייערע קינדער דאַרפן שוין אָנהייבן צו דערגיין דעם סוד פון דער ערשטער ליבע.

*

אין דער אמתן אָבער האָט דער פרילינג זיך נאָך געשלעפּט מער ווי צוויי חדשים און מען האָט צו אים נישט געקענט האָבן קיין טענות: ער האָט מאַרסעלן און פראַנסואַזן געגעבן אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ער האָט זיי געגעבן אַ סך נעכט אויסגעפילטע מיט ציטערנדיקער פרייד. עטלעכע

מאָל אין אַ וואָך האָבן זיי זיך באַגעגנט דאָ אין דער קאַפע, דאָ אין אַ צווייטער קאַפע. מאַרסעל האָט אָפט געגעסן אָוונטברויט ביי פראַנסואַז אין איר סטודיאָ־צימער, וווּ זי וווינט צוזאַמען מיט איר זון. ער האָט זיך באַקענט נענטער מיט איר זון. אגב, האָט וויקטאָר טאַקע וויפל מאָל צוגעגרייט דעם אָוונטברויט. גילדערנע הענט האָט ער. צו וואָס ער רירט זיך צו, אַלץ געלינגט אים. דריי מאָל האָט מאַרסעל פראַנסואַזן צוזאַמען מיט איר זון פאַרבעטן צו זיך אויף אָוונטברויט. מרים האָט געקאָכט. מרים ווייזט אויס איז וויקטאָרן געפעלן געוואָרן. מער ווי איין מאָל האָט מאַרסעל אויפגעכאַפּט וויקטאָרס בליק אויף מרימען.

דאָס לעצטע מאָל איז מאַרסעלן באַפאַלן אַ מאָדנער פחד. ער האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיין טאָכטער צונויפגעפירט מיט וויקטאָרן. וואָס איז, ווי פראַנסואַז האָט אים אַנומלט דערציילט, אַזוי ענלעך צו זיין פאָטער: מענסועלע ליפּן, אַ פאַרפירערישער קוק, עפּעס וואָס רוביבאַרטיקס איז פאַראַן אין די באַוועגונגען און אין דער האַלטונג זיינער, כאָטש מען זעט, אַז ער באַמיט זיך מיט אַלע כוחות זיך צו צוימען. אָן שום ספק איז זי אים געפעלן געוואָרן. וואָס זאָל מאַרסעל טאָן? זאָל ער איבעררייסן זיינע באַציונגען מיט פראַנסואַז, כדי צו פאַרהיטן זיין טאָכטער פון וויקטאָרן? וועט דאָס העלפן, אויב אַפילו ער וועט שוין באַשליסן צו ברענגען דעם דאָזיקן קרבן? קען נישט אַ מאָל געשען, אַז ער וועט פאַרלירן אי פראַנסואַז, אי זיין טאָכטער אין דער זעלבער צייט? אָבער ווער זאָגט אים דען, אַז וויקטאָר וועט אויך ווייטער אין אַלע פּרטים זיין ענלעך צו זיין פאָטער? איבעריקנס, זענען זיי ביידע דאָך נאָך יונג און... קען מען דען היינטיקע צייטן זיך באַוואָרענען פון אַ בייזער באַגעגעניש? פאַרקערט געשמועסט, וואָלט מען צו ערשט געדאַרפט באַווייזן, אַז די באַגעגעניש צווישן מרים און וויקטאָרן איז טאַקע אַ בייזע...

מאַרסעלס געדאַנק האָט זיך אָפּגעהאַקט. ער האָט צו פיל געטרונקען היינטיקן אָוונט. די צונג האָט זיך אים געפּלאָנטערט, און די געדאַנקען — נאָך מער. האָט ער געפּסקנט, אַז די צייט וועט שוין צורעכט מאַכן דאָס, וואָס קוקט אויס אויפן ערשטן בליק קרומלעך.

— עס וועט שוין רעכט ווערן — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו פראַנסואַז.
הגם זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט, האָט זי דאָך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און פאַרענדיקט מיט אַ שמייכעלע. אויך זי האָט דעם אָוונט אויסגעטרונקען אַן איבעריק גלאָז ווייַן.

*

שבת אין אָוונט איז דאָס געווען. די קינדער האָבן אויך געמעגט זיך פאַרגינען צו זיצן שפּעט אין דער נאַכט. אויף צו מאָרגנס האָבן זיי דאָך נישט געדאַרפט זיך אויפהייבן פרי צו גיין אין שול אַריין. אָבער מיט דער מוזיק האָט מען געמוזט זיך צוויילן, ווייל נאָך צען אַ זייגער אין אָוונט איז פאַרווערט אין פּאַריז צו לאָזן שפּילן דעם ראַדיאָ אָדער דעם גראַמאָפאָן.

פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אָנגעהויבן דעם מוזיק־סעאַנס מיט ווי־וואַלדיס „פיר סעזאָנען". דער יאָר־ציקל הייבט זיך אָן מיטן פרילינג. און וואָס פרילינג איז, מיט זיין פייגל־געזאַנג, מיט זיין ליבע־געמורמל, מיט זיינע טענץ, מיט זיינע נימפן און מיט זיינע פּאַסטעכער — דאָס אַלץ איז באַקאַנט. דער חילוק באַשטייט נאָר אין דעם קבלת־פּנים, וואָס מען טראָגט אים אונטער. וואָס פאַר אַ קול, אַזאַ ווידערקול. די שטים קומט אָבער פון דעם מענטשן, פון זיין בלוט, פון זיין האַרצן. דער אויסערלעכער פרי־לינג איז בלויז דער עכאָ פון דער דאַזיקער שטים.

איז טאַקע וויוואַלדיס ענטפער אויף דער פראַגע, „וואָס באַדייט נאָך דער פרילינג פאַר אונדז", וואָס מאַרסעל און פראַנסואַז האָבן געשטעלט, נישט געווען גלייך צום ענטפער אויף דער פראַגע „וואָס באַדייט שוין דער פרילינג פאַר אונדז?", וואָס מרים און וויקטאָר האָבן געשטעלט.
דוכט זיך — די זעלביקע פייגעלעך, די זעלביקע הימלען, די זעלביקע לאַנקעס, די זעלביקע מוזיק, אָבער פאַר מאַרסעל און פאַר פראַנסואַז זענען זיי שוין געווען היפשלעך פאַרוועלקט און זיי האָבן זיך באַמיט צו גע־פינען דאָ און דאָרט אַ פּיצל בלוי, אַ ביסל גרין, אַ יונגן קלאַנג. מרים און וויקטאָר אָבער זענען ווי פאַרטויבט געוואָרן פון דער פרילינג־שפע פון

טענער, ווי פאַרבלענדט זענען זיי געוואָרן פון דער פאַרבן־עשירות, וואָס האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף זייערע יונגע געמיטער.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער ראָמאַן צווישן מרימן און וויקטאָרן; אַזוי האָט דער ראָמאַן צווישן מאַרסעל און פראַנסואַז זיך ווייטער געצויגן: באַרג־אַרויף ביי איינע און באַרג־אַראָפּ ביי די צווייטע.

געוויס איז נישט צוגעגאַנגען גראָדלינִיק נישט ביי די און נישט ביי יענע. אויך דער פרילינג איז סיי אין זיין אויפשטייג, סיי אין זיין אָפּשטייג געגאַנגען זיגזאַגיק און פאַרמאָגט געגנוג הינטערוועגעלעך און הינטערשטעגע־לעך, ווו מען בלייבט אַ געוויסע צייט שטיין פאַרקלערט און מען קוקט זיך אַרום, וואָס פאַר אַ מהלך מען האָט שוין דורכגעמאַכט. אָדער גלאַט אַזוי, מען ווערט מיד און מען וויל זיך אָפּרוען, אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

זומער

אַ הייסער זומער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף פּאַריז. פון אַספאַלט האָט געיאָגט אַ היץ, ווי פון אַ קאַלכאויוון. פּאַריז האָט אויסגעזען ווי אַ בינ־שטאָק, דער עיקר אין די אָוונטן פון אָנהייב חודש יולי, ערב די פּעריען. אַלע זענען געווען אויף דער גאַס, יונג און אַלט, קינד און קייט.

אָט אין אַזאַ אָוונט איז מאַרסעל נאָך דער אַרבעט שנעל געלאָפן צו זיך אַהיים זיך אַרומוואַשן, זיך איבערטאָן. ער האָט אָפּגערעדט זיך צו טרעפן מיט פראַנסואַז אין דער אָפּערע־געגנט.

ס׳האָט זיך שוין איינגעשטעלט ביי זיי אַ מנהג איטלעך מאָל זיך צו טרעפן אין אַ צווייטער געגנט אין פּאַריז, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך באַמיט אויסצופאָרשן אַלע ווינקעלעך פון פּאַריז מיט די אויגן פון פאַרליבטע. אין יעדער שטימונג, אין יעדן נשמה־צושטאַנד לייגט זיך פּאַריז אַנדערש צונויף און ווערט אַנדערש פּאַסאַנירט. די גאַסן, די מענטשן, די אויטאָ־מאָבילן — אַלץ, אַלץ באַקומט אַן אַנדער פּנים.

מאַרסעל געדענקט פּאַריז אין די פאַרשידנסטע גילגולים זיינע. נישט ווייל פּאַריז האָט, זינט ער איז אַראָפּגעקומען אַהער פון פוילן — שוין אַ מעשה

פון מער ווי פינף און דרייסיק יאָר — זיך אַזוי שטאַרק געענדערט, נאָר ער גופא האָט זיך געענדערט, אין זיינע אויגן האָט די שטאָט באַקומען אַן אַנדערע געשטאַלט.

אָט איז דאָס פּאַריז פון יענער צייט, ווען ער, מאַרסעל, איז אַרומגע־גאַנגען איבער די גאַסן אַ הונגעריקער און פאַרשמאַכטער, אַן אַ סאַנטים אין קעשענע, מיט אַן אויסגעריבענעם פּידזשאַק און מיט צעדריבלטע הויזן. דעמאָלט איז ער זיך פאָרגעקומען ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט אויף אַ פרעמ־דער חתונה. וואָס טוט ער דאָ? וואָס פּלאָנטערט ער זיך דאָ אַרום? ווער דאַרף אים? וואָס גייט ער אָן אָט די אַלע מענטשן, וואָס זיצן אויסגעפּוצטע און זאָרגלאָזע אויף די טעראַסן פון די קאַפעס?

ער איז נאָך געווען אַ יונג בחורל, ווען ער איז געקומען קיין פּאַריז באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַ האַלבער יתום, אָן אַ מאַמען, האָט ער זיך באַלד גענומען אין די הענט אַריין. ביי טאָג האָט ער געאַרבעט, געניייט הויזן און אין די אָוונטן האָט ער געלערנט אין אַ ליציי דורך קאָר־רעספּאָנדענץ. אַזוי אַרום האָט ער געקענט מאַכן אין פאַרלויף פון די דריי יאָר זיין מאַטורע. פאַר אָט דער צייט האָט ער נאָך באַוויזן זיך צו לערנען שפּילן פּיאַנע. אַ שכן האָט געהאַט אַ פּיאַנע — גלאַט אַזוי זיך צום פּוץ איז זי געשטאַנען אין סאַלאָן, און ווען נישט ער, מאַרסעל, וואָלט די פּיאַנע פאַרשימלט געוואָרן, פאַרשטומט וואָלט זי געוואָרן אויף אייביק, ווייל ס'איז קיינער נישט געווען ביי דעם שכן, ביי מיסיע גרינבערג, ווער עס זאָל אויף איר אויסצימבלען, לאָמיר זאָגן, כאָטש אַ „פרער זשאַק", די „מאַרסעליעזע" אָדער „התקוה". איז דער שכן טאַקע געווען צופרידן, וואָס מאַרסעל פלעגט אַריינקומען צו אים אין די אָוונטן, און נאָך איידער ער האָט אַפילו געוווּסט די צורה פון אַ נאָטע, אַרויסוואַרפן אַ שלל מיט טענער, איין מעלאָדיע נאָך דער צווייטער. ער איז געווען זייער באַגאַבט מוזיקאַליש, און שפּעטער, ווען ער האָט גענומען מוזיק־לעקציעס און געדונגען אַ פּיאַנע, האָט זיין לערערקע אים קוים געקענט נאָכיאָגן.

צו יענער צייט האָט פּאַריז אין זיינע אויגן ווידער אַ מאָל באַקומען אַ ניי פּנים. די בולטסטע שטריכן פון דער פּאַריזער לאַנדשאַפט זענען דעמאָלט געווען דער זאַל פּלעיעל, דער זאַל שאָפּען, דער זאַל דעביסי און אַנדערע

קאָנצערט־זאַלן. ס׳איז כמעט נישט געווען קיין קאָנצערט פון סימפאָנישער אָדער פון קאַמער־מוזיק, וואָס ער זאָל נישט האָבן געהערט. גרויסע יסורים פלעגט ער אויסשטיין דעם אָוונט, ווען עס פלעגן פאָרקומען צוויי פאַרשי־דענע קאָנצערטן אין צוויי פאַרשידענע ערטער.

שפּעטער... שפּעטער... מאַרסעל דערמאָנט זיך דאָס פּנים פון פּאַריז אין דער פינצטערער אָקופּאַציע־צייט, אָבער איצט האָט ער קיין כוח נישט, קיין מוט נישט, און אויך קיין צייט, אַרויסצונעמען פון זיין געדעכע־ניש די טונקעלע בילדער. אָט איז דער אָפּערע־פּלאַץ.

ער האָט זיך צוגעאײַלט. ער איז געקומען מיט אַ האַלבער שעה פריער, ווי ער האָט זיך געהאַט אָפּגערעדט מיט פראַנסואַז. אַ שאָד, וואָס ער האָט זיך נישט אָפּגערעדט זיך צו טרעפן מיט איר אין אַ קאַפע. איצט וועט ער דאַרפן שטיין אַ האַלבע שעה אויפן פּלאַץ, ווו עס שוויבלט און גריבלט מיט מענטשן. געזאָלט האָבן זיי פון דאַנען גיין ערגעץ־ווו אין אַ רעסטאָ־ראַן, ער האָט פאַרגעסן איר צו געבן דעם גענויעם אַדרעס. פאַרגעסן? ניין, ער האָט, ווייזט אויס, בכיוון איר דעם נאָמען פון דעם רעסטאָראַן נישט געזאָגט, ווייל דאָס גיין גופא אויף די בולוואַרן איז פאַרביידן געווען אַ תענוג. ס׳איז גוט געווען זיך צו פילן ווי אַ מין שרייפעלע פון אַ באַוועג־לעכער ריזן־מאַשין און אין דער זעלבער צייט דאָך זיין אַליין אָפּגעזונדערט פון אַלעמען.

שטייט מאַרסעל אויפן אָפּערע־פּלאַץ און וואַרט אויף פראַנסואַז. ער האָט צייט צו באַטראַכטן דעם ספּעקטאַקל, וואָס שפּילט זיך אָפּ פאַר זיינע אויגן. אין דער אמתן קומט גאָר נישט נישט פאָר עפּעס אויסערגעוויינט־לעכס, וואָס זאָל ווערט זיין דערמאָנט צו ווערן. אַלע רגע שליידערט די אונטערגרונטבאַן אַרויס אויפן פּלאַץ פון דער אָפּערע אַ בינטל מענטשן: אַלטע, יונגע, מענער, פרויען.

אָבער קיינער לאָזט אין זיין באַוווסטזיין גאָרנישט נישט איבער, סיידן עפּעס אַן אָפּגלאַנץ אַ בלאַסן פון אַ באַוועגונג, סיידן דעם קנייטש פון אַ גרימאַסע, וואָס ער פאַרשטייט נישט איר מיין און איר באַדייט. פון די מענטשן, וואָס לאָזן זיך אַרונטער אין דער אונטערגרונטבאַן, כאַפּט ער אויף נאָך ווייניקער ווי פון די אַנדערע. די באַוועגונג איז זייער אַ גרוי־

סע. אין אַלע ריכטונגען צעגייען זיך די בולוואַרן מיט זייערע הייזער, געשעפטן, רעקלאַמעס. אומעטום קאָכט און ברויזט. און ער שטייט דאָ ביי דער אונטערגרונטבאַן ; ער וואַרט אויף פראַנסואַז.

ווער איז פראַנסואַז ? מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט איר מאַן זי אַוועק־געוואָרפן ; אָן אַ זיי־געזונט איז ער אַוועק פון איר. זיין מאָדעל איז אים, ווייזט אויס, מער געפעלן געוואָרן ווי פראַנסואַז. מאַרסעל קען עס נישט פאַרשטיין. לויט אים קומט אויס, אַז פראַנסואַז איז נאָך פאַרבליבן ביז היינט געגנוג יונג, פריש און שיין. אפשר מיינט ער אַזוי, ווייל זי איז איצט זיין געליבטע, ווייל ער האָט מיט איר נישט חתונה געהאַט, ווייל ער טרעפט זיך מיט איר בלויז איין אָוונט איבער אַ צווייטן, דערפאַר אפשר קומט זי שטענדיק אויס ניי אין זיינע אויגן.

אפשר דערפאַר טאַקע האָט ער אויפגעהערט צוצושטיין צו איר, אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן ? איבעריקנס, ווייל זי גאָרנישט חתונה האָבן מיט אים. עס קען זיין, אַז זי טראַכט נאָך אַלץ פון איר געוועזענעם מאַן. ער איז אַ מאָלער, אַ קינסטלער, נישט קיין געשעפטס־פירער ווי ער. ער האָט אַ סך דערפאָלג מיט זיינע בילדער. ער האָט אויך אַן אינטערעסאַנט פּנים. מאַרסעל האָט אַנומלט געזען ביי פראַנסואַז זיין פאָטאָגראַפיע. שטיל אין האַרצן מוז ער זיך מודה זיין, אַז פיזיש קען יענער אַ סך מער געפעלן ווערן אַ פרוי ווי ער. אפשר טאַקע איז פראַנסואַז זיך צונויפגעקומען מיט אים, ווייל זי האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. אַ יונגע פרוי קען דאָך נישט בלייבן אַ לענגערע צייט אָן אַ מאַן.

אייגנטלעך נישט צוליב ליבע בלייבט פראַנסואַז מיט אים, נאָר צוליב רחמנות. יאָ, רחמנות האָט זי אויף אים. דאָס האָט זיך געפילט אין איר קוק, דאָס האָט זיך געפילט אין אַלע אירע באַוועגונגען דעמאָלט, ווען זי האָט אים געמאַכט די איינשפּריצונגען. מען האָט רחמנות אויף אַ קראַנקן מענטשן. טייל מאָל, ווי אין זיין פאַל, טרעפט, אַז ווען דער פאַציענט ווערט אַפילו געזונט, האָט מען נאָך מורא, ער זאָל נישט ווידער ווערן פאַרשלאַפט. האָט זי דעריבער, קען זיין, באַשלאָסן אים נאָכצוגעבן. איר האַרץ אָבער איז ערגעץ אַנדערש וווּ, ביי איר געוועזענעם מאַן, אָדער גיכער ווי אַלץ ביי דעם פּראָפעסאָר, איר פּאַטראָן, ווי זי רופט אים.

טאָ וואָס שטייט ער דאָ? וואָס וואַרט ער אויף איר? זיין אייגנליבע איז געקרענקט.

פאַרקערט געשמועסט, איז ער גאָר לעצטנס געווען דער, וואָס האָט זיך אָפּגעקילט, ווייל ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער וועט קיין מאָל נישט קענען פאַרגעסן זיין חנהן, קיין מאָל נישט. האָט דאָך חנה אים שטענדיק פאַרשטאַנען אויפן ווונק. וואָס איז דער ווונדער? ער האָט אָפּגעלעבט מיט איר אַזאַ שטיק לעבן אין פרייד און אין לייד. זי האָט פאַרמאָגט די פעיקייט אַריינצודרינגען אין אַלע ווינקעלעך פון זיין נשמה. מיט איר פלעגט ער נישט דאַרפן לאַנג איינטענהן וועגן דעם, וואָס אים דריקט אויפן האַרצן. אַ קלייניקייט עפּעס, צוויי מענטשן גייען צוזאַמען אַ שטיק וועג, דאָ באַרג־אַרויף, דאָ באַרג־אַראָפּ. מער ווי איין מאָל קומט אויס זיך אָנצושטויסן אין כלערליי דערנער, וואָס פאַרווונדן און בלוט רינט פון די ווונדן, ביידנס בלוט. מיט איין וואָרט: חנה און ער זענען מיט דער צייט געוואָרן ווי איין מענטש. איז אָבער חנה — נאָך גאָר אַ יונגע — אַוועק פון דער וועלט. געבליבן איז מרים — אַן אָנדענק פון איר, אַ טאָכטער, אַ זייער געראָטענע טאָכטער.

מרים. נאָך וואָס האָט ער דאָס געדאַרפט זי צונויפפירן מיט פראַנסואַזס זון, מיט דעם מאָלערס זון? צו וואָס האָט עס אים געטויגט? איצט איז שוין פאַרפאַלן. די בעסטע שילערין פון איר קלאַס. זיבעצן יאָר איז זי אַלט און זי גרייט זיך שוין צו איר מאַטורע. זי וואָלט איצט נישט געדאַרפט פאַרלירן קיין איין מינוט, נאָר זיצן און לערנען, פאַרברענגט זי גאָר עט־לעכע אָוונטן אין וואָך מיט וויקטאָרן. זי העלפט אים מאַכן זיינע אויפגאַ־בעס. ער גייט אין אַ נידעריקערן קלאַס. ער איז מיט אַ יאָר יינגער פאַר זיין טאָכטער און אויסזען זעט ער אויס, ווי ער וואָלט געווען אַ יאָר אַכצן־ניינצן. אַ הויכוווקסיקער איז ער, ער איז אין גאַנצן געראָטן אין זיין טאַטן דעם מאָלער.

ס׳איז אייגנטלעך זיין שולד, וואָרעם ער האָט דאָך צוגערעדט מרימען, זי זאָל וויקטאָרן העלפן מאַכן די אויפגאַבעס. ער מוז זיך מודה זיין, אַז אין דער אמתן האָט ער מיט דעם דאָזיקן פאָרשלאָג געוואָלט אָפּציען פון זיך מרימס אויפמערקזאַמקייט. ער האָט געהאַט באַמערקט, אַז זי איז נישט

שטאַרק צופרידן פון איר טאַטנס ראָמאַנס מיט אַ „פרעמדער" פרוי. פראַנסואַ־אַזן דוכט זיך, אַז איר זון קוקט אויך אויף איר אַ ביסל קרומלעך, וואָס זי טרעפט זיך מיט מאַרסעלן. האָט מאַרסעל אַ קלער געטאָן, אַז אויב די קינדער וועלן זיך באַפריינדן, וועלן זיי דעמאָלט אויך שלום ווערן מיטן געדאַנק פון זייערע עלטערנס צוזאַמענלעבן.

אויסגעלאָזט האָט זיך, ווי מאַרסעלן דוכט זיך, פונקט קאַפּויער. די קינדער האָבן זיך טאַקע באַפריינדט, אָבער די בליקן, וואָס זיי וואַרפן אויף זיי, וויקטאָר אויף זיין מאַמען און מרים אויף איר טאַטן, זענען געוואָרן נאָך מער איראָניש ווי פריער. צי האָבן נאָר זיי אַ רעכט גליקלעך צו זיין? מיינען זיי, אַז זייערע עלטערן זענען שוין נישט מער מאַן און פרוי? אַז זיי זענען בלויז טאַטע און מאַמע, ער מרימס טאַטע, און זי — וויקטאָרס מאַמע?

אפשר דוכט זיך עס אים נאָר, ס'וואָלט געלוינט — טראַכט זיך מאַר־סעל — וועגן דעם אַ שמועס צו טאָן מיט פראַנסואַז. אָט וועט ער הערן וואָס זי זאָגט וועגן דעם. און אָט איז זי טאַקע אָנגעקומען.

*

מאַרסעל האָט אָבער מיט פראַנסואַז קיין איין וואָרט נישט אויסגעע־רעדט וועגן דעם, וואָס אים האָט געדריקט אויפן האַרצן. אַלע ווערטער זענען אים געבליבן ווי שטעקן אין האַלדז, עס האָט זיך נישט גערעדט. איבעריקנס, איז אפשר די גאַנצע מעשה נישט געשטויגן און נישט געע־פלויגן, מאַלע וואָס אַ יינגל מיט אַ מיידל טרעפן זיך אין אָוונט. זאָל זיך דוכטן, אַז זיי גייען אין איין קלאַס און זיי זענען אין איין עלטער. און אויב אַפילו עפעס וואָס שפינט זיך צווישן זיי — וואָס איז דאָ די צרה? וואָס איז דאָ דער געוואַלד? ער גופא האָט דאָך געוואָלט, זיי זאָלן באַקאַנט ווערן נענטער, זיי זאָלן זיך פילן כמעט ווי ברודער און שוועסטער? אלא וואָס? זיי זענען פרעמדע, נישט קיין ברודער און שוועסטער, וואָרעם וויקטאָר איז אַ פראַנצויז און מרים — אַ יידישע טאָכטער? אָבער אין גרונט גענומען געהערן זיי צו איין דור, צו איין וועלט, בעת ער און פראַנסואַז זענען צוויי פאַרשידענע וועלטן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי פאַר־שטייען זיך אַזוי גוט: ער געהערט צו יענע דורות יידן, וואָס עקזיסטירן

נישט מער, און דאָך פּילט ער נאָך היינט זייער אָטעם און נאָך באַגלייט אים אויף טריט און שריט זייער שאָטן, בעת זי איז מיט אַלע אירע געפילן איינגעוואָרצלט אין דער פראַנצויזישער ערד, אין דער פראַנצויזישער געשיכטע.

מאַרסעלס מידע פינגער האָבן זיך געשפּילט מיט אירע לאַנגע ווייסע פינגער. אין צימער איז טונקל. בכיוון האָט מאַרסעל נישט אָנגעצונדן די עלעקטריע. ער האָט פונאַנדערגערוקט די שטאָרן און האָט אַריינגעלאָזט אין צימער אַ ביסל גאַסן־ליכט פון דרויסן. זיי זיצן אויף דער סאָפקע און הערן זיך צו צו וויוואַלדיס „זומער".

די זון ברענט אָן רחמנות. נישט אַנדערש ווי זי וויל אונטערצינדן מיט איר הייסן אָטעם די תבואה אויף די פעלדער, די שאָף אויף די לאָנקעס, די מענטשן, די פּאַסטעכער. קוקו! קוקו! ווייסט מען נישט צי די קוקאַווקע פרייט זיך מיט דער זון אָדער זי באַקלאָגט זיך אויף איר און בעט, זי זאָל אַ ביסעלע ווייניקער ברענען און שמעלצן. באַלד מישט זיך אויך אַריין די טויב מיט איר וואָרקען. די ברוינלעך־רויטלעכע זינגפייגעלעך שטייען אויך צו צום זומער־קאָנצערט און גאָר די נאַטור פאַרכלינעט זיך.

אַ לייכט ווינטעלע קומט צו פליען פון דער דרום־זייט און נעמט אויף אַ פאַרהער די צווייגן און די בלעטער פון די ביימעלעך אין פעלד: „וואָס איז געשען? וואָס איז געשען מיט אייך"?

ביז וואָס ווען זענען אי די קוקאַווקע, אי די זינגפייגעלעך אַנטשוויגן געוואָרן. זיי ווייסן פון גאָרנישט. טאָמער האָבן זיי געזונגען, טאָמער האָבן זיי זיך געשפּילט אין אַ מין „קוקו־שפּיל", איז דאָס געווען סתם אַזוי. דאָס דרום־ווינטעלע האָט דאָ נישט וואָס זיך אַריינצומישן. זאָל ער ווייטער גיין זיין וועג... דאָ איז אים פאַר אים קיין אָרט נישטאָ.

עס געדויערט נישט לאַנג, און דער צפון־ווינט איז אָנגעקומען אויפן פעלד מיט אַ געבייזער, מיט אַ געפּילדער, מיט אַ שטורעם, גלייך ווי מען וואָלט אים דאָ וועער ווייסט אָפּגעטאָן. קודם כל האָט ער איינגעשלונגען דאָס לייכטע דרום־ווינטעלע, כאָטש עס האָט אַזעלכע פלינקע פיסלעך און ס'איז שווער אים צו כאַפּן.

דאָס קליינע פּאַסטעכל ווייַנט, קוקנדיק וואָס פון דעם לייכטן און פלינקן דרום־ווינטעלע איז אין איין אויגנבליק געוואָרן. דאָס פּאַסטעכל ווייסט, אַז דאָס איז בלויז אַן אָנהייב, אַז ענדיקן וועט זיך עס מיט געוואַלטיקן שטורעם און ווי און ווינד וועט זיין צו אים! ווי און ווינד וועט זיין צו די אָרעמע שעפּעלעך זיינע!

עס געדויערט נישט לאַנג און דער שטורעם צעווילדעוועט זיך. אָט איז אַ בוים געטראָפן געוואָרן דורך אַ בליץ. אַ צווייטער בוים איז אומגעפאַלן. וווּהין זאָל דאָס פּאַסטעכל אַנטלויפן? ווי אַזוי זאָל ער ראַטעווען זיינע בידנע שעפּעלעך?

מאַרסעל האָט אָפּגעשטעלט דעם פּאַטעפאָן. איז שוין דער זומער, הייסט עס, אויך פאַרביי. ס׳האָט געבליצט און געדונערט.

— פראַנסואַז, ווייסט וועגן וואָס איך טראַכט איצט? — האָט מאַרסעל איר אַ פרעג געטאָן אין מיטן דער געדיכטער שווייגעניש. אָט זענען אונדזערע קינדער אַרויסגעפאָרן קאַמפּירן. ביידע שטייען זיי האַרט פאַרן עקזאַמען, וואָלט דען נישט גלייכער געווען, ווען זיי וואָלטן פאַרבליבן אין פּאַריז און זיך צוגעגרייט?

— פאַר דיין מרים שרעק איך זיך נישט. זי וועט אפילו אין שלאָף אויך אויסהאַלטן דעם אַרויסלאָז־עקזאַמען. זעסטו, וויקטאָר איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. די מאַטעמאַטיק קריכט אים נישט אין קאָפּ אַריין. ער איז אָבער אַ גוט קינד. מילא, וועט ער נישט זיין קיין געלערנטער. ער וויל ווערן אַן אַרטיסט, אַ קינאָ־אַקטיאָר.

— פאַר וואָס נישט? אויב ער האָט נאָר פעיקייטן...

— פעיקייטן, דוכט זיך, האָט ער גרויסע, אָבער...

— וואָס אָבער?

— הער צו, מאַרסעל. איך האָב שוין לאַנג מיט דיר געוואָלט רעדן, נאָר עס איז עפּעס נישט אויסגעקומען. איך האָב אַ ביסל מורא פאַר אים, איך האָב מורא, אַז עס זאָל נישט אַרויסקומען אַ רעה פאַר מרימען.

— דו מיינסט עס אויף אַן ערנסט? האָלט שוין טאַקע דערביי?

— ס׳איז זיכער, אַז וויקטאָר און מרים האָבן זיך ליב...

— ליב — ווי קינדער האָבן זיך ליב!

— דו ביסט נאַאיוו. אַ פאָטער קען זיך קיין מאָל נישט פאָרשטעלן, אַז זיין טאָכטער האָט ליב ווי אַ פרוי און נישט ווי אַ קינד.

— אָבער וויקטאָר איז דאָך ערשט אַלט זעכצן יאָר. ער דאַרף דאָך געוויס וועגן ליבע דערווייל נישט קלערן...

— האָסט געזען ווי גרויס און ווי אַנטוויקלט ער איז. זיין גרעסטע דאגה איז, וואָס ער קען זיך נישט אויספּיינען, ווי אַ סך יונגעלייט אויף סאַן־זשערמען, מיט אַ בערדל. מיט אומגעדולד וואַרט ער אויף זיין באָרד...

— אָבער מרים, האָב איך געמיינט, האָט בלויז מיר צוליב געטאָן, ווען זי האָט זיך אָנגעבאָטן צו העלפן דיין זון מאַכן זיינע שול־אויפגאַבעס... האָסט עפּעס באַמערקט צווישן זיי?

— ס׳איז גענוג, איך זאָל באַגעגענען זייערע ביידנס בליקן, כדי צו וויסן, אַז דער עיקר ביי זיי ביידן זענען נישט די שול־אויפגאַבעס. האָב איך טאַקע מורא...

— פאַר וואָס האָסטו מורא?

— וויקטאָר איז ענלעך צו זיין פאָטער... און בכלל איז נישט גוט פאַר אַ פאָר, אַז ער זאָל זיין אַ קינסטלער און זי זאָל האָבן אַן אינטעלעקטועלן באַרוף. בעסער איז פאַרקערט...

— האָלט שוין טאַקע אַזוי ווייט? אוודאי האָב איך עפּעס באַמערקט, אָבער איך האָב געטראַכט, אַז...

— אַז?

— אַז ביז וואָס ווען וועלן מיר אָפיציעל חתונה האָבן, דעמאָלט וועלן זיי דאָך זיין ווי ברודער און שוועסטער...

— אַ שיינע מעשה! — האָט פראַנסואַז זיך פונאַנדערגעלאַכט — האָסטו געטראַכט, אַז ווי באַלד זיי וועלן זיין ברודער און שוועסטער, וועלן זיי דעמאָלט אויפהערן זיך ליב צו האָבן?

— נישט זיך ליב צו האָבן, נאָר זיי וועלן זיך נישט פאַרבינדן אויף אַן אמת ווי מאַן און פרוי.

— נישט שלעכט צוגעטראַכט...

— אָבער דו האָסט קיין מאָל נישט געוואָלט מיר זאָלן נאָרמאַליזירן אונדזער סיטואַציע. דו האָסט אים נאָך נישט פאַרגעסן...

— דו ביסט אומגערעכט, מאַרסעל. און דו? האָסט דען פאַרגעסן אין דיין פאַרשטאָרבענע פרוי? וויפל מאָל דערמאָנסטו זי? איך מאַך דיר נישט קיין פאָרווורפן. אדרבא, פאַר וואָס זאָלסטו זי טאַקע נישט דער־מאָנען? איך בין נישט אייפערזיכטיק, אַפילו אויף אַ האָר נישט אייפער־זיכטיק...

— וואָס פאַרגלייכסטו אַ פאַרשטאָרבענע צו איינעם, וואָס לעבט... מיט אַ...

— זאָג, זאָג, מאַרסעל, פאַרענדיק דעם זאַץ: מיט אַ מאָדעל, מיט אַ גאַסנפרוי... אויב דו ווילסט וויסן, פאַרזיכער איך דיר, אַז איך פאַרגין אים זיין מאָדעל... מיך האָט אַפילו נישט אָנגעהויבן צו פאַרדריסן דעמאָלט, ווען ער איז פון מיר אַוועקגעגאַנגען... וויפל מאָל איז ער צוריקגעקומען און האָט זיך ביי מיר געבעטן, איך זאָל אים מוחל זיין זיינע שוואַכקייטן, איך האָב אָבער פון גאָרנישט נישט געוואָלט הערן. דערפאַר טאַקע האָט ער לאַנגע יאָרן נישט געוואָלט מיר געבן אַ גט. איך האָב אים מער נישט ליב... איך בין אַפילו אויף אים נישט בייז, וואָרעם בייז זיין אויף אַ מאַן איז טייל מאָל אויך אַ סימן, אַז מען איז צו אים נישט גלייכגילטיק. איך האָב אָבער נישט קיין שום געפיל מער צו אים. ער עקזיסטירט נישט מער פאַר מיר.

— נישט מער, האָסטו געזאָגט...

— געוויס, נישט מער, וואָרעם אַ מאָל האָב איך אים יאָ ליב געהאַט.

— ביסטו זיך אַליין מודה? דאָס האָב איך אויך געטראַכט.

— ביסטו, הייסט עס, אייפערזיכטיק אויף מיין אַמאָליקער ליבע צו אים.

— אייפערזיכטיק? ניין, פראַנסואַז.

— טאָ וואָס וואַרפסטו מיר פאָר? און וואָס ביסטו מיך חושד?

— איך מיין דאָ נישט דיין געוועזענעם מאַן.

— וועמען דען מיינסטו, מאַרסעל?

— לאָמיר וועגן דעם נישט מער רעדן, איך בעט דיך פראַנסואַז. איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיר איז. נאָך אַלעמען איז מעגלעך, אַז איך האָב

אַ טעות. איך האָב דיך אַזוי ליב, פראַנסואַז. וואָס וועט ווערן מיט מיר אָן דיר? איך האָב מורא... איך האָב מורא...

— וואָס פאַלט דיר איין, מאַרסעל? פאַר וועמען האָסטו מורא? פאַר וואָס האָסטו מורא? לאָמיר בעסער אַ טראַכט טאָן וועגן אונדזערע קינדער...

— אויך פאַר דעם האָב איך מורא.

— איך האָב דיר נישט געדאַרפט זאָגן, אַז...

— ניין, נישט אַזוי פאַר דער ליבע זייערער שרעק איך זיך, ווי פאַר אונדזער ליבע.

— וואָס ווילסטו זאָגן?

— איך וויל זאָגן... איך ווייס נישט, צי דו האָסט עס שוין באַמערקט.

— וואָס?

— אַז וואָס מער די קינדער אונדזערע באַפריינדן זיך, אַלץ מער דער־ווייטערסטו זיך פון מיר.

— נאָך אַ פּראָדוקט פון דיין פאַנטאַזיע...

— דערווייטערן מיר זיך איינער פון דעם צווייטן, האָב איך געוואָלט זאָגן... איך בעט דיך, זיי נישט אויף מיר בייז. מרים איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו איר מאַמען. זי האָט זי אַזוי הייס ליב געהאַט. אַ סך ליבער ווי מיך.

— איך פאַרשטיי... זי קען נישט צוזען, ווי איר פאָטער האָט זיך פאַרליבט אין אַ צווייטער פרוי...

— זי האָט דאָס מיר קיין מאָל נישט געזאָגט, אָבער איך פיל.

— דאָס אייגענע וואָלט איך געקענט זאָגן וועגן מיין זון.

— אַ שרעקלעכע סיטואַציע.

— ניין, מאַרסעל, דו וועסט זען, אַלץ וועט נאָך ווידער ווערן גוט. זאָל קיינער פון אונדז גאָרנישט פאַרגעסן. מיר האָבן זיך נישט מיט וואָס צו שעמען און מיר דאַרפן זיך אויך פאַר אונדזער פאַרגאַנגענהייט נישט פאַרענטפערן...

— איך האָב זיך געשראָקן, אַז איך פאַרליר דיך.

— דיינע נערוון זענען זייער אָנגעשטרענגט. ס׳איז שוין טאַקע צייט דו זאָלסט פאָרן זיך אָפּרוען.

— שוין נענטער ווי ווייטער. און פאָרן וועלן מיר דאָך צוזאַמען.

— געוויס, מאַרסעל!

— און אונדזערע קינדער?

— זאָלן זיי נאָר אויסהאַלטן זייערע עקזאַמענס, וועלן זיי אויך פאָרן. זיי זענען יונג, וועלן זיי פאָרן אין די בערג, און מיר וועלן, ווי דו ווילסט עס אַליין, זיך פאַרקלייבן ערגעץ־ווו אין אַן אָפּגעלעגן דערפל.

*

מאַרסעל און פראַנסואַז האָבן זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט דעם טאָג פון פאַריזער קאַלכאויווען. אין אָוונט איז נאָך הייסער געווען ווי ביי טאָג.

ס׳איז נאָך גוט, וואָס זיי האָבן באַצייטנס געהאַט זיך פאַרזאָרגט מיט בילעטן, וואָרעם אין דעם אָוונט האָט אוודאי אַ צענטחלק פון דער פאַריזער באַפעלקערונג געפירט אַ קאַמף אויף די וואָקזאַלן פאַר אַ שטיקל פלאַץ אין אַ וואַגאָן. און ס׳האָט זיי אָפּגעגאָלטן: נישט בלויז קיינער האָט זייערע פלעצער נישט געהאַט פאַרכאַפּט, נאָר זייערע קופּע־שכנים האָבן אפילו זיי באַגעגנט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און האָבן, ווי עס זעט אויס, זיי פאַרגונען פון גאַנצן האַרצן די ווינקל־פלעצער ביים וואַגאָן־פענצטערל.

דער מהלך ביז צו דער באַן־סטאַציע, ווו זיי האָבן געדאַרפט אויס־שטייגן, איז נישט געווען אַזאַ גרויסער. צוויי שעה מיט דעם צוג, דערנאָך עפּעס אַ פאַרשלעפּעניש פון אַ פּאָר שעה מיט אַ קליינבאַן, און צולעצט אַ מהלך פון אַ פופצן קילאָמעטער מיט אַן אויטאָקאַר — און זיי וועלן אָנ־קומען אַהין, ווי זיי ריכטן זיך אויף קיינעם נישט, ווו זיי וועלן זיין בלויז מיט זיך, ווו זיי וועלן פאַרגעסן די גאַנצע וועלט. לעבן נאָר פאָרן היינט, ווייטער גאָרנישט.

זיצן זיי אין דער קופּע און פאָרן אַנטקעגן דעם זומער, אַנטקעגן ווי־וואַלדיס זומער, וואָס ער פאַרלאָזט זיי נישט אויף קיין איין רגע אפילו; עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז תמיד ווען זיי טראַכטן וועגן זיך, דוכט

זיך זיי אויס, אַז פון וויוואַלדיס פיר סעזאָנען פאַרכאַפּט זיי אַ כוואַליע מיט טענער און קלאַנגען, אין וועלכע זיי טונקען זיך אונטער.

מאַרסעל האָט צו קיינעם קיין טענות נישט. ער פּאָרט מיט פראַנסואַז אויף דאַטשע. מאַן און פרוי זענען זיי, און די קינדער זייערע זענען ביידנס קינדער, כאָטש וויקטאָר האָט אַן אַנדער טאַטן. איטלעך מאָל ווען ער פּרוּווט אַ רעד־טאָן מיט פראַנסואַז וועגן חתונה האָבן, דרייט זי זיך אַרויס. פאַר וואָס? צוריקגעשמועסט אָבער: וואָס טויג אים, אין זיין עלטער, זיך צו פאַר־בינדן פאָרמעל מיט אַ פרוי, מעג זי אַפילו זיין די בעסטע און די שענסטע אין דער וועלט? וואָס טויג עס אים אין דער אמתן? איז דען נישט גלייכער אי פאַר אים, אי פאַר איר, און אפשר אויך פאַר די קינדער זייערע, זיי זאָלן שוין ביידע דורכשפּאַצירן דורך די פיר סעזאָנען, וואָס זענען זיי פאַר־בליבן — האַנט אין האַנט טאַקע — אָבער פּאָרט ווי פרעמדע, וואָס פאַר־בונדן זענען זיי צווישן זיך מיט אינערלעכע און נישט מיט אויסערלעכע פעדעם? וואָרעם וויפל סעזאָנען זענען אים נאָך פאַרבליבן צו לעבן? דער זומער איז דאָך שוין אויך באַלד אַוועק. געבליבן איז נאָך אַ קנאַפּער דריטל פון דעם זומער. דערנאָך וועט קומען דער האַרבסט. דערנאָך וועט זיין ווינטער אויף דער וועלט. ווינטער... קען מען דען בכלל אַריינרעכענען האַרבסט און ווינטער צווישן די אמתע סעזאָנען, צווישן די ריכטיקע צייטן פון יאָר, וואָס זענען ווערט מען זאָל זיי באַטראַכטן ווי היימישע צייטן, אָנגעפּילטע מיט גליק און מיט רו?

ביים געדאַנק, וואָס אים איז אָקאָרשט איינגעפאַלן צוצונעמען ביי דעם אָדער יענעם סעזאָן דאָס רעכט צו רופן סעזאָן, באשר ער געפעלט אים נישט, האָט מאַרסעל אַ שמייכל געטאָן.

קוקנדיק אויף מאַרסעלן האָט פראַנסואַז אויך אַ שמייכל געטאָן. ביידע שמייכלען האָבן זיך ווי צונויפגעגאָסן, כאָטש געשטאַמט האָבן זיי פון צוויי פאַרשידענע געדאַנקען.

אפשר איז גאָרנישט גוט צו טראַכטן אין באַן, ווו אַלץ פליט פאַרביי: די נאַכט, די ביימער, די שאָטנס, ווי זיי וואָלטן זיך ערגעץ־ווו געאיילט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט עפּעס וואָס צו פאַרזאַמען אויפן וועג מיט

וועלכן זיי האָבן זיך פאַרנומען. ס'איז אפשר נישט נייטיק צו טראַכטן, ווען מען ווייסט, אַז מען קען גאָרנישט נישט צוטראַכטן דאָרט ווו אַלץ עקזיסטירט שוין, דאָרט, ווו אַלץ איז שוין געווען, ווו אַלץ פליט פאַרביי, גלייך ווי עס וואָלט קיין מאָל נישט עקזיסטירט, קיין מאָל נישט געווען. איז אפשר גלייכער צוצומאַכן די אויגן און זיך צו לאָזן פאַרוויגן דורך דעם גערויש פון די באַן־רעדער?

און נאָך דעם, נאָך דעם, הייסט עס, ווי מען האָט געכאַפּט אַ דרעמל, נאָך דעם ווי מען האָט זיך באַמיט צונויפצוקלייבן די שטיקלעך און ברעקלעך פון עפּעס אַ נאַרישוואַטן חלום אַזאַ — טרעפט, אַז מען קומט אָן אויף אַ ווייטער פאַרלעגענער סטאַציע, וואָס ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן, פאַר וואָס מען האָט זי אויפגעוועקט אין מיטן דער נאַכט, מען שליידערט אין איר אַריין משונה־ווילדע געשרייען און מען שטערט איר רו...

דאָס טאַקע איז געשען דעם אָוונט.

אייגנטלעך איז קלערי געווען מער אַ פאַרבינדונג־סטאַציע ווי אַן אָרט פאַר זיך. איר גאַנצע חשיבות איז באַשטאַנען אין די באַן־ליניעס, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרצווייגט איטלעכע אין אַן אַנדער ריכטונג. האָבן טאַקע אין דער דאָזיקער שפּעטער נאַכט אויף דער קלערי־סטאַציע זיך געפונען נישט בלויז פּאַסאַזשירן פון פּאַריז, נאָר אויך אַזעלכע, וואָס געקומען זענען זיי צו פאָרן פון דער צווייטער ריכטונג און זייער ווייניק פון זיי איז אייגעפאַלן דער געדאַנק ביז וואָס ווען צו פאַרבלייבן אין קלערי גופא, ווו עס איז אויך פאַראַן אַ גאַנץ שיינע נאַטור: טייך, באַרג, און דער עיקר לאָנקעס, פעלדער אָן אַ שיעור.

מאַרסעל און פראַנסואַז זענען שוין געזעסן אין דער קליינבאַן און זיי האָבן נאָך אַלץ געשמייכלט — קען זיין, זיי האָבן צוליב מידקייט פאַרגעסן אויפצוהערן שמייכלען; האָבן זיי טאַקעביידע אויסגעזען אַ ביסל נאַרישעוואַטע, אָדער ווי יונג־פאַרליבטע קינדער, וואָס האָבן פאַרגעסן זיך צו עלטערן מיט דער צייט.

*

ווי קליין דאָס דערפל זאָל נישט זיין, פאַרמאָגט עס דאָך אַ פּאָר צענדליק קוימענס, פון וועלכע עס שלענגלט זיך אַ רויך אַזש ביז צו די

וואַלקנס, ווו עס איז אַפילו פֿאַראַן אַ מין גאַס אַזאַ און אַ שענקל. קורץ און גוט: אַ יישוב. און וואָס שייך נאַטור, דאָרף, הימל, וואַלד, טייך — פֿאַר־מאָגט עס אויך איבער געגנוג. דער הימל איז בלוי און ברייט ווי די גאַנצע וועלט. אַ טייכל איז דאָ אויך ערגעץ־ווו פֿאַראַן, כאָטש מען באַמערקט עס נישט אויפֿן ערשטן בליק, און נאָר זיין געראַוש, זיין געמורמל פֿאַרנעמט מען. הכלל, מאַרסעל און פֿראַנסואַז האָבן נישט שלעכט געטראָפֿן מיטן דערפֿל גרעזינבע.

זומער! וויוואַלדי!

וואָרעם וויוואַלדיס זומער איז שטאַרק ענלעך צו דעם זומער אין גרע־זינבע. אַלץ בייגט זיך אונטער דער שווערער לאַסט פֿון דער היץ. מען הערט די קוקאַווקע רופֿן: קוקו! לכתחילה זעט אויס ווי זי וואָלט איינע אַליין געוּרופֿן: קוקו, קוקו! אָבער באַלד שטייט צו נאָך אַ פֿויגל און נאָך אַ פֿויגל. די טויבן אין טויבנשלאַק וואָרקען. ס׳איז אַלעמען הייס, די זון שאַנעוועט קיינעם נישט. מאַרסעל און פֿראַנסואַז שפּאַצירן אויפֿן דאָרף־שאָסיי אין דער סאַמע רעכטער היץ, אין מיטן טאָג. פֿאַר וואָס טוען זיי עס איצט, ווען אַלע זוכן אַ שאָטן ווו זיך צו באַהאַלטן?

נאָר אָט קומט צו לויפֿן אַ דרום־ווינטל. לייכט איז עס, פֿלינק און עס ווייס צו דערציילן אָן אַ שיעור מעשהלעך, איינע שענער פֿון דער צווייטער. ס׳איז אַ מחיהדיק ווינטל, וואָס האָט ליב צו גלעטן די האָר, צו כאַפּן אַ שמועס מיט אַ צווייגל, מיט אַ הויפֿן גרעזעלעך, מיט אַ קוסטל:

— וואָס הערט זיך עפּעס ביי אייך, אין אייערע קאַנטן?

— נישקשה, אַ דאַנק גאָט, ס׳איז נאָר אַ ביסעלע הייס היינט ביי אונדז. אָבער חוץ דעם איז נישט צו פֿאַרזינדיקן און עס וואָלט געקענט זיין נאָך ערגער...

— וואָס רעדט איר? וואָס ערגער? ווען ערגער?

— ס׳איז אַזוי הייס. זאָג נאָר, דו קענסט נישט אַ ביסעלע שטאַרקער אַ בלאָז טאָן? זאָל ווערן קילער!

— קענען קען איך, אָבער איך וויל נישט. ס׳איז נישטאָ פֿאַר וועמען זיך צו מיען, פֿאַר וועמען זיך איינצושטעלן. חוץ דעם...

— וואָס איז חוץ דעם?

— אויב איר ווילט שוין יאָ וויסן, וועל איך אייך אויסזאָגן אַ סוד, אַז טאָמער איך נעם בלאָזן שטאַרקער, טאָמער איך לאָז זיך אַ ביסל ווילגיין, כאַפּט זיך צו צו מיר דער צפון־ווינט, דער גזלן: דו, וואָס דו ביסט, אַזוי און אַזוי, ווער הייסט דיך אויפטרייסלען די געמיטער? אויב שוין יאָ אַ ווינט, טאָ לאָז מיך צו, וועל איך אייך שוין ווייזן וואָס איך קען.

ניין, נישט מיט אַמאָל קומט דער צפון־ווינט, נאָר ביסלעכווייז, פון הינטן, אַזוי אַז קיינער האָט קיין צייט נישט צו אַנטלויפן פאַר זיין גרימצאָרן. די בעלי־חי קענען נאָך טייל מאָל זיך ראַטעווען פון אַ שטורעמווינט, ווייל זיי האָבן פיס צו לויפן, אָבער די אָרעמע פלאַנצן, די ביימער, די בלומען און אַלץ, וואָס וואַקסט מיט די וואָרצלען אין דער ערד — ווי אַזוי זאָלן זיי זיך שיצן, זיך ווערן?

האָבן טאַקע די פלאַנצן געהאַט אויסצושטיין בליץ און דונער און שטור־רעמווינט. מער ווי איין בלימעלע איז אַרויסגעריסן געוואָרן, און מער ווי איין צווייגל איז צעבראָכן געוואָרן.

אַ פּאַסטעכל, וואָס זאָל ווייַנען, ווי אין וויוואַלדיס קאָנצערט פון די פיר צייטן אין יאָר, איז אין גרעזיני נישט געווען. מאַרסעל און פראַנסואַז האָבן פאַר דעם שטורעמווינט נישט שטאַרק זיך איבערגעשראָקן, כאָטש באַפאַלן איז ער זיי פּלוצלונג און ער האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג: נישט צוריק און נישט פאָרויס, אָבער קיין גוטער סימן איז עס נישט, פאַר קיינעם נישט און קיין מאָל נישט.

*

די איבעריקע טעג אין דאָרף זענען געווען רואיקע, כמעט זאַטע, און האָבן זיך אַריינגעקייקלט איינער אין דעם צווייטן, ווי עס פּאַסט זיך פאַר טעג, וואָס האָבן שוין הינטער זיך ווער ווייסט וויפל פרילינגען, פון זייער שטאָט און פון זייער היים פאַרטריבענע פרילינגען.

דער זומער האָט ביסלעכווייז גענומען איינשרומפּן און די רייד צווישן מאַרסעל און פראַנסואַז האָבן אָנגעהויבן זיך אויסשעפּן. אַפילו די שטורעם־סצענעס, וואָס פלעגן פריער אַריינפאַלן אין אַ מאָמענט, אויף וועלכן מען זאָגט געוויינטלעך „די שעה זאָל נישט זיין", זענען זעלטענער געוואָרן, און

קיינער האָט נישט מער געהאַט מער וואָס דעם צווייטן פאַרצוואוואַרפן, אין וואָס אים צו באַשולדיקן, גלייך ווי ביידע, זי און ער, וואָלטן פלוצלונג געוואָרן מלאכים, וואָס זינדיקן קיין מאָל נישט, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געזינדיקט, און ס'איז נישט פאַראַן קיין ברעקל האָפענונג, אַז זיי זאָלן אַ מאָל מיט עפּעס וואָס זיך פאַרזינדיקן — ווייל זיי פאַרמאָגן נישט קיין יצר הרע און זיי זענען פאַרמשפּט צו זיין גוט און פיין, אָן אַ פלעק אויף דער נשמה.

דאָס גופא איז אָבער געווען איין אָונגט די טעמע פון אַ מאָדנעם שמועס צווישן פראַנסואַז און מאַרסעלן.

— פראַנסואַז, וואָס איז דער מער מיט דיר ?

— וואָס מיט מיר איז ? גאָרנישט, טייערער מיינער.

— ניין, דו באַהאַלטסט עפּעס אויס פון מיר.

— עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. ווי קומסטו פלוצלונג אויף אַזאַ קאָמישן געדאַנק ? דיר חלומט זיך, איך ווייס נישט וואָס...

— ניין, ניין, איך ווייס וואָס איך רעד.

— וואָס ווייסטו, מאַרסעל ?

— איך ווייס, אַז דו שווייגסט, דו הערסט נישט אויף זינט עטלעכע טעג צו שווייגן און צו שווייגן... נישט אַנדערש, ווי דו האָסט עפּעס וואָס צו פאַרבאָרגן פון מיר...

— אָבער, מאַרסעל, איך האָב גאָרנישט נישט צו פאַרבאָרגן. אין וואָס ביסטו מיר דען חושד ?

— וואָלט איך געוווסט אין וואָס דיר חושד צו זיין, וואָלט איך דיר דאָך נישט געפרעגט, וואָס דו באַהאַלטסט אויס פון מיר...

— אָבער וואָס וואָרפסטו מיר פאָר ?

— איך ווייס נישט וואָס.

אַ פויזע.

— פראַנסואַז, פאַרשטיי מיך אויך אַ ביסל. אָט ביסטו צוזאַמען מיט מיר, דו, אַ פרוי, וואָס האָט שוין עפּעס דורכגעמאַכט אין לעבן, און אַ זון האָסטו אויך...

— דו האָסט אַ טאָכטער.

— געוויס האָב איך אַ טאָכטער. אָבער איך מיין: דיין פאַרגאַנגענהייט.

— ביסט קאַמיש, מאַרסעל. יעדער מענטש האָט אַ פאַרגאַנגענהייט, אַפילו אַ קינד האָט אויך אַ פאַרגאַנגענהייט.

— חוזק נישט, פראַנסואַז, דו ווייסט גאַנץ גוט וואָס איך מיין. אַזאַ פרוי ווי דו: שיין, עלעגאַנט... דיין פאַרגאַנגענהייט איז נישט געווען קיין באַנאַלע... וואָלסט געדאַרפט זיין אַ ביסל אָפענער מיט מיר...

— אָ, איך פאַרשטיי אויף אַן אמת נישט, מאַרסעל, וואָס דו ווילסט. איך פאַרשטיי נישט, וואָס דו האָסט צו מיר.

— פראַנסואַז, איך האָב אייגנטלעך צו דיר גאָרנישט. איך וויל נאָר, דו זאָלסט זיין אַ ביסל אויפריכטיקער צו מיר, דו זאָלסט מיר דערציילן, דו זאָלסט נישט זיין אַזאַ שווייגנדיקע.

— דו ביסט לעצטנס אויך געוואָרן אַ שווייגער... מאַך איך דיר דען פאָרוואורפן?

— אדרבא, פראַנסואַז! אדרבא, פאָדער יאָ פון מיר, איך זאָל דיר דערציילן, איך זאָל מיט דיר טיילן אַלע מיינע סודות ווי מען דאַרף טיילן דעם לעצטן ביסן ברויט מיט אַ הונגעריקן. יאָ, אדרבא, פרעג מיך אויס, וואָס איך טראַכט און וואָס איך חלום... וואָס רעד איך דאָ פאַר אַ נאַריש־קייטן, פראַנסואַז? יאָ, דאָס טאַקע וואָרף איך דיר פאָר, וואָס דו וואָרפסט מיר קיין מאָל גאָרנישט נישט פאָר, וואָס דערמיט באַווייזסטו דיין גלייכ־גילטיקייט צו מיין לעבן, צו אַלץ וואָס איך טראַכט און טו.

— מאַרסעל, ס'איז נישט אמת! נישט גלייכגילטיק בין איך, נאָר זיכער בין איך מיט דיר, איך בין זיכער, אַז מיך האָסטו ליב און אַז דו טראַכסט קיין מאָל נישט פון אַ צווייטער פרוי.

— פאַר וואָס ביסטו עס אַזוי זיכער מיט מיר? ווען מען האָט עמעצן ליב, דוכט מיר, איז מען קיין מאָל מיט אים נישט זיכער, איז מען אַלע מאָל אומרואיק און מען מיינט שטענדיק, אַז דער צווייטער...

— וואָס דער צווייטער?

— אַז דער צווייטער קען פּלוצלונג נעמען און אַוועקגיין.

— פאַר וואָס אַוועקגיין, אויב ער האָט ליב...

— אַוועקגיין, ווייל ער שפירט אפשר, אַז זי האָט אים פאָרט נישט ליב מיטן גאַנצן האַרצן, פאָרט נישט אַזוי ליב, ווי אים וואָלט זיך געוואָלט, יאָ,

דאָס טרעפט... און נאָך טרעפט, אַז ער — אָט טאַקע „ער", דער מאַן — גייט אַוועק אַן אַ שום פאַרוואָס און פאַרווען...

— פאַר וואָס טאַקע גייט ער אַוועק, זאָגסטו?

— ער פאַרלאָזט זיין היים, זיין פרוי, זיינע קינדער טייל מאָל, ווייל ער קען מער נישט אויסהאַלטן.

— מאַרסעל, וואָס איז מיט דיר? שוין עטלעכע טעג ווי דו גייסט אַרום ווי אַ שאָטן. זאָג מיר וואָס דיר פעלט.

— נעם זיך נישט צום האַרצן, פראַנסואַז, איך רעד נאַרישקייטן. מיר איז טאַקע צו גוט. דו האָסט מיר צו פיל נאָכגעגעבן, בין איך איצטער ווי אַ קאַפּריזנע קינד און איך פיעשטשע זיך...

— קלעם זיך נישט, מאַרסעל, איך ווייס, אַז דו האָסט מיך ליב, אַז דו ביסט מיך אין גאַרנישט נישט חושד...

— דו ווייסט, אַז איך נעם שוין בענקען נאָך פּאַריז.

— אין אַ וואָך אַרום וועלן מיר צוריקפאָרן. אויך איך בענק נאָך פּאַריז.

— צו יענער צייט וועלן שוין די קינדער אויך זיין צוריקגעקומען.

אַ טאָג נאָך אַ טאָג, און דער זומער איז ביסלעכווייז פאַרדאַרט־פאַר־קוואַרט געוואָרן, די בלומען האָבן אויסגעהויכט די לעצטע שאַרפע ריחות, די פייגעלעך האָבן אויסגעזונגען זייערע לעצטע לידער און אין דער לופטן האָט זיך געשפּירט אַ מידקייט, אַ וועלקעניש.

וואָס זאָל מאַרסעל זאָגן פראַנסואַזן, ווען זי קוקט אים אָן מיט אַ טרויעריקן שמייכל? זאָל ער איר דערמאָנען, אַז דער זומער גייט אַוועק? זאָל ער זי פרעגן, צי זי האָט נישט געזען ערגעץ זיין בלויען שניפּס? זאָל ער — צום וויפלטן מאָל שוין — ווידער זיך אַריינלאָזן אין אַ שמועס מיט איר איבער די מיספאַרשטענדענישן, וואָס אַנטשטייען — מען ווייס קיין מאָל נישט ווי אַזוי — צווישן צוויי מענטשן, וואָס אין גרונט גענומען האָבן זיי זיך ליב און זיי וואָלטן געדאַרפט שאַנעווען איינער דעם צווייטן? זאָל ער ווידער אַ מאָל פּרוּוון איר געבן צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַן אמתן פאַרוווּרף ער לייגט אַריין אין די באַנאַלע פאַרוווּרפן, וואָס ער מאַכט איר טאָג־איין,

טאָג־אויס, אַז ער ווייסט אייגנטלעך אַליין אויך נישט, וואָס ער וויל האָבן פון איר?

קען ער דאָס נישט טאָן, שווייגט ער בעסער; ער שווייגט און עס פאַרדריסט אים, וואָס ער קען די דאָזיקע שווייגעניש זיינע נישט אויסדריקן און וואָס פראַנסואַז, ווי אים דוכט, באַמערקט עס אַפילו נישט. עס אַרט איר בכלל נישט, וואָס ער, מאַרסעל, טראַכט און פון וואָס ער ליידט... פון וואָס אייגנטלעך ליידט ער? ער ווייסט עס אַליין אויך נישט, נאָר אומעטיק איז אים, אומעטיק אָן אַ שיעור.

מאַרסעל פאַרטראַגט זיך מיטן געדאַנק צו זיין קינדהייט. אַ שטיפער איז מאַרסעל געווען קליינערהייט. ער איז אומגעלאָפן איבער די פעלדער און וועלדער. אַ פרייער פויגל איז ער געווען און דעם פרילינג האָט ער דעמאָלט בעסער געקענט ווי איצט, ווייל דעם פרילינג, אָדער מען קען אים, ווען מען איז נאָך אַ קינד, אָדער מען קען אים קיין מאָל נישט. אַזוי גוט אים צו קענען ווי מען האָט אים געקענט אַ מאָל, ווען מען איז נאָך געווען פלינק אויף די פיסלעך — גיט זיך שפּעטער שוין מער נישט איין.

מיטן זומער איז שוין עפּעס אַנדערש. זומער איז פאַר קינדער אויך אַן אידעאַלע צייט, אָבער פאָרט איז עס אַ צייט פאַר דערוואַקסענע, פאַר צייטיקע. בלויז אַ דערוואַקסענער קען ריכטיק געניסן פון זומער, אויב נאָר ער ווייסט ווי אים צו נעמען. און נעמען דאַרף מען אים פון דער גוטער זייט, באַגינען אָדער אָוונטצייט, אין שאָטן און געלאַסענערהייט. ער, מאַרסעל האָט מיט די אייגענע הענט זיך קאַליע געמאַכט אַזאַ זומער. פאַר וואָס איז ער צוגעשטאַנען צו פראַנסואַזן? וואָס פאַר טענות האָט ער צו איר?

— פראַנסואַז — פאַלט ער צו צו איר — האָסט מיר געזאָגט, אַז דו וועסט מיר מוחל זיין מיינע קאַפּריזן, מיין גראָבע באַנעמונג.

— אויך דאָ טרייבסטו איבער, מאַרסעל, האָסט קיין מאָל נישט פאַרהאַלטן זיך גראָב צו מיר.

— איך האָב דיר געמאַכט נישט־פאַרדינטע פאַרוואָרפן. איך בין ווערט, דו זאָלסט זיך מער נישט אומקוקן אויף מיר, איך בין...

— ניין, מאַרסעל, שוויג, הייב נישט ווידער אָן.

— איך האָב זיך שטאַרק פאַרזינדיקט לגבי דיר, פראַנסואַז?

— יאָ, יאָ, דיר מוז מען דאָך אַלץ נאָכגעבן, זאָג איך דיר: יאָ, דו ביסט אַ פאַרברעכער, אַ מערדער... נו? ביסט שוין איצט צופרידן, אָדער נאָך נישט?

— פראַנסואַז, ליבע, טייערע, ס'איז אַזוי שווער. פאַרשטיי מיך, איך פייניק דיך, איך פייניק זיך אַליין...

— דו ביסט אַ דאָסטאָיעווסקי־פיגור.

— דו ביסט אפשר גערעכט. איך בין אַ דאָסטאָיעווסקי־פיגור, אָבער אָן גאָט און אָן דעם טייוול.

— אַלץ קען ווערן אַ גאָט, אַלץ קען ווערן אַ טייוול, ווען מען לאָזט זיך פאַרפירן דורך דער דאָסטאָיעווסקישער וועלט.

— דו ביסט גערעכט, געוויס ביסטו גערעכט. איך בין אַ ייד, אָבער אויפגעוואַקסן בין איך אין אַ סלאַווישער סביבה. ביי אייך פראַנצויזן הערשט דער שכל הישר, דער געאָמעטרישער שכל, דעקאַרט, קאַנט, איר וועט קיין מאָל דאָסטאָיעווסקיס וועלט נישט פאַרשטיין, איר קענט אין איר נישט אַריינדרינגען. איר זענט פּאָזיטיווע מענטשן. ביי אייך איז נישטאָ קיין טאָלסטאָי, וואָס זאָל אַלץ אַוועקוואַרפן און אויסגיין ערגעץ אויף אַ קליי־נער באַנסטאַציע. אַזאַ טאָלסטאָי, ווען ער וואָלט זיך ביי אייך באַוויזן, וואָלט איר אים איינגעשפּאַרט אין אַ משוגעים־הויז באַצייטנס, נאָך איידער ער וואָלט אָפּגעטאָן אַזאַ מין זאַך...

— איך האָב דיר וועגן טאָלסטאָיס שריט קיין מאָל מיין מיינונג נישט געזאָגט. האָסט מיר נישט וואָס פאַרצוואַרפן.

— איך וואַרף דיר גאָרנישט נישט פאָר, איך זאָג נאָר, אַז ביי אייך, אין פראַנקרייך...

— אַנטשולדיק מיר, וואָס איך רייס דיר איבער די רייד. דו קענסט זאָגן „ביי אונדז אין פראַנקרייך". דו ביסט דאָך אויך, אויף וויפל איך וויים, אַ פראַנצויז. האָסט זיך דאָך נאַטוראַליזירט...

— וואָס? דו האַלטסט אפשר, אַז איך בין אַ פראַנצויז פון אַ נידעריקע־רער מדרגה ווי, צום ביישפּיל, דיין געוועזענער מאַן? איז וואָס, אַז איך האָב זיך דאָ ערשט נישט לאַנג נאַטוראַליזירט? און ווען איך וואָלט אַפילו עד היום פאַרבליבן אַן אויסלענדער?

— וואָס שרייסטו? וואָס געוואַלדעווסטו? וואָס קריכסטו אויף די גלאַטע ווענט? ס'איז דאָך שוין נישט מער אויסצוהאַלטן מיט דיר. ווער האָט געזאָגט, אַז...

— האָסטו דען נישט געזאָגט, אַז...

— מען הערט זיך צו, וואָס דער צווייטער זאָגט, נאָך דעם שרייט מען, אויב ס'איז דאָ צוליב וואָס צו שרייען.

— איך שריי? דען? איך זאָג נאָר...

— האָסט גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

— דו האָסט געזאָגט, אַז איך האָב ערשט דאָ נישט לאַנג זיך נאַטור־ראַליזירט.

— איז דאָס אַ ליגן אפשר? ביסטו, אויב אַזוי, נישט קיין פראַנצויז?

— אוודאי בין איך אַ פראַנצויז. אַ ייד און אַ פראַנצויז.

— טאָ וואָס ווילסטו נאָך?

— איך וויל מער גאָרנישט... איך וויל נאָר, דו זאָלסט זיך צוהערן און דו זאָלסט מיך פאַרשטיין. הער, פראַנסואַז.

— איך הער.

— פראַנסואַז, פאַרשטיי מיך... פראַנסואַז...

*

אַריינגעקומען קיין פאַריז זענען זיי האַלב ברוגזע, אויסגעשעפּטע און אויסגעמוטשעטע, מיט צוויי טעג פריער, ווי זייערע פעריען האָבן זיך געענדיקט. זיי האָבן קיין געדולד נישט געהאַט אָפּצוּוואַרטן, ביז דער זומער וועט זיך ענדיקן. ס'איז שווער געווען צוצוקוקן זיין גסיסה דאָרט, ווו ער האָט ביז איצט געהערשט מיט אַזאַ ברייטער האַנט. אין אַ גרויסער שטאָט, אין פאַריז, למשל, מערקט זיך נישט אַזוי שטאַרק דער טויט פון דעם זומער. מענטשן זענען פאַרנומען מיט זייערע אייגענע פריידן און זאָרגן און האָבן קיין צייט נישט זיך צוצוקוקן צו דער שפּיל פון סעזאָן־איבערגאַנג.

זענען זיי אַריינגעקומען קיין פאַריז מיט צוויי טעג צו פרי און ס'איז זיי ביידן שווער געווען צוצוטראַכטן מיט וואָס אויסצופילן די דאָזיקע לעצטע צוויי טעג, וואָס האָבן נישט געהערט צו קיין איין סעזאָן, צו קיין

איין צייט פון יאָר, נאָר מפּיל־טעג, אַזוי צו זאָגן, טעג ליידיקע, חרובע, פאַרגעסענע און פאַרלוירענע.

מרים און וויקטאָר זענען נאָך נישט געווען צוריקגעקומען. זייערע טעג זענען אַלע געווען פול מיט זון און מיט זומער. אין דער אמתן האָט ער זיך ביי זיי אפשר נאָך נישט אָנגעהויבן. יונג זענען זיי געווען, און דאָס לעבן האָט זיך פאַר זיי ערשט אָנגעהויבן. איז פאַר אַן אָנהייב קיין איין טאָג נישט צו פיל, קיין איין זומער נישט צו לאַנג; אַלץ מוז אויסגענוצט ווערן ביז צום דנאָ. עס טרעפט טייל מאָל, אַז איין סעזאָן באַרגט אויס ביי אַ צווייטן סעזאָן, אויב אים פעלט אויס צום חשבון, אַ טאָג אָדער אַ נאַכט.

פראַנסואַז האָט די צוויי טעג פאַרבראַכט ביי מאַרסעלן אין שטוב. נישט ווייל ער האָט דאָס ביי איר געבעטן, אָדער ווייל זי גופא האָט זיך אָנגעבאָטן, נאָר ווייל זי האָט זיך עפעס ווי געשראָקן פאַר אַ נייעם וויכוח, וואָס וואָלט געוויס זיך אָנגעהויבן ווען זי וואָלט געזאָגט, אַז זי גייט צו זיך אַהיים. זי איז געווען מיד; מיד איז זי געווען אי פון רעדן, אי פון שווייגן. טיף אין האַרצן האָט זי אויך רחמנות געהאַט אויף מאַרסעלן, וואָס ער פּייניקט זיך אַזוי אָן שום סיבה און אָן שום גרונד.

האָט ער טאַקע נישט געהאַט קיין סיבה, קיין גרונד, אין איר ליבע מער נישט צו גלויבן? אָבער לאָמיר זיין ערלעך. האָט זי אים דען נאָך אַזוי ליב ווי מיט עטלעכע חדשים צוריק? האָט זי אים בכלל ווען נישט ווען ליב געהאַט, אָדער איז דאָס בלויז געווען אַן איינרעדעניש?

פראַנסואַז האָט נישט געקענט פאַרטיק ווערן מיט אירע געפילן, וואָס זאָל זי טאָן? זאָל זי בלייבן מיט מאַרסעלן, אָדער זאָל זי איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיך דורכשמועסן אָפן מיט אים. זי וועט אים אויסזאָגן דעם אמת. וואָס שייך דעם מאָלער, האָט זי מיטן אמת בכלל נישט וואָס זיך אויסצוּבאַהאַלטן. צווישן זייביידן איז אויס, אויס אויף שטענדיק... ווען זי דאַרף אויסקלייבן צווישן אים און מאַרסעלן, וואָלט זי קיין איין מינוט אויך זיך נישט געקווענקלט, אָבער פּראָפעסאָר פּיקאַר...

פראַנסואַז כאַפּט זיך, אַז זי פאַרהאַלט זיך נישט ערלעך לגבי מאַרסעלן. יאָ דאָסטאָיעווסקי, נישט דאָסטאָיעווסקי, אינסטינקטיוו האָט ער דערשפּירט, אַז זי האָט אים נישט אויסגעזאָגט דעם גאַנצן אמת. איז ער דאָך

מיט זײַנע חשדים און מיט זײַנע ספקות יאָ גערעכט... אָבער וואָס איז זי שולדיק? וועט זי אים אויסזאָגן דעם אמת, וועט נאָך ערגער זײַן. דער אמת וועט אים אין גאַנצן צעברעכן. אָבער וווּ איז דער אמת? איז זי שוין אין גאַנצן זיכער, אַז איר האַרץ נייגט מער צו פּיקאַר? מער צום פּראָפעסאָר ווי צו מאַרסעלן?

האַרבסט

ווען ס׳איז האַרבסט אין פּאַריז, איז האַרבסט אין דער גאַנצער וועלט.

האַרבסט איז אויך געווען ביי דעם פּאָרפּאַלק, וואָס האָט אַפילו נאָך נישט באַוויזן ביז איצט צו זײַן אַ פּאָרפּאַלק ווי געהעריק; עפּעס וואָס האָט לכתחילה זיי ביידן זיך געשטעלט אין וועג און געשטערט זיי צו נאָרמאַליזירן זייערע באַציונגען ווי מאַן און ווייב.

נישט דער פרילינג, נישט דער זומער איז געווען, ווי עס באַדאַרף צו זײַן.

מאַרסעל האָט ווידער, צום ווייפלטן מאָל שוין געהערט דעם קאָנצערט די „פיר סעזאָנען". אַנטאָניאָ וויוואַלדי דערציילט אין זיי וועגן עפּעס אַ פרילינג, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט ביי אים אין לעבן. צי מיינט ער יענעם פרילינג פון 1688, ווען ער איז אַלט געווען בסך־הכל צען יאָר און איז אַרומגעלאָפן איבער די פעלדער, האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך יעדן קלאַנג, נאָך יעדן האַלבן קלאַנג, ווייל אַלץ, וואָס ער האָט געזען און באַמערקט, האָט ער גענומען פאַרשטיין און מיטפילן ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט דערפון געקענט מאַכן מוזיק? אָבער אַזוי אַרום איז דאָך פון דעם אָפּטישן פענאָמען געוואָרן גאָרנישט און אַלץ איז איינגעזונקען אין דער מוזיק. געבליבן איז בלויז דער נאָמען, וואָס האָט געהאַט אַ ווייטע, אַ גאָר ווייטע ענלעכקייט מיט די געשעענישן אין דער נאַטור. אין דעם פאַל איז דאָס געווען דער פרילינג, אָדער בעסער געזאָגט די איבערשריפט „פרילינג", ווו דער טייל פון דער ערשטער פידל איז באַטיטלט „איל קאַפּראַרא טשע

דאָרמע״ (דער שלאָפנדיקער הונט) און דער אלטא־טייל — „איל קאנע טשע גרידא״ (דער הונט וואָס בילט).

דעסקריפּטיווע מוזיק?

— ניין, „גיכער געפיל ווי מאָלעריי״, האָט בעטהאָווען באַמערקט ביים אַריינגאַנג פון זיין אייגענער „פּאַסטאָראַלע״, כאָטש מיר הערן דאָרט אויך צווישטשערן די פייגעלעך און די קוקאַווקע רופן, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען פייגעלעך פון פליייש און פון בלוט.

אין גרונט גענומען איז וויוואַלדיס פרילינג, וואָס איז געוואָרן מאַר־סעלס פרילינג אויף אַ קורצער צייט, אויך „גיכער געפיל ווי מאָלעריי״. מאַרסעל האָט דעריבער געלאָזט זיך מיטרייסן דורכן דאָזיקן געפיל, וואָס איז אין אים געבוירן געוואָרן. אים האָט זיך אין אָנהייב געדוכט, אַז דער דאָזיקער פרילינג וועט אָנהאַלטן לאַנג, נישט בלויז לענגער ווי וויוואַלדיס פרילינג, נאָר אַפילו אַ סך לענגער ווי דער פרילינג אין דער נאַטור. אָבער אָט איז דער פרילינג שוין לאַנג אַוועק און דער זומער איז געקומען; דער זומער איז אויך שוין אַוועק און איצט איז האַרבסט. האַרבסט איז ביי אים אויף דער נשמה, האַרבסט איז ביי אים אויפן האַרצן.

וואָס איז אייגנטלעך פאָרגעקומען? האָט ער זיך טאַקע צעשיידט אויף שטענדיק מיט פראַנסואַז, אָדער ער האָט זיך מיט איר נאָר אַ ביסל צע־ווערטלט און באַלד, מאָרגן, אָדער אין עטלעכע טעג אַרום וועט ער זיך ווידער מיט איר טרעפן און עס וועט ווידער זיין ווי געווען?...

אָבער אַפילו אויב ער וועט זיך דאָס מאָל ווידער איבערבעטן מיט איר — לאָזט אים דער פריערדיקער נאָגנדיקער געדאַנק נישט צורו — אויב אַפילו עס וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז שולדיק זענען אויך דאָס מאָל געווען זיינע נערוון, אַז ער מיינט גאָר נישט דאָס, וואָס ער זאָגט, און די פאָרוווּרפן, וואָס ער האָט איר געמאַכט, זענען גאָר קיין פאָרוווּרפן נישט — שוין דורך דעם גופא וואָס זיי זענען אַזעלכע אויסטערלישע, אַזעלכע זינ־לאָזע — און אַז ווידער וועט זי שפּילן די ראָל פון אַ מלאך, אָן אַ גאַל, די ראָל פון אַ קראַנקנשוועסטער, ווי פריער, ווען ער איז געלעגן אַ טויט־קראַנקער צוגעשמידט צום בעט, אויב אַפילו, הייסט עס, זי וועט צוריק־

קומען צו אים — צי קען נאָך ווען נישט־איז דער פרילינג צוריקקומען צוזאַמען מיט איר?

איצט וואָלט מאַרסעל זיך שוין באַגנוגנט אויך מיטן זומער, אַט אַזוי ווי ער ווערט געשילדערט דורך וויוואַלדין. זאָל זי נאָר צוריקקומען! זאָל זי נאָר זיך באַמיען אים צו פאַרשטיין! ער, פון זיין זייט, וואָלט זיך אויך באַמיט צו ווערן אַנדערש. טאַקע אַזוי. וואָס האָט ער דען צו איר? ער איז אייפערזיכטיק אויף איר פאַרגאַנגענהייט? אָבער זי קען דאָך נישט אויס־מעקן איר פאַרגאַנגענהייט; זי קען פון איר פאַרגאַנגענהייט זיך נישט אָפּ־זאָגן. זי איז נישט קיין מאַנאַשקע. און ער וויל דאָך גאָרנישט, אַז זי זאָל זיך באַנעמען ווי אַ מאַנאַשקע.

מאַרסעל האָט איבערגעדרייט די פּליטע. אָט איז האַרבסט!

ווי שפּילט זיך אָפּ דער האַרבסט ביי וויוואַלדין?

ביי וויוואַלדין הייבט זיך אָן דער האַרבסט מיט אַ טאַנץ און מיט אַ גע־זאַנג פון פויערים; זיי פרייען זיך מיט דער גרויסער, רייכער גערעטעניש אויף זייערע פעלדער ווי עס פירט זיך ביי פויערים אין דער גאַנצער וועלט, טרינקען ביז זיי ווערן גוט שיכור, ביז זייער פרייד, זייער שמחה, זייער גדולה פאַלט אַריין אין שלאָף. אין מיטן געזאַנג, אין מיטן טאַנץ שלאָפן זיי איין. נאַכט. און עס חלומט זיך זיי אַ חלום פון שיכורים.

אָבער נישט דער חלום ווערט ביי וויוואַלדין געשפּילט, נאָר די יאַגד, וואָס הייבט זיך אָן באַגינען, דער געיעג פון דעם יעגער, וואָס לאָזט זיך אַוועק אין גאַלאָפּ אויף זיין פערד, מיט יאַגדביקס אין האַנט, באַגלייט דורך אַ כאַפּטע הינט.

צעטומלטע פון דער שיסעריי און פון די געשרייען, וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פון אַלע זייטן אויף זיי; צום טויט דערשראָקענע און גע־טראָפענע פון דער בייזער בילעריי — פאַלן די אָרעמע חיות אויפן פעלד פאַרוואונדעטע, טויטע.

די דאָזיקע באַשרייבונג פון דעם האַרבסט לאָזט זיך אויך אויסטייטשן סימבאָליש.

אין מאַרסעלס פאַל איז ער מסתמא אי דער יעגער אי די געיאָגטע חיה אין איינעם. ער האָט זיך איינער אַליין אַריינגעטריבן אין דעם האַרבסט.

אַ צעטומלטער פון די געשרייען און פון דער בילעריי, איז ער געפאַלן אַ פאַרווונדעטער, איז ער אַריינגעפאַלן אין דעם האַרבסט, אין זיין אייגע־נעם האַרבסט, און איצט ווייסט ער נישט, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון דעם ווינטער, פון דעם לעצטן סעזאָן, וואָס רוקט זיך אָן אויף אים.

זאָל ער אָפּשטעלן די פליטע? זאָל ער אָפּשטעלן די צייט? וואָס זאָל ער טאָן? ער וויל נישט אַלט ווערן. ער וויל נישט פאַרלירן פראַנסואַזן.

אָבער עס ווייזט אויס, אַז ער האָט זי שוין פאַרלוירן. זי וועט זיכער מער צו אים נישט קומען. דאָס לעצטע מאָל, ווען זיי האָבן זיך געזען, האָט זי אים געזאָגט, אַז וואָס ווייטער ווערט אַלץ ערגער מיט אים. ער קען זיך נישט באַהערשן. רעדט דולע רייד... פאַר אים גופא איז אויך בעסער, זיי זאָלן זיך מער נישט טרעפן, אויף יעדן פאַל נישט מער אַזוי אָפט, נישט צוויי מאָל אַ וואָך ווי אַ מאָל, נאָר אפשר גאָר איין מאָל אַ חודש, ווען ער וועט זיך האָבן שטאַרק פאַרבענקט נאָך איר.

„ווען ער וועט זיך האָבן פאַרבענקט נאָך איר", האָט זי געזאָגט. זי אָבער? ביי איר איז נישט שייך. זי איז קיין מאָל נישט געווען פאַרליבט אין אים, זי האָט אים קיין מאָל נישט ליב געהאַט. דאָס האָט ער זיך פאַר־קאָכט אין איר ביז איבער די אויערן. דאָס האָט ער זיך איבערגעגעבן אין גאַנצן אין אירע הענט.

האַרבסט... דער יעגער האָט זיך געלאָזט אין גאַלאָפּ. פאַרזיכטיק, יעגער, פאַרזיכטיק! קוק זיך אַרום, דריי זיך אויס און באַטראַכט זיך. אפשר יאָגסטו זיך גאָר נאָך זיך אַליין, נאָך דיין אייגענעם שאָטן, שיס נישט! קענסט נאָך אַ מאָל טרעפן אין זיך אַליין, אין דיין אייגענעם לייב־און־לעבן. און דעמאָלט וועט זיין שלעכט, דעמאָלט קען געמאָלט זיין, אַז דו זאָלסט נאָך ווערן דיין אייגענער מערדער. היט זיך, באַטראַכט זיך, מאַרסעל, דו ביסט אַ טאַטע פון אַ טאָכטער.

יאָ, מרים. צוליב וויקטאָרן האָט זי איר מאַטורע נישט געמאַכט, זי האָט נישט אויסגעהאַלטן אירע סוף־עקזאַמענס, זי, וואָס זי איז געווען פון די ערשטע אין איר קלאַס און די לערערס זענען פון איר שטענדיק געווען צו־פרידן, זי האָט נישט אויסגעהאַלטן. איצט איז מסתמא שוין אַלץ פאַרלוירן... אַזוי יונג, און זי האָט זיך שוין פאַרדרייט דעם קאָפּ. וויקטאָר איז מיט

אַ יאָר יינגער פון איר, אָבער ער זעט אויס, ווי מיט דריי־פיר יאָר עלטער. אָבער וואָס איז דאָ שייך עלטער? אָט האָט ער, מאַרסעל, אין מיטן דרינען זיך פאַרליבט אין אַ גרושה, און ער הערט נישט אויף צו ציטערן, טאָמער זי וואַרפט אים אַוועק.

מיט וואָס דער זומער האָט זיך אויסגעלאָזט אין גרעזינע — קען מאַרסעל עד־היום נישט פאַרגעסן, כאָטש פון דעמאָלט אָן זענען שוין פאַר־בייגעגאַנגען דריי וואָכן, דריי וואָכן זענען אַוועק אין אַ ברוגז; פון דעמאָלט אָן האָט ער פראַנסואַז געטראָפן נישט מער ווי צוויי מאָל, און דאָס אויך זייער איילִיק. ער האָט זיך געטראָפן מיט איר אין אַ רעסטאָראַן. ס'איז געווען ווי אַן אָפּקומעניש. דאָס לעצטע מאָל האָט ער פּלוצלונג אַנטדעקט אַ בראָדעווקע אויף איר פּנים, אונטער דער אונטערשטער ליפּ. ווען זי האָט געגעסן, האָט די בראָדעווקע זיך קאָמיש געשאָקלט און געקנייטשט זיך אין דרייען. ער האָט געוואָלט זיך אָנבייזערן אויף איר, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען איר שולד, גלייך ווי זי וואָלט בכיוון געהאַט זיך אַרויפגע־קלעפּט אַ בראָדעווקע אויפן פּנים, כדי אים צו ערגערן. די זעלביקע בראָ־דעווקע — האָט ער זיך דערמאָנט — האָט אין אָנהייב איר צוגעגעבן חן און רייץ. נישט קיין בראָדעווקע איז עס געווען, נאָר אַ חן־פּינטעלע. מאָדנע, איין מאָל קען די אייגענע בראָדעווקע זיין שיין און אַ צווייט מאָל — מיאוס.

דאָס האָט ער טאַקע געוואָלט איר געבן צו פאַרשטיין. ער וואָלט גע־קענט צו זיינע רייד ברענגען אַ ראיה דעם האַרבסט. אַ יונגער האַרבסט קען זיין שיין און פריש; ער קען אָבער אויך זיין צרה, אַ לאַסט פאַר יענעם און פאַר זיך אַליין, אַ קאַליקע, אַ פאַרקרימעניש. אָבער ווי אַזוי דערקלערט מען עס? ער האָט געוואָלט האַסטיק זיך אַ הייב טאָן פון זיין שטול אַזוי, אַז זי זאָל אומפאַלן און דער קעלנער זאָל קומען צו לויפן אַ דערשראָקענער:

-- וואָס איז דאָ געשען ביי אייך?

— וואָס זאָל דאָ האָבן געשען? — וואָלט ער צוריקגעפרעגט דעם קעלנער — די שטול, זאָגט איר, איז אומגעפאַלן? וואָס וואָלט איר געזאָגט, ווען איך וואָלט נאָך פאַר איין וועגס אומגעוואָרפן דעם טיש, ווען די טעלער וואָלטן זיך צעבראָכן און דער דיל וואָלט פאַרשפּריצט געוואָרן? איבעריקנס,

איך בין פֿאַרביטערט, ווייל מיך פֿאַרדריסט, וואָס די בראָדעווקע שאָקלט זיך אַזוי אויף איר פּנים...

מאַרסעל איז איינגעדרעמלט. אין צווישן איז אין וויוואַלדיס „פיר סעזאָנען" פֿאַרבייגעפֿלויגן איין סעזאָן נאָך אַ צווייטן. דער סקאַנדאַל מיט דער אומגעוואָרפֿענער שטול איז אויסגעבראָכן דעמאָלט, ווען די מוזיק איז שוין געווען אויסגעשפּילט, ווען די ליכטער זענען שוין געווען אויסגעלאָשן אין אַלע הייזער, און נאָר אין דרויסן אויפֿן בולוואַר זענען די ליכט־רעקלאַמעס אַרומגעלאָפֿן ווי אויסטערלישע פֿייערדיקע שלאַנגען.

*

אַזוי איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג.

און אָט האָבן זיי זיך ווידער געטראָפֿן. ס'איז פֿריער געשען אַ מאָד־נער צופֿאַל ביים טעלעפֿאָן. אין דעם זעלביקן ברוכטייל פֿון אַ סעקונדע, ווען ער האָט גענומען דעם הערער, כּדי איר צו טעלעפֿאָנירן, האָט זי פֿון איר זייט עס אויך געטאָן און די טעלעפֿאָנישע פֿאַרבינדונג צווישן אים און איר איז מחמת דעם נישט צושטאַנדגעקומען. אין אַ פּאָר מינוטן אַרום, וועןביידע האָבן געמיינט, אַז די ליניע איז שוין פֿריי, האָבן זיי אין דער זעלבער מינוט איבערגעחזרט דעם ערשטן פּרווו און ווידער האָבן זיי זיך נישט געקאָנט פֿאַרבינדן.

דעם צווייטן אָוונט, ווען זיי האָבן זיך דאָן צונויפֿגעקלונגען און אויפֿ־געקלערט דעם ענין, האָבן זיי עס געקענט אויסטייטשן נישט אַנדערש ווי סימבאָליש. צווישן זיי האָט זיך, נישט אַנדערש, ווי אַריינגעמישט דער שטן. אָבער איצט איז ער ווידער פֿאַרשוווּנדן און גאָרנישט מער שטייט זיי אין וועג. זאָלן זיי זיך בלויז צונויפֿרעדן, אַלץ וועט ווערן גוט. זיך צונויפֿ־רעדן — אָט דאָס איז דער עיקר! זאָלן זיי זיך אַזוי אויסטענהן, אַז עס זאָל מער צווישן זיי נישט בלייבן קיין שום מיספֿאַרשטייעניש. געוויס האָט איט־לעכער פֿון זיי פֿאַרמאָגט אַן אייגענע פֿאַרגאַנגענהייט, מיט אירע גוטע און שלעכטע זייטן, מיט אירע סודות און באַהעלטענישן, אָבער דאַרף מען דען שטענדיק לעבן אין דער פֿאַרגאַנגענהייט?

יאָ, זיך צונויפֿרעדן און זיך פֿונאַנדערשמועסן אָפֿענערהייט, ערלעך,

ביז זיי וועלן קומען צו אַן אויסגלייך. און טאָמער וועלן זיי שפּעטער זיך אַרומזען, אַז זיי פּאַסן נישט איינער פאַרן צווייטן, וועלן זיי זיך פונאַנדערגיין אין גוטן, ווי גוטע פריינד און איינער וועט נישט אין כעס זיין אויפן צווייטן. מילא, מען האָט געפּרוווט און עס האָט זיך נישט איינגעגעבן... קיינער וועט נישט זיין שולדיק אין דער בשותפותדיקער מפלה, ווייל קיינער וועט נישט אַרויסגיין קיין זיגער פון דעם דאָזיקן פּאַרמעסט, קיינער נישט.

ביידע האָבן געהאַט די זעלביקע כוונה, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן אין רעסטאָראַן נישט ווייט פון עטואַל־פּלאַץ.

— גוט נאָוונט, פראַנסואַז.

— גוט נאָוונט, מאַרסעל.

—איך ווייס, איך ווייס — האָט פראַנסואַז געפּרוווט אים פאַרכאַפּן די רייד.

— וואָס ווייסטו, פראַנסואַז?

— איך ווייס, אַז דו ביסט געקומען אַהער מיט דער כוונה זיך דורכ־צורעדן מיט מיר, כדי זיך צו דערוויסן...

— כדי זיך צו דערוויסן פון דיר וואָס, אייגנטלעך?

— דאָס פרעג איך זיך אויך...

— וואָס קען איך זיך פון דיר דערוויסן, פראַנסואַז?

— אייגנטלעך גאָרנישט, מאַרסעל.

— ווייל דו ביסט אפשר אַנטשלאָסן מיר גאָרנישט נישט צו זאָגן.

— וואָס קען איך דיר דען זאָגן אַזוינס, וואָס דו ווייסט נישט פון פריער?

— דו קענסט מיר אַ סך זאָגן. דו קענסט אַ שטייגער מיר געבן צו פאַרשטיין פאַר וואָס מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג נישט געזען, פאַר וואָס איך קען דיך קיין מאָל טעלעפאָניש נישט דערגרייכן, פאַר וואָס דו מיידסט מיך אויס, פאַר וואָס דו ווילסט מיך מער נישט זען... אויף אָט די אַלע פראַגעס קענסטו מיר געבן אַן ענטפער, אויב דו ווילסט... יאָ, פראַנסואַז, פאַר וואָס פייניקסטו מיך אַזוי? פאַר וואָס?

— מאַרסעל, דו גופא פייניקסט זיך דאָך. איך בין אין דעם נישט שולדיק. אין דער אמתן מייד איך דיך נישט אויס. יעדן אָוונט וואָלט איך

וועלן זיין מיט דיר צוזאַמען פונקט אַזוי ווי אַ מאָל. ווען דו וואָלסט נאָר געווען אַ ביסל געדולדיקער מיט מיר, אָדער, בעסער געזאָגט, מיט זיך גופא, ווען דו וואָלסט געהאַט מער צוטרוי...

— צו דיר?

— ניין, צו זיך אַליין, איך שפּיל דאָ קיין שום ראָל נישט. דו האָסט נישט קיין צוטרוי צו זיך גופא.

— אפשר... אפשר פראַנסואַז.

— זאָגסט מיר צו?

— וואָס זאָל איך דיר צוזאָגן?

— אַז דו וועסט זיך מער נישט פּייניקן.

— איך וועל פּרוּוון צו לעבן אין שלום מיט זיך, מיט אונדז ביידן.

— גוט, מאַרסעל, דו וועסט זיין ליב...

— און דו אויך, פראַנסואַז?

— איך אויך, מאַרסעל.

*

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין אַ קינאָ. ביידע האָבן זיי אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף עפּעס אַ גוטער בשורה פון ערגעץ ווו, אויף אַ בשורה פון אַ ווייטן לאַנד.

זיי האָבן געקוקט אויף די שאָטנס, וואָס האָבן זיך באַוועגט אויפן גרויסן לייוונט און זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָרטן קומט פאָר. אמת, זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין מיטן פון פילם און פאַרגעסן האָבן זיי אַ קוק צו טאָן אויף די אַפישן, ווי דער פילם הייסט און פון וואַנען ער קומט. אָבער וואָס איז די נפקא־מינה? דער עיקר איז דאָך וואָס ביידע, פראַנסואַז און מאַרסעל, האָבן זיך איבערגעבעטן און וואָס פון איצטער אָן וועט שוין ווידער זיין גוט ווי געווען; דער עיקר איז דאָך דאָס, וואָס עס זענען מער נישטאָ קיין חילוקי־דעות צווישן זיי און וואָס זיי האָבן סוף־כל־סוף פאַר־שטאַנען, אַז עס האָט קיין זין נישט זיך צו גריבלען אין דער פאַרגאַנגענ־הייט, וואָס פאַרמאָגט אפשר נאָך מער באַהעלטענישן ווי די צוקונפט.

זיי האָבן געקוקט אויף די שאָטנס־מענטשן, אויף די שאָטנס־זאַכן און נישט געוווּסט וואָס זיי זעען; זיי זענען געווען פאַרנומען יעדערער מיט זייַנע סודות. עס איז זייער נישט גוט ווען מען פאַלט אַרייַן אין די לאַפּעס פון די שדים, וואָס קריכן אַרום אין די געדאַנקען און נישטערן און זוכן.. אַן זיי איז נאָך ערגער. אַ דאַנק זיי קענען זיך די זכרונות אויס־באַהאַלטן און אַזוי אַרום זיך אויסהיטן פון אַן עין־הרע.

— יאָ, לאָך נישט, פראַנסואַז. אויך זכרונות קען מען געבן אַן עין־הרע.

— איך לאַך נישט, מאַרסעל. מיר איז אַזוי גוט. איך בין גליקלעך, וואָס דו האָסט זיך באַרואיקט און וואָס דו לאָזסט זיך טרייסטן. מיר איז אויף אַן אמתן גוט און ווויל. קוק, מאַרסעל, זע ווי ער האָט זי ליב, מיט וואָס פאַר אַ בליק ער קוקט אויף איר.

— זי אויף אים אויך... זי האָט אים אויך ליב, קען זיין נאָך מער ווי ער — זי.

— וואָס איז שייך צו זאָגן מער? — האָט פראַנסואַז זיך אָפּגערופן שוין נאָך דעם ווי זיי זענען אַרויס פון קינאָ — מען זאָגט, עס זענען פאַראַן ליבעס, וואָס העכער שטייגן קענען זיי שוין נישט. טאָמער שפּאַרט מען זיך איין און מען וויל אַזאַ ליבע נאָך העכער אַרויפפירן, מוז מען זיך אויס־גליטשן, מען פאַלט אַרונטער פון שפּיץ באַרג איז טיפסטן גרוב אַרייַן, די שפּאַנונג איז צו שטאַרק, מען האַלט נישט אויס...

*

— מאַרסעל, האָסט געלייענט הייַנט אין דער צייטונג וועגן דעם פּראָ־צעס פון איוואָן שעוואַליע? ווי עס זעט אויס, וועט זי באַפרייט ווערן. איין קלייניקייט: ליבע. פאַרשוועכט איז געוואָרן איר ליבע. יאָ, מיר דוכט זיך, אַז זי וועט באַפרייט ווערן. וואָלט דער מאַן זי דערשאָסן, נישט זי אים, וואָלט ער אוודאי באַפרייט געוואָרן — אויך אין נאָמען פון דער ליבע, וואָס האָט זיך נישט געפילט פריי. וואָרעם ליבע דאַרף קודם כל זיך פילן פריי.

— טאָקע אַזוי, ס'איז אַ טשעקאַווער פּראָצעס.

— דער פּראָצעס גופא איז אפשר גאָר נישט אַזאַ טשעקאַווער, אָבער די ווירקונג זיינע אויפן פראַנצויזישן עולם איז אַן אויסערגעוויינטלעכע. וואָס קען, דוכט זיך, זיין נאָך באַנאַלער, ווי עס איז דער פּראָצעס שעוואַליע? אַ פרוי, וואָס האָט ליב געהאַט איר מאַן און האָט מורא געהאַט אים צו פאַרלירן, האָט אין איין העלן טאָג אים דערשאָסן. אַזעלכע געשיכטעס טרעפן זיך דאָך אַלע טאָג אין פראַנקרייך. אָבער די דאָזיקע פרוי האָט געשטאַמט פון פאָלק, און איר מאַן — דער דערשאָסענער — איז געווען אַ מיניסטער, און דערשאָסן האָט זי אים, ווייל ער האָט זי, ווי מען רופט עס אָן, קיינער ווייסט נישט פאַר וואָס, פאַרראַטן; ער האָט אפשר אויך געהאַט בדעה זי צו פאַרלאָזן, זי אַוועקצוואַרפן; דערפאַר האָט זי אים דערשאָסן.

אַ יאָר נאָכאַנאַנד האָט מיט דעם ענין זיך געטומלט אין דער פּרעסע. די ווייבער האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ, יעדע פון זיי איז געוואָרן אַ מין זשאַן ד׳אַרק. אין די רעדאַקציעס פלעגן טאָג־טעגלעך אָנקומען הונדערטער בריוו פון פרויען און מענער: שוואַרץ און ווייס, אין גאַנצן אומשולדיק אָדער אין גאַנצן שולדיק. האָט ווער געשריבן, אַז די וועלט וועט קיין קיום נישט האָבן, טאָמער מען וועט די מערדערין נישט גיליאָטינירן, האָט זיין פרוי, אָדער זיין כלה געהאַט טענות צו דער יוסטיץ פאַר וואָס בכלל מען גרייט זיך צו מאַכן דער מערדערין אַ פּראָצעס. זי האָט דערשאָסן איר מאַן? — נו, איז וואָס? האָט ער דען נישט זיך אַרומגעשלעפּט מיט פרעמדע פרויען? האָט ער דען נישט פאַרוווּנדעט איר אייגנליבע? זי האָט אויסגעפירט אַן אַקט פון גערעכטיקייט, זי האָט אומגעבראַכט אַן אוממאָראַלישן מענטשן. עטלעכע פרויען האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט אויסצוגיסן דאָס האַרץ אין בריוו צו די צייטונג־רעדאַקטאָרן, דערציילן וועגן זייער לעבן און זייערע אומגליקן; זיי האָבן — דאָס האָט זיך ווי אַרויסגעלייענט פון צווישן די שורות — מקנא געווען איוואָן שעוואַליע, וואָס האָט געשפּילט די הויפּטראָל אין אַ טראַגישן ראָמאַן, אין וועלכן אויך זיי זענען ווי נישט ווי פאַרוויקלט.

אויך פראַנסואַז האָט זיך אידענטיפיצירט מיט איוואָן שעוואַליע, כאָטש זי, פראַנסואַז, האָט קיינעם נישט דערשאָסן, נישט איר געוועזענעם מאַן,

נישט איר היינטיקן געליבטן, מאַרסעל; זי האָט קיין מאָל נישט געהאַט בדעה עמעצן אומצוברענגען, ווייל זי האָט קיין סיבה נישט געהאַט זיך אין וועמען נישט איז נוקם צו זיין. אָבער עפּעס וואָס אינעם לעבן פון דער מערדערין איוואָן שעוואַליע, עפּעס וואָס אין איר פאַרגאַנגענהייט, ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט פון דעם פאַרהער אויפן פּראָצעס, וואָלט געקענט גאַנץ גוט זיך אַריינפּאַסן אויך אין פראַנסואַז לעבנסגעשיכטע. מיט וועמען זאָל פראַנסואַז זיך אידענטיפיצירן? מיט איוואָן שעוואַליע אָדער מיט זשאַן פּערע? מיט איוואָן, וואָס כאָטש זי האָט דערמאָרדעט איר מאַן, איז זי דאָך באַפרייט געוואָרן, אָדער מיט זשאַן, וואָס הגם זי האָט קיינעם נישט דערמאָרדעט, איז זי דאָך פאַרמשפט געוואָרן דורך דער עפנטלעכער מיינונג, ווייל זי האָט ביי אַ ליבנדיקער פרוי צוגענומען איר ליבנדיקן מאַן? אָבער פאַר וואָס זאָל זי זיך אידענטיפיצירן מיט איינער אָדער מיט דער צווייטער? זי האָט דאָך קיינעם נישט דערהרגעט, קיינעם האָט זי נישט געוואָלט אומברענגען, אַפילו נישט איר ערשטן מאַן, וואָס האָט זי אַזוי שטאַרק באַליידיקט, אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט, וואָס האָט זי פאַרראַטן מיט זיין מאָדעל, מיט זיין רויטהאָריקער זשאַן! אויך צו מאַרסעלן האָט זי נישט קיין טענות... אָבער וואָס זענען עס פאַר אַ משוגענע געדאַנקען? ווער וויל דען מאָרדן? נאָך וואָס? פאַר וואָס? אין דער לעצטער צייט זענען אירע נערוון געוואָרן זייער צעשרויפט. אויסטערלישע מחשבות האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין איר מוח, וואָס זי האָט נישט געקענט קאָנטראָלירן און אויף וועלכע זי האָט נישט געהאַט קיין שום דעה...

אויך מאַרסעל האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט געדאַנקען, וואָס זענען אים אייגנטלעך פרעמד געווען, פרעמד און אומהיימלעך. אָט איז ער צוגעקומען צו אַ פּונקט, צו אַ שיידוועג, און ער ווייסט נישט ווהין ער זאָל זיך ווייטער פאַרנעמען. ער ווייסט נישט, וואָס ער זאָל טראַכטן וועגן פראַנסואַז, וועגן זיך גופא, וועגן זיין לעבן און ווי אַזוי ער זאָל דעם באַרג־אַראָפּ פאַרוואַנדלען אין אַ באַרג־אַרויף. ער ווייסט, אַז דאָס איז מעגלעך, כאָטש דאָס איז קעגן דער נאַטור; אפילו ביי אַ זקן טרעפט אויך אַ מאָמענט, ווען ער פילט זיך ווידער יונג, אפשר נאָך יינגער ווי ווען נישט ווען פריער אין זיין לעבן. און ער, מאַרסעל, איז דאָך נאָך גאָרנישט קיין אַלטער

כ׳אַן. אָבער אויף וואָס באַקלאָגט ער זיך אייגנטלעך? פאַר וואָס איז ער אין די לעצטע טעג געוואָרן אַזוי אומרואיק? וואָלט ער נישט געווען אַזאַ קאַפּריזנער, וואָלט ער נישט געהאַט וואָס זיך צו באַקלאָגן אויף פראַנסואַז. ער אַליין האָט קאַליע געמאַכט איר ליבע. איצט, ווי ס׳ווייזט אויס, האָט ער שוין אויף זיכער זי פאַרלוירן... וואָס וועט ער טאָן אָן איר?

*

האַרבסט אין פּאַריז, האַרבסט אויף די פּאַריזער גאַסן. ס׳איז טרויעריק אויפן האַרצן, טרויעריק. די בלעטער פאַלן פון דיביימער, פון אַלע פינף און אַכציק טויזנט פּאַריזער ביימער. געלע בלעטער... די ביימער אָבער האָבן זיך נאָך נישט מייאש געווען פון זייער לעבן, זיי פאַרמאָגן נאָך גענוג זאַפט אין זייערע אָדערן. זאָל דער האַרבסט פאַרבייגיין, זאָל גאָר דער ווינטער זיך אויסווינטערן, וועלן אויף זייערע צווייגן זיך באַווייזן נייע שפּראָצונגען, ווידער וועלן זיי זיך באַדעקן מיט גרינע בלעטער, גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט נישט געשען. ווידער וועט דער פרילינג קומען, פרילינג, דערנאָך ווידער זומער, האַרבסט, ווינטער. די ביימער אַרט נישט שטאַרק, צי ס׳איז פרילינג, זומער, האַרבסט אָדער ווינטער; זיי האָבן פעסטע שטאַמען, זיי זענען איינגעוואָרצלט טיף אין דער ערד.

זונטיק. זונטיק און האַרבסט. האָבן די ביידע געליבטע באַשלאָסן אַ שפּאַציר צו טאָן אויף די ברעגעס פון דער סענע. ס׳איז זיי ביידן געווען אומעטיק אויפן האַרצן — נישט חלילה, ווייל זיי האָט עפּעס געפעלט, נאָר אפשר האָבן זיי ביידע טאַקע געהאַט עפּעס צו פיל, עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיי געדריקט אויפן געמיט, האָט זיי געפּייניקט, געמוטשעט; האָבן ביידע, מיד פון ליבע, פון יאָרן, פון דעם האַרבסט, וואָס האָט געשפּאַרט פון אַלע זייטן, זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די ברעגעס פון דער סען, כדי אַריינצואָטעמען דעם ריח פון וואַסער, דעם ריח פון האַרבסט, וואָס דאָ איז ער מער האַרבסט, ווי אויבן, אויף די גאַסן און אויף די בולוואַרן.

זיי זענען ביידע געווען אומעטיק נישט אַזוי דערפאַר, וואָס זיי האָבן נעכטן ווידער זיך געהאַט צעוועטלט, ווי דאָס האָט שוין ביי זיי מער ווי איין מאָל געטראָפן, נאָר אפשר דערפאַר, ווייל זיי האָבן ביידע מער נישט

געהאַט וואָס פאַרצוואַרפן איינער דעם צווייטן. זיי זענען געגאַנגען גע־אָרעמט, ווי דאָס טוען דווקא יונג־פאַרליבטע, אָדער ווי אַן אַלט פּאָרפאָלק, וואָס איינער איז ווי צוגעוואַקסן צום צווייטן און קען נישט מער זיך אָפּרייסן פון אים.

זיי זענען געגאַנגען לענג־אויס דעם ברעג פון דער סענע. דאָ און דאָרט האָבן זיי געטראָפן שטיין אַ מענטש מיט אַ ווענדקע אין האַנט. אַ וואָרף געטאָן האָט ער די ווענדקע אין וואַסער, כאָטש ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ער וועט דאָס מאָל אויך קיין פיש נישט כאַפּן, נישט קיין גרויסן, נישט קיין קליינעם, ווי ער האָט דעם גאַנצן פרימאָרגן נישט געכאַפּט קיין פיש, אָבער ער האָט פּשוט נישט געקענט פועלן ביי זיך אָוועקצוגיין מיט ליידיקע הענט פון דער סענע; און ער האָט אפשר גאָר נישט געהאַט וווהין צו גיין. דער פּאַריזער האַרבסט איז נישט קיין קאַלטער, טייל מאָל שפּירט מען אים בכלל נישט, ווען נישט די געלע בלעטער אויף די טראָטואַרן באַגינען איי־דער מען באַזייטיקט זיי.

שטייט אַן עלנטער מענטש ביים ברעג סענע און מיינט, אַז ער כאַפּט פיש. מען טאָר אים נישט שטערן. ער איז פאַרכאַפּט פון דעם אומעט, פון דעם אומעט, וואָס אַלע עלנטע מענטשן האָבן אין אים אַ טייל.

שוין אַ שעה צייט, ווי זיי גייען שפּאַצירן געאָרעמט און קייבער האָט נאָך נישט אויסגערעדט אַ וואָרט. זיי זענען שוין מער ווי אונטער איין בריק דורכגעגאַנגען. דאָ און דאָרט איז אויפן נאַקעטן ברוק געשלאָפן אַ מאַן אָדער אַ פרוי, שיכורע פון ווייַן, פון נויט, פון לאַנגווייל. זיי האָבן געגע־נעצט אין דעם האַרבסט אַריין און זיי איז אויך אַלץ געווען צו פיל, כאָטש זיי האָבן גאָרנישט פאַרמאָגט, זיי האָבן גאָרנישט נישט געדאַרפט, גאָרנישט נישט געהאַט. וואָלט די זון אַ ביסל געשיינט, וואָלטן זיי זיך מחיה געווען. אָבער אַזוי צו ליגן אונטער דעם פאַרוואָלקנטן הימל, אָן זון, איז, ווי ס'ווייזט אויס, אויך נישט שלעכט. אַלץ וואָס זיי פאַרלאַנגען איז דאָך, אַז מען זאָל זיי לאָזן צו רו און עס זאָל נישט ווערן קעלטער אין דרויסן. זייערע חשבונות מיטן לעבן, מיט זייער לעבן, האָבן זיי שוין לאַנג געמאַכט. גליק, ווייסן זיי, איז אַן אילוזיע, ליבע — אַן אויסטראַכטעניש, אַרבעט — אַן אָנשיקעניש. נאָכן טאָג קומט די נאַכט. אין פּאַריז, אונטער דער בריק, איז אפילו ביי

נאַכט אויך נישט גאָר פינצטער. אַ שטראַל ליכט רייסט זיך אַריין פון אויבן אויך ביי נאַכט. ליגן זיי אויפן ברוק און זיי שפּירן אַפילו נישט, ווי האַרט עס איז זיי צו ליגן. נישקשה, אַ חלום פאַרקלייבט זיך טייל מאָל אויך אויף אַ האַרטן, אויף אַ שטיינערנעם געלעגער, אַ חלום איז אַ חלום — אומעטום...

ווי לאַנג איז אָבער דער שיעור צו שווייגן? די שוויגעניש נעמט דריקן אויפן געמיט. דאַרף מען פּרווון עפּעס זאָגן. אפשר וועט דאָס וואָרט דאָס מאָל זיין אַ וואָגיק וואָרט? אפשר? אפשר וועט דורך דעם דאָזיקן וואָרט קומען די ישועה? אפשר וועט מען דאָס מאָל זיך צונויפמערעדן?

— פראַנסואַז!

— מאַרסעל!

— געדענקסט נאָך, ווי דו ביסט דאָס ערשטע מאָל געקומען צו מיר? דעמאָלט האָב איך געהאַט געמיינט, אַז איך וועל שוין מער נישט אַראָפּגיין פון בעט, אַז איך בין אַ פאַרמשפּטער.

— איך געדענק, מאַרסעל. פאַר וואָס האָסטו זיך איצט גראָד דערמאָנט אין יענער צייט?

— דו זאָגסט „יענע צייט”, גלייך ווי עס וואָלט שוין פאַרבייגעגאַנגען וועד ווייסט וויפל יאָר.

— אין דער אמתן איז פון דעמאָלט אָן פאַרבייגעגאַנגען בלויז אַ האַלב יאָר.

— יאָ, אַ האַלב יאָר. אין דער יוגנט, ביי צוויי גאָר יונגע מענטשן שפּילן זעקס חדשים קיין שום ראָל נישט. פאַר דער יוגנט איז דאָס אַ גאָר קורצער צייטשפּאַן.

— וואָס רעדסטו כסדר וועגן אַלטקייט? מען וואָלט געקענט מיינען, אַז דו ביסט אַ זקן.

— איך בין אפשר גאָרנישט אַזוי אַלט, נאָר איך זע, אַז דו גליטשסט זיך מיר עפּעס ווי אַרויס פון די הענט. איך געפעל דיר נישט מער. מיט יעדן טאָג ווער איך דיר פרעמדער.

— מאַרסעל, רעד נישט קיין נאַרישקייטן... דו געפעלסט מיר היינט פונקט אַזוי ווי אין דעם ערשטן טאָג פון אונדזער באַקאַנטשאַפט.

— אין דעם ערשטן טאָג פון אונדזער באַקאַנטשאַפט האָב איך דיר נישט געקענט געפעלן ווערן. דעמאָלט בין איך געווען מער טויט ווי לעבע־דיק. די דאָקטוירים האָבן מיר אָפּגעזאָגט דאָס לעבן.

— איך אָבער האָב דיר צוגעזאָגט דאָס לעבן. איך האָב מיין צוזאָג, ווי דו זעסט, געהאַלטן.

— אַ דאַנק דיר, פראַנסואַז! אַ דאַנק דיר אַ האַרציקן!

— האָסט מיר נישט וואָס צו דאַנקען. איך האָב בלויז געטאָן מיין פליכט.

— ליבע איז נישט קיין זאַך פון פליכט. איך פאַרלאַנג פון דיר נישט קיין מיטלייד.

— מאַרסעל, פאַר וואָס רעדסטו אַזוי? פאַר וואָס טוסטו מיך כסדר ווייַ?

— דו רעדסט כסדר פון פליכט, נישט איך. טאָ ווייס זשע, אַז איך וועל קיין נדבות פון דיר נישט אָננעמען. דו ביסט פריי, דו קענסט צוריקגיין צו דיין מאָלער, דו קענסט זיך פאַרבינדן מיט דיין פראָפעסאָר, אָדער מיט וועמען נאָר דו ווילסט... מער אין וועג וועל איך דיר נישט שטיין. איך בין נישט קיין בעטלער, ניין. איך האָב פיינט מענטשן, וואָס האָבן רחמנות אויף מיר, פיינט, דו הערסט, פראַנסואַז? פיינט האָב איך... פיינט... פיינט...

— מאַרסעל, שווייג!

— איך האָב דיר שוין געזאָגט, פראַנסואַז, און איך זאָג עס נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל: דו ביסט פריי, אין גאַנצן פריי. קענסט גיין.

— גיי איך...

— גיי!

— זע נאָר, אַז דו זאָלסט נאָר קיין חרטה נישט האָבן. נאָך דעם וועט שוין אפשר זיין צו שפעט.

— גיי, האָב איך דיר געזאָגט.

— אַדיע, מאַרסעל.

זי האָט זיך אומגעדרייט און מיט שנעלע טריט גענומען לויפן אין דער פאַרקערטער ריכטונג. אויף די שטיינערנע טרעפּלעך האָט זי אַרויפ־געקלעטערט אויבן. ער אָבער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט און איז

זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג. דעם קאָפּ האָט ער אַרונטערגעלאָזט טיפער, אין די אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך באַמיט אַריינצוגראָבן דעם קאָפּ, כּדי ער זאָל גאָרנישט מער זען און הערן. מער פון אַלץ אָבער האָט ער זיך באַמיט נישט צו טראַכטן, נישט צו קלערן. איצט, יאָ, איצט איז שוין אַלץ געווען פאַרלוירן.

ווינטער

ווער האָט זיך אויף דעם געקענט ריכטן? גראָד אום ווינטער מיט זיינע שניי־זאַווערוכעס און מיט זיינע ווינטן, ווען אַלץ ציטערט פאַר קעלט און דער פראָסט דרינגט אַריין אין אַלע גלידער — גראָד דעמאָלט זאָל ער זיך ווידער דערפילן יונג און פריש, גראָד דעמאָלט זאָל זיין האָפענונג אויף ס'נײַ זיך צעבליִען?

מאַרסעל, וואָס האָט געהאַלטן ביים זיך אָנטאָן אַ מעשה, ווייל ער האָט אין פראַנסוּאַזס ליבע מער נישט געגלייבט, ווייל ער האָט אין זיך אַליין נישט געגלייבט, האָט אַליין נישט וויסנדיק ווי אַזוי, זיך אַרומגעזען, אַז אַ נייער חשק צום לעבן האָט זיך אין אים דערוועקט.

ווי אַזוי האָט אַנטאָניאָ וויוואַלדי אויפגענומען דעם ווינטער? אָדער בעסער געזאָגט, ווי אַזוי האָט דער ווינטער פון ווענעדיק, ווו ער איז קיין מאָל נישט קיין בייזער, קיין מאָל נישט קיין שטרענגער, זיך פאָרגעשטעלט פאַר וויוואַלדיס געהער, ווי אַזוי?

אויב אַפילו דער ווינטער אין ווענעדיק זעט אויסצומיידן שניי־זאַוויערוכעס און שטורעם־ווינטן, פון ברענענדיקן פראָסט שוין צפגערעדט, ווייל ער דאַרף נישט אָנטאָן די פאַלשע מאַסקע פון אַ וועטער, וואָס איז נישט אַהין, נישט אַהער, וואָס קען זיך נישט דעצידירן אַראָפּצוּוואַרפן די אַפּרטרופּסות פון זומער. אַזאַ ווינטער וואָלט אַריינגעבראַכט אין צאָרן סיי די, וואָס האָבן ליב דעם אָפנהאַרציקן זומער מיט זיין רחבות, מיט זיין פרייהייט, מיט זיין בלויען הימל, מיט דער פוילער זאַטקייט, וואָס שטעקט אין דעם מינדסטן באַשאַף זיינעם, און סיי די יעניקע, וואָס האָבן דווקא ליב דעם אמתן ווינטער, וואָס האָט אויך געענוג מעלות און גאָר גרויסע מעלות.

דערפאַר טאַקע האָט וויוואַלדיס ווינטער זיך באַמיט איבערצוגעבן אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט אין דער אמתער נאַטור: אי פראָסט און שניי, אי שטורעם און ווינט, אָבער אויך, פון צייט צו צייט, צו שילדערן אַ קאַמין, ווו עס פלאַקערן גרויסע שייטלעך האָלץ און אין צימער איז וואַרעם אַ מחיה, בעת אין דרויסן ברענט דער פראָסט און דער שטורעמווינט וויל זיך אַריינ־רייסן און אויסלעשן דאָס פייער אין קאַמין. אָבער די מיט פראָסטיקע בלומען באַדעקטע פענצטער זענען גוט פאַרמאַכט, די טירן — צוגעריגלט, און דער ווינט קען בשום אופן זיך נישט אַריינרייסן אין דער וואַרעמער שטוב...

עס איז צו באַוווּנדערן די אַרכיטעקטור פון די „פיר סעזאָנען". עס קומט אויס, ווי יעדער סעזאָן וואָלט געווען אַ בנין פאַר זיך, אַ בנין אויפגע־שטעלט אין דער צייט, פאַרשטייט זיך, נישט אין רוים, ווי אַלע אַנדערע בנינים. פיר צימערן זענען פאַראַן אין דעם בנין.

צו ערשט קומט מען אַריין אין אַ זאַל, וואָס איז אויסגעפּילט מיט דער זאָרגלאָזער פרייד פון דעם פרילינג, וואָס וויל פון גאָרנישט וויסן און וויל נאָר שטיפן. לאָזט וויוואַלדי אַרומלויפן זיינע געדאַנקען פראַנק און פריי, אַרומלויפן פון איין בלום צו דער צווייטער, פון איין בלאַט צו דעם אַנדערן. נישקשה, אין דעם פרילינג פאַרבלאָנדזשעט מען נישט אַזוי גיך, און טאָמער יאָ — איז אויך נישט קיין אומגליק, ווייל ווו מען זאָל זיך נישט קערן און ווענדן, אומעטום שפּראָצט און בליט דאָס לעבן, פון יעדן שפּאָן ערד שפּאַרט אַרויס אַזאַ עשירות, אַזאַ ברכה, אַז ממילא ווערט מען אומעטום געבענטשט.

די ערשטע פידל צעזייט אירע ברכה־קערנער אויף טריט און שריט, זי ווייזט דעם וועג, זי פירט אָן מיטן טאַנץ פון די נימפעס און עס קוקט אויס, ווי זי וואָלט פאַרטיילט מאָטיוו־בוקעטן צו אַלע אַנדערע אינסטרו־מענטן, דער גאַנצער נאַטור. דערפאַר טאַקע הערט מען זי אַרויס שטאַרקער ווי אַלע אַנדערע אינסטרומענטן. זי באַפעלט, זי קאָמאַנדירט. און די פייגע־לעך געהאָרכן איר, זיי זינגען אַזוי ווי זיי איז באַפוילן געוואָרן, און די ווינטן מורמלען צו, און דעם פאַסטעכל חלומט זיך אַ שיינער חלום.

נאָכן פרילינג קומט דער זומער. אין דער מוזיק איז גוט ווי אין דער נאַטור. די ליידנשאַפט פון דער נאַטור האָט זיך שוין אַ ביסל איינגעשטילט.

איצט איז געקומען די צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן דער עשירות, מיט וועלכער מען טראָגט זיך אַרום אין האַרצן און אין די געפילן. אַ זיסע מידקייט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין די גלידער. די נערוון פאַרטראָגן נישט די גרויסע היץ. אַ שטורעם ברעכט אויס. דער אָרקעסטער אַרבעט אויף אַלע כלים. די דריי פידלען פון דעם אָרקעסטער צעבייזערן זיך: נישט אַזאַ שטורעם האָבן זיי געוואָלט. די דונערן זענען אַ סך שטאַרקערע, ווי ס'איז לכתחילה געווען אָפּגעמאַכט, און די בליצן — די מעסערס, די קאָסעס — זענען אויך צו שאַרפע: פּאַסן שניידן זיי פון דער נאַטור. אָבער באַלד ווערט ווידער שטיל. ס'איז דאָך פּאַרט זומער אויף דער וועלט. די פידלען האָבן איינגעפירט שלום אין דער נאַטור: ס'איז נישטאָ זיך וואָס צו קאָכן, נישטאָ וואָס אין כעס צו זיין. אַ שאָד וואָס דער שטורעם האָט דאָ און דאָרט אויסגעוואָרצלט אַ ביימל, צעבראָכן אַ צווייג. אָבער נישקשה, באַלד וועט זיך אָנהייבן דער שניט אויף די פעלדער, וועט מען זען וואָס פאַר אַ גרויסע גערעטעניש האַיאָר איז געווען...

דער האַרבסט הייבט זיך דווקא אָן מיט אַ גרויסער שמחה. די פּויערים פרייען זיך, וואָס אַלץ אויף די פעלדער איז אַזוי געראָטן, וואָס אַלץ האָט זיך אַזוי גוט איינגעגעבן. זינגען זיי, טאַנצן זיי, פרייען זיי זיך. זיי זענען גערעכט. ס'איז בלויז נישט גוט, וואָס זיי האָבן אַ ביסל אַריבערגעכאַפּט די מאָס מיטן טרינקען, וואָס די פרייד זייערע האָט זיך פאַרענדיקט מיט שיכרות. זאָלן זיי זיך אויסשלאָפן, זאָלן זיי זיך אויסניכטערן. נאָך דעם וועלן זיי ווידער קומען צו זיך.

האַרבסט. דעם צווייטן טאָג, באַגינען, לאָזט זיך אַרויס אויף אַ פערד דער יעגער אין וואַלד. ער טרומייטערט, ווייל אָן מוזיק, דוכט זיך אים, וועט ער נישט יוצא זיין לגבי דעם געיעג־צערעמאָניאַל און די חיות וועלן קיין חשק נישט האָבן דערשאָסן צו ווערן. אַ כאַפּטע הינט לויפן אים נאָך. זיי לויפן מיט אַרויסגעשטעקטע צינגער, זיי בילן. עס געפעלט זיי, הייסט עס, וואָס דער יעגער באַנוצט זיך מיט זיי אין דער מלחמה קעגן די חיות. און דער האַרבסט פאַרענדיקט זיך דערמיט, וואָס ס'איז אַנדערש גאָרנישט געווען צו דערוואַרטן: איינע פון די פאַרפאָלגטע חיות אין וואַלד פאַלט פון דעם יעגערס אַ קויל.

און אַט איז ער, דער ווינטער. אַט איז ער דער נע־ונדניק, וואָס האָט נישט קיין היים, קיין פאַמיליע, קיין פריינד, קיין גואל. ער האָט זיך אַ נדר געטאָן צו וואַנדערן, ווייל אַלץ, וואָס קען נאָך דערפרייען אַ מענטשלעך האַרץ, האָט ער דאָך שוין הינטער זיך, אַלע זיינע האָפענונגען זענען שוין אויסגעלאָשן געוואָרן.

גייט דער וואַנדערער, ווי אַ בלינדער און בלאָנדזשעט אין שניי; גייט פון איין אָרט צום צווייטן, ווי אַ בעטלער, ווי אַן איבעריקער אויף דער וועלט, און די אייזיקע ווינטן פאַטשן אים אין פּנים. אַלץ, וואָס ער באַגעגנט אויפן וועג, שרייט צו אים: איך בין ווינטער! איך בין דער קבר פון אַלע דריי פריערדיקע צייטן פון יאָר! איך בין אייז! איך בין פראָסט! איך בין טויט! ווער עס רירט זיך אָן צו מיר, ווערט פאַרגליווערט! היט זיך פאַר מיר, מענטש! טאָמער האָסטו ערגעץ־ווו אַן אָרט ווו זיך אויסצובאַהאַלטן פון מיין גרימצאָרן — זע באַצייטנס אָנצוקומען אַהין. קלאַפּ אָן אין טיר, בעט מען זאָל דיר עפענען, כדי דו זאָלסט זיך קענען אָנוואַרעמען ביים פייער...

היט זיך, וואַנדערער, היט זיך מיט דיינע טריט. איצט גייסטו אויף אַ טייכל, וואָס איז צוגעפרוירן געוואָרן, איצט טרעטסטו אויף אייז. דו קענסט נאָך צעברעכן דאָס אייז און אַריינפאַלן אין וואַסער אַריין...

אַזוי זעט אויס דער ווינטער אין די „פיר סעזאָנען". עס קען זיין, אַז אַזוי זעט ער אויך אויס אין דער נאַטור, וואָס? אפשר נישט? די פידלען טרילערן, ציטערן פאַר קעלט, צווישן איין מאָטיוו און דעם צווייטן. דער וואַנדערער שרעקט זיך, ער האָט מורא נישט אַריינצופאַלן אין טייך אַריין. איןביידע אַלעגראָס פון דעם „ווינטער־סעזאָן" לויפט אַרום די פידל אַהין און אַהער, כדי צו ראַטעווען דעם וואַנדערער פון דער סכנה, וואָס לויערט אויף אים. בלויז די לאַרגאָ ברענגט אַריין אַ ביסל רו אין דעם שטורעם, וואָס בושעוועט אין דרויסן, וואָרעם זי „שפּילט" זיך דאָך אָפּ, אַזוי צו זאָגן, אינעווייניק, אין שטוב, ווו ס'איז וואַרעם, לעבן דעם קאַמין.

*

האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז מאַרסעל איז אַריינגעקומען אין זיין ווינטער־סעזאָן מיט פרילינג־טריט.

ווי אַזוי איז עס געשען?

פראַנסואַז איז מיט עטלעכע וואָכן צוריק פּלוצלונג קראַנק געוואָרן. דעם אמת געזאָגט, איז עס גאָרנישט געווען אַזוי פּלוצלונג, ווי עס האָט זיך געקענט אויסדוכטן.

ווען פראַנסואַז איז נאָך געווען אַ קינד, האָט זי געליטן אויף אַ מיטל־אויער־אָנצינדונג. לכתחילה האָט זיך איר אויער, ווי עס האָט זיך געדוכט, פאַרהיילט, אָבער שפּורן זענען פאַרבליבן און פון צייט צו צייט האָט זיך די ווונד ווידער געעפנט. ס'האָט איר געזשומעט אין די אויערן. זי האָט אַלץ געמיינט, אַז עס וועט פאַרבייגיין. ס'האָט איר נישט זייער וויי געטאָן און איר געהער האָט אויך קנאַפּ וואָס געליטן, האָט זי עס נישט גענומען ערנסט, ביז עס האָבן זיך גענומען באַווייזן סימפּטאָמען פון אַ ראַק.

ניין, איר פּראָפעסאָר האָט איר נישט אַנטפּלעקט דעם נאָמען פון איר קראַנקייט און ביז מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט זי נישט געוווסט וועגן דעם. דער קאָפּ האָט איר אַ ביסל וויי געטאָן. זי האָט זיך נישט שטאַרק איבערגענומען, געמיינט, אַז ס'איז נישט מער ווי אַ מיגרענע.

איין טאָג האָט זי געבלעטערט איר קראַנקנביכל, וואָס זי האָט געפונען ביי איר פּראָפעסאָר אין טישקעסטל און אויף אַ ווינקל בלעטל האָט זי אַנטדעקט דעם געפערלעכן סימן, וואָס דאָקטוירים זענען זיך נוהג צו מאַכן אייף צו באַצייכענען די דאָזיקע קראַנקייט. מאָדנע. זי האָט זיך כלל נישט דערשראָקן. ווען זי האָט דעם דאָזיקן צייכן באַמערקט, גלייך ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ צווייטן פּאַציענט. פאַרקערט, זי האָט עפּעס ווי דערשפּירט אין זיך אַ דערלייכטערונג און ס'איז איר ווי אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן, ווען זי האָט זיך דערוווסט די סיבה פון אירע קאַפּווייטיקן. זי האָט בלויז אַ זיפץ געטאָן און האָט זיך ווידער גענומען צו איר אַרבעט. אָבער טיף אין איר האָט זיך באַזעצט דאָס וויסן פון איר זייער געפערלעכער קראַנקייט און האָט עפּעס ווי אָנגעהויבן צו פירן אַ באַזונדערע עקזיסטענץ. אויך די מחלה גופא האָט גענומען זיך פונאַנדערשפּרייטן איבער איר גאַנצן קערפּער. באַלד האָט יעדעס אבר אין איר זיך דערוווסט דערפון און גענומען, נישט וויי טאָן, נאָר ציטערן, וויברירן מיט אַן אייגנאַרטיקן ריטעם. איר גאַנצער גוף האָט שוין געוווסט, אַז זי איז געפערלעך קראַנק, אַז אירע טעג זענען געציילטע.

עטלעכע טעג האָט זי זיך אַרומגעטראָגן מיט איר סוד, וואָס זי האָט קיינעם נישט אַנטפּלעקט — נישט איר זון, נישט מאַרסעלן, מיט וועמען זי האָט אגב, זיך לעצטנס געהאַט איבערגעבעטן. אַפילו לגבי איר פּראָפעסאָר האָט זי געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זי אַליין וואָלט פון גאָרנישט נישט געוווּסט. זי איז זיך פאַרגעקומען ווי אַ פּאַציענטקע, וואָס מען דאַרף שאַנע־ווען. זאָל ער נישט וויסן, אַז זי ווייסט... צו איטלעכן וואָרט, וואָס ער האָט איר געזאָגט, האָט זי צוגעשמייכלט האַלב אין פאַרלעגנהייט און האַלב מיט באַדויערן, וואָרעם זי האָט אים באַדויערט וואָס ער כאַפּט זיך נישט, אַז זי ווייסט דעם גאַנצן אמת, וואָס אויך ער שמייכלט אין פאַרלעגנהייט און וואָס ער קוקט זי אָן מיט אַ פאַרשנדיקן בליק פון דער זייט, גלייך ווי ער וואָלט עפּעס מורא געהאַט פאַר איר.

און אפשר האָט ער טאַקע מורא געהאַט? געוויס האָט ער, מער נאָך ווי זיינע פּאַציענטן, זיך געשראָקן פאַר אַ ראַק. ער האָט געוווּסט ווי הילפ־לאָז ער איז, וויפל מפּלות ער האָט שוין געהאַט אין זיין לעבן אויף אָט דעם געביט, און ער האָט זיך געפילט שולדיק לגבי די קראַנקע, וואָס ער קען זיי נישט העלפן.

און פראַנסואַז איז דאָך נישט געווען אַ פּאַציענטקע ווי אַלע אַנדערע, וואָס נאָר צוליב זייער קראַנקייט פאַרדינען זיי, מען זאָל זיך מיט זיי אינטערעסירן. פראַנסואַז האָט פאַרנומען אַן אָרט אין זיינע געדאַנקען און אין זיינע געפילן. מער ווי איין מאָל האָט זיך דער פּראָפעסאָר געכאַפּט: ער האָט זיך פאַרקוקט אויף איר, ער האָט זי באַטראַכט מיט גאָר אַנדערע אויגן ווי ווען מען קוקט אויף אַ געוויינטלעכן קראַנקן. זי האָט געוווּסט דערפון, כאָטש דער ראָמאַן צווישן זיי בײדע איז געווען אַ שטילער, ביי אים נאָך מער ווי ביי איר. דאָס האָט איר איינגעשפּאַרט געוויסנסביסן. זי האָט מאַרסעלן געקענט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין.

מאָדנע, וואָס אינטימער וויקטאָר איז געוואָרן מיט מרימען, אַלץ גרע־סער איז געוואָרן דער קאָנפליקט צווישן פראַנסואַז און מאַרסעלן. ס'האָט אויס־געזען, ווי איר און מאַרסעלס גאַנצע בענקשאַפט וואָלט איבערגעגאַנגען בירושה צו די קינדער, ווי דער קוואַל, פון וואַנען זיי ביידע האָבן געדאַרפט

שעפּן ליבע, וואָלט זיך איבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט און בלויז זייערע קינדער וועלן האָבן אַ צוטריט צו אָט דעם קוואַל.

און אפשר איז די קראַנקייט פאַר איר אַ רעטונג... זי איז אַנטלאָפן אין איר אייגענער קראַנקייט, ווי עס טרעפט, אַז מען אַנטלויפט פון זיך אליין אין שלאָף, אין חלום אָדער אין שיכרות... כאָטש צוריקגעשמועסט, האָט זי לעצטנס נישט געפילט קיין באַדערפעניש צו אַנטלויפן פון זיך: זי האָט זיך איבערגעבעטן מיט מאַרסעלן. מאַרסעל האָט זיך אויך אין גאַנצן ווי געביטן: ער מאַכט איר נישט מער קיין פאָרווורפן, ער פאָרשט זי נישט, ער פייניקט זי נישט מער, זי זאָל אים זאָגן, וואָס זי טראַכט יאָ, וואָס זי טראַכט נישט. ער איז נישט מער אייפערזיכטיק, נישט אויף איר פאַרגאַנ־גענהייט, נישט אויף איר היינט.

אָבער געוואָרן איז ער דאָך אַזוי ערשט, ווען זי האָט אים דערציילט וועגן איר קראַנקייט, ערשט נאָך דעם ווי זי האָט זיך אים פאַרטרויט. ער רעוואַנזשירט זיך, ער צאָלט איר צוריק דעם חוב, וואָס ער מיינט, אַז ער קומט איר, ער האָט רחמנות אויף איר. איצט איז ער דער שטאַרקער און זי — די שוואַכע; ער דער געזונטער, און זי — די קראַנקע. וואָס אַרן אים איצט אירע געדאַנקען? וואָס אַרט עס אים, צי זי טראַכט יאָ וועגן אַן אַנדער מאַן, צי נישט? רחמנות האָט ער אויף איר, כאָטש ער הערט נישט אויף צו רעדן וועגן ליבע. איר קראַנקייט האָט אים, קען מען זאָגן, אויפגע־ריכט. ער האָט אויפגעהערט זיך גופא צו פייניקן.

איר אָבער האָט עס אַ ביסל פאַרדראָסן. האָט זי טאַקע נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן, נישט געוואָלט בלייבן ליגן אין בעט. אַ קראַנקנשוועסטער טאָר נישט זיין קראַנק, אויב זי וויל נישט פאַרלירן איר עקזיסטענץ־באַרעכ־טיקונג. זי וויל נישט, מען זאָל אויף איר רחמנות האָבן, מען זאָל זיין גוט צו איר — נישט צוליב אירע מעלות, נאָר צוליב אירע שוואַכקייטן. טרערן קומען איר אין די אויגן, ווען זי טראַכט וועגן וויקטאָרן, וועגן מאַרסעלן און וועגן זיך אַליין. דער טויט... ניין, ס׳איז נאָך נישט דער טויט גופא, דערוויילע האָט ער בלויז פאָרויסגעשיקט זיין שאָטן. דער דאָזיקער שאָטן שפּיאָנירט, נישטערט אין איר לעבן.

עס כאַפּט זי אָן אַ רחמנות אויף זיך אַליין, אַ רחמנות אויף איר

שיינעם קערפּער, וואָס וועט באַלד פוילן אין דער פייכטער ערד, אַ רחמנות אויף איר לעבן, אַ רחמנות אויף דער נאַטור, וואָס וועט אַפילו נישט וויסן, אַז זי, פראַנסואַז, איז געשטאָרבן, אַז זי איז מער נישטאָ. איר בלייבט אפשר איבער צו לעבן נאָך אַ יאָר... אפשר וועט זי נאָך דער אָפּעראַציע טאַקע געזונט ווערן. דאָס האָט שוין אויך געטראָפן. ס'האָט אַפילו געטראָפן, אַז מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ ראַק, זענען געשטאָרבן פון אַ האַרצשלאַק, פון אַ גריפּע אָדער גאָר פון אַן אויטאָ־פּאַרפּאַל. זיי האָבן, הייסט עס, זיך געראַטעוועט פון איין טויט דורך אַ צווייטן טויט. וואָס איז דער אונטער־שיד? סוף־כל־סוף שטאַרבן דאָך אַלע מענטשן פון אַזאַ אָדער פון אַן אַנדער טויט, גייען אַוועק און זענען נישטאָ מער.

יאָ, וואָס שייך דער נאַטור... זי וואָלט נאָך אַזוי וועלן פאַרן טויט אָנקוקן די בערג, די מיט שניי באַדעקטע בערג.

מאַרסעל האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם געדאַנק. ניין, ער ברענגט קיין שום קרבן נישט. ער האָט אויך געהאַט בדעה צו פאָרן דעם ווינטער אין די בערג אַריין. שניי, פראָסט, בלויע הימלען — דאָס דערמאָנט אים די היים זיינע, פּוילן; דאָס דערמאָנט אים זיין קינדהייט. פרעגט זיך נאָר, וואָס די דאָקטוירים וועלן דערצו זאָגן, וועלן זיי דערלויבן צו פאָרן אַהין?

— מצד די דאָקטוירים איז קיין מניעה נישטאָ — האָט פראַנסואַז גע־ענטפערט — איך האָב שוין גערעדט מיט מיין פּראָפעסאָר וועגן דעם. ער מיינט, אַז דאָס קען נישט שאַטן צו מיין געזונט־צושטאַנד. איבעריקנס האָט מיר זינט עטלעכע טעג אויפגעהערט וויי צו טאָן און איך שפּיר זיך שוין כמעט געזונט. דו ווייסט, מאַרסעל, אַז די גרעסטע דאָקטוירים קענען אויך אַ מאָל האָבן אַ טעות אין זייער דיאַגנאָז. עס קען זיין, אַז ס'איז גאָר־נישט קיין ראַק. איך גופא קען אויך האָבן זיך טועה געווען אין דעם צייכן. הכלל: אַלץ איז מעגלעך...

מאַרסעל האָט מיטביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער דאָזיקער מעגלעכקייט:

— געוויס, פראַנסואַז, טייערע! געוויס איז מעגלעך, און נישט בלויז עס איז מעגלעך, נאָר ווי עס זעט אין דיין פאַל אויס, איז אַ ראַק אויס־געשלאָסן.

פראַנסואַז האָט טרויעריק צוגעשמייכלט. זי האָט אים געדריקט די האַנט. זי איז אים געווען דאַנקבאַר פאַר זיינע טרייסטווערטער.

— מעגלעך...

— נישט מעגלעך, נאָר ס'איז טאַקע אויסגעשלאָסן — האָט מאַרסעל נישט נאָכגעלאָזט — מאַלע וואָס עס זשומעט אַ מענטשן אין די אויערן! דאַרף מען גלייך גיין איבערקלערן כ'ווייס נישט וואָס?

פראַנסואַז האָט נאָך אַלץ געשמייכלט און בעת מעשה האָבן אירע שיינע בלויע אויגן זיך צוגעדעקט ווי מיט אַ שלייער. זי איז געווען פאַרזונקען אין אַ חלום, וואָס איז פאַרבייגעשוווּמען לענג־אויס איר אייגענעם פאַר־גאַנגענעם לעבן.

מאַרסעלן האָט זיך געדוכט, אַז זי זעט אים נישט, כאָטש זי איז געזעסן גאַנץ נאָענט לעבן אים, גאַנץ נאָענט. עס קען זיין, אַז הערן האָט זי אויך נישט געהערט, וואָס ער האָט איר געזאָגט. אַזאַ געדאַנק האָט זיך פאַר־גנבעט צו אים. דערמאָנט האָט ער זיך, אַז דאָ נישט לאַנג האָט זי זיך באַ־קלאָגט, אַז איר געהער איז לעצטנס זייער שוואַך געוואָרן, אַז עס איז איר שווער צו הערן דאָס, וואָס פרעמדע מענטשן רעדן צו איר. מילא אים, מאַר־סעלן, אויב זי פאַרשטייט דאָס, וואָס ער זאָגט, איז דאָס אויך בלויז דער־פאַר, וואָס זייגע געדאַנקען קען זי לייענען, נאָך איידער זיי ווערן אַרויס־גערעדט, וואָרעם זי זעט זיי מער ווי זי הערט זיי. איצט אָבער, ווען איר בליק האָט זיך פאַרשלייערט, האָט אויסגעקוקט, ווי זי וואָלט זיינע געדאַנ־קען אויך נישט דערזען. איז זי טויב געוואָרן?

— פראַנסואַז, טייערע! דו הערסט, וואָס איך זאָג דיר? — האָט ער מיט ווייטיק אין קול זיך צו איר געווענדט.

—איך האָב דיך ליב, מאַרסעל, זייער ליב!

מאַרסעל האָט נישט געוווּסט, צי דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף די פראַגעס, וואָס זי גופא האָט זיך אַליין געשטעלט. ער האָט נישט געוווּסט וואָס איר ווייטער צו זאָגן, וואָס ווייטער צו פרעגן. צי איז זי באמת טויב געוואָרן? ווי שרעקלעך וואָלט עס געווען!

— פראַנסואַז! האָסט געהערט וואָס איך האָב דיר געזאָגט?

— גלייב מיר, אַז איך האָב דיך ליב!

מאַרסעלן האָבן טרערן גענומען שטיקן אין האַלדז.

אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז איר טויבקייט איז געווען אַ פֿאַראיבערגייענדיקע. איר געהער האָט אין עטלעכע מינוט אַרום זיך צוריקגעקערט צו איר. זי האָט מיט אַ טרויעריקן שמייכל זיך מודה געווען, אַז דאָס געשעט אין דער לעצטער צייט זייער אָפֿט. ער האָט זי געטרייסט, געפּרוווט אויף זיין אופן דאָס צו דערקלערן.

— ביסט אָנגעשראָקן, פֿראַנסואַז. אַ ראיה האָסטו, וואָס אין די מאָמענטן ווען דיר דוכט זיך, אַז דו הערסט נישט, הערסטו בלויז נישט דעם גערויש פֿון דער שפּראַך, אָבער יעדן אַנדערן גערויש פֿאַרנעמסטו יאָ.

— ווי אַ וויטן עכאָ...

— ניין, פֿראַנסואַז! באַמי זיך נישט פֿאַלש אויסצוטייטשן דאָס, וואָס איז אַזוי קלאָר, אַזוי פֿאַרשטענדלעך.

— דו ביסט מסתמא גערעכט, מאַרסעל.

— נישט מסתמא, נאָר איך בין געוויס גערעכט, פֿראַנסואַז, פֿולשטענדיק גערעכט. אַנישט וואָלט איך גאָרנישט נישט געזאָגט. איך ווייס וואָס איך רעד. פֿראַנסואַז, טייערע מיינע! אויך איך האָב דיך ליב!... אָן דיר, אָן דיין געהער, בין איך ווי אָפּגעשניטן פֿון דעם לעבן, ווי אָפּגעשניטן פֿון מיין אייגענעם לעבן.

— ביסט אַזאַ גוטער, איך דאַנק דיר!

— אויך איך דאַנק דיר, פֿראַנסואַז! וואָס וואָלט פֿון מיר געוואָרן אָן דיר? דער דאָקטאָר — איך האָב דיר פֿאַרגעסן צו דערציילן — האָט מיר ווידער געמאַכט אַ קאַרדיאָגראַם און האָט קאָנסטאַטירט, אַז מיינע האַרץ־ספּאַזמעס זענען אין גאַנצן פֿאַרשוווּנדן. דאָס האָב איך אויך דיר צו פֿאַר־דאַנקען.

פֿראַנסואַז האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט מיט אַ גוטן געלעכטער.

— פֿאַר וואָס לאַכסטו, פֿראַנסואַז?

— איך פֿריי זיך, מאַרסעל. איך פֿריי זיך טאָפּלט, אַזוי צו זאָגן. ערשטנס, פֿריי איך זיך, וואָס דו ביסט פֿולשטענדיק געזונט געוואָרן, און צווייטנס, פֿריי איך זיך, וואָס דו מיינסט, אַז איך האָב אַ גרויסן חלק אין דיין געזונט ווערן.

— און אַזוי ווי איך בין געזונט געוואָרן מיט דיין הילף, וועסטו אויך געזונט ווערן...

— מיט דיין הילף — האָט זי פאַרענדיקט מאַרסעלס געדאַנק.

*

מאַרסעל האָט טאַקע געטאָן אַלץ, וואָס נאָר ער איז געווען אין שטאַנד, כדי פראַנסואַז זאָל ווידער געזונט ווערן. אָבער פראַנסואַזס קראַנקייט האָט זיך געטאָן דאָס איריקע: זי האָט זיך ווייטער אַנטוויקלט. דער פּראָפעסאָר האָט זיך נישט געהאַט טועה געווען אין זיין דיאַגנאָז. די אָנפאַלן פון טויב־קייט האָבן זיך גענומען איבערחזרן אַלץ עפטער און ס׳איז געוואָרן אַלץ שווערער זיך צו פאַרשטענדיקן מיט איר. אומזיסט האָט מאַרסעל געוואָלט איר איינרעדן, אַז די שרעק פאַרגוואַלדיקט איר געהער, אומזיסט האָט ער זיך ביי איר געבעטן, זי זאָל פאַריאָגן דעם פחד פון זיך — עס האָט גאָר־נישט נישט געהאָלפן: קיינע אויסרעדענישן זענען נישט געווען אין שטאַנד צו פאַרטרייבן די מרה־שחורה פון איר. ווען נישט די טויבקייט וואָלט אפשר נאָך געווען אַ מיטל ווי אַזוי צו פאַרטרייבן, כאָטש אויף אַ באַשטימ־טער צייט, די שרעק פון אירע געדאַנקען. מוזיק. אָבער זי האָט צו מוזיק נישט געהאַט מער קיין צוטריט, סיידן, אפשר... סיידן זי וואָלט מסכים געווען זיך צו באַנוצן מיט אַ הער־אַפּאַראַט. דאָס אָבער האָט זי בשום אופן נישט געוואָלט.

פון דעסטוועגן פלעגט מאַרסעל — אויף איר אייגענעם פאַרלאַנג — אָפּט אָנשטעלן דעם גראַמאָפאָן און דער חלל פלעגט זיך אָנפילן מיט די וווּנדערלעכע טענער און קלאַנגען פון באַכס, בעטהאָווענס, היידענס און מאָ־צאַרטס מוזיק. איז זי געזעסן אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַרקלערטע און האָט זיך צוגעהערט צו דער שטילער מוזיק, וואָס האָט אָפּגעקלונגען פון איר אייגענער נשמה. זי האָט זיך צוגעהערט צו איר אייגענעם לעבן — און צו דער דאָזיקער מוזיק דאַרף מען דאָך נישט האָבן קיין געהער, דאַרף מען נישט האָבן קיין אויערן, וואָרעם דאָס איז אַ מוזיק, וואָס געהער צו דער פאַרגאַנגענהייט און האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אָן אַ צאָל עכאָס און ווידערקולות.

עפטער ווי אַלץ האָט מאַרסעל געלאָזט שפּילן די „פיר סעזאָנען" וויוואַלדיס, די „פיר סעזאָנען", וואָס זענען ווי געוואָרן די עדות פון דער לעצטער ליבע זיינער, ווייל ער האָט געוווּסט, מאַרסעל, אַז נאָך פראַנסואַז וועט שוין אויך פאַר אים מער נישט זיין קיין לעבן; אָן איר וועט אַלץ זיין ווי אָפּגעשטאָרבן, פאַרדאַרט און פאַרקוואַרט. אַפילו די מוזיק וועט אויך אַנטשוויגן ווערן און קיינער וועט זי מער פון די נעגל פון דער בייזער שטילקייט נישט קענען אַרויסרייסן, קיינער נישט.

מאַרסעל האָט פאַרלאָזט זיין פּאָסטן אין אוניווערסאַל־מאַגאַזין און די גאַנצע צייט זיינע האָט ער אָפּגעגעבן פאַר פראַנסואַז. ער האָט אַכטונג געגעבן אויף איר, ער האָט זי באַגלייט צום דאָקטאָר און איר דערלאַנגט די רפואות.

*

שוין עטלעכע וואָכן ווי פראַנסואַז האָט אין גאַנצן זיך איבערגעקליבן צו אים אין שטוב אַריין, אין איר דירה האָבן זיך באַזעצט די קינדער. דאָס הייסט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז וויקטאָר און מרים האָבן זיך נישט באַוויזן פאַר זייערע עלטערן. פאַרקערט, זיי פלעגן זייער אָפט קומען צו זיי, קומען זיך נאָכפרעגן וועגן דעם געזונט־צושטאַנד פון דער מאַמען. טייל מאָל פלעגן זיי בלייבן איבער נאַכט ביי איר, אָבער בלויז ווי געסט, ווי ליבע געסט און נישט מער.

מרים האָט שטודירט אין דער סאָרבאָנע און וויקטאָר האָט געאַרבעט ערגעץ אין אַ פילם־סטודיע. פראַנסואַז און מאַרסעל האָבן אויפגעהערט איבערצוקלערן וואָס עס קען געשען מיט אַזאַ פּאָרל אין לעבן. זיי האָבן זיך פאַרלאָזט אויפן גורל און האָבן געהאָפט, אַז עס וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן.

זיי האָבן זייער אָפט זיך צוגעהערט צו וויוואַלדיס „פיר סעזאָנען", וואָס האָבן — אין קלאַנג — ווי רעקאַפּיטולירט דאָס לעצטע יאָר פון זייער צוזאַמענלעבן. אויב פאַר אים האָט דער קלאַנג זיך פאַרבונדן מיט דער פּאַנאָראַמע, וואָס האָט אין די דאָזיקע „פיר סעזאָנען" זיך צעשפּילט און זיך צעזונגען, האָט די זעלביקע מוזיק אָבער פאַר דער אָפט טויבער פראַנ־

סואַז זיך פֿאַרוואַנדלט אין מאָלעריי. זי האָט אַזוי פיל מאָל געהאַט געהערט „די פיר צייטן", אַז איר איז אָנגעקומען נישט שווער אָנצוקוקן די מוזיקאַלישע לאַנדשאַפֿט, וואָס האָט זיך פֿונאַנדערגעבליט אין פרילינג, איז צייטיק געוואָרן אין זומער, האָט זיך צוריקגעצויגן אין האַרבסט און איז באַדעקט געוואָרן מיט שניי און ווינטער.

עפּעס מער ווי אַ האַלבער שעה דויערט דער ציקל פֿון וויוואַלדיס „פיר צייטן"; זייער לעבן דויערט, הייסט עס, נאָך קירצער ווי דאָס לעבן פֿון אַ שמעטערלינג. דערפֿאַר אָבער קען זייער עכאָ אָנהאַלטן אַ סך לענגער, אָנהאַלטן טייל מאָל אַזוי לאַנג ווי אַ בילד, געמאָלן דורך אַ גרויסן מאָלער.

— אַ חידוש, וואָס עס האָט זיך נאָך ביז איצט קיין איין מאָלער נישט איינגעגעבן — האָט פֿראַנסואַז זיך אַ וויצל געטאָן — צו מאָלן אַלע פיר צייטן אויף אַ מאָל.

— וואָס מיינסטו מיט „אויף אַ מאָל"?

— אויף אַ מאָל — דאָס הייסט אויף איין לייוונט... אַלע פיר סעזאָנען, די נאַטור, אין אַלע אירע אומוואַנדלונגען און מיט אַלע אירע פּנימער, אויף איין לייוונט.

היות ווי מאַרסעל האָט נאָך אַלץ געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט פֿאַרשטאַנען וואָס זי מיינט, האָט זי האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס ווייטער געצויגן איר געדאַנק:

— אין יעדן נאַטור־סעזאָן קלינגט דער אָנזאָג פֿון קומענדיקן סעזאָן. אַ גוטער מאָלער וואָלט דעריבער געדאַרפֿט קענען דאָס באַווייזן אויפֿן לייוונט אין ליניע און אין פֿאַרב, פֿאַר וואָס נישט? אָבער איך דער ווירק־לעכקייט איז אַזוי, אַז וואָס מער טאַלאַנט דער קינסטלער פֿאַרמאָגט, וואָס מער אים גיט זיך איין אַריינצודרינגען אין די סודות פֿון דער נאַטור, אַלץ מער פרילינגדיק, אַזוי צו זאָגן, באַווייזט זיך דער פרילינג, אַלץ מער זומער־דיק מאַניפעסטירט זיך דער זומער...

— דאָס נעמט זיך דערפֿון, וואָס די מאָלעריי האָט אַ שליטה בלויז אויף דער אויבערפֿלאַך, אָבער נישט אויף דער טיף, נישט אויף אינעווייניק,

וואָס וואָלט אויך געמוזט קומען צום אויסדרוק, ווען מען וואָלט געקענט אַריינדרינגען אין גאָר דער נאַטור...

ווידער האָבן זיך צעשפּילט וויוואַלדיס „פיר צייטן“, גלייך ווי ס׳וואָלט קיין מאָל נישט פאָרגעקומען קיין איבערברוך צווישן זיי, גלייך ווי אַלע פרילינגען, אַלע זומערס, אַלע האַרבסטן און אַלע ווינטערס וואָלטן געווען נישט בלויז ענלעך איינער צום צווייטן, נאָר טאַקע די זעלבע.

קומט פון דאָס ניי אַרויס דער פרילינג מיט זיינע זינגענדיקע פייגעלעך, מיט זיינע קוואַלן, וואָס שפּרודלען אַרויס פון דער טיפעניש פון דער ערד און מיט זיינע ווינטעלעך, וואָס לאָזן זיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר, כדי צו כאַפּן אַ קוק וואָס עס הערט זיך.

שטורעם איז אויסגעבראָכן. אַהאַ! פון וואַנען קומט זשע אין פרילינג אַ שטורעם? וואָס לאָזט ער אונדז הערן? גאָרנישט, אַ קאַפּריז אַזאַ. ווער וועט אים נעמען ערנסט? ס׳איז סתם אַזוי אַ שפּיל — נישט קיין בייזע שפּיל, חלילה, נאָר אַ גוטע. זאָל ער נאָר נישט אַריבערכאַפּן די מאָס, זאָל ער נאָר נישט זיך צעשטורעמען אויף אַן אמת... וואָס האָב איך געזאָגט, איך, וויוואַלדי? ס׳איז דאָך אַ שטורעם אויף צו פלייסן. די פייגעלעך פרייען זיך טאַקע, וואָס דער שטורעם איז אַזוי גיך פאָרגאַנגען, אַזוי גיך פאַרשוווּנדן.

מיד ווערט דאָס פּאַסטעכל, מיד פון הערן די פייגעלעך זינגען, און שלאָפט איין פאַר מידקייט אויף דער לאָנקע. חלומט זיך אים אַ חלום, און דער חלום זיינער איז ענלעך צו דער וואָר, וואָס ער האָט נאָר־וואָס פאַרלאָזן. אין פרילינג איז די וואָר אַ מאָל נאָך מער חלום ווי דער חלום גופא... אָט פאַר וואָס די נימפעס לאָזן זיך אין קאַראַהאָד מיט די פאַסטעכער!

צו אַלץ נעמט אַ סוף, אויך צום פרילינג. קומט אַרונטער דער זומער און געדיכט ווערט די לופט. די גאַנצע נאַטור איז איין קאָרנפעלד אָנגעפּראָפּט מיט זאַנגען, איין בוים באַלאָדן מיט פּירות. סטאַדעס קי פּאַשן זיך אויף די לאָנקעס. מיט יעדער מינוט קוועלן אָן זייערע אייטערס און פילן זיך אָן מיט מילך. די זון ברענט. ס׳איז הייס. וואָס דען אַנדערש באַדייט דער אויסרוף פון דער קוקאַווקע, דאָס ברומען פון די טייבעלעך און דאָס גרילצן פון די גריילן?

כדי דער זומער־קאָנצערט זאָל זיין פולשטענדיק און כדי אַלע אינסטרו־מענטן זאָלן קומען צום אויסדרוק, יעדערער אויף זיין אופן און אַלע צו־זאַמען, קומען צו פליען פון ערגעץ ווו די ווינטן, פריער דער לייכטער און זאַנפטער דרום־ווינט, און דערנאָך טאַקע אויך דער בייזער צפון־ווינט און עס צעפלאַקערט זיך צווישן זיי אַ מלחמה — אויך אויף צו פלייסן, אויך בלויז אויף צו שפילן זיך. דער אָרקעסטער האָט טאַקע וואָס צו טאָן: אויף אַלע כלים אַרבעט ער, כדי צו מאַכן שלום צווישן זיי. עס קען אויך זיין זיין ווילן, אַז דער־אַ קאַמף זאָל זיך פונאַנדערשפּילן לויט אַלע כללים פון דער מוזיק, וואָס די אינסטרומענטן זענען אירע שליחים...

— טאָ פאַר וואָס ווייניסטו, קליין פּאַסטעכל? האָב נישט קיין מורא, שרעק זיך נישט! עס וועט דיר גאָרנישט געשען. ווייסטו גאָר וואָס? באַ־האַלט זיך אויס אויף אַ ווילע, באַהאַלט זיך ביז דער שטורעם וועט פאַר־בייגיין, ביז די דונערן און די בליצן וועלן אויפהערן. לויף, לויף, פּאַס־טעכל, גיכער! ווייל נאָך אַלעמען שפּילט מען זיך טאַקע נישט מיט אַ שטור־רעם. אָט, דאָ און דאָרט איז אַ שוואַך ביימל טאַקע אויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען, אויך די זאַנגען האָבן ווו נישט ווו זיך איינגעלייגט פון דעם שטורעם.

פון דעסטוועגן איז די גערעטעניש זייער אַ גרויסע. דער טאַנץ פון די פּויערים איז אַ טאַנץ לכבוד דער גערעטעניש; זייער געזאַנג איז אַ לויב־ליד צו דער נאַטור. אָפּגעטאַנצט און אָפּגעזונגען, נעמען זיי זיך צום געטראַנק. זיי טרינקען, ביז זיי פאַלן שיכורע און שלאָפן איין.

נישט אַלע וועלן זיך האָבן אויפגעכאַפּט מאָרגן באַגינען, ווען דער יעגער וועט זיך אַ לאָז טאָן אויף געיעג און ווען די הינט וועלן מיט זייער בילן אַרויסווייזן זייער פרייד און זייער רציחה.

שניי און אייז. ווער איז דאָ דער מענטש, וואָס בראָדזשעט אַרום אין דעם שניי? פון וואַנען קומט ער? וווהין גייט ער? פאַר וואָס בלייבט ער נישט ביי זיך אין דער היים? אפשר האָט ער גאָרנישט קיין היים? אפשר איז ער אַן עלנטער, אַ פאַרשטויסענער און ער האָפט ערגעץ ווו סוף כל סוף דאָך אָנצוקומען, ערגעץ ווו אין יענעמס אַ היים, ווו מען וועט אים מקרב זיין, ווו מען וועט אים אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס און אים געבן ברויט

צו עסן, וואַסער צו טרינקען, אַ קישן אונטער זיין מידן קאָפּ און מען וועט אים אפשר נאָך אויך זאָגן אַ גוט וואָרט, וואָס וועט קרעפטיקן זיין נשמה און פאַרטרייבן דעם יאוש פון זיין האַרץ? אפשר...

*

די מוזיק האָט זיך אויסגעלאָשן. די נאַכט האָט זיך אַרונטערגעלאָזט. שטיל איז געוואָרן אין פראַנסואַזס וועלט. זי האָט זיך נאָך אַ ביסל געראַנגלט מיט איר אָטעם, אָבער מען האָט געזען אין איר פּנים, אַז אייגנטלעך האָט זי זיך שוין אונטערגעגעבן.

אַלע דריי — מאַרסעל, מרים און וויקטאָר — זענען געשטאַנען ביי איר בעט. זיי האָבן געשוויגן, איטלעכער אויף זיין אופן.

אָבער פראַנסואַז האָט שוין קיינעם מער נישט געזען — — — —

פּאַרקינסאָן

די נאָוועלע ווידמע איך מיין פרוי זשאַנעט,
צו אונדזערע 25 יאָר צוזאַמענלעבן.

דער ענגלישער דאָקטאָר פּאַרקינסאָן האָט דער ערשטער אויסגעפאָרשט די אויסטערלישע נערוון־קראַנקייט, וואָס טראָגט פון דעמאָלט אָן זיין נאָמען. די הויפּטכאַראַקטעריסטיק פון דער קראַנקייט איז איר צאַפּלענדיקער פּאַראַליזש. פאַראַן אַ סברה, אַז דער גורם פון דער דאָזיקער שרעקלעכער נערוון־קראַנקייט איז אַ מיקראָב, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אַ בן־בקראָב, וואָרעם זיין מיקראָבנכאַראַקטער איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן, הגם אין זייער פיל פאַלן אַנטשטייט די פּאַרקינסאָן־קראַנקייט נאָך אַ גריפּע־עפּידעמיע.

דער דאָזיקער פאַרשטעלטער מיקראָב אַטאַקירט נישט דעם ווילן פון מענטשן, ער לייַמט נישט זיין רצון, ווי דאָס טרעפט ביי די קאַטאַטאָנישע פּאַראַליזשן און פּאַרגליוועוונגען, נאָר ער כאַפּט זיך אַריין אין די געלענק־מוסקולן פון פּנים און פון די הענט. דאָרטן פאַרזייט ער זיין גיפט און זיינע ספקות און מאַכט אָן אַ ווילדע מחלוקה צווישן דעם ווילן און זיינע אויספיר־אָרגאַנען.

אַ סך פּסיכיאַטערס האָבן זיך שוין געקליגט און געהקרנט, ווי אַזוי בייצוקומען די דאָזיקע קראַנקייט, וואָס קומט אומגעריכטערהייט, מען ווייסט נישט פון וואַנען און ווי אַזוי.

וואָלט מען כאָטש געוווּסט אין וועלכער ריכטונג צו זוכן, וואָלט שוין נישט אַזוי שווער געווען צו געפינען עפּעס אַ היילמיטל, אָבער דער שונא פון די מענטשלעכע נערוון און מוסקולן לאָזט זיך נישט כאַפּן דורך קיין שום מיקראָסקאָפּ אין דער וועלט, ער איז אַ רואה ואינו נראה, און אפשר

איז ער טאַקע גאָרנישט קיין מיקראָב אויך, נאָר עפּעס אַ רעזולטאַט פון אַן אָרגאַנישער שטערונג, אַ רעזולטאַט פון אַ רעזולטאַט...

— —

שוין יאָרן לאַנג ווי דאָקטאָר שפּיגעלמאַן זוכט אים אַרום, דעם דאָזיקן היפּאָטעטישן מיקראָב. אַפילו דעמאָלט ווען אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט האָט ער אים געכאַפּט ביי זיינע מעשים תעתועים, דאָס הייסט שיער־שיער נישט אַנטדעקט די שפּורן זיינע — לאָזט זיך אויך אויס אַ בוידעם... ווער ווייסט גאָר, צי ער עקזיסטירט בכלל, דער דאָזיקער מיקראָב, ווער ווייסט, צי דער ווילדער מזיק איז טאַקע אַ לעבעדיקער יש, אָדער ער איז גלאַט אַזוי אַן אָנשיקעניש פון זיין ליבן נאָמען...

אַן אויסטערלישע געשיכטע: געכאַפּט האָט ער עמעצן, און ער ווייסט נישט ווער; אַנטדעקט האָט ער עפּעס וואָס, און ווייסט נישט וואָס ער האָט אַנטדעקט. דאָקטאָר שפּיגעלמאַן האָט אָבער פאָרט — אַזוי דאַכט זיך אים — אַנטדעקט אַ היילמיטל קעגן דער פּאַרקינסאָן־קראַנקייט.

ווי איז דאָס אָבער מעגלעך? קען מען דען באַקעמפן אַ שונא, וואָס מען זעט אים נישט? קען מען דען פירן אַ שלאַכט אויף אַ באָדן, ווו די קאָנטורן זיינע בייטן זיך שטענדיק אַזוי, אַז מען ווייסט קיין מאָל נישט, צי מען געפינט זיך אין דער אָפענסיווע, צי אין דער דעפענסיווע, און עס לאָזט זיך מחמת דעם טאַקע נישט אויסאַרבעטן אַ קלאָרער פּלאַן, אַ פּלאַן, אויף וועלכן מען זאָל קענען טאַקע זיך שטיצן, אויב נישט אויף אַלע הונ־דערט פּראָצענט, טאָ לכל לפּחות אין די עיקר־ליניעס זיינע?

אויב אָבער דאָס נאָר־וואָס געזאָגטע איז דער הויפּט־תנאי ביי אַ גע־ווינטלעכער מלחמה, איז דאָס אויך גילטיק אין דער מעדיצין, ווו דאָס שלאַכטפעלד איז דער מענטש גופא, ווו דער שונא גרייט צו זיינע פּאָזיציעס באַצייטנס, שטיל און אומבאַמערקטערהייט; ווו איידער וואָס־ווען, האָט ער שוין דורכגעבראָכן אַלע פעסטונגען, צירקולירט ער שוין אַרום אין בלוט, פרעסט זיך אַריין אין מאַרך פון די ביינער, פאַרנעמט אַלע קאָמוניקאַציע־ליניעס, מאַכט חרוב דעם נאַטירלעכן סיגנאַליזאַציע־סיסטעם, אַטאַקירט טייל מאָל דעם געדאַנק גופא, צעמישט אים און מאַכט צו נישט אַלע עצות און תחבולות.

מען קען אויף קיין איין היילמיטל זיך נישט פאַרלאָזן, אַפילו דעמאָלט, ווען אין דעם אָדער אין יענעם פאַל איז ער יאָ ווירקעוודיק — צייטווייליק ווירקעוודיק — כל זמן מען ווייסט נישט, וואָס אייגנטלעך מען וויל היילן, וועלכע קראַנקייט מען וויל באַקעמפן. און מען ווייסט דאָס נישט אַזוי לאַנג, ביז מען איז נישט דערגאַנגען צום מקור פון דער קראַנקייט.

דאָקטאָר שפּיגעלמאַן ווייסט, אַז דאָס איז דער הויפּט־פּראָבלעם פון דער מעדיצינישער פאָרשונג. דערפאַר טאַקע האָט זיין דערפינדונג אים צערודערט ביז גאָר. מאָדנע, ערשט איצט, ווען אים האָט זיך געדוכט, אַז נאָך יאָרנלאַנגע אָנשטרענגונגען און עקספּערימענטן אין זיין לאַבאָראַטאָריע איז ער ענדלעך ארויף אויף אַ וועג, האָט ער גענומען זיך שרעקן: טאָמער פאַרקערט, אפשר האָט ער זיך גאָר דערווייטערט פון זיין ציל? וואָרעם עס קען דאָך געמאָלט זיין, אַז דער שונא האָט אים אָפּגעטאָן אַ מיאוס שפּיצל: ער האָט בכיוון אים פאַרלאָקט אין אַזאַ אָרט, וואָס איז סטראַטעגיש לחלוטין נישט וויכטיק, כדי ער זאָל קענען אַטאַקירן דעם גוף און די נשמה דאָרטן, וווּ מען ריכט זיך גאָרנישט אויפן אָנגריף.

אָט וועלכע מחשבות עס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין זיין מוח, אומגעלאָפן הין און צוריק אין די קנייטשן פון זיין הויכן ווייסן שטערן. ער האָט אַלע ווײַלע זיך אויפגעהויבן פון שטול און אַ שפּרייז געטאָן הין און צוריק אין זיין אַרבעט־קאַבינעט מיט גיכע, גיכע טריט, גלייך ווי די פּאַרקינסאָן־קראַנקייט גופא וואָלט אים נאָכגעיאָגט און זיך געקליבן אים צו כאַפּן ביי די געדאַנקען, ביי די עצות און תחבולות זיינע, וואָס ער האָט צוגעטראַכט קעגן איר.

— ווי? וואָס זאָגסטו? וואָס זאָגסטו, קלאָדין? נישטאָ וואָס זיך צו איילן, וואָרעם מען קען זייער לייכט אַריינפאַלן אין אַ טעות?...

— געוויס, געוויס, זשאַק. עס שאַדט נישט נאָך אַ מאָל צו קאָנטראָלירן די פאָרמול, וואָס דו האָסט אויסגעאַרבעט... מען קען קיין מאָל נישט וויסן... אַ טעות, ווי דו זאָגסט...

— וואָס פאַר אַ טעות? חדשים, יאָרנלאַנג האָב איך זי געהאָדעוועט, די פאָרמול מיינע, אַלץ איז טויזנט מאָל דורכגעטראַכט, דורכגעפּרווט גע־

וואָרן. ווי אַ מויער איז געוואָרן די פּאָרמול, פּעסט, סאָליד. ווייז מיר, אויב דו קענסט אַ שפּעלטעלע אַ קליינס, דורך וואָנען דער כלומרשטער טעות וואָלט געקענט אומבאַמערקטערהייט זיך אַריינגליטשן אין דער אויסגעהאָדעוועטער פּאָרמול מיינער, און איך וועל דעמאָלט אויך זאָגן ווי דו: אַ טעות...

— ווי איך? דו גופא האָסט דאָך נאָר־וואָס צוגעלאָזן די מעגלעכקייט פון אַ טעות, וואָס איז, אגב, זייער און זייער פּראָבלעמאַטיש, כמעט ווי אויסגעשלאָסן. פּאַר וואָס עפּעס מיינסטו פּלוצלונג, אַז איך קען האָבן די העצה צו צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון דיינע הנחות?

— בלויז הנחות? איצט פאַרשטיי איך שוין, דו גיסט מיר נאָך וואָס שייך די פּרינציפּן, כדי צו קענען מבטל זיין די רעזולטאַטן, וואָס איך האָב דערגרייכט. וואָס טויגן פאַר אַ מעדיצינער הנחות. ווי דו זאָגסט, פּוסטע הנחות, אַבסטראַקטע פּרינציפּן, מעגן זיי אפילו טויזנט מאָל ריכטיק זיין, ווי באַלד מען קען זיי נישט אָנווענדן, ווי באַלד זיי קענען נישט זיך לאָזן אין קאַמף פּנים אל פּנים מיט דער קראַנקייט גופא? הנחות זאָגסטו? פּאָסטולאַטן? דאָס זאָל זיין דער רעזולטאַט פון מיין לאַנגיאָריקער אַרבעט? זאָג מיר, צי דו פאַרשטייסט כאָטש ווי הארב ס'איז דער פּסק־דין, וואָס דו האָסט אַרויסגע־טראָגן קעגן מיר? ס'טוט ווייַ אַזוינס צו הערן פון דיין מויל, קלאָדין. דו האָסט זיך דאָך צוגעקוקט פון דער ערשטער מינוט אָן צו דער מלחמה, וואָס איך האָב אָנגעהויבן צו פירן אויף דעם פּאַרקינסאָן־פּראָגנט...

קלאָדין איז נשתומם און מבולבל געוואָרן. איז דאָס איר מאַנס שטים, וואָס איז איצט געוועזן אָנגעלאָדן מיט רוגזה און מיט כעס? ס'האָט אויסגע־קוקט, ווי זי גופא וואָלט שולדיק געווען אין דעם דורכפאַל פון זיינע באַ־מיונגען. ער האָט אויסגעזען, גלייך ווי ער וואָלט געפירט צו קבורה די סגולה, וואָס ער האָט געהאַט צוגעטראַכט קעגן דער פּאַרקינסאָן־קראַנקייט, גלייך ווי עס וואָלט נישט געווען קיין סגולה, נאָר עפּעס אַ מין סם, אַ גיפט, וואָס מען טאָר נישט אָנווענדן אין קיין שום פאַל, אויב מען וויל נישט אומבריינגען דעם חולה צוזאַמען מיט זיין מחלה. אָבער ביז איצט איז דאָך די דאָזיקע רפואה כלל נישט אָנגעווענדט געוואָרן ביי קיין קראַנקן, קען מען דאָך נישט וויסן, צי זי טויג יאָ, צי נישט. אגב האָט דאָך די מעדיצין־אַקאַדעמיע זי נאָך נישט

באַשטעטיקט און דערוויל קען גאָר קיין רייד נישט זיין זיך צו באַנוצן מיט איר. טאָ פאַר וואָס? נאָך וואָס?

— זשאַק — האָט קלאָדין זיך געגומען בעטן ביי אים ווי אַ קליין קינד — אפשר וואָלט שוין גענוג געווען היינט צו אַרבעטן? דו ביסט מיד, אָנגעשטרענגט, לאָז אָפּ אויף היינט. ס'איז שוין שפּעט. מאָרגן איז אויך אַ טאָג, וועסטו נאָכטראַכטן נאָך אַ מאָל אַלץ מיט אַ קלאָרן קאָפּ. דו וועסט זען, אַז דיר וועט זיך איינגעבן, אַז דו וועסט סוף כל סוף אַרויס אַ זיגער. אַנדערש קען גאָרנישט זיין... אַנישט וואָלט מען דאָך געדאַרפט אַריינפאַלן אין אַ יאוש און בכלל אויפהערן צו גלייבן, אַז מען קען זיך נאָך דורכשלאָגן צו עפּעס אַ גערעכטיקייט אויף דער וועלט, צו עפּעס אַ פרייהייט.

דאָקטאָר שפּיגעלמאַנס אַסיסטענטקע האָט זיך קענטיק פאַרגאַלאָפּירט אין אירע באַמיונגען צו טרייסטן איר מאַן. נישט קיין ווונדער: איז דאָך זשאַק פאַר איר געווען אַ סך מער ווי אַ מאַן, און מער נאָך ווי אַ לערער. ער איז געווען גאָר איר וועלט. אין דער דאָזיקער וועלט אירער האָט קלאָדין אַריינגעטאָן גאָר איר ליבע, גאָר איר ליידנשאַפט, גאָר איר פאַרערונג. פון דעסטוועגן פלעגט זיך איר רק אויסדוכטן, אַז מיט עפּעס וואָס איז זי נישט יוצא לגבי אים. זי האָט זיך באַמיט צו לעבן מיט זיינע געדאַנקען, מיט זיינע חלומות און האָפענונגען. אָבער כדי ראוי צו זיין דערצו, וואָלט זי געדאַרפט, פאַרקערט, גאָר טראַכטן ווי אַזוי זיך צו פאַרשאַפן אַן אייגענעם קאַפּיטאַל געדאַנקען, וואָס זאָלן רייכער מאַכן איר פערזענלעכקייט; זי וואָלט געדאַרפט פועלן ביי זיך זיך אָפּצוזונדערן פון צייט צו צייט פון אים און נישט כסדר בלייבן אין זיין שאָטן. ער גופא פאַרלאַנגט עס פון איר. וויפל מאָל האָט ער איר אַפילו געגעבן אָנצוהערן, אַז זי וואָלט געדאַרפט זיך באַפרייען פון דעם טורעם, ווו ער האַלט זי, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, פאַרשפּאַרט, ווייל ער איז אַן עגאָיסט און האָט ליב צו באַהערשן דעם צווייטן. וואָס זאָל זי אָבער טאָן, אַז זי קען אַנדערש זיך נישט פאַרהאַלטן? זי קען נישט! געוויס טוט זי אים — טאַקע אים, ווייל זי גופא עקזיסטירט דאָך בכלל נישט — געוויס טוט זי אים אַן אומרעכט דערמיט, וואָס זי האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים. יעדער מענטש האָט די באַדערפעניש פון צייט צו צייט צו בלייבן אַליין, גאַנץ אַליין מיט זיך, מיט אייגענע געדאַנקען. דאָס ביייזיין פון אַ צווייטן איז אָפּט אַ לאַסט, וואָס עס איז שווער זי צו דער־

טראָגן. עס קומט אויס, ווי איינער וואָלט דעם צווייטן געדאַרפט העלפן עקזיס־טירן, העלפן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַן עקזיסטענץ, אויף וועלכער מען איז נישט קיין באַלעבאָס — אין דער צייט, ווען מען דאַרף גאָר אָנווענדן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, וואָס מען פאַרמאָגט, כדי נישט צו פאַרלירן די אייגענע גלייכגעוויכט.

פלעגט טאָקע קלאַדין זייער אָפט אַריינפאַלן אין פּאַניק. וואָרעם נישט בלויז אומגליק קען פאַרשלעפּן אין אַ לאַבירינט פון פּאַניק, נאָר אַפילו גליק, וואָס זאָג איך „אַפילו״? — דווקא גליק.

ווי אַן עכאָ האָט אָפּגעקלונגען דער דאָזיקער געדאַנק, וואָס האָט זיך גע־האַט אַרויסגעריסן פון זיין אייגענעם באַדייט. זי האָט זיך צעלאַכט. אויך ער האָט געלאַכט גלייך ווי אויך ער וואָלט זיך דערטראַכט דערצו. זי איז געלעגן אין זיינע אָרעמס. ווי צוויי קליינע קינדער האָבן זיי זיך געפּרייט מיטן אַבסורד, וואָס זי האָט מיט אַ רגע צוריק — מיטן כוח פון איר ליבע, מיטן כוח פון איר איבערגעגעבנקייט — געהאַט געשאַפן. ער האָט פאַרגעסן די מלחמה, וואָס ער האָט געפירט קעגן דער פאַרקינסאָן־קראַנקייט, פאַרגעסן זיינע טענות און מענות, זיינע ספקות, זיינע שטרויכלונגען.

— די גערעכטיקייט וועט זיגן — האָט ער גענומען דעקלאַמירן אין אַ ליב־לעכן שפּאָטיש־פּאַטעטישן טאָן — זאָלן די פּאַרקינסאָן־מיקראָבן — אויב נאָר זיי האָבן די העזה צו עקזיסטירן — נישט מיינען, אַז די וועלט איז הפקר און איז איבערגעגעבן געוואָרן אויף אייביק אין זייער רשות; זאָלן זיי נישט מיינען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין פּיצל יושר און אַז זיי וועלן תמיד באַלעבאַטעווען ווי עס גלוסט זיך זיי. ניין! זאָל לעבן דעם מענטשנס פרייהייט!

— זשאַק, דו דאַרפסט נישט איבערחזרן מיינע נאַרישקייטן — האָט זי זיך אָפּגערופן אַ לאַכנדיקע — ס׳האָט זיך מיר אַרויסגעכאַפּט פון מויל, איך ווייס אַליין נישט, ווי אַזוי. איך האָב געמיינט צו זאָגן, אַז דער געוואַל־טיקער סכום אַרבעט, וואָס דו האָסט אַריינגעלייגט אין דיין דערפינדונג, מוז זיך פּאָזיטיוו אויסווירקן. דאָס איז, ווי איך מיין, דער אמתער טייטש פון דעם וואָרט „גערעכטיקייט״, ווען מען ווענדט עס אָן אויפן וויסנשאַפטלעכן פּלאַן און אין דער פאַרשונג; די אייזערנע לאָגיק, וואָס שטעקט אין דיינע חשבונות, איז די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דער פרייהייט פון דיין גייסט.

— דיין דעפיניציע געפעלט מיר ביז גאָר. אָבער מיר דוכט זיך עפּעס, אַז זי איז אין הסכם מער מיט מיין געדאַנקענגאַנג ווי מיט דיינעם; וואָרעם דו, אויף וויפל איך וויים, ביסט גאָר פאַרקאָכט אין דער אינטואיציע, וואָס דו פאַרמאָגסט איבערגענוג. דו האַלטסט, אַז זי, די אינטואיציע שפּילט די הויפּטראָל אין אַלע אַנטדעקונגען.

— אָ, אָבער אין דיין פאַל... — האָט קלאָדין אָנגעהויבן און נישט פאַרענדיקט איר געדאַנק. ס'איז טאַקע געווען אַזוי, ווי ער האָט געזאָגט. זי דערמאָנט זיך, אַז זי האָט אים גאָר אַרויפגעבראַכט אויף דעם וועג. תחילת האָט ער אַפילו זיך זייער שטאַרק געווערט קעגן דער קאָנצעפּ־ציע. זי האָט דאָס אים אַרויפגעפירט אויפן וועג מיט עטלעכע יאָר צוריק. פּאַמעלעך, שטילערהייט, דאָ אַ באַמערקונג, דאָרט אַ באַמערקונג, עפּעס אַזוי ווי כלאחר יד. ער האָט געמיינט, אַז דער איינפאַל שטאַמט גאָר פון אים, פון אים אַליין. זי האָט געוווּסט, ווי וויכטיק ס'איז פאַר אים זיך צו פילן זיכער ביי זיך, צו האָבן צוטרוי אי צו זיינע קענטעניש, אי צו זיינע פעיקייטן, זי אָבער האָט זיך תמיד געשטעלט אין אַ זייט. זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, גלייך ווי זי וואָלט גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען. ניין, גאָרנישט וואָלט נישט געטויגט, ווייל זי וואָלט דאָך אין דעם פאַל נישט געהאַט קיין אָנזען אין זיינע אויגן און וואָלט במילא אויך נישט געקענט האָבן אויף אים די השפעה, וואָס איז אים אַזוי גוט צונוץ געקומען. אַ דאַנק איר איינגעבוירענעם טאַקט און מיט איר ווייבלעכער אינטואיציע פלעגט זי שפּירן דעם מאָמענט, ווען זי דאַרף אַרויסווייזן פאַרשטענדעניש, ווען זי דאַרף אים עפּעס איבערפרעגן, כדי ער זאָל האָבן די געלעגנהייט איר צו געבן כלומרשט צו פאַרשטיין, איר אויפצוקלערן עפּעס אַ פּראָבלעם, וואָס זאָל אייגנטלעך אים גופא קלאָרער ווערן. זי האָט געוווּסט, אַז יעדער מענטש האָט, ערשטנס, אַ באַדערפעניש צו טיילן זיינע געדאַנקען מיט אַן אַנדערן און, צווייטנס צו טראַכטן אויפן קול, ווייל, ווי באַקאַנט, ווערט אַן ענין קלאָר נאָר דעמאָלט, ווען ער ווערט פאָרמולירט.

זי האָט זיך דערמאָנט אין די קינדער־יאָרן אירע, דעמאָלט, ווען ביידע, זי און זשאַק, זענען געזעסן אויף דער זעלביקער באַנק אין דער זעלביקער

פאַריזער גימנאַזיע. דרייסיק יאָר זענען פון יענער צייט אָן אַוועק. זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו שטייגן, אָבער זי איז אייגנטלעך געווען די יעניקע, וואָס האָט אים געפירט באַרג־אַרויף, נישט אָן מי, מוז זי צוגעבן, וואָרעם פון דער פריסטער יוגנט אָן האָט אים טאָרמאָזירט עפּעס אַזוינס, וואָס פלעגט ליימען דעם גאַנג פון זיינע געדאַנקען. שוין דעמאָלט האָט ער זיך שטאַרק געגייטיקט אין עמעצנס הילף און ער האָט געזוכט עמעצן, ווער עס זאָל אים צוגעבן מוט און אויפמונטערן. אַזוי איז געווען ערב די עקזאַמענס זיינע; אַזוי איז געווען ביי דער מאַטורע. קלאָדין האָט געהאָלפן אים זיך צוגרייטן צו דעם מאַטורע־עקזאַמען. זי איז אים בייגע־שטאַנען דעמאָלט, ווען ער איז דורכגעפאַלן איין מאָל און אַ צווייט מאָל, ביז ער האָט סוף כל סוף צום דריטן מאָל דעם עקזאַמען פאָרט אויס־געהאַלטן.

אַ שוידער איז איר אַדורך איבערן לייב. זי דערמאָנט זיך, ווי אַזוי זשאַק האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט זעלבסטמאָרד־געדאַנקען. אייגנטלעך האָט אים פון זעלבסטמאָרד געראַטעוועט טאַקע נישט עפּעס אַנדערש ווי די אומפעיקייט זיינע אויסצוקלייבן דעם וועג פון זיין געפלאַנטער „נסיעה אין טויט אַריין״, ווי ער גופא האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין געזעגן־בריוו צו איר. וואַסער, פייער, שטריק האָבן זיך געקריגט צווישן זיך. די דאָזיקע בהלה האָט אַריינגעיאָגט אַ צייטווייליקע ציטערניש אין זיינע גלידער, אַ מין פּאַרקינסאָן־ציטערניש. קען זיין, אַז דעמאָלט איז טאַקע ביי אים געבוירן געוואָרן דער קאַמף־פּלאַן זיינער קעגן דער דאָזיקער געהיימניש־פולער קראַנקייט, וואָס האָט, ווייזט אויס, עפּעס נאָר ווי געוואָרט אויף אַ געלעגנהייט אים צו אַטאַקירן פון דאָס ניי. ער האָט געוואָלט באַקעמפן אירע סיבות, וואָס זיי גופא זענען דאָך געווען דער רעזולטאַט פון עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַזוי אומבאַקאַנט ווי דאָס לעבן גופא און אַזוי פאַרהוילן ווי דער טויט. דער טויט האָט אים געצויגן צו זיך. אָבער די געהיימניש־פולע פּאַרקינסאָן־ציטערניש האָט צו נישט געמאַכט זיין ווילן צו שטאַרבן.

קלאָדין האָט זיך אין אירע ווייטערדיקע זכרונות פאַרפלאָנטערט. זי האָט זיך אָפט געפרעגט, וואָס איז פאָרט געווען די סיבה פון דער הינטער־

שטעליקייט אין זיינע לימודים? פוילקייט? ניין, נישט פוילקייט, און טעמפּ־קייט אוואי נישט, ווײַרעם ער איז גראָד געווען זייער אַ פלייסיק ייִנגל און האָט געהאַט אַ לייכטע השגה. די לערערס זיינע האָבן געמיינט, אַז אים פעלט די פעיקייט זיך צו קאָנצענטרירן. ער לאָזט זיך אָפּלענקען דורך אַ ליאַדע וואָס. קלאַדין אָבער האָט אויסגעפונען, אַז די סיבה פון זיינע דורכפאַלן האָט גאָר געשטעקט ערגעץ אַנדערשוווּ. זי האָט געטענהט, אַז ער האָט מורא פאַר דער לעצטער קאָנסעקווענץ, פאַרן רעזולטאַט. דאָס האָט זיך באַשיימפּערלעך באַשטעטיקט דורך דעם אופן, ווי אַזוי ער פלעגט מאַכן זיינע מאַטעמאַטישע אויפגאַבעס. ער פלעגט מיט אַ זיכערער האַנט דורכפירן אַלע אָפּעראַציעס פונעם פּראָבלעם ביז ער פלעגט קומען צום סוף, צו דער אונטערשטער שורה. דאָ פלעגט ער זיך אָפּשטעלן ווי פאַר אַ דיקער מויער. די ענדגילטיקייט האָט אים געשראָקן. זי דערמאָנט זיך, ווי אַזוי זי פלעגט וויפל מאָל ממש מיט גוואַלד אים צווינגען אונטערצו־פירן דעם דאָזיקן סך־הכל. עס האָט אים עפּעס ווי פאַרדראָסן, וואָס ער האָט געפונען די ריכטיקע פאָרמול. עס האָט זיך אים רק געדוכט, אַז צו דער ענדגילטיקער פאָרמול איז ער נישט דערגאַנגען, אַז הינטער איר שטעקט אַ צווייטע, אַ דריטע פאָרמול — און ער פלעגט אָנהייבן די גאַנצע אַרבעט פון דאָס ניי.

מורא פאַר דער אחריות — פלעגט ער זיך עפּעס ווי פאַרענטפערן פאַר איר. אָבער ס'איז נישט געווען דאָס, ווײַרעם אין פּראַקטישן לעבן האָט ער דווקא יאָ אַרויסגעוויזן אַ סך מוט. אַנישט וואָלט ער גאָר קיין מאָל נישט געקענט ווערן קיין מעדיצינער, אַ באַרוף, וואָס פאָדערט די גרעסטע אחריות, ווײַרעם דאָ האַנדלט זיך וועגן לעבן און טויט. אפשר האָט זי, קלאַדין, טאַקע אויף אים משפיע געווען, אפשר האָט ער אויסגע־קליבן דעם מעדיצין־שטודיום קוקנדיק אויף איר. ער האָט געגלייבט אין איר, געגלייבט און גלייכצייטיק זיך עפּעס ווי געשראָקן פאַר איר, כאָטש זי פלעגט קיין מאָל נישט אַרויסווייזן איר העכערקייט. פאַרקערט, שוין דעמאָלט פלעגט זי מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי איז צו גאָרנישט נישט פעיק, אַז אַלץ, וואָס זי קען, האָט זי נאָר אים צו פאַרדאַנקען, אַלץ האָט זי נאָר פון אים געלערנט.

פון דער קינדהייט אָן, קאָן מען זאָגן, האָבן זיי זיך באַטראַכט ווי חתן־כלה. זיי האָבן זיך ליב געהאַט אָן ליידנשאַפט, ווי עס טרעפט ביי אַן עלטער פּאָרפאָלק. ס'איז אָבער געווען אַזוי נאַטירלעך, ווי זיי זענען אין איינעם געגאַנגען אין שול, אין איינעם געמאַכט די אויפגאַבעס. ביידע האָבן זיי שטודירט מעדיצין און ביידע האָבן אין איין צייט געשריבן זייערע דאָקטאָראַט־טעזעס. זייערע זכרונות, פּונקט אַזוי ווי זייערע געדאַנקען, זענען געווען צונויפגעוואַקסן, שפּראַצונגען פון איין בוים. ווי נאָר זיי האָבן פאַרענדיקט זייער שטודיום, האָבן זיי חתונה געהאַט. ער האָט געעפנט אַ קאַבינעט אין אַן אַרבעטער־פערטל. לכתחילה האָט זי געאַרבעט מיט אים צוזאַמען, דערנאָך האָט זי באַשלאָסן בכלל נישט צו פּראַקטיצירן. איר איז גענוג געווען צו גילטן ווי זיין אַסיסטענטקע, זיין סעקרעטאַרין.

דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען מיט זיין געוויינטלעכן גאַנג. אַדאַנק זיין גרויסער ערנסטקייט און איבערגעגעבנקייט צו די קראַנקע האָט דאָקטאָר שפּיגעלמאַן באַקומען אַ גוטן נאָמען אין דעם אַרבעטער־קוואַרטאַל. אַן אַנדער דאָקטאָר אויף זיין אָרט וואָלט געווען צופרידן, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט „ווילגיין" אויפן חשבון פון זיינע פּאַציענטן. ניין, ער האָט געהאַלטן אין איין שרעקן זיך, טאָמער איז ער, חלילה, נישט יוצא לגבי דעם אָדער יענעם קראַנקן, טאָמער האָט ער עפּעס פאַרזען. להיפּוך צו אַ סך אַנדערע דאָקטוירים פלעגט ער זאָגן שטענדיק, אַז קיין איין קראַנקייט ביי איין פּאַציענט, מעג זי זיך זיין ווער ווייסט ווי באַקאַנט און איינגעפונדעוועט, ד"ה, קאַטאַלאָגירט, איז זי דאָך נישט גלייך צו דער „זעלבער" קראַנקייט ביי אַ צווייטן חולה. עס זענען בכלל נישטאָ פאַראַן קיין קראַנקייטן, נאָר קראַנקע. און היילן דאַרף מען די קראַנקע, יעדן קראַנקן באַזונדער.

אים האָט געצויגן צו וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. ער האָט אַרויסגענאַרט אַ ביסל צייט ביי דער נאַכט, כדי צו קענען שרייבן זיין ווידוי פון אַ פּראַקטישן דאָקטאָר. דאָס האָט קלאָרן אים אַריינגעגעבן דעם געדאַנק צו שרייבן דאָס „טאָגבוך פון אַ דאָקטאָר". פינף יאָר האָט ער געאַרבעט אויף דעם דאָזיקן בוך, אין וועלכן ער האָט גערעדט נישט אַזוי וועגן דער קראַנקייט, נאָר טאַקע דער עיקר וועגן זיינע קראַנקע. ער האָט אין דעם

דאָזיקן בוך דערציילט פון זיינע נסיונות און שטרויכלונגען, פון זיינע זוכעניש און בלאָנדזשעניש. אין זיין צווייטן בוך — אַ מין המשך צום „טאָגבוך פון אַ דאָקטאָר״, וואָס האָט געטראָגן דעם טיטל „דערגרייכונגען און גרענעצן פון דער מעדיצין״, האָט ער דער עיקר זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פסיכישן אַספּעקט פון דער קראַנקייט. די דאָזיקע אַרבעט האָט צו־געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער מעדיציניִשער וועלט.

זיין מאַטעריעלער מצב האָט זיך שטאַרק פאַרבעסערט. ער האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַ רייכער געגנט, איז געוואָרן דער אייגנטימער פון אַ קליניק, וווּ ער האָט איינגעפירט נייע הייל־מעטאָדן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין דעם רוב פאַלן זייערווירקעוודיקע. זיין נאָמען איז באַ־קאַנט געוואָרן אויך אין אויסלאַנד, און נישט איין מאָל האָט מען אים טעלעגראַפיש אַרויסגערופן קיין שטאָקהאָלם, דאָ קיין לאָנדאָן, דאָ קיין ליסאַבאָן. ער האָט אויך פּרעזידירט אַן אינטערנאַציאָנאַלן מעדיציניִשן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין קאָפּענהאַגען, און שטאַרק אויסגע־נומען מיטן רעפעראַט „חלום און מעדיצין״. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מעדיצין איז דער חלום אַריינגענומען געוואָרן ווי אַ באַ־שטאַנדטייל פון דער דיאַגנאָסטיק, ניין, נישט אין גאַנצן ווי ביי פרוידן, צום ביישפּיל, ווי אַן אויסברוך פונעם אונטערבאַוווּסטזיין, נאָר ווי אַ וווּנד אַ באַהאַלטענע, וואָס אַנטפּלעקט זיך פון דער פּסיכישער זייט אירער. נישט אַלע האָבן מיט זיין טעזע מסכים געווען. געוויס נישט. אַ גרויסער מהלך טיילט אָפּ דאָס אונטערבאַוווּסטזיין פונעם באַוווּסטזיין און די קאָמוניקאַציע צווישן די דאָזיקע צוויי „דימענסיעס״ איז אַ שווערע, אַ קאָמפּליצירטע. חוץ דעם וויל דאָך די סקאָרבאָווע מעדיצין — על פּי אינערציע און אוודאי אויך צוליב באַקוועמלעכקייט — האָבן צו טאָן נאָר מיט אָנזעעוודיקע סימפּטאָמען און זיך נישט אַריינלאָזן אין די „אַוואַנטורעס״ פונעם אונ־טערבאַוווּסטזיין. אָבער אַ סך פאַרשער האָבן גענומען זיך צוהערן צו אים. מען האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ צווייטן פרויד, ווי אויף אַ נייעם מייסטער. מען האָט אפילו געזאָגט, אַז ד״ר שפּיגעלמאַן האָט שוין רעוואָ־לוציאָנירט די מעדיצין, אַז זיינע הייל־מעטאָדן וועלן מיט דער צייט קענען

בייקומען אַזעלכע חולאתן, צו וועלכע די מעדיצין האָט ביז איצט קיין צוטריט נישט געהאַט.

קלאָדין איז אַרומגעגאַנגען אַ יום־טובדיקע, אַ שטראַלנדיקע. ס'איז איר אויסגעקומען, ווי זי וואָלט געלעבט אַ דאָפּלט לעבן: איין מאָל מיט איר באַלעבאַטישקייט, מיט אירע באַקאַנטע און גוטע פריינד, וואָס זי טרעפט זיך מיט זיי דער עיקר דעמאָלט, ווען איר מאַן ווערט אַרויסגערופן קיין אויסלאַנד צו אַ קראַנקן, אָדער ער מוז זיך באַטייליקן אין עפּעס אַ מעדיצינישן קאָנגרעס; דאָס צווייטע לעבן פאַרברענגט זי ביי אים, אין דער קליינער לאַבאָראַטאָריע ביי זיך אין שטוב, אָדער אין זיין פּריוואַטן קאַבינעט, וווּ ער נעמט אויך אויף פון צייט צו צייט אַ באַזונדערס „אינטערעסאַנטן" קראַנקן — אַן אינטערעסאַנטן פאַל, ווי ער זאָגט, וואָרעם געוויינטלעך קומען פאַר קאָנסולטאַציעס אין זיין קליניק, וווּ ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצן שטאַב אַסיסטענטן און תלמידים.

אין קליניק קומט זי זעלטן ווען. דערפאַר אָבער זיצט זי דעם גרעסטן טייל פון טאָג אין זיין אַרבעט־קאַבינעט, דערליידיקט זיין ווייסנשאַפטלעכע קאָרעספּאָנדענץ, קלאַסירט די דאָקומענטאַציע זיינע, גרייט צו דאָס מאַטעריאַל פאַר דעם צווייטן באַנד פון זיין „טאָגבוך פון אַ דאָקטאָר", אָדער זעצט זיך גאָר אַוועק אין דעם פאָטעל אַ פאַרזונקענע אין איר בינטל מחשבות; די געדאַנקען קומען צו איר און פאַרלאָזן זי וויפל מאָל, נאָך איידער זי באַוויזט זיי צו דערטראַכטן ביז צום סוף. זי דערוואַרט זיך קוים אויף דער מינוט, ווען ער דאַרף קומען אַהיים. אַזוי גייען די טעג, די חדשים, און יאָרן.

אין איינעם אַן אָוונט, נאָך אַ זייער אָנגעשטרענגטן טאָג אַרבעט, איז דאָקטאָר שפּיגעלמאַן געזעסן ביי זיך אין אַרבעט־קאַבינעט אַ מידער, אַ צעבראָכענער, עפּעס האָט ער בשום אופן דאָס מאָל נישט געקענט צונויפנעמען זיינע געדאַנקען. קלאָדין איז געזעסן לעבן אים. ער האָט געזאָלט אָנהייבן דיקטירן אַ נייעם קאַפּיטל פון זיין בוך. פּלוצלונג האָט דער טעלעפאָן געקלונגען. קלאָדין האָט גענומען דעם הערער.

— ווער... יאָ... מעסיע סאָווער... שוין, די מינוט...

דאָקטאָר שפּיגעלמאַן האָט כמעט ווי אַרויסגעריסן דעם הערער פון איר האַנט.

— מעסיע סאוועד? ... יאָ, יאָ... וואָס איז געשעען, זאָגט איר?... ער האָט געחלשט?... באַוווסטלאָז... ווען?... נישט מעגלעך... אָט שוין, אין צען מינוטן אַרום בין איך ביי אייך.... כ'קום שוין...

סאוועד... דער פּאַליציאַנט... פּאַרקינסאָן... האַרצשלאַק... אַ טאָגבוך פון אַ דאָקטאָר... קלאָדין... דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעמישט און געטאַנצט אַ ווילדן קאַראַהאָד אין זיין מוח. וואָס איז געשעען? ווי אַזוי האָט ער דאָס געוואָגט אים צו געבן די פּילן, איידער נאָך זיי זענען באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער מעדיצין־אַקאַדעמיע? ווי אַזוי? אַ פאַרברעכער איז ער, אָט וואָס. ער האָט איינגעשטעלט זיין באַרוף, זיין קאַריערע, זיין לעבן. טאָמער שטאַרבט סאַוועד, וועט ער, ד"ר שפּיגעלמאַן, זיך אָנטאָן אַ מעשה. ער וועט זיך אַריינוואַרפן אין טייך, ניין, ער וועט זיך דערשיסן, ער וועט זיך קוילען, קיין איין טויט קען נישט מכפּר זיין אויף זיין פאַרברעך... וואָס האָט ער פּאָרט געטאָן? זאָל ער שוין פאָרן גיכער, דער שאָפער.

— מעסיע זשאַן, גיכער, גיכער!

— איר זעט דאָך, דאָקטאָר, די רויטע סיגנאַלן, ס'איז אוממעגלעך גיכער צו פאָרן.

— איך ווייס, מעסיע זשאַן, אוממעגלעך גיכער צו פאָרן; געוויס, געוויס... איך בין שולדיק, נישט די רויטע סיגנאַלן...

וואָס? ער האַלט זיך פאַר שולדיק? און טאָמער איז עס נאָר אַ קריזיס, וואָס וועט פאַרבייגיין? אָן שום ספק, אַ נאַטירלעכע רעאַקציע, ער וועט געזונט ווערן, סאַוועד. אפשר האָט ער גענומען אַ צו גרויסע דאָזע אויף אַ מאָל? ער האָט בפירוש פאַראָרדנט: נישט מער ווי צוויי פּילן אַ טאָג. אפשר וועט זיין פּאַרקינסאָן־ציטערניש נישט אין גאַנצן פאַרשווינדן און בלייבן וועט ער דער אייגענער קראַנקער ווי פאַר די פּילן, אָבער לעבן וועט ער, ער טאָר נישט שטאַרבן. דאָקטאָר שפּיגעלמאַן פּרוווט זיך פאַר־שטעלן דעם רושם אויף זיין פרוי, ווען זי וועט זיך דערוויסן. אַז איר מאַן, דער פון אַלעמען פאַרערטער, דער באַרימטער דאָקטאָר, איז באַגאַנגען

זעלבסטמאָרד... זי וועט עס נישט אויסהאַלטן... נאָך גוט וואָס זי ווייסט כאָטש נישט, אַז ער האָט סאַווערן פאַרשריבן די דאָזיקע פּילן. נאָר אין דעם איין פאַל סאַווער האָט ער עס געטאָן. אייערנעכטן איז עס געשען. פאַר וואָס אָבער האָט ער זיך נישט בּאַראָטן מיט איר פריער? פאַר וואָס? אַ סימן, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין ריין געוויסן. ס'איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט עפּעס פאַרבאָרגן פון איר. פאַר וואָס, צום טייוול, האָט ער נישט אויסגעפּרווט די דאָזיקע פּילן אויף זיין אייגענעם קערפּער? אַזוי טוט דאָך אַ געוויסנהאַפטער דאָקטאָר אפילו נאָך דעם, ווען זיין הייל־מיטל איז שוין אָקצעפּטירט געוואָרן דורך דער מעדיצין־אַקאַדעמיע, צו ער'שט אויף זיך, דערנאָך אויף אַ צווייטן. אָבער ער גופא ליידט דאָך נישט אויף דער פאַרקינסאָן־קראַנקייט. וואָלט ער טאַקע געדאַרפט צו ערשט זען זיך אָנשטעקן מיט דער דאָזיקער קראַנקייט... ווי אַזוי אָבער כאַפּט מען דעם פאַרקינסאָן־מיקראָב? ווי אַזוי? אין דעם באַשטייט דאָך דאָס גאַנצע פּראָבלעם: איז נישט פאַראַן קיין מיקראָב, איז אויך נישטאָ קעגן אים קיין אַנטי־מיקראָב, קיין שום רפואה קען דאָ נישט העלפן. ס'איז אַ נישט אויסצוהיילנדיקע קראַנקייט. אויב אַזוי זענען דאָך אַלע באַמיונגען געווען אַרויסגעוואָרפן, זיי האָבן קיין שום ממשות נישט. אפילו די פאַלן, אין וועלכע אים האָט יאָ זיך איינגעגעבן צו געפינען אַ היילמיטל, ווו אַנדערע דאָקטוירים און די קלאַסישע רעצעפּטן האָבן נישט געהאָלפן, זענען אויך מסתמא געווען נישט מער ווי צופאַלן. זענען אָבער פאַראַן צופאַלן אין דער נאַטור? דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס אַ מענטש איז נישט בלויז נאַטור: דאָס וואָס מען רופט אָן צופאַל, איז גאָר קיין צופאַל נישט. אויף יעדן פאַל, צי סאַווער וועט יאָ בלייבן לעבן, צי נישט, דאָקטאָר שפּיגעלמאַן וועט מוזן די דאָזיקע פּילן אויספּרובירן אויף זיך; ער וועט זיך פון זיי נישט אַרויסדרייען. תיכף ומיד וועט ער זיי איינגעמען. דאָס וועט זיין זיין שטראָף... דאָס וועט אויך זיין די פאַסיקסטע פאָרעם פון זעלבסטמאָרד פאַר אים...

באַהערשט פון דעם דאָזיקן באַשלוס איז ער אַריינגעפאַלן צו סאַווערן אין שטוב אַריין. אַ פולע שטוב מיט מענטשן. מסתמא זיין משפחה. פיינט־לעכע בליקן. מסתמא ווייסן זיי שוין, אַז די פּילן, וואָס ער האָט דעם פאַ־

ציענט פֿאַרשריבן, זענען נישט „געכשרט״ געוואָרן דורך דער מעדיצין־אַקאַדעמיע. אַליין האָבן זיי עס אפשר גאָרנישט באַמערקט, אָבער דער דאָקטאָר, וואָס זיי האָבן אַרויסגערופֿן, דער דאָקטאָר פֿון דער געגנט, האָט עס זיי געזאָגט: עס פֿעלט דער פּראָספּעקט, עס פֿעלט די וויזע פֿון דער מעדיצין־אַקאַדעמיע.

דער קראַנקער איז נאָך אַלץ געלעגן אין אַ באַוווּסטלאָזן צושטאַנד. דאָקטאָר לושע האָט גראָד געהאַלטן אין מאַכן אים די צווייטע איינשפּריצונג. קוים, קוים, וואָס דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט אין אים. דאָקטאָר שפּיגעלמאַן האָט זיך אָבער תּחילת נישט פֿאַרלוירן, ער האָט מיט זיכערע זשעסטן געטאָן אַלץ, וואָס מען טוט אין אַזאַ פֿאַל, זיך נישט רעכענענדיק מיט די פֿײַנטלעכע בליקן, וואָס האָבן אים ווי דורכגעלעכערט פֿון אַלע זײַטן; ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן ווי אַ שעה, פּונקט אַזוי ווי אין דער קליניק. דעם ד״ר לושע האָט ער געהייסן אַרויסרופֿן תּיכּף זײַן אַסיסטענט פֿון דער קליניק, ד״ר בערגער, גלײַכצײַטיק האָט ער אים געבעטן צו טעלעפֿאָנירן אין זײַן נאָמען צו דעם באַרימטן פּאַריזער קאַרדיאָלאָג פּראָפֿעסאָר באַזען.

הע, הע, וואָס ליגט דאָרטן אויפֿן נאַכטטישל? איידער די אַרומיקע האָבן זיך אַרומגעקוקט, האָט ער שוין געהאַט אַרונטערגעשלונגען צוויי פּילן מיט אַ מאָל. קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פֿאָר. אָט האָט ער מקיים געווען זײַן דאָ נישט לאַנג אָנגענומענעם באַשלוס. ס׳איז אים לײַכטער געוואָרן אויפֿן האַרצן. ווו שטעקט ער, דער פּאַרקינסאָן־מיקראָב, האַ? און אפֿשר איז ער גאָר אַן אַנטי־מיקראָב? הענט און פֿיס האָבן אים גענומען ציטערן. אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף שפּיגעלמאַנס בלייכע ליפּן. ער האָט געטאָן וואָס ער האָט געקענט, צוויי פּילן האָט ער אַרונטערגעשלונגען — מער זענען אין שאַכטל נישט געווען. פּאַרקינסאָן! אַזוי אַרום האָט ער באַוויזן, אַז נישט זײַן פּאַציענט, נאָר זיך גופֿא האָט ער געוואָלט אָפּסמען — אין נאָמען פֿון דער וויסנשאַפֿט, ווי מען זאָגט...

דאָקטאָר שפּיגעלמאַן איז געפֿאַלן אין חלשות. ווען זײַן אַסיסטענט איז געקומען, האָט ער, צו זײַן גרויס פֿאַרוווּנדערונג געטראָפֿן צוויי קראַנקע, צוויי געחלשטע.

סאָווער איז בלויז מיט עטלעכע מינוטן פריער געקומען צו זיך ווי דאָקטאָר שפּיגעלמאַן. דער קאַרדיאָלאָג האָט אויסגעהאָרכט סאָווערס האַרץ, דערנאָך אויך דאָקטאָר שפּיגעלמאַנס האַרץ. צוויי גלייכע רעצעפּטן האָט ער אָנגעשריבן. ביידע, דאָקטאָר שפּיגעלמאַן און סאָווער, האָבן דאָך געליטן אויף דער זעלביקער קראַנקייט.

ד"ר בערגער האָט אַרויסגערופן די אַמבולאַנס און אָפּגעפירט זיין שעף אין זיין אייגענער קליניק.

— — — — — — — — — — — — —

און אָט הייבט זיך אָן די געשיכטע פון דאָקטאָר שפּיגעלמאַנס קראַנקייט. אייגנטלעך, וואָלט דאָקטאָר שפּיגעלמאַן איצט געהאַט אַ טעמע פאַר אַ סענסאַציאָנעלן קאַפּיטל אין צווייטן באַנד פון זיין „טאָגבוך פון אַ דאָקטאָר". און אפשר וואָלט ער איצט געדאַרפט איבערבייטן דעם טיטל פון זיין בוך, אָדער בלויז צוגעבן צום אַלטן טיטל נאָך איין וואָרט „פּאַציענט": „אַ טאָגבוך פון אַ דאָקטאָר־פּאַציענט", ווייל דאָקטאָר שפּיגעלמאַן איז דאָך זינט מערערע חדשים זיין אייגענער פּאַציענט. איצט, יאָ איצט ווייסט ער שוין גענוי וואָס עס שטעקט פאַר אַ טייוולאָנישער כוח אין דער פאַרקינסאָן־קראַנקייט: דאָס איז אַ קראַנקייט מיט צוויי עקן, אַזוי צו זאָגן. די קראַנקע ווערן דורך די פּילן, וואָס ער האָט אויסגעפונען, פריש און געזונט, ווי צום ביישפּיל, דער פּאַליציאַנט סאָווער, וואָס ווייסט גאָרנישט איצט ווי אַזוי אָפּצודאַנקען דאָקטאָר שפּיגעלמאַנען; די יעניקע אָבער, וואָס פריער זענען זיי געווען געזונט, ווערן קראַנק דורך די זעלביקע פּילן, ווי דאָס איז געשען מיט אים, דאָקטאָר שפּיגעלמאַן, און ס'איז נישטאָ קיין שום האָפענונג, זיי זאָלן נאָך ווען עס איז קענען באַפרייען פון דער פאַרקינסאָן־קראַנקייט.

אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל! אָבער דאָקטאָר שפּיגעלמאַן האָט פאַרלוירן דעם חשק צו שרייבן. ער איז בכלל געוואָרן זייער אַפּאַטיש. עס האָט אים מער נישט אינטערעסירט.

אין דער קליניק איז דאָקטאָר שפּיגעלמאַן פאַרבליבן אַלס חולה נאָר עטלעכע טעג, און קיין רעקלאַמע פאַר דער קליניק איז עס באַשטימט

נישט געווען. דאָקטוירים־קאָלעגן זענען געקומען אים מבקר חולה זיין; פּראָפעסאָרן האָבן אים געגעבן כלערליי עצות און אַלע זענען זיי געווען ווי צוגעשניטן לויטן סקאַרבאָוון נוסח. איז דאָך זיין אייגן היילמיטל נישט מער געקומען אין באַטראַכט — פאַר אים ווייניקער נאָך ווי פאַר אַנדערע קראַנקע, כאָטש די מעדיצין־אַקאַדעמיע האָט אין צווישן שוין יאָ געהאַט באַשטעטיקט די ווירקעוודיקייט פון דער נייער רפואה. ווירקעוודיק אין ניין און נייינציק פאַלן, קען מען זאָגן; דער הונדערטסטער פאַל איז ער גופא. פאַר וואָס זי האָט אויף אים קיין פּעולה נישט געהאַט, דאָס איז קיין קשיא נישט. ערשטנס, האָט ער דאָך פריער קיין מאָל נישט געליטן אויף דער פּאַרקינסאָן־קראַנקייט, ווייניקסטנס — נישט אָפּענערהייט, און צווייטנס, האָט ער דאָך איינגענומען אַ צו שטאַרקע דאָזע אויף אַ מאָל. מען האָט אַפילו אים אויסגעוואָשן דעם מאָגן באַלד נאָך דעם, ווי ער האָט געפּרוווט זיך פאַרסמען, ווי מען טוט עס געוויינטלעך, אָבער מען דאַרף זיך משער זיין, אַז דער פּאַרקינסאָן־מיקראָב האָט שוין באַוויזן אַריינצודרינגען אין זיין בלוט און אין זיינע נערוון. פרעגט זיך נאָר, צי דער גורם פון זיין פּאַרקינסאָן־קראַנקייט איז טאַקע געווען אַ מיקראָב.

אָבער וואָס איז די נפקא־מינה? סאָוער איז געזונט געוואָרן נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס דאָקטאָר שפּיגעלמאַן האָט פרייוויליק איבערגענומען זיין קראַנקייט, ווי ער האָט זיך עס געהאַט געוווּנטשן שטילערהייט, ווייל ער האָט געמיינט, אַז אים קומט זי, ער האָט זי פאַרדינט...

„די גערעכטיקייט וועט זיגן״! האָט קלאָדין פאָרויסגעזען. איר נביאות איז מקוים געוואָרן.

איז דאָך סאָוער פולשטענדיק געזונט געוואָרן. איבערגעשטאַנען דעם קריזיס, האָט ער פּראָסט־פּשוט זיך אויפגעהויבן פון בעט און האָט פאַר שמחה אָנגעהויבן צו טאַנצן. דאָ האָט די „גערעכטיקייט״ געזיגט גאָר אומ־גערעכטערהייט.

קאָמפּליצירטער איז געווען שפּיגעלמאַנס פאַל. האָט דאָך קלאָדין אין זיין דערפינדונג געהאַט אַ גאָר גרויסן חלק, טאָ פאַר וואָס האָט ער זיך מיט איר נישט באַראַטן ביז צום סוף? פאַר וואָס האָט ער זיין נייע רפואה נישט אויסגעפּרוווט אויף זיך גופא? פאַר וואָס האָט ער זיין אייגענע

פּאַרקינסאָן־ציטערניש, וואָס פּלעגט אים פּלוצלונג באַפאַלן, פאַרשוויגן? פאַר וועמען האָט ער געזוכט זי צו פאַרדעקן? פאַר זיינע פּאַציענטן? זיי זאָלן מער צוטרוי האָבן צו אים? און דעם דאָזיקן צוטרוי זייערן האָט ער מיאוס פאַרראַטן... האָט בכן די „גערעכטיקייט" אויך דאָ געזיגט אויף דער גאַנצער ליניע.

אויך אין געריכט האָט די גערעכטיקייט געזיגט. ער גופא, ווי אַן אָנגעקלאָגטער, האָט נישט געקאָנט זיך באַווייזן פאַרן טריבונאַל. צוגעשמידט צום בעט איז ער געלעגן, אַ פּאַראַליזירטער, אַ געליימטער. דאָס וואָס ער איז פּאַראַליזירט געוואָרן, איז שוין אַליין אַ באַווייז פון זיין לייכטזיניקייט. אָבער דאָס, וואָס סאַוועער איז אַרויס אַ געזונטער פון דאָקטאָר שפּיגעלמאַנס עקספּערימענט, האָט געדינט ווי אַ קעגן־באַווייז און האָט געשטימט די ריכטער לטובת אים. אַ סך פּאַציענטן זענען געקומען אין געריכט און אַלע האָבן זיי אים געשילדערט ווי אַן ערלעכן, איבערגעגעבענעם און געוויסנהאַפטן דאָקטאָר. בעת דעם פּראָצעס האָבן די עקספּערטן נאָך געטאַפּט אין דער פינצטער און געוווּסט נאָר צו דערציילן פּרטים פון דער פּאַרקינסאָן־קראַנקייט, פּרטים און השערות, וואָס זענען יעדן נערוון־דאָקטאָר און יעדן פּסיכיאַטער גוט באַקאַנט.

דער סוף איז געווען, אַז דאָקטאָר שפּיגעלמאַן איז פאַרמשפּט געוואָרן צו באַצאָלן דעם „טראַדיציאָנעלן" פראַנק געלט־שטראָף. דער טריבונאַל האָט צוגענומען ביי דאָקטאָר שפּיגעלמאַן דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן. אָבער דאָס איז שוין, ביי זיין איצטיקן צושטאַנד, געווען נישט מער ווי אַ מין סימבאָלישע שטראָף: סיי ווי איז ער דאָך נישט געווען מער בכוח צו פּראַקטיצירן. ער איז געווען געליימט.

ווער עס געווינט — פֿאַרשפּילט

„יאָ, ווער עס געווינט, פֿאַרשפּילט", האָט זשאַק לייבאָוויץ צוגעפּסקנט זיך גופֿא, נאָך דעם ווי ער האָט זיך געהאַט אַריינגעגריבלט אין זיך מיט פֿאַרביטערונג און מיט פֿלייסיקער זלידנעקייט. אויף מיר גופֿא איז דאָס געזאָגט געוואָרן, האָט ער זיך עפּעס ווי געררייצט מיט זיך, וואָרעם איך האָב דאָך געשפּילט, איך האָב געווונען טאַקע און האָב סוף כּל סוף פֿאַרשפּילט. פֿאַרשפּילט האָב איך אַלץ: לעבן, קאַריערע, ליבע, חלומות, פֿאַנטאַזיעס, טעג, נעכט, אפֿשר אויך זכרונות טייערע... איך שפּיר אַז פֿון איין טאָג צום צווייטן, פֿון איין שעה צו דער אַנדערער, פֿאַרגעס איך וויכטיקע פּרטים פֿון דעם אָדער יענעם ענין, בולטע שטריכן פֿון דעם אָדער יענעם בילד. איך פֿאַרגעס דעם אייגענעם גוף (זע נאָר, זע נאָר, קוק נאָר אָן דיין הולך, מעטער לייבאָוויץ, מאָלער לייבאָוויץ, גרויסער מענטש לייבאָוויץ, מאַן, טאַטע, געליבטער און ליבנדיקער לייבאָוויץ!)

איך פֿאַרגעס, ווו איך האַלט אין דער וועלט, וואָס ס'איז געוועזן און וואָס עס וועט זיין (ניין, דאָס וואָס עס וועט זיין, קען איך נישט פֿאַרגעסן, וואָרעם דאָס איז דאָך שוין מקוים געוואָרן נעכטן: איך האָב פֿאַרשפּילט!). אָבער לאָמיר נאָר אַ קלער טאָן, ווי אַזוי ס'איז דערצו געקומען, ווי אַזוי האָב איך געקענט פֿאַרשפּילן גראָד אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב דערגרייכט מיט איין מאָל אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט געשטרעבט? אַלץ? יאָ, חוץ איר ליבע... פֿאַלעט... „לאָמיר טאַקע אָנהייבן צו קלערן", האָט ער זיך פּלוצלונג דערמאָנט אָן אַן אַלט יידישן פֿאָלקסלידל, „וואָס פֿון צוויי, פֿון צוויי קען ווערן".

*

אָבער אויב שוין יאָ קלערן, טאָ זאָל זשע זיין מיט אַ סדר, מיט אַ טאָלק, פּונקט אַזוי ווי מען באַאַרבעט אַקטן פֿון אַ פּראָצעס. געוויס, דער פֿאַר־

ברעך, וואָס דער באַשולדיקטער זאָל האָבן באַגאַנגען, ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, דאָס בלייבט דער עיקר פון יעדן קרימינעלן פּראָצעס. מען משפּט קיינעם נישט — חוץ אין זייער זעלטענע פאַלן — הלמאי ער איז געבוירן געוואָרן, הלמאי ער איז געקומען אויף דער וועלט. וואָרעם ווען די געבורט וואָלט טאַקע געווען אַ פאַרברעך, וואָלט מען דאַך געדאַרפט משפּטן די גאַנצע וועלט אין איינעם מיט די ריכטער גופא. משפּטן משפּט מען עמעצן נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט אָפּגענאַרט, דערשאָסן, פאַרסמט עמעצן פון זיינע מיטמענטשן. קיינער אָבער ווערט נישט באַשולדיקט אין האָבן זיך גופא אָפּגענאַרט, גלייך ווי ער אַליין וואָלט קיין שום ווערט נישט געהאַט... זייער אַ פאַרפלאָנטערטער ענין; נישט פאַר מיינע איצטיקע אָרעמע געדאַנקען געזאָגט געוואָרן. וועל איך טאַקע אויף דעם דאָזיקן גליטשיקן וועג נישט גיין. אָבער דעם עצם ענין קען איך אויך נישט באַהאַנדלען, ווייל אייגנטלעך האָב איך דאָך, דוכט מיר, קיינעם קיין שום עוולה נישט געטאָן, נאָר זיך גופא האָב איך אָוועקגעשטעלט אין אַ זייט פון לעבן, אויף אַ געפערלעכן שיידוועג, ווו אַ ליאַדע מינוט קען מיר געשען אַן אומגליק.

*

ניין, איך מוז אָנהייבן אַ סך פריער. פון דער קינדהייט מיינער? דאַרף איך אָבער ערשט אויסטרעטן אַ וועג צו איר. אַ מענטש אין מיינע יאָרן קומט נישט צו לויפן פון העלער הויט: קינדהייט, נעם עפן זיך, טוליע מיך צו צו זיך, הער אויס מיינע טענות, טרייסט מיך. ניין, האָרעווען מוז מען, זיך אָפּגיסן מיט שווייס, איידער מען איז זוכה אויפצומאַכן אַ פאָרט־קעלע צו דער אייגענער קינדהייט.

לאָמיר זשע אָנהייבן פון פאַריז, פון דעם מיטן־וועג מיינעם.

בין איך, הייסט עס, אַ פאַריזער מיט פאַריזער צוגלייך, אַן אימיגראַנט ווי אַלע אימיגראַנטן, אפשר מיט אַ ביסל מער פראַנצויזיש ווי אַנדערע, קען זיין, אַז כ׳בין אויך יינגער ווי אַ סך אַנדערע צונויפגעפּאָרענע, פעיקער ווי דער אָדער יענער, און חשק צום לעבן האָב איך אויך אַן אויסער־געוויינטלעכן.

די פיר צייטן

פּאַריז איז אַ שטאָט, וואָס שימערט אין אַלע קאָלירן, אַ שטאָט, וואָס בעט זיך ממש, באַט זיך אָן: „נאַ נעם פון מיר וואָס נאָר דיין האַרץ גלוסט״. אָבער ווי נאָר דו שטרעקסט אויס די האַנט, ווי נאָר דו ווילסט זיך צורירן צו עפּעס וואָס, אַזוי גלייך אַנטלויפט עס פון דיר, באַהאַלט זיך אויס, פאַרשווינדט פון דיינע אויגן. אַ סטודענט בין איך געווען, איך האָב שטודירט יוריספּרודענץ, איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין רייכע טאַטע־מאַמע, וואָס זאָלן קענען שיקן געלט אויף מיין אויסקומעניש, האָב איך געמוזט אַליין פאַרדינען אויפן לעבן. אַנדערע סטודענטן זיצן אָפּ אָוונטן־לאַנג אין די קאַוויאַרניעס, גענעצן אָדער שמועסן וועגן פּאָליטיק, קונסט, לעבן, טויט; איך האָב געוואַשן געפעס אין די רעסטאָראַנען, אויסגעלאָדן וואַגאָנעס אויפן משא־וואָקזאַל, אָדער האַלבע טעג געפּרעסט פרויען־מאַנטלען אין יידישע שניידער־וואַרשטאַטן.

איך באַקלאָג זיך נישט. פאַרקערט, אויף מיינע פאַרשידענע אַרבעט־פּלעצער האָב איך געלערנט אַ סך מער ווי אין אוניווערסיטעט; איך האָב דאָרט זיך באַקענט מיטן לעבן גופא, מיטן לעבן, וווּ אַלץ הענגט אויף אַ האָר, וווּ מען דאַרף זיין אַ זייער געשיקטער אַקראָבאַט, כדי נישט אַרונטערצופאַלן און צעברעכן האַלדז און נאַקן.

איך האָב אין די וואַרשטאַטן נישט פאַרלוירן קיין צייט. פאַרקערט, איך האָב דאָרטן געוווּנען צייט. אויב איך פאַרמאָג היינט צו טאָג אַ ביסל מענטשן־קענטעניש, האָב איך זי געקריגן דווקא אין די דאָזיקע שניידער־וואַרשטאַטן, וווּ איך בין געווען אַן איינפאַך לערניינגל און אַ צילברעט פאַר פאַרשידענע ווערטלעך און אַריינזאָגענישן: „זשאַק! „דידאָן״, האָסט אויסגעפּרעסט דעם „פּאַראַגראַף״, דעם קראַגן וויל איך זאָגן, ווי אַן אמתער לאַ־יוצלח אַן אַדוואָקאַט, וואָס פאַרטיידיקט די הערנער פון אַן אָקס!״ ווערטלעך, ריידלעך אַזעלכע אָן אַ טעם און אָן אַ ריח. אָבער אויך אָן רוגזה... נישט געווען וואָס אין כעס צו ווערן און וואָס זיך אַריינצוטראַכטן אין זיי; זיי זענען גאָרנישט נישט אויסן געווען. זיי האָבן זיך געשאָטן סתם אַזוי און אָן בייזע כוונות.

די מאַשינען קלאַפּן, זיי פאַרלויפן דעם וועג אַלץ, וואָס קען נאָר אונטערקומען מיט אַ רחמנות־פּנימל. אָבער דאָס לעבן איז האַרט. אַלץ איז קאַמף. זיג אָדער מפּלה.

ווידער האָט זשאַק לייבאָוויץ, דער זיגער און דער באַזיגטער צו גלייכער צייט, אָנגערירט דעם „עצם ענין”, דעם תמצית פון זיין אייגענעם פּראָצעס.

אָבער וואָס איז דאָס אייגנטלעך פאַר אַ פּראָצעס? מען זעט דאָך דאָ נישט די ריכטער, נישט דעם באַשולדיקטן, נישט דעם פּאַרטיידיקער. פּראָקוראָר, אַדוואָקאַט און אָנגעקלאָגטער זענען גאָר איין און איינציקער פּאַרשוין...

מען מוז בכן ווידער אויסדרייען דעם דישל אויף צוריק. אפשר וועט דער אָנלויף פון אַ גרעסערן אָפּשטאַנד האָבן מער פעולה און וועט טרעפן גלייך אין פינטל אַריין.

איך האָב ביז איצט מיט קיין איין וואָרט אפילו נישט דערמאָנט די פרוי. וועלכע פרוי? — אַלע פרויען. — אַלע פרויען פון גאָר דער וועלט? — יאָ, פון גאָר דער וועלט, אַלע פרויען צוזאַמען זענען איין פרוי, בתנאי, אַז זי זאָל טאַקע זיין די ריכטיקע, די אמתע, די פרוי, וואָס ווערט קיין מאָל נישט אַלט, בלייבט שטענדיק שיין און יונג.

אַ סך פרויען האָב איך געקענט. שוואַרצע, בלאָנדע, טונקלאָויגיקע, בלויאויגיקע, מיידלעך וואָס זענען ווי באַשאַפן געוואָרן צו ליבע, צו שיינקייט; גלוסטיקע מיידלעך, וואָס האָבן צוגעצויגן צו זייערע פנימער מאַנצבילשע קושן פונקט ווי בלומען ציען צו די בינען צו זיך, און נאָך אַנדערע מיידלעך האָב איך געקענט, וואָס האָבן נאָר געוווסט צו חלומען פון ליבע, דעם ליבע־געגנוס גופא אָבער האָבן זיי רק אָפּגעלייגט אויף שפּעטער.

קיין איינע פון זיי איז אָבער נישט געווען די פרוי, די צוגעפּאַסטע, די באַשערטע. דערפאַר טאַקע האָב איך מיט קיין איינער פון זיי זיך נישט פאַרבונדן אַזוי, אַז מיר זאָל זיך גלוסטן זי זאָל ווערן די מאַמע פון מיינע קינדער.

ס׳איז אַ גרויסע זאַך — אַ מאַמע! אַן אייגענע מאַמע קען מען טאַקע נישט אויסקלייבן, זי איז דיין גורל; דו קענסט זיך פון איר נישט אָפּזאָגן, פונקט ווי די קענסט זיך נישט אָפּזאָגן פון דיין אייגענעם לייב און לעבן, אַ מאַמע פון דיינע קינדער קענסטו יאָ אויסקלייבן. דעם אמת גע־

זאָגט, קומט מיר ערשט איצט אַרויף דער דאָזיקער געדאַנק, איך האָב וועגן דעם פריער קיין מאָל נישט געטראַכט.

נאָר ווי עס זאָל נישט זיין, ס'איז געקומען אַ טאָג ווען איך האָב פאָרט חתונה געהאַט. איך האָב זיך באַקענט מיט איר ביי דער אַרבעט, ביים פּרעסן פרויען־מאַנטלען. איך האָב מיט איר חתונה געהאַט. איך בין אַפילו, קען מען זאָגן, געווען גליקלעך מיט איר. און פאַר וואָס נישט? איז זי דאָך אַזאַ ליבינקע, אַזאַ גוטינקע, מיין שרהלע, שטיל ווי אַ טויב איז זי; זי שטעלט נישט קיין גרויסע פאָדערונגען צום לעבן. ס'איז איר גוט און ווויל, ווען זי קען זיך זאָגן: „מיין זשאַק האָט דאָס און דאָס געטאָן, דאָס און דאָס געזאָגט, אַזוי און אַזוי געהאַנדלט".

איר פּאַסיווער כאַראַקטער האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין איר פּנימל וואָס גרויס אין אים זענען בלויז געווען אירע אויגן.

אַ סך טרויער האָט זיך אין אירע פּעך־שוואַרצע אויגן געהאַט אָנגעקליבן נאָך פון דער צייט, ווען זי האָט געוווינט ביי איר שטיף־מאַמען. פון צייט צו צייט פלעגט זיך מיר איינגעבן — דורך אַ וואָרט, דורך אַ שמייכל — צו פאַרטרייבן אויף אַ רגע דעם טרויער פון אירע אויגן; אָבער די דאָזיקע הפסקה פלעגט קיין מאָל לאַנג נישט געדויערן. דער כמעט איינגעבוירענער אומעט אירער האָט איר אָבער נישט געשטערט מיר צו שענקען גאָר איר אויפמערקזאַמקייט.

וואָס האָט מיר אייגנטלעך געפעלט? מיר איז געגאַנגען נישט שלעכט. איך בין געווען די רעכטע האַנט פון אַ באַרימטן פּאַריזער אַדוואָקאַט, האָב געהאַט אַ שיינע, גוט־מעבלירטע דירה — איך האָב זי נאָך עד היום — האָב געהאַט אַ גוטן שם, איך בין געווען, דוכט מיר, באַליבט ביים עולם, צו ביסלעך האָב איך נאָך אונטערגעמאָלן אויך — אַזוי, פאַר זיך, צום צייט־פאַרטרייב נישט ווי היינט, ווען איך האַלט ביים באַרימט ווערן אי ווי אַן אַדוואָקאַט אי ווי אַ מאָלער־קינסטלער — וואָס דאָס איז, ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט קלינגען, איינע פון די סיבות, ניין, די הויפּט־סיבה פון דעם אומגליק, וואָס מיך האָט געטראָפן.

נאָר וואָס אַזוינס, געוואַלד־געשריגן, האָט מיך דען געטראָפן? וואָס

איז דער פאַרברעך, וואָס איך בין באַגאַנגען, אָדער וואָס אַזוינס האָט אַ צווייטער קעגן מיר געטאָן?

*

שאַ, שאַ, נאָר רואיק, נאָר נישט זיך פאַרפּלאָנטערן. מיר וועלן צוקומען צו דעם אויך. לאָמיר זיך צוריקקערן צו די אומשטאַנדן, וואָס האָבן מיך דערפירט צו מיין טאָט, הגם, ווי איך האָב שוין באַמערקט, איך ווייס נאָך נישט צו וועלכער טאָט. אויב אַפילו איך האָב זיך עפּעס וואָס פאַרזינדיקט, וועל איך אפשר אין לויף פון מיין פאַרטיידיקונגס־רעדע זיך דערשלאָגן צו אַ געהעריקער, דאָס הייסט צו אַ בולטער דעפיניציע פון מיין זינד, אַזוי אַז איר זאָלט וויסן, פאַר וואָס איר גרייט זיך מיך צו באַשטראָפן און אויך פאַר וואָס איך פאַרטיידיק זיך.

איך וואָלט, הייסט דאָס, געקענט זיין גליקלעך, אָדער בעסער געזאָגט: נישט אַזוי אומגליקלעך, אַז די טעג זאָלן ווערן אַ שווערע משא אויף מיינע פּלייצעס, און די נעכט — האַרטע שטיינער אונטער מיין צו־קאָפּנס, ווען נישט די מעשה מיט פּאַלעט. אפשר וואָלט איך איצט גע־דאַרפט טאַקע אָנהייבן דערציילן די מעשה מיט פּאַלעט. ס'איז אָבער שווער זיך צורירן צו דעם. נאָר פאַרפאַלן, אַ פאַרטיידיקער מוז קענען. לאָמיר, בכן, אָנהייבן די מעשה וועגן פּאַלעט.

ס'האָט מיר אָפּגעגליקט צו באַקומען אַ שטעלע ביי דעם באַרימטן פּאַריזער אַדוואָקאַט מעטער ברוי. ווי איר ווייסט, מיינע הערן ריכטער, איז מעטער ברוי אַ פאַרטיידיקער, וואָס האָט נישט זיין גלייכן; די יוסטיץ איז אין זיינע הענט אַ שטיקל טייג, ער קנעט אויס פון איר אַלץ וואָס ער וויל. געפעלט אים, מאַכט ער זי קיילעכיק, שפּיציק אָדער גאָר פּירקאַנ־טיק. אַ קונצנמאַכער איז ער. קוים כאַפּט ער זיך אַריין אין דער וועלט פון די פּאַראַגראַפן און פון די קאָדעקס־אַרטיקלען, ווערט שוין אָך און ווי צו זיי; ער יאָגט זיי אַזוי לאַנג, ביז עס פאַרפעלט זיי אָטעם און זיי הייבן אָן צו שרייען געוואַלד, און אַלץ לטובת דעם אָנגעקלאָגטן.

אַ שאָד, וואָס ער קען מיך נישט פאַרטיידיקן היינט. ער וואָלט אייך שוין געוויזן, וואָס דאָס הייסט באַשולדיקן אַן אומשולדיק־אָנגעקלאָגטן.

איצט פאַרשטייט איר שוין פאַר וואָס איך האָב געזאָגט, אַז מיין לעצ־טער דערפאָלג ווי אַן אַדוואָקאַט, וואָס איך האָב געהאַט ביי דעם טרי־בונאַל פון די געשווירענע, איז שולדיק אין מיין היינטיקן אומגליק? נייןְ? טאָ לאָמיר אייך דערקלערן: מעטער ברוי איז געווען אַן עלטערער מענטש. פערציק יאָר פון זיין לעבן האָט ער זיך אָפּגעוואָלגערט אויפן יוסטיץ־פּראַנט. אין אַלע גרעסערע שלאַכטן האָט ער זיך באַטייליקט, אין אַלע פאַרמאַציעס האָט ער געדינט. האָבן זיינע כוחות — זיין נייגער אויך — צו ביסלעך זיך גענומען אויסשעפּן. ער האָט אָבער געוואָלט אי־בערלאָזן אַ ממלא מקום, עמעצן, וואָס זאָל קענען אים פאַרטרעטן.

מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט האָב איך זיך צוגעהערט צו זיינע עצות און באַמערקונגען. איך האָב ממש געשלונגען די ווערטער פון זיין מויל, מיט גרויס התמדה האָב איך באַקלערט יעדן דריי און קנייטש פון זיין געדאַנק און פון די אויספירן, וואָס ער פלעגט מאַכן אין זיינע פּאַרטיי־דיקונגס־רעדעס; איך בין געווען זיין געטרייער נושא־כלים, אַזוי לאַנג ביז איך האָב געקענט ביי דעם אָדער ביי יענעם פּראָצעס אָנווענדן אין זיין נאָמען — און פאַרשטייט זיך, אין דעם נאָמען פון דעם באַשולדיקטן — זיינע אָראַטאָרישע מאַנעווערעס.

וואָס פאַר אַ הערלעכער ספּעקטאַקל! דער פּראָקוראָר גרייפט אָן. ער איז אויסגעשטאַט — ווי לויטן ענין, וואָס ער באַהאַנדלט, ווי לויט דער גרויס פון דעם אמתן אָדער צוגעטראַכטן פאַרברעך — מיט דעם אָדער יענעם פּאַראַגראַף אָדער אַרטיקל. ער באַנוצט זיך מיטן קאָדעקס ווי מיט אַ קוילנוואָרפער, און דער אָנגעקלאָגטער שטייט בעת מעשה און ציטערט ווי אַ בלאַט. ער איז דאָך דער ציל פון פּראָקוראָרס קוילן. דער קאָפּ פון דעם באַשולדיקטן האַלט זיך קוים נאָך אויף די פּלייצעס. נאָך איידער דער סילועט פון דער גילאָטינע באַווייזט זיך אין דעם הויף פון דער סאַנטע־תפיסה, ווערגט ער אים שוין; אַנישט — אויב דער פאַרברעך זיינער איז נישט אַזאַ גרויסער — וועט מען אָפּשניידן פינף, צען, פופצן יאָר פון דער צייט, וואָס דעם באַשולדיקטן בלייבט איבער צו לעבן, ווען אַלץ זאָל גיין כדרך הטבע. צום גליק אָבער איז פאַראַן עמעצער, וואָס וואַכט, פּאַסט

אויף, כאַפּט אונטער די קוילן, וואָס דער פּראָקוראָר שליידערט, אין מיטן פּלי:

— דו פּראָקוראָר, האָסט זיך עפּעס שטאַרק אָנגעזעצט אויפן אָנגעקלאָגטן, אויפן אומשולדיק־באַשולדיקטן, אין נאָמען פון דער געזעלשאַפט, זאָגסטו, וואָס ווערט אין דער אמתן פון קיינעם דאָ נישט באַעוולהט. דו טוסט עס גיכער אין דיין אייגענעם נאָמען, וואָרעם דו ווילסט זיך דאָך אויסצייכענען. יעדער אָפּגעהאַקטער קאָפּ איז פאַר דיר אַ טראָפּיי, איטלעכע צוגערויבטע פרייהייט איז אַ טעפּעך פאַר דיינע פיס. דער פּאַראַגראַף, וואָס דו שטעלסט אַרויס קעגן אָט דעם מענטשן, איז אַ הענגער אויף וועלכן דו הענגסט אויף דיין נאַרישע גאווה. דער אָנגעקלאָגטער אָבער איז נישט שולדיק. אין ערגסטן פאַל זענען די אומשטאַנדן שולדיק, טאַקע די געזעלשאַפט. די קליינע עבירות, וואָס דער אָדער יענער באַגייט אַ מאָל אויפן אייגענעם חשבון, וואַרפט זי אַרויף אויפן קאָפּ פון אַ צופעליקן שעיר לעזאזל; ער איז אַזוי צו זאָגן, איר אַליבי... נישט דעם אָנגעקלאָגטן דאַרף מען באַשטראָפן, נאָר טאַקע דעם קאָדעקס. לאָמיר מאַכן אַ פּשרה:ביידן, סיי דעם קאָדעקס, סיי דעם צופעליק־אָנגעקלאָגטן, דאַרף מען היילן. און לאָמיר פאַרענדיקן מיטן ווינטשן זיי ביידן — און אונדז אַלעמען, ווייל אַלע זענען מיר מיטבאַטייליקטע אין אַלץ, וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט — מיטן ווינטשן אונדז אַלעמען אַ רפואה שלימה.

דאָס זענען געווען די לעצטע ווערטער אין מיין לעצטער פאַרטיידיקונג־רעדע אין דער אַפּעלע, וואָס האָט געטראָגן דעם טיטל: „די צוויי הברה־לייט”, אַן אַפּעלע פון פאַרגוואַלדיקונג און פון גזלה. די „צוויי חברה־לייט” זענען באַפרייט געוואָרן. דערפאַר אָבער האָט מען מיך אַרויסגעזעצט אויף דער באַשולדיקונג־באַנק. איך האָב אָבער קיינעם נישט פאַרגוואַלדיקט, קיינעם נישט באַגזלט. איר ווייסט עס אַליין, מיינע הערן ריכטער, דערפאַר טאַקע האָב איך קיין שום באַשולדיקונג־אַקט נישט באַקומען. מען האָט מיך נישט געפאָרשט און נישט אויסגעפאָרשט — ביז איצט ווייניקסטנס נישט. איר האָט קיין שום אָנהאַלט־פּונקט נישט קעגן מיר. טיף אין האַרצן ביי זיך ווייסט איר, אַז איך בין אומשולדיק, אַ ראיה. עס געלינגט אייך בשום אופן ואופן נישט צוצופּאַסן מיין כלומרשטן פאַרברעך צו אַ וועלכן

נישט איז פּאַראַגראַף. אַנו, פּרובירט נאָר, וועלן מיר זען... און וואָס אייגנט־לעך באַשולדיקט איר מיך?

אָבער אפשר איז דאָס נאָך ערגער. וואָרעם היות ווי איר קענט מיר נישט אויפווייזן איין פאַרברעך — אַ גרויסן צי אַ קליינעם — באַשולדיקט איר מיך אין אַלע פאַרברעכנס פון דער וועלט...

מעטער ברוי האָט, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, זיך צוריקגעצויגן פון זיין פּראַקטיק. אַ האַרצשלאַק האָט ער באַקומען הערנדיק וואָס פאַר אַ דערפאָלג איך האָב געהאַט ביים פּראָצעס פון די „צוויי חברה־לייט״; פאַר גרויס פרייד מסתמא, וואָס מיר איז דער אַרויסטריט אַזוי געראָטן, און אפשר גאָר פאַר קנאה־שנאה, ווער ווייסט? ווער קען אַריינדרינגען אין דער סתירהדיקער נשמה פון אַ מענטשן? איך פאַרנעם זיך דאָ איצט נישט מיט פּסיכאָלאָגיע, איינס אָבער לאָמיר אייך זאָגן: איך האָב מעטער ברוי נישט דערשטיקט, נישט דערשאָסן, נישט פאַרסמט. חלילה! דאָס איז לייכט צו קאָנטראָלירן. זאָל מען מאַכן אַן אויטאָפּסיע איז זיין גוף! איך בין זיכער, אַז איר וועט דאָרטן קיין שפור פון סם נישט אַנטדעקן, בכל אופן נישט פון אַזאַ סם, וואָס איך זאָל אים, ווי אייך דוכט זיך אפשר, האָבן געגעבן. אדרבא קאָנטראָלירט, פאָרשט... מיין אומשולד וועט, בין איך זיכער, אַרויסשווימען ווי בוימל אויפן וואַסער.

*

דער אמת איז, אַז אויב עמעצער באַוויינט אויפריכטיק דעם טויט פון מעטער ברוי, איז דאָס נישט קיין אַנדערער ווי טאַקע איך גופא, איך, דער באַשולדיקטער, דער אָנגעקלאָגטער, דער פאַרפאָלגטער פאַר אומ־זיסט און אומנישט.

וואָלט ער היינט געלעבט, בין איך מער ווי זיכער, אַז ער וואָלט דאָ אַרויסגעטרעטן בפני כל עם ועדה, אָנגעטאָן אין זיין שוואַרצן קיטל מיט די ברייטע ארבל, און וואָלט אַלע אייערע באַשולדיקונגען געמאַכט כעפרא דארעא:

— וואָס? — וואָלט ער זיך צעשריגן מיט זיין לייבן־קול, אַזוי אַז די פענצטער און טירן וואָלטן געציטערט — מיין מיטאַרבעטער און פאַר־

טרעטער מעטער זשאַק לייבאָוויץ? ווי וואַגט מען דאָס, אָן באַווייזן, אָן אַן אויספאָרשונג, כמעט אָן חשד, אים צו באַשולדיקן אין אַזאַ געמיינער טאַט? איך וויל דערווייל נאָך נישט אַנאַליזירן די עצם באַשולדיקונג, וואָס איז, אגב, נאָך נישט צוגעשטעלט געוואָרן מיין קליענט — אפשר איז זי כלל נישט בנמצא... אָבער קודם כל וועל איך זיך באַמיען אַרויסצושיילן דעם קלימאַט, אין וועלכן זי איז רייף געוואָרן.

לאָמיר צענעמען די אַקטן — די צוגעטראַכטע אַקטן פון דעם היינ־טיקן פּראָצעס — איינציקווייז. ווי שפּינוועבס צעפאַלט אַלץ צו וואָס מען רירט זיך נאָר צו. קונציק האָט דער אָנקלאָגער, צי אפשר גאָר דער צופאַל, קונציק האָט ער, זאָג איך, אַריינגעפלאָכטן מעשים שהיו, אמתע געשעע־נישן, אין פאַסירונגען פון נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. ער האָט משמעות געמיינט, אַז מען וועט אַזוי אַרום אים נישט כאַפּן ביי דער האַנט. אַ טעות, מיינע הערן ריכטער. איך האָב דורכשטודירט די פּראָ־צעס־אַקטן אין דער לענג און אין דער ברייט און האָב, דעם אמת געזאָגט, גאָרנישט נישט געפונען, וואָס קען באַרעכטיקן אַ וועלכע נישט איז באַשולדיקונג. חוץ עטלעכע אָנצוהערענישן, אַ פּראָדוקט פון רכילות, פון נישט־פאַרגינערייי און פון שנאת חינם, געפינט זיך אין די דאָזיקע אויסטערלישע אַקטן גאָרנישט.

מעטער זשאַק לייבאָוויץ איז — אויף דעם קען איך עדות זאָגן — די געוויסנהאַפטיקייט אַליין. מיט וואָס פאַר אַ פלייס ער פלעגט דאָס דורכנעמען די פרעמדע אַקטן, זיי דורכטרייבערן, נישט דורכלאָזן אין זיי קיין איין פּרט, קיין איין פּינטעלע, אין וועלכן ער זאָל זיך נישט אַריינטראַכטן און זיך נישט פאַרטיפן! ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט ער אָפּזיצן אין קאַבינעט מיינעם און איך פלעג אים דאַרפן יאָגן אַהיים. אגב ווייסט איר אַליין זייער גוט, מיינע הערן ריכטער, ווי לאָיאַל מעטער זשאַק לייבאָוויץ איז געווען, ווי ערלעך ער פלעגט זיך באַציען אי צו דעם באַשולדיקטן, אי צו אייך, די באַרופענע צו משפּטן. ער איז אין אָט דעם זאַל גופא, אין איינעם מיט מיר אָדער אַליין, אַרויסגעטרעטן פאַרטיידיקן דעם אמת, זיך איינגעשטעלט פאַר יושר און פאַר רחמנות.

זיין איבערגעגעבנקייט צו זיין פֿאַמיליע — צו זיין פֿרוי און צו זיין טאָכטער — האָט אויך נישט געהאַט קיין גרענעץ. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט אפשר נישט געווען אַזאַ צדיק ווי ער. איך בעט אייך, מײַנע הערן ריכטער, מיך ריכטיק צו פֿאַרשטיין. איך בין דאָ נישט אויסן צו וואַרפֿן אַ ווערלכן נישט איז שאָטן אויף פֿרוי לייבאָוויץ. זי איז באמת אַ זייער בראַווע פֿרוי און פֿאַרדינט דעם פֿולסטן רעספּעקט. געוויס איז זי ווייט צו זיין, ווי מען זאָגט, אַ לויכטנדיקער מעטעאָר און זי קען זיך מיט איר מאַן נישט פֿאַרגלייכן. אָבער דאָס פֿאָדערט מען דאָך גאָרנישט פֿון אַ געוויינטלעכער פֿרוי, פֿון אַ באַלעבאָסטע, פֿון אַ מאַמע פֿון קינדער. אפשר אַ ביסל שולדיק איז זי יאָ אין איר מאַנס שטייגנדיקער פֿאַרביטערונג — נישט קעגן איר גופא, חלילה, נאָר קעגן — ווי זאָל איך דאָס אָנרופֿן? — קעגן זיין געפּענטעטן שווונג. איר ווייסט שוין וואָס איך מיין. מעטער זשאַק לייבאָוויץ איז בטבע אַ קינסטלער, אַ מאָלער. אין די געציילטע פֿרייע שעה זיינע האָט ער ליב געהאַט זיך צוריקצוציען אין זיין צימער און צו מאָלן. זיין פֿרוי אָבער האָט די דאָזיקע קינסטלערישע באַדערפֿעניש זיינע נישט פֿאַרשטאַנען. זי האָט כסדר זיך באַמיט אים זי אַרויסצושלאָגן פֿון קאָפּ — נישט מיט אַ מאָל, נאָר ביסלעכווייז: אַ שטעכווערטל אַהין, אַן איראָנישע באַמערקונג אַהער; צווייידייטיקע אָנצוהערענישן האָבן איר קיין מאָל נישט אויסגעפּעלט, אַפֿילו אין די בעסטע מינוטן פֿון זייער צוזאַמענלעבן. ער פֿלעגט איר קיין מאָל נישט ענטפֿערן, אָבער אין האַרצן ביי אים האָט זיך ביסלעכווייז אַנגעוויקלט אַ דיקער קנויל אַזאַ, וואָס דריקט אויפֿן געמיט און פֿאַרפֿינצטערט די שיין פֿאַר די אויגן.

אייך געשווירענע, וואָס איר זענט אַלע באַווייבטע, דאַרף איך דאָך נישט דערציילן, ווי אַזוי אַ פֿרוי — מעג זי זיך זיין די שענסטע און די בעסטע פֿון דער וועלט, אויב זי העלפֿט נישט איר מאַן מיט בויען זיינע אילוזאָרישע שלעסער אָדער זי ווייזט נישט אַרויס קיין פֿאַרשטענדעניש פֿאַר זיינע פֿאַנטאַסטישע פּלענער — קען אָפּגעפֿרעמדט ווערן מיט דער צייט, טייל מאָל גאָר פֿאַרמיאוסט ווערן. ס'איז נישט קיין נפקא מינה צי די פֿרוי איז מיט אירע באַמערקונגען גערעכט אָדער נישט גערעכט, צי דער מאַן אירער האָט יאָ טאַלאַנט אָדער נישט טאַלאַנט, צי דאָס איז ביי

אים אַן איינרעדעניש אָדער דאָס האָט יאָ אַ וועלכע נישט איז האַפּט און ממשות. איןביידע פאַלן האָט זי צעשטערט אַ וועלט און האָט אָנגעמאַכט אַ חורבן, וואָס זי ווייס — נישט היינט, איז מאָרגן — האָבן צו באַוויינען.

אָט בין איך צוגעקומען צום עיקר, דאָס וואָס ווייזט אויס צו זיין אין אונדזער פּראָצעס די הויפּט־באַשולדיקונג, פאַרשטייט זיך, אויב דאָס אַלץ איז בכלל נישט אַ קאַשמאַר, אַ בייזער חלום אָדער אַן אכזריותדיקער משל צו דעם, וואָס דאָ קומט פאָר: פּאַלעט!

ווער איז פּאַלעט? אויך דאָ קען איך, מיינע הערן ריכטער, אייך זייער גוט צו נוץ קומען ווי אַן עדות, מער נאָך ווי אַן אַדוואָקאַט.

פּאַלעט לעזשאַנדר איז געווען אַ סטענאָטיפּיסטקע־סעקרעטאַרין ביי מיר; אַ מיידל אַ פּשוטע, אָבער נישט אָן אינטעליגענץ. נאָר ביי אונדז אין פראַנקרייך, דוכט מיר, טרעפט מען אַזעלכע מיידלעך, וואָס פאַראייניקן אין זיך אַ שלל מיט מעלות: שיינקייט, פאַנטאַזיע, זאַכלעכקייט, געשיקטקייט, געשמאַק, צוריקגעהאַלטנקייט, טאַקט, הומאָר, באַשיידנקייט, און איבער אַלעם: חן, וואָס וואָלט געקענט קלעקן פאַר צען יונגע פרויען.

איך בין שוין קען מען זאָגן, אַ זקן, איך וואָלט זיך קיין מאָל נישט דערלויבט פאַר אַזאַ ערנסטן פאָרום ווי ס׳איז דער, ווו איך געפין זיך איצט, צו מאַכן אַ ווערזן פון מיידלשע מעלות, וואָס זענען, נאָך אַלעמען, דאָך נישט מער ווי אילוזיע — ווען אין די אַקטן וואָלט זיך נישט געפונען אַן אָנצוהערעניש אויף די כלומרשטע אויסערפּראָפעסיאָנעלע באַציונגען מיינע מיט פריילין פּאַלעט לעזשאַנדר. איך לייקן אין זיי שטיין און ביין. וואָס שייך מעטער זשאַק לייבאָוויץ, וואָס קעגן אים דער עיקר בושעווען דאָך אייערע אקטן — נישט אַזוי מחמת זיין פאַרהעלטעניש מיט פּאַלעט לעזשאַנדר, אַן אמתע אָדער אַן אויסגעטראַכטע פאַרהעלטעניש, און וואָס אויף דעם איז אגב נישט חל דער שטראָף־קאָדעקס — דאַרפט איר ערשט באַווייזן, אַז ער האָט ווייניקסטנס געהאַט בדעה צו דערמאָרדן איינעם פון אונדז דרייען: זי, זיין פרוי אָדער מיך. איך זאָג „בדעה״, ווייל איך האָב גילטיקע באַווייזן, אַז מיר דריי לעבן נאָך. פאַרדאַן, איך האָב געהאַט אַ קליינעם אַריטמעטישן טעות און בעט אייך, מיינע הערן ריכטער, מיר

צו אַנטשולדיקן. איך לעב שוין טאַקע נישט, אָבער מיך האָט געטראָפן אַ פּשוטער האַרצשלאַק, ווי עס פּאַסירט אַזוי אָפט, דערצו נאָך אין אונדזער פאַרשאָלטענער פּראָפעסיע, וווּ מען איז קיין מאָל נישט אָפּגעהיט פאַר שטאַרקע עמאָציעס... אָבער זיי ביידע — דאָס ווייס איך אויף זיכער — זיי לעבן עד היום; עס קען זיי אויפן זינען גאָרנישט אַרויפקומען אים צי באַשולדיקן אין מאָרד.

מיינע הערן ריכטער! דערמאָנט מען דעם טויט, קריכט מען שוין פון אים נישט אַרויס. וויפל מאָל דוכט זיך מיר, אַז, כראָנאָלאָגיש גענו־מען, קומט דעם טויט די בכורה אין לעבן. צו ערשט איז געווען דער טויט, דערנאָך דאָס לעבן... ווען איך האָב אייך דאָ ערשט גע־זאָגט, אַז זיי ביידע לעבן נאָך, האָב איך גאָר פאַרגעסן, אַז פּאַלעט לע־זשאַנדר איז אויך געשטאָרבן: אַ מעשה מיט אַ פאַלשער קימפּעט, מיט אַן אַבאָרט. פרעגט זיך: ווער האָט איר געמאַכט דעם אַבאָרט? אַן אַקו־שערקע, פאַרשטייט זיך. די אויספאָרשונג האָט זיך באַמיט אויסצוגע־פינען דעם שולדיקן אין איר טויט. ביז היינט האָט מען אים נאָך נישט געפונען. קענט איר נישט באַשולדיקן מעטער לייבאָוויץ אין האָבן גע־מאַכט דעם אַבאָרט, וואָרעם אויף דעם האָט איר קיין שום באַווייז נישט — באַשולדיקט איר אים אין מיטהילף. וואָס וועט איר אָבער זאָגן, מיינע הערן ריכטער, אַז איך וועל באַווייזן, אַז נישט בלויז מעטער לייבאָוויץ האָט נישט געהאָלפן פריילין לעזשאַנדר אויסצוגעפינען אַ פושערקע, וואָס זאָל איר מאַכן דעם אַבאָרט, נאָר, אַז זי איז גאָרנישט שוואַנגער געווען פון אים, וואָרעם זי האָט פון לאַנג שוין געהאַט איבערגעריסן אַלע באַ־ציונגען מיט אים, אויב זי האָט בכלל געהאַט מיט אים ווען נישט ווען אינטימע באַציונגען. דאָס גופא איז אויך נאָך אין ספק.

ווי איר זעט, מיינע הערן ריכטער, שוויבלט און גריבלט אין דעם דאָזיקן אויסטערלישן פּראָצעס, מיט אומבאַקאַנטע. קיין איין זאַך איז דאָ נישט זיכער: נישט דער מערדער, נישט דער דערמאָרדעטער, נישט דאָס לעבן און נישט דער טויט. ווי אַזוי זשע, פרעג איך אייך, מיינע הערן ריכטער, קענט איר דאָ עמעצן אין וואָס נישט איז באַשולדיקן? אמת, זיין פרוי, די פרוי פון מעטער לייבאָוויץ, ליגט איצט אַ שווער קראַנקע.

לאָמיר האָפן, אַז זי וועט געזונט ווערן, הגם די דאָקטוירים דיאַגנאָסטי־ צירן זייער אַ בייזע קראַנקייט. אָבער מעטער זשאַק לייבאָוויץ — איר וועט דען נישט? — ליידט פון דער קראַנקייט פון דער פרוי, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט אויפגעהערט ליב צו האָבן. איר הערט? קיין מאָל נישט. טאָ ווען וועט איר דאָ משפטן? ווו איז דאָ דער פאַרברעך?

מיינע הערן ריכטער, דאָס איז די לעצטע פאַרטיידיקונגס־רעדע, וואָס איך האָלט פאַר דעם ערדישן טריבונאַל. גלייבט מיר, אַז אַלץ, וואָס איך האָב געזאָגט, איז ריכטיק און שטימט מיט דער אָביעקטיווערווירקלעכ־ קייט: אין דעם פּראָצעס זענען פאַראַן נאָר קרבנות — און קיין איין מער־ דער נישט. איך גיב צו, אַז ווען ס׳וואָלט געווען אומגעקערט, דאָס הייסט אין פאַל, ווען עס וואָלטן בלויז געווען מערדער אָן קרבנות, וואָלט לייכ־ טער געווען צו משפטן. אָבער אין דעם פאַל וואָלט מען דאָך אַלעמען געדאַרפט משפטן, ווייל אַלע זענען מיר מערדער אין דער ווירקלעכ־ קייט אָדער בלויז אין געדאַנק. טראַגיש אָן אַ שיעור איז דאָס, וואָס מיר אַלע זענען, אי די מערדער אי די קרבנות. נאָר דאָס געהערט שוין נישט צו אייער קאָמפּעטענץ.

אַזוי וואָלט מעטער ברוי, מיינע הערן ריכטער, צו אייך גערעדט, ווען ער וואָלט איצט נישט געווען טויט, אָדער ווען ער וואָלט זיין רעדע געהאַט איבערגעלאָזט אין דער פאָרעם פון אַ צוואה. איך וואָלט אַרויסגע־ קומען פריי פון אייערע הענט, איך וואָלט מיין פּראָצעס געהאַט געוווּנען.

*

„ווער עס געווינט — פאַרשפּילט". איך האָב פאַרשפּילט נישט בלויז פאָלעטס ליבע, מיין ווייבס געזונט, נאָר אַלע מיינע פּראָצעסן, וואָס איך האָב ווען נישט געפירט. איצט בין איך אַלט, אַ שברי־כלי בין איך געוואָרן, איך גיי אַרום אַ נישט־געגאָלטער, אָפּגעלאָזן און קום זיך פאָר אין מיינע אייגענע אויגן ווי אַ פּענכער, וואָס האָט געפּלאַצט. וואָלט מיך כאָטש עמעצער טאַקע אָנגעקלאָגט, אין עפּעס באַשולדיקט — איך וואָלט

דעמאָלט געקעמפט פאַר גערעכטיקייט, פאַר מיין פרייהייט, איך וואָלט אַלעמען באַוויזן מיין אומשולד... אָבער קיינער פרעגט מיך גאָרנישט וואָס און ווען און וויל גאָרנישט וויסן ווער עס איז גערעכט: איך אָדער מיין גורל. אַ צופאַל, זאָגט מען, אַ בייזער צופאַל איז געשען. וואָס אָבער איז דער צופאַל: איך, אָדער דאָס, וואָס איז מיט מיר געשען?

אויפגעוועקט

די אַלפּן זענען פריש באַדעקט מיט שניי. אַ ווייסע באַרגיקע וועלט אונטער דעם בלויען, לויטערן הימל, באַלויכטן פון אַ גאָלדענער זון. די גרינע נאָדל־וועלדער האָבן זיך פאַנטאַסטיש פאַרקליידט אין די שניי־ווינטערדיקע מאַנטלען און קליידער.

די דערפער אין דער הייך זענען פאַרשאָטן מיט שניי און פאַרלאָזן דורך די איינוווינער ביז צום פרילינג.

לעבעדיק איז בלויז אין די ספּאָרט־ערטער.

דאָס דערפל זשואַ ליגט צופוסנס פון אַ שנייִקן באַרג. די לאָדנס און באַלקאָנען זענען איינגעטונקען אין פילפאַרביקייט.. אַ גאַמע פון קאָלירן שפּיגלט זיך אָפּ אין דער ווייטער וועלט: רויט, ווייס, גרין, געל און בלוי־ראָז. אפילו דער שוואַרצער רויך, וואָס טראָגט זיך פון די קוימענס צעגיסט זיך מיט גאָלדיקע שטראַלן און גיט צו חן דעם בילד אַרום.

די שטאָטישע געסט זענען יוגנטלעכע און קינדער, באַגלייט פון זייערע עלטערן — אַלע פריילעכע, לוסטיקע, גאַרנדיקע צו אָטעמען די לויטערע לופט. די זון באַהאַלט זיך אָבער אַרום פיר נאָך מיטאָג הינטער די הויכע בערג־שפּיצן און לאָזט איבער אַ צעגליטן האָריזאָנט איבער די אַלטע סאָסנע־וועלדער.

די געסט פון דערפל זשואַ האָבן זיך געגרייט צו באַגלייטן דאָס פאַרגאַנגענע יאָר און אויפצונעמען דאָס נייע. אסתרקע מיט איר מאַן הערש האָבן אויך צוגעגרייט דעם יום־טוב פאַר זייער ליבלינג עלי — אַ ייִנגל פון דרייצן יאָר, אַ ספּאָרטיוער, גוט־אַנטוויקלטער בחור.

דער נאָכמיטאָג איז געווען אַ רחבותדיקער. דער בלויער הימל האָט נאָך ווייסער געמאַכט דעם פינקלדיקן שניי, איבער וועלכן עס האָט געטאַנצט דער קאַראַהאָד פון די געסט.

אסתרקע איז געפלויגן מיט די גליטשערס, ווי אַ שול־מיידעלע. בלויז

פון ציַיט צו ציַיט איז איר פריַילעכער בליק געפאַלן העט וויַיט, באַרג אַרויף — צו עלי און הערש — דער טאַטע און זון האָבן צוזאַמען זיך געאיבט און איינער האָט געוואָלט איבערשטיַיגן דעם צווייטן.

די זון האָט זיך געזעצט. אירע לעצטע שטראַלן האָבן געשפילט אין די וויַיס־גרויע שאָטנס אויף די שנייבערג. הערש האָט זיך געפונען אויף אַ שפּיץ באַרג און פון וויַיטנס באַוווּנדערט, מיט וואָס פאַר אַ געשיקטקייט עלי איז אַראָפּ אין טאָל אַריַין.

עפּעס האָט אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן, עס דוכט זיך אים אויס בלויז, אַז עלי איז אומגעפאַלן און שטייט נישט אויף. עס דוכט זיך אים בלויז, עס קען נישט זיַין, עס איז נישט אמת! — האָט הערש געטראַכט ווען ער איז אַוועק מיט אימפּעט אין דער ריכטונג צו עלי.

אַ גרופּע מענטשן זענען שוין געשטאַנען אַרום זיַין קינד. עלי האָט דערזען דעם טאַטן און געוואָלט אים באַרויִקן: — ס'איז גאָרנישט, פּאַפּאַ, בלויז אַ פוס איז מיר אַריַין אין דער טיף פון שניי. — זיַין בלייך געזיכט איז שנעל באַדעקט געוואָרן מיט טראָפּנס שווייס.

ביים אַרויפליייגן אים אויף אַ טראָגבעטל האָט עלי געמורמלט: — די מאַמע... ער האָט פאַרמאַכט די אייגעלעך און אין די טריט איבערן סקריפּנ־דיקן שניי האָט ער געגנוי דערקענט זיַין מאַמעס גאַנג. איר געשריי: ע־ל־י! האָט ווי פאַרפרוירן דאָס בלוט אין זיַינע אָדערן.

אין בין־השמשות, ווען די שטערן האָבן זיך גענומען צינדן אין טונקל־בלויען הימל, האָט אויפן שנייִקן וועג באַרג־אַראָפּ געאיַילט צום שטאָטישן שפּיטאָל, אַ שליטל. אסתרקע איז געלאָפן פאַרויס, ווי צו זוכן די ישועה. הערש האָט געצויגן דאָס שליטעלע און געשלונגען די ביטערע טראָפּנס אין זיַין טרוקענעם האַלדז.

די ווינטערנאַכט האָט זיי שנעל אָנגעיאָגט. דער הימל איבער זיי איז איצט געווען זייער הויך און שוואַרץ. בלויז די וויַיטע שטערן האָבן זיך צוגעהערט צו דעם סקריפּן פון זייערע פיס איבער דעם פאַרפרוירענעם שניי.

אסתרקעס אויגן האָבן געזוכט אין דער וויַיטער פינצטערקייט דאָס שטעטל מוטיער. די ציַיט איז געווען אַן אומאויסשעפּלעכער מהלך, דעם קליינעם עלי האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

די סכנה פון פארלירן זיך אין די שנייבערג איז געוואקסן פון מינוט צו מינוט. שווארצע, שווערע וואלקנס האבן זיך שנעל אנגעטראגן איבער זייערע קעפּ און מען האט שוין נישט געזען אויף א מעטער פון זיך. הערש האט זיך איינגעשפּאנט אין דער גראבער שטריק און אנגענומען אסתרקען ביי דער האנט. זיי האבן געשוויגן און געאמפּערט זיך מיט דעם ווינטיקן שניי.

זיי זענען אראפּ פון דעם זייטיקן בארג־פעלדז און זיי האבן דערזען א ים מיט צעצונדענע ליכט, וואס האט געשיינט אין טאל. דאס שטעטל האט זיך אויסגעצירט, כדי צו פייערן דאס אנקומען פון נייעם יאר.

די לאנגע שפּיטאל־־קארידארן, באפּוצט מיט צלמים און בילדער פון הייליקע, זענען געלעגן האלב־פארשלאפן, באשיינט מיט א טונקעלער געל־בלויער ליכט. די הייליקע שוועסטער האט זיי אויפגענומען מיט א רחמנות־דיק־פרום פּנים, וואס איז געווארן נאך פרימער נאכן ראדיאגראפירן עליס פוס. מיט א פּראפעסיאנעלער רואיקייט האט זי אנגעזאגט די עלטערן, אז זייער אומגליק איז נישט פּשוט — עלי האט צעבראכן דעם ביין אויף דריי שטיקלעך, און אין דער לענג.

דער דאקטער, וועמען מען האט טעלעפאניש ארויסגערופן, האט גע־האט ביי זיך געסט און מען האט געדארפט ווארטן.

די מאמע איז געשטאנען ביי זיין בעטל אן אומבאהאלפענע, צוגעקוקט זיך, ווי איר קינד גייט אויס פון די כוחות. דורך דעם פענצטער פון טונקעלן צימער, דורך וועלכן זי האט אויסגעקוקט אויפן דאקטער, האט זי געזען הייזער מיט העל־באלויכטענע פענצטער.

זי האט געביסן אירע פינגער, כדי צו פילן שטארקער איר קינדס ווייטיק. עלין האט שוין פארפעלט כוחות צו שרייען, בלויז זיין ברוסט האט זיך האסטיק געהויבן און אראפּגעלאזט.

שפּעט נאך האלבער נאכט איז די שפּיטאל־שטילקייט איבערגעריסן געווארן. אין דער טיר האבן זיך באוויזן צוויי הייליקע שוועסטער, דער דאקטער און זיין אסיסטענט, באלד נאך זיי — דאס אפּעראציע־וועגעלע.

אסתרקע האט נישט געקאנט פארבלייבן אין דעם ליידיקן צימער מיטן צעווארפענעם בעטעלע פון עלי. איר האט געשווינדלט פאר די אויגן,

זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אין די גרויע, אָפּגעבליאַקעוועטע ווענט און זיך אַרויסגעלאָזט אין די קאָרידאָרן.

הערש האָט שוין פון לאַנג געשפּאַנט איבער די זאַלן, וווּ עס איז געווען אַ ביסל ליכט. דאָס זענען געווען די צוויי זאַלן, וווּ עס האָבן זיך געפונען די איינזאַמע אַלטע לייט, בעיקר פּאַראַליזשירטע, קראַנקע, האַלב־בלינדע, וואָס וואַרטן אויף זייער טויט.

אסתרקע האָט פאַרבלאָנדזשעט צום זאַל פון די געוווינערינס און גע־שלונגען די ווייגעשרייען פון די מאַמעס ערב זייער געבורט. די צוגעזאָגטע שעה פון דער אָפּעראַציע איז געווען לאַנג ווי אַ גאַנץ לעבן.

דער געריש פון אָפּעראַציע־וועגעלע אין די קולוואַרן האָט זי ווי אויפ־געמונטערט פון חלשות.

עלי איז געשלאָפן רואיק נאָכן כלאָראָפאָרם. די שוועסטער, וועלכע האָט זיך געשטעלט ביי זיין בעטל, האָט פאַרזיכערט דער מאַמען, אַז העכסטנס אין אַ האַלבע שעה אַרום וועט ער זיך אויפוועקן.

דער גרויער פרימאָרגן האָט אָנגעזאָגט דעם באַגינען, אָבער עלי איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו זיך.

אסתרקעס צווייפל האָט זיך איינגעפרעסן אין אַלע אירע גלידער. זי האָט אונטערגעכאַפּט דעם טעלעפאָנישן געשפּרעך מיטן דאָקטער, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קומען אַזוי פרי.

אסתרקע האָט איצט געבלאָנדזשעט איבער די זאַלן פון די קראַנקע, וועלכע האָבן זיך געקוויקט מיטן קומענדיקן טאָג. אירע שרעקעדיקע אויגן האָבן געזוכט הילף פאַר איר קינד.

זי האָט אָנגעכאַפּט יעדע קראַנקנשוועסטער און געבעטן צו ראַטעווען איר עלי. דער אומרו איז געוואַקסן ביי איר ביז וואַנזיניקייט. זי וואָלט געשריגן, אָבער זי האָט נישט געקענט אַרויסברענגען דעם מינדסטן קלאַנג פון איר האַלדז.

זי איז צוריק אַריין אין צימער צו עלי. דאָס קינד איז נאָך נישט גע־קומען צו זיך. ווילדע געדאַנקען האָבן זי גענומען פייניקן. דער גאַנצער שפּיטאָל האָט זיך גענומען וואַקלען אונטער אירע פיס, ווייסע פלאַמען האָבן אַרומגעכאַפּט די געביידע.

זי איז געלאָפן פון איין זאַל צום צווייטן, פון איין שטאָק אויפן צווייטן, זי האָט דערזען דעם אָפּעראַציע־זאַל.

אַ בלוטיקער פלעק איז געלעגן אויף אַ ווייסן ליילעך, זי האָט שנעל אַראָפּגעכאַפּט דעם ווייסן ליילעך מיטן רויטן פלעק און איז ווי אויפגעפלויגן אין דער לופטן.

מיט איין מאָל האָט זי זיך געפונען אין דעם טורעמל פון מעשענעם גלאָק. איר בליק האָט אויפגעכאַפּט דעם גראָבן שטריק, אירע הענט האָבן זיך צעפלאַטערט און אים אַ צי געטאָן. אירע אויערן זענען פאַרטויבט געוואָרן פון רעשיקן קלינגען, וואָס האָט זיך צעגאָסן איבער דעם אָנקומענדיקן טאָג.

זי מוז איר עלין אויפוועקן — האָט זי שטום געטענהט צום קלינגענדיקן גלאָק.

אַלע קראַנקע האָבן זיך אַראָפּגעכאַפּט פון זייערע בעטן. אַ נס איז געשען, דער גלאָק האָט זיך צעקלונגען — האָבן געשעפּטשעט די הייליקע שוועסטער און זיך צעזונגען אין אַ געבעט.

עלי האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער אין די ווילדע גלאָקן־קלאַנגען. זיין ערשט וואָרט איז געווען: מאַמע!

אזא יוגנט

אַ פאַרפלאָנטערטער קנויל פון ליכט, פון רויך און פון מענטשלעכע סילועטן האָט זיך געשאָקלט אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף, ווי עפּעס אַ הוידע, וואָס קען זיך קיין אָרט נישט געפינען אין חלל. ווי סיגנאַלן האָבן זיך אין דער דאָזיקער געדיכטער שטיקעניש אַריינגעשניטן די פאַר־בענקטע טענער פון דער דזשאַז־מוזיק און האָבן דאָ און דאָרט אָנגעצונדן אַ פייערל פון לוסט, וואָס האָט געצויגן גאָר זיין יניקה פונעם אַלקאָהאָל, וואָס די יונגע לייט, בחורים און מיידלעך, האָבן גלעזערווייז געהאַט געטרונקען. די טאַנצנדיקע שאָטנס האָבן זיך באַמיט אויסצומישן זייערע געדאַנקען אַזוי, אַז קיינער פון זיי זאָל נישט מער וויסן ווער און וואָס ער איז, ווער און וואָס עס איז דער צווייטער. איטלעכער האָט ווי געוואָלט פאַרשווינדן אין דעם צווייטן און איבערלאָזן נאָר זיין לוסט ווי אַ זכר פון זיין געביין.

אַן אונטערגייענדיקע שיף. יעדערער זוכט זיך צו ראַטעווען, אָבער ווי נאָר זיין בליק פאַרטשעפּעט זיך, שטויסט ער זיך אָן אין זיך גופא; אין זיינע אייגענע צעדריבלטע געדאַנקען, אין זיינע אייגענע צעטומלטע פאַרלאַנגען, אין זיך אַליין, אין דעם „זיך", וואָס ווייס נישט ווו איין און ווו אויס און קען זיך נישט באַפרייען פון דער געדיכטער פאַרנעפּלטער נעץ.

געהייסן האָט עס: אַ חברה בחורים און מיידלעך זענען געקומען אַהער פאַרברענגען; אייגנטלעך זענען זיי געקומען אויסברענגען דאָ אַ שטיק נאַכט, וואָס ביי זיך אין דער היים האָט קיינער נישט געהאַט ווו אַהינ־צוטאָן, אַ שטיק אַלטע, שמוציקע נאַכט. האָבן זיי טאַקע געריסן דאָ פון איר שטיקערווייז, זיי האָבן זי צעטראָטן, האָבן זי פאַרפּייניקט און האָבן אַליין געליטן פון אירע יסורים.

געקומען אַהער בין איך מיט פראַנסין. פראַנסין איז אַן אָפּטע איינ־גייערין דאָ. זי קען אויסגעבונדן אַלע בחורים און מיידלעך, וואָס זענען געקומען צו דער „סיורפּריז־פּאַרטיע". מען האָט גלייך געזען, אַז פראַנסין

איז אַ היימישער מענטש אין דעם דאָזיקן פּלאָנטער פון געדעמפּטן ליכט, פון צעלאָזענער מוזיק און פון קאַפּריזנעם ווילטאָג, וואָס איז געהאָנגען אין דער לופטן איבער אַלעמענס קעפּ. זי האָט זיך דורכגעשלענגלט דורך די שמייכלען, וואָס אַלע האָבן איר צוגעוואָרפן, דורך די פּילדייטיקע ריידעלעך, מיט איר גראַציעזן גענגעלע, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן לייכט אויף הינטן. אַלץ אין איר האָט עדות געזאָגט אויף איר גרויסער באַהאָוונטקייט אין די ענינים פון אַ „סיורפּריז־פּאַרטיע".

זי האָט נישט באַוויזן צוצופאַלן צו דער סאָפקע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקעלע. עמעצנס אָרעמס האָבן זי אויפגעכאַפּט.

איך בין געזעסן אויף דער סאָפקע און האָב זיך צוגעקוקט צום טאַנץ. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און אויך איך בין אַריינגעצויגן געוואָרן אין קאַראַהאָד. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז כ'בין ממשיך מיט מיין פאַרטער נערקע אַ שמועס, וואָס עמעץ פאַר מיר האָט מיט איר געהאַט געפירט.

וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ שמועס? איך האָב איר מסתמא געזאָגט, אַז זי טאַנצט זייער גוט, אַז זי האָט שיינע אויגן, אָבער נאָך שענער איז דאָס שמייכעלע אירס. איך האָב איר געגעבן צו פאַרשטיין, דערמאָן איך זיך, אַז אין דרויסן רעגנט. נעכטן האָט שוין גערעגנט אַ גאַנצן טאָג, היינט רעגנט ווידער. מאָרגן, קען זיין, וועט ווייטער רעגענען, אויב מיר וועלן נישט אָננעמען קיין שטרענגע מיטלען. יאָ, זי האָט, דערמאָן איך זיך, מיך אויסגעלאַכט, אַ שטיל געלעכטערל האָט זיך אַרויסגעקייקלט פון אירע פיין־געשניצטע רויטע ליפּן. זי האָט משמעות פאַרשטאַנען, אַז דער רעגן איז נאָר אַ משל. דער נמשל אָבער זענען מיר אַלע, איך, זי, די גאַנצע וועלט...

— וואָס קען מען טאָן? — האָט זי מיך געפרעגט.

— וואָס מען קען טאָן? — האָב איך זי איבערגעפרעגט און האָב איבערגעכאַפּט דעם אָטעם — מאַלע וואָס מען קען טאָן. קודם־כל דאַרף מען וויסן, אַז אויב מען איז נאָך אַזוי יונג ווי מיר, איז דאָס נישט בלויז, כדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט מאָרגן עלטער, איבערמאָרגן נאָך עלטער צו ווערן.

— רעדט דייטלעכער אַ ביסל — האָט זי מיר אַ זאָג געטאָן — איר

האָט גערעדט וועגן רעגן, דוכט מיר, וועגן יוגנט? וואָס קען מען טאָן אין אַזאַ פאַל?

— ווייטער טאַנצן — האָב איך איר געענטפערט.

זי האָט מסכים געווען. און געטאַנצט האָט זי לייכט ווי אַ פעדערל. זי איז געווען אַזוי שטאַרק דורכגעדרונגען מיט דער מוזיק, אַז ס'האָט זיך געדוכט, ווי זי גיט אָן דעם ריטעם פון טאַנץ, נישט די גראַמאַפאָן־פּליטע.

אַן אומעטיקער שמייכל האָט אַרומגעשוועבט אויף איר פּנים.

— דאָ איז אַלץ אַזוי איינטאָניק — האָט זי סוף כל סוף זיך אָפּגערופן

— די „סיורפּריז־פּאַרטיעס" זענען אַזוי ענלעך איינע צו דער צווייטער, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. ס'איז לאַנגווייליק. מיר דוכט זיך, אַז איך ווער פאַרגליווערט פאַר לאַנגווייל. אפשר האָט איר, פילאָזאָף, אַ סגולה קעגן דעם דאָזיקן לאַנגווייל?

— אַ סגולה קעגן דעם לאַנגווייל? יאָ, איך האָב אַן אויסגעצייכנט מיטל — ליבע.

זי האָט זיך ווידער פונאַנדערגעלאַכט:

— נאָ דיר אַן אָריגינעל מיטל: ליבע! זאָגט מיר נאָר, וווּ, אין וועלכן בולוואַר־ראָמאַן, האָט איר דאָס געפונען אָט דאָס זייער טשיקאַווע מיטל?

— איר האָט אַוודאי פאַרהערט — האָב איך זיך פון דאָס ניי אָפּגערופן — מיין מיטל הייסט: ליבע.

— יאָ, יאָ, איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס איר מיינט. קען איך אייך אָבער זאָגן, אַז נישט דאָס מיטל איז ניי, און נישט עס העלפט קעגן לאַנגווייל. פאַרקערט: דער לאַנגווייל שטאַמט טאַקע פון דער ליבע.

— מוז איך אייך איצט פרעגן, מיין טייערע...

— קאַלעט הייס איך.

— מוז איך אייך פרעגן, מיין טייערע קאַלעט, ווער האָט דאָס אייך דערציילט אַזאַ שרעקלעכע זאַך? אין וועלכן בוך האָט איר דאָס געלייענט?

— מיין אייגענע דערפאַרונג האָט עס מיך געלערנט.

— איר מאַכט אַ וויץ. אַזוי יונג ווי איר זענט, אַזוי שיין ווי איר זענט. איר קוקט אויס דווקא פאַרבענקט נאָך ליבע, ניין... פאַרענטפערט זיך נישט. ס'איז דווקא אַ מעלה פאַר אַ מיידל צו זיין פאַרליבט...

— איר האָט אַ טעות, מיין טייערער, איך בין נישט פאַרליבט, איך בין נאָך קיין מאָל אין מיין לעבן נישט געווען פאַרליבט, אין זיך אַליין אויך נישט, און דאָך ווייס איך פון דער דערפאַרונג, אַז ליבע איז די לאַנג־ווייליקסטע זאַך אין דער וועלט.

— נישט שוין זשע? — האָב איך זיך געוווּנדערט — ווי אַזוי קאָן מען אַרויסדרינגען פון דער אייגענער דערפאַרונג אַן אורטייל איבער עפּעס אַזוינס, וואָס מען האָט איינער אַליין נישט דורכגעמאַכט אין לעבן?

— ס׳איז יאָ מעגלעך — האָט זי מיר געענטפערט — איר האָט גע־לייענט „חלשות" פון סאַרטערן?

— איצט פאַרשטיי איך שוין פון וואַנען אייער „דערפאַרונג" נעמט זיך.

— ניין — האָט זי פּראָטעסטירט — דאָס דאָזיקע חלשות־געפיל האָב איך שוין פאַרמאָגט נאָך איידער איך האָב געהאַט געלייענט סאַרטערס בוך. ווען איך בין אַלט געווען פופצן יאָר, פלעגט מיך אָנכאַפּן אַ חלשות־געפיל ווען איך פלעג רעדן וועגן ליבע.

— אַ קעגנערין פון ליבע צו פופצן יאָר, ווי קען דאָס געמאָלט זיין? — האָב איך זיך געוווּנדערט און בעת מעשה זיך באַמיט אויפצוכאַפּן איר בליק.

זי האָט נאָך אַלץ געשמייכלט מיט די ווייסע דריבנע ציינדלעך אירע און מיט אירע גאַרנישט געלאַנגווייליקטע אויגן, וואָס האָבן ווי אָפּגעלייקנט אַלע אירע פריערדיקע רייד. מיינע געדאַנקען זענען געהאַנגען אויף אַ האָר. שווער איז מיר געווען זיי ממשיך צו זיין סתם אין דער וועלט אַריין, און נאָך שווערער — זיי אָפּצושטעלן. מיין בליק האָט אַרומגעבלאָנדזשעט פון איינעם צום צווייטן. אַלץ האָט מיך דאָ אינטערעסירט און געשראָקן. כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, ווי איך וואָלט געזעסן אויף אַ ברעג טייך און אַ גאָלדן פיי־שעלע צאַפּלט זיך אויף מיין ווענדקע, אָבער אַרויסשלעפּן דאָס פישעלע פון וואַסער קען איך נישט. אַ פליושק געטאָן אין דעם פאַרחלומטן טייכל — און דאָס פישעלע איז פאַרשוווּנדן.

אַ פליושק געטאָן, און די מוזיק — אַ געיעג פון טענער און פון פאַרבן — איז אַנטשוויגן געוואָרן. קאָלעט האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון מיינע

הענט, זי האָט אַרויסגעכאַפּט פון עמעצנס מויל אַ ברענענדיקן פּאַפּיראָס, האָט זיך פאַרצויגן און איז פאַרשווונדן פון מיינע אויגן.

פראַנסין האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט אַלע חברה־לייט. דאָ, אַלע געהערן זיי צו דער פּאַריזער „גאָלדענער" יוגנט, וואָס וויל „אונטערצינדן אַלע בריקן הינטער זיך". ווער מיר טאַטע? וואָס מיר מאַמע? פאַראורטיילן. דערעסן האָבן די כסדרדיקע פאַרוואורפן, וואָס טאַטע־מאַמע מאַכן, צוגעגעסן האָבן זיך די שול־אויפגאַבעס און די אַלגעבראַאישע פאָרמולעס, פון האַלדז קריכט שוין די געשיכטע פון פראַנקרייך און די געאָגראַפיע. דאָס אַלץ קלעפּט זיך נישט מער צו די גלוסטעניש צו לעבן אויף איין מאָל דאָס גאַנצע לעבן, אויף איין מאָל...

ווער וועט גיין זיי זאָגן אַ דעה? איז דאָס דען זייער שולד וואָס זיי זענען נאָר זעכצן, זיבעצן יאָר אַלט און דעריבער זענען זיי, זאָגט מען, נאָך צו יונג צו געהערן צו דער אונטערוועלט? דאַרפן זיי דען דעריבער זיך לאָזן פירן פון טאַטע־מאַמע פאַר די הענט ווי קליינע קינדער, וואָס מען האָט מורא זיי זאָלן זיך נישט אויסגליטשן און זיך צעקאַלעטשן חלילה אַ הענטל, אַ פיסל? צו וואָס? מען וויל זיי נישט נעמען ערנסט? ס'מאַכט נישט אויס, אויך זיי ווייסן ווי אַ רעוואָלווער זעט אויס. אויך זיי קענען שיסן, ווען מען דאַרף, און אַ קויל פון זייערן אַ רעוואָלווער טרעפט פונקט אַזוי גוט ווי אַ קויל פון אַן אמתן חברה־מאַן.

עס פרעגט זיך נאָר: ווען זאָל מען שיסן? ווען? און צוליב וואָס? מען קען ווערן אַ מערדער מחמת רויב־גלוסטעניש. מען קען אויך דערהרגענען, ווייל מען איז פאַרליבט, אָדער ווייל מען האַסט די גאַנצע וועלט... אָט איז אייגער אַ שלימזל גראָד געקומען אונטער דער האַנט, דאָס האָט זיין גורל אים אונטערגעשטעלט אַ פיסל, און דו ביסט דאָ אייגנט־לעך גאָרנישט שולדיק, דיר האָט זיך פלוצלונג, דו ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס, פאַרוואָלט שיסן — האָסטו געשאָסן, און פאַרטיק! מען קען אויך באַגיין זעלבסטמאָרד. זעלבסטמאָרד איז דער טייטש: מען ברענגט זיך אַליין אום — און מען איז נישטאָ. דאָס איז אַן אַקט פון העלדישקייט. אין איין מינוט ווערט מען אַ העלד אין דער טיפסטער אייביקייט אַריין. אַ שאָד נאָר אַ גרויסער, וואָס נאָכן טויט קען מען קיין הנאה נישט האָבן פון דער

באַוווּנדערונג מצד די חברים און חבר'טעס... אויב מען האָט אַ רייכע פאַנ־טאַזיע, קען מען נאָך אין דער לעצטער מינוט אַרויסכאַפּן פון דעם „שפּע־טער", אויב נישט דאָס גאַנצע בילד פון דער לוויה, וואָס וועט פאָרקומען, איז כאָטש עטלעכע מאָמענטן, אַ שטייגער טאַטע־מאַמעס אַ טרער, אַ זיפץ, עמעצנס מיטגעפיל.

ווי מען זעט, האָט דער טויט אַ סך געשטאַלטן, אַ סך פאָרמען. נאָר צו ערשט דאַרף מען זיין אַ „האַרטער" פּאַרשוין, און פּאָר גאָרנישט מורא האָבן. איין מאָל לעבט מען און איין מאָל שטאַרבט מען. אַלע זאַכן זענען איינמאָליק. דערווייל אָבער איז מען פריילעך, זאָרגלאָז. אין דער היים איז מען געפּענטעט און געשמידט. מען טראָגט דעם נאָמען, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן געגעבן: זשאַן אָדער זשאַנעט, האַנרי אָדער האַנריעט, פּאָול אָדער פּאָולעט. ווען מען איז אָבער צווישן זיך, איז מען פריי און די נעמען זענען אונטערוועלטישע: „פּעפּע קרעווקעור", „זשאָ לאָ וואַש", „דעדע לע סיפלעור". ווען מען איז צווישן זיך, קען מען רעדן ווי די אונטערוועלט רעדט, אויף אַ שפּראַך, וואָס אירע ווערטער זענען ווי הייס־גליענדיקע שפּיזן און איר גראַמאַטיק איז — הפקר אַ וועלט. צום טייוול אַלע נישט־געבעטענע אַפּוטראָפּסים! צום טייוול דער טייוול גופא מיט זיינע מיאוסע גרימאַסן און מיט זיינע טייוולאָניש־מאָראַלישע איינרעדענישן און אויסרע־דענישן.

איך האָב קנאַפּ וואָס געהאַט געטרונקען, איך בין, ווייזט אויס שיכור געוואָרן פון דער לופט, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אַלקאָהאָל. דער גראַמאָפאָן גופא האָט זיך געדרייט ווי אַ שיכורער. אַלע רגע האָט ער אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ ווילדן קוויטש, וואָס האָט זיך הענדום־פּענדום געיאָגט איבער די קעפּ. אַ ליאַרעם, אַ געשריי, געוואַלטן, טענות. וואָס קומט דאָ פאָר? ווו בין איך? און ווען עס האָט גענומען זיך אַרויסשיילן אַ באַ־קאַנט פּנים פון אַ מיידל, וואָס איך האָב שוין געהאַט אַ מאָל באַגעגנט אין אַן אַנדער אָרט, האָט זיך מיר געדוכט, ווי איך וואָלט פון אַ ווילדעניש ענדלעך זיך דערשלאָגן צו עפּעס אַ ישוב.

זי האָט מיך אויך באַלד דערקענט. זי האָט אויסגעזען אומעטיק און זיך געהאַלטן אין אַ זייט פון דעם טאַנצנדיקן קנויל. פּאַמעלעך האָט זיך

צווישן מיר און דעם מיידל פונאַנדערגעוויקלט אַ שמועס, אַ מעשה מיט אירן אַ באַקאַנטן, וואָס איז יענעם טאָג אומגעקומען אין אַן אויטאָ־פּאַרפּאַל. דער גוף זיינער איז געווען אַזוי שטאַרק צעקאַליעטשעט, אַז ס'איז אַפילו פּאַר זיין אייגענער מאַמען שווער געווען אים צו דערקענען. דאָס איז געווען אַ בחור, וואָס איז קיין מאָל נישט געפאָרן ווייניקער ווי הונדערט צוואַנציק קילאָמעטער אַ שעה. זיין איינציקער אידעאַל אין לעבן איז געווען געשווינדקייט, ער איז געווען... זי האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ. אין אַ רגע אַרום האָט זי מיך אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם און מיט אַ צעבראָכענער שטים האָט זי מיך אַ פרעג געטאָן:

— איר האָט דאָך אוודאי געקענט וויקטאָרן?

— וועלכער וויקטאָר?

— דער, וועלכער פלעגט שטענדיק שפּילן האַרמאָניקע אויף אונדזערע עקסקורסיעס.

— אַ סימפּאַטישער בחור. ס'איז עפּעס געשען מיט אים?

— ניין, מיט אים גופא איז גאָרנישט געשען, אָבער...

— אָבער וואָס?

— זיין מאַמע איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

— פאַר וואָס? ווי אַזוי?

זי האָט נישט געענטפערט. מיט אַ גלעזערנעם בליק האָט זי מיך אָנגעקוקט. פּלוצלונג בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ ווירבל־שטורעם. אַ נישט גוטער איז אין מיר אַריינגעשפּרונגען. האָט מיך עמעץ אומגערן אַ שטויס געטאָן? האָב איך זיך אויסגעגליטשט? איך ווייס נישט. אַ טישל איז אומגעפאַלן, נאָך אַ טישל, עטלעכע פלעשער האָבן זיך צעבראָכן. ווייַן האָט זיך געגאָסן אויפן דיל, טאַנצנדיקע פּאָרלעך האָב איך אומגעוואָרפן. פון אַלע זייטן האָט מען מיך געשטויסן. מען האָט מסתמא געמיינט, אַז איך בין טויט־שיכור, און שווערן קען איך ביי אַלץ, וואָס איז מיר הייליק, אַז איך בין געווען פולשטענדיק ניכטער, ווייל אייגנטלעך האָב איך דאָך כמעט ווי גאָרנישט געהאַט געטרונקען. אַ צוויי־דריי גלעזלעך אין גאַנצן. וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס? עס קען אָבער אויך זיין, אַז דער אַלקאָהאָל, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט אין דער לופט האָט מיך באַרוישט. און אפשר

האָט מיך די ידיעה פון דעם זעלבסטמאָרד אַזוי שטאַרק געטראָפן. אָבער פאַר וואָס אייגנטלעך? איך האָב זי דאָך נישט געקענט. איך האָב זי קיין מאָל נישט געזען פאַר מיינע אויגן. איך ווייס נישט ווי זי קוקט אויס. איך קען זיך נישט פאָרשטעלן די סיבה פון איר זעלבסטמאָרד. ניין, איך האָב פשוט פאַרטשעפּעט אַ פּיסל פון אַ טישל, איז עס אומגעפאַלן. אַזאַ ענגשאַפט איז דאָך דאָ אויף דער „סורפּריז־פּאַרטיע"! אָבער ווי אַזוי פאָרט בין איך פּלוצלונג אומגעפאַלן? אַלץ די אייגענע מעשה מיטן זעלבסטמאָרד פון אַ פרוי, וואָס איך קען נישט, וואָס איך האָב קיין מאָל נישט געזען. „נישקשה, דערמאָן זיך", האָב איך זיך גופא צוגעשושקעט. מסתמא זענען דאָך פאַראַן אויף דער וועלט אַזעלכע סודות, וואָס וואַרפן זיך נישט גלייך אין די אויגן, דאַרף מען דעריבער זייער לאַנג זוכן, ביז מען אַנטדעקט זיי, און האָט מען זיי שוין אַנטדעקט, דאַרף מען נאָך דעם זייער לאַנג זיך מיען, נישטערן אין אַלע פעלדעלעך פון דעם זכרון, ביז מען געפינט אויס עפּעס אַ שייכות צווישן זיי און זיך.

בקיצור, מיט איין מאָל בין איך געשטאַנען אַנגעלענט אין דער צע־מענטענער פאַרענטשע פון פעראַן אויפן ברעג פון דער סענע. אין מיין מוח האָט נאָך עמעצער אַלץ געהאַלטן אין נישטערן אַן ענטפער אויף דער פראַגע וואָס פאַר אַ שייכות דער זעלבסטמאָרד קען האָבן מיט מיר.

א בלעטל פון א טאָגבוך

איצט האָט שוין האַנרי געוווּסט, אַז זיין מאַמע האָט זיך אָנגעטאָן אַ מעשה. אים האָט זיך אָבער געדוכט, אַז אויב ער קען נאָך נישט געבוי די סיבות, וואָס האָט זיין מאַמען געטריבן אין טויט אַריין, איז זי נאָך נישט אין גאַנצן געשטאָרבן. אייגנטלעך האָט דאָך זיין מאַמעס טראַגעדיע זיך אָנגעהויבן נאָך מיט יאָרן צוריק. זיין טאַטע איז מיט צוויי יאָר צוריק אַוועק פון שטוב, און דאָס האָט דאָך גורם געווען זיין מאַמעס טראַגישן באַשלוס. און דאָך...

ווי נאָר האַנרי איז צוריקגעקומען פון די פעריען, האָט אים זיין מאַמעס מאַמע אַריינגענומען צו זיך אין שטוב אַריין. זיין באָבע האָט נישט געוואָלט, אַז ער זאָל בלייבן איינער אַליין אין די טויטע חדרים צווישן דעם טויטן מעבל.

פאַר דער מאַמעס טויט פלעגט ער דעם טאַטן זעלטן ווען זען, איצט אָבער קומט צו אים דער טאַטע יעדן טאָג. אַ פאַרסאָפּעטער פאַלט ער אַריין, ער קען קוים אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ווי ער וואָלט צענדליקער קילאָמעטער געלאָפן צו פוס. תמיד האַלט ער אַ צייטונג אין האַנט, ער דרייט זי, ער קאָרטשעט זי צווישן די פינגער.

— גוט נאָוונט, מיין קליינער האַנרי.

— גוט נאָוונט, פּאַפּאַ.

— וואָס מאַכסטו?

— אַ דאַנק, גוט.

— האָסט שוין געגעסן אָונטברויט, האַנרי?

— איך האָב שוין געגעסן אָונטברויט, פּאַפּאַ.

— אַזוי, אַזוי... און אין שול ביסטו היינט שוין געווען, האַנרי?

— איך בין היינט געווען אין שול, פּאַפּאַ.

— אַזוי, אַזוי... און וואָס הערט זיך ביי דיר אין קלאַס, האַנרי?

— גאָרנישט קיין נייעס, פּאַפּאַ.

— עס פעלט דיר גאָרנישט, האַנרי?

— עס פעלט מיר גאָרנישט, פּאַפּאַ.

— מער האָסטו מיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן, האַנרי?

— מער האָב איך דיר גאָרנישט וואָס צו זאָגן, פּאַפּאַ.

גאָרנישט טאַקע? ניין, ס'איז אַ ליגן! האַנרי האָט דווקא געהאַט אַ סך וואָס צו זאָגן זיין טאַטן, נאָר ער האָט עפּעס קיין ווערטער נישט געפונען. די ווערטער האָבן זיך אים געפּלאָנטערט אויף דער צונג, אומגעלומפּערטע ווערטער, ביטערע, גליטשיקע, קלעפּיקע. ער האָט זיי נישט געקענט אַרויס־ברענגען פון זיך, זיי האָבן אים ווי געטאָן, געשטאָכן, געוואָרגן. ער האָט מסתמא געוואָלט זאָגן זיין טאַטן, אַז ער ווייס פאַר וואָס זיין מאַמע האָט זיך אומגעבראַכט.

— קען איך שוין גיין, האַנרי? — הייבט זיך אויף זיין טאַטע פון שטול מיט פּיצלעך צייטונגספּאַפּיר אין דער האַנט.

— יאָ, פּאַפּאַ — ענטפערט האַנרי מיט אַ פאַרשטיקט קול — קענסט שוין גיין, פּאַפּאַ — און ער גיט צו שטילערהייט — זיך אומברענגען...

די לעצטע ווערטער האָט דער טאַטע נישט געהערט. הינטער זיין רוקן זענען זיי אים געזאָגט געוואָרן. אָ, ניין, מחמת מורא האָט אים האַנרי זיי נישט אַריינגעשליידערט גלייך אין פּנים אַריין, און נישט דרך־ארץ האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפון, נאָר פיזישע שוואַכקייט, און אפשר האָט גאָר האַנרי זיך געשראָקן, אַז זיין טאַטע — מאַלע וואָס עס קען טרעפן — קען אים נאָך פאָלגן און טאַקע גיין זיך אָנטאָן אַ מעשה? האַנרי וואָלט פון דעסטוועגן נישט געוואָלט, אַז דער טאַטע זיינער זאָל זיך אומברענגען. האָט ער ליב געהאַט זיין טאַטן? געוויס נישט, וואָרעם ער האָט דאָך גורם געווען זיין מאַמעס טויט. ניין, אויך ער, האַנרי, האָט גורם געווען זיין מאַמעס טויט... וואָס? געוויס, דערפאַר טאַקע ווילט זיך אים, אַז עמעצער, אַ גרויסער, אַ שטאַרקער, וועמען מען מוז פאָלגן, צי מען וויל יאָ, צי מען וויל נישט, זאָל קומען צו אים און אים זאָגן: „האַנרי, גיי, ברענג זיך אום!" ניין, נישט זיין טאַטן, נישט זיין באָבען האָט ער ליב, נאָר ער וויל נישט,

זיי זאָלן זיך אומברענגען, ער וויל נישט, זיי זאָלן שטאַרבן. דאָס איז נישט קיין אויסוועג.

לעבט שוין טאַקע זיין מאַמע נישט מער? אים גלייבט זיך נאָך אַלץ נישט, אַז זיין מאַמע זאָל זיך האָבן גענומען דאָס לעבן. פאַר וואָס זאָל זי דאָס האָבן געטאָן? ווייל איר מאַן האָט זי אָוועקגעוואָרפן? ווייל ער האָט זיך געגט מיט איר? ווייל ער האָט געלעבט מיט אַ צווייטער פרוי? פלעגט דאָך זיין מאַמע צו זיין טאַטע קיין טענות נישט האָבן. „ער ליבט אַ צווייטע, מיין טייערער האַנרי", פלעגט זי אים דערקלערן, „איז דאָס אַ חטא? איז דאָס אַ פאַרברעך? פאַרקערט, איך האַלט, אַז ער טוט ריכטיק. דאָס לעבן איז אַזוי קורץ, און יעדער מענטש האָט דאָס רעכט גליקלעך צו זיין. זיי נישט אין כעס אויף דיין טאַטן, מיין קינד. דיין טאַטע איז מיט מיר קיין מאָל נישט געווען גליקלעך".

— פאַר וואָס? — דערמאָנט זיך האַנרי, האָט ער איר איין מאָל אַ פרעג געטאָן — פאַר וואָס איז מיין פּאַפּאַ מיט דיר נישט געווען גליקלעך, מאַמאַ?

זיין מאַמע האָט זיך דעמאָלט שטאַרק פונאַנדערגעוויינט און ער האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט איר אַזאַ פראַגע גאָר געשטעלט.

איין מאָל אָבער, אין עטלעכע טעג אַרום, האָט ער אומגעריכטערהייט געפונען אַן ענטפער אויף דער פראַגע: זיין מאַמע האָט פאַרגעסן צו פאַר־שליסן איר טאָגבוך אין דעם שופלאָד פון איר שרייבטישל. זי איז גראָד אַרויסגעגאַנגען עפּעס קויפן. ער האָט נישט געקענטביישטיין דעם נסיון און גענומען בלעטערן דאָס דיקע העפט. דאָס העפט איז אַרויסגעפאַלן פון די הענט. ער האָט עס אויפגעהויבן און שנעל אַריינגעלייגט אין טישקעסטל. אָבער די עטלעכע ווערטער, וואָס זענען פאַרבליבן הענגען אין זיין צע־טומלטן בליק, האָבן זיך ווי געבעטן, אַז מען זאָל זיי צוריק אַריינלאָזן אין זיין מאַמעס טאָגבוך. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער צוריק אַרויסגענומען דאָס טאָגבוך פונעם טישקעסטל. ער האָט געלייענט:

„13־טער דעצעמבער. — נאָך אַ לענגערן געראַנגל, וואָס איך האָב געפירט מיט זיך, האָט זיך מיר איינגעגעבן איינצושטילן דאָס משוגענע האַרץ. איך בין אויף אַן אמת שטאָלץ מיט זיך, וואָס איך האָב זיך באַזיגט,

וואָס איך קען אָנקוקן מיין אייגן פּנים אָן צביעות און אָפילו אויך אָן שרעק. איך בין שטאָלץ, וואָס איך קען מודה זיין, אַז איך בין מיאוס, שרעקלעך מיאוס. נאָך מער: מיר דוכט זיך, אַז ווען איך וואָלט געווען פּאָול (וואָס פאַר אַ מאָדנע פאָרשטעלונג), וואָלט איך אויך נישט אַנדערש געהאַנדלט, בין איך אָבער אין דער אמתן טאַקע אַזוי מיאוס, ווי ער האָט מיר אַנומלט געזאָגט, מיאוס ווי אַ פּרוי, וואָס מען האָט אפשר קיין מאָל נישט ליב געהאַט ווי עס באַדאַרף צו זיין? יאָ, ער איז הונדערט מאָל גערעכט. אַזאַ מאַן ווי ער, אַזוי שיין ווי ער איז, איז תּמיד גערעכט. מיין טייערער פּאָול, איך האָב נישט די מינדסטע רעכט צו זיין בייז אויף דיר. איך בין גרייט אויך דעם דאָזיקן שווערן קרבן צו נעמען אויף זיך און זיך מודה צו זיין אין מיין העסלעכקייט. איינס נאָר וואָלט איך נאָך וועלן אויסווייַנען פאַר מייַנעטוועגן: רו, גלייכגעוויכט, קענען איינהאַלטן דעם קולט פאַר שיינקייט, וואָס איך פאַרמאָג (און וואָס פּאָול גופא אָנערקענט אין מיר), די פעיקייט צו קענען אָפּשאַצן אָביעקטיוו, וואָס ס'איז שיין און וואָס ס'איז העסלעך; די פעיקייט אַרויסצוגיין, אַזוי צו זאָגן, פון דער אייגענער הויט און איינצוזען, אַז פּאָול איז גערעכט דערמיט, וואָס ער איז אַוועק פון מיר און האָט זיך פאַרבונדן מיט „יענער". און נאָך אַ בקשה האָב איך: זאָל נאָר מיין ליב קינד, מיין טייערער האַנרי, זיך קיין מאָל נישט דערוויסן די סיבה פאַר וואָס פּאָול האָט מיך פאַרלאָזן. זאָל ער בעסער מיינען, אַז איך בין אַ שלעכטע פרוי. בעסער צו האָבן אַ שלעכטע איידער אַ מיאוסע מאַמע. פּאָול האָט ווייניקסטנס, אַזוי פיל טאַקט, אַז ער וועט דאָס אים קיין מאָל נישט זאָגן. און פון זיך אַליין וועט ער עס נישט דערגיין, וואָרעם ביי קיין איין זון איז זיין מאַמע נישט מיאוס..."

האַנרי איז קוים־קוים צוגעקומען ביז צום סוף פון דעם דאָזיקן בלעטל. וואָס האָט ער דאָ געטאָן? ווי אַזוי האָט ער זיך דערוועגט צו פּראָפּאַנירן זיין מאַמעס סודות? וואָס וועט איצט זיין? ווי אַזוי וועט ער ווייטער לעבן? ווי אַזוי וועט ער קענען קוקן זיין מאַמען אין די אויגן אַריין?

זיינע קני האָבן געציטערט. אַט־אַט, האָט זיך אים געדוכט, וועט אים עמעצער אָננעמען פאַר די האָר און וועט אים פאַרשלעפּן הינטער די הריי־חושך. מען וועט אים ניזוקן, מען וועט אים די אויגן אַרויסרייסן פון קאָפּ,

מען וועט אים ממיתן... נאָר איידער וואָס־ווען האָט נאָך אַ לעצטער גאַנץ געבליבענער געדאַנק באַוויזן אים אונטערצוזאָגן, אַז ער זאָל זיין מאַמעס טאָגבוך שנעל צוריק אַריינלייגן אין טישקעסטל, אפשר וועט ער פאַר־געסן, אפשר וועט אים געלינגען צו פאַרגעסן.

דער באַשלוס צו פאַרגעסן האָט אים געשטאַרקט. ער האָט זיך גע־פילט ווי ער וואָלט נאָר וואָס געהאַט דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע און ער געפינט זיך נאָך אונטער דער ווירקונג פון דער נאַרקאָזע. וויי געטאָן האָט אים גאָרנישט נישט, נאָר באַטויבט איז ער געווען און ער האָט ביסלעכווייז פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין פון דעם, וואָס ס׳איז געשען. עס איז צערונען אין זיינע געדאַנקען, ווי אַ חלום צערינט ווען מען כאַפּט זיך אויף.

איין מאָל האָט האַנרי צופעליק אין אַ צווייטן עק פּאַריז באַגעגנט זיין פאָטער. ער איז געגאַנגען געאָרעמט מיט „יענער״, ווי זיין מאַמע האָט זי באַצייכנט אין איר טאָגבוך. „יענע״ האָט אים אַ שפּרונג געטאָן אין פּנים אַריין, איר געשטאַלט האָט די גאַנצע צייט משמעות געלויערט אויף אים אויפן ראַנד פון זיין זכרון. איין אויגנבליק האָט די דאָזיקע סצענע גע־דויערט, אָבער געצויגן האָט זיך דער דאָזיקער אויגנבליק ווער ווייס ווי לאַנג — גאָרנישט אויסצומעסטן מיט דער מאָס פון דער געוויינטלעכער צייטרעכענונג. אין אָט דעם אויגנבליק האָט ער באַוויזן זיך צו דערמאָנען אַלצדינג, וואָרט ביי וואָרט, אות ביי אות אפילו: זיין מאַמעס העסלעכ־קייט, דעם חן פון „יענער״, פון אָט דער יונגער פרוי, וואָס איז דאָ ערשט פאַרבייגעגאַנגען געאָרעמט מיט זיין טאַטן. איצט, אין דער דאָזיקער רגע, איז אַלצדינג צוריק אַרויסגעשווומען פאַר זיינע אויגן. זיין טאַטע האָט אים נישט באַמערקט. „יענע״ האָט אים אפשר יאָ געזען, אָבער זי האָט דאָך נישט געוווּסט ווער ער איז.

און ווידער זענען פאַרבייגעגאַנגען טעג און נעכט. האַנרי האָט פון דאָס ניי זיך פאַרגענומען צו פאַרגעסן דאָס טאָגבוך צוזאַמען מיט דער באַגע־געניש פון יענעם טאָג אויף בולוואַר עקזעלמאַנס. ס׳איז אים געווען, ווי ער וואָלט געגראָבן אַ טונעל אין זיין זכרון, כדי צו עפענען אַ וועג פאַר אָט דיביידע געשעענישן, זיי זאָלן האָבן אַ וועג דורך וואַנען צו אַנטלויפן, צו

פאַרשווינדן, נישט צו ווערן. אָבער וואָס מער ער האָט געגראָבן דעם דאָזיקן טונעל, אַלץ מער האָט ער זיך פאַרנומען מיט זיי, און דער סוף איז געווען, אַז נישט ער האָט זיי פאַרטריבן פון זיין געדאַנק, נאָר, פאַרקערט, ער האָט זיי צוריקגעהאַלטן אין זיך. ס'איז נישט געווען מער קיין איין אָרט אין זיין געדאַנק, וווּ זיי האָבן זיך נישט געפונען, זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיטן בליק פון זיין מאַמען, מיט אירע רייד פון אַלע טעג, רייד, וואָס האָבן קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט איר טאָגבוך. אין דער דעליקאַטער מוזיק פון דעביסי און פון ראַוועל, וואָס זיין מאַמע פלעגט פון צייט צו צייט אים פאַרשפילן אויף דער פיאַנע, האָט זיך אַריינגעמישט דאָס פאַטאַלע זייטל פון איר טאָגבוך: „נאָך אַ בקשה האָב איך: זאָל מיין ליב קינד, מיין טייערער האַנרי, זיך קיין מאָל נישט דערוויסן די סיבה, פאַר וואָס פאָול האָט מיך פאַרלאָזן".

האַנרי איז נישט געווען בכוח אַריבערצוטראָגן די שפּאַנונג, וואָס איז אַלץ גרעסער און גרעסער געוואָרן אין אים. אים איז איינגעפאַלן צו וואַרפן אַלץ: די שטוב, די פיאַנע, זיינע עקזאַמענס, און צו אַנטלויפן — אַלץ איינס וווּהין, אין אַ ווייטער קאָלאָניע ערגעץ, אין אינדאָכינע, אין דער מלחמה. אָבער צי וועט ער זיך מיטן דאָזיקן שריט אויסקויפן? וועט עס זיין מאַמע אויסהאַלטן? צי וועט ער באַגיין דעם דאָזיקן אַקט פון פּחדנות? איז שוין אפשר אַ סך גלייכער, אַז ער זאָל אַלץ דערציילן זיין מאַמען. זי וועט אים מוחל זיין. זי וועט פאַרשטיין, אַז ער האָט נישט געקענט ביי־שטיין דעם נסיון, אַז ער האָט אומגערן, עפּעס ווי מיט געוואַלד געלייענט דאָס, וואָס ער האָט געלייענט... ניין, ער וועט איר נישט זאָגן, אַז ער האָט גראָד דאָס זייטל איבערגעלייענט, נישט קיין אַנדער זייטל, וואָס האָט אפשר אַ סך שווערערע סודות... וועט זי אים אָבער גלייבן? און איז נישט דאָס דאָזיקע זייטל דווקא דאָס אינטימסטע?

און ס'איז געשען: אין איין אָוונט איז האַנרי פּלוצלונג צוגעפאַלן צו זיין מאַמען ווי אַ קליין קינד און האָט איר אַלץ דערציילט, כליפּענדיק און זיך באַגיסנדיק מיט טרערן.

— זיי מיר מוחל, מאַמאַ, זיי מיר מוחל! — האָט ער זיך ביי איר געבעטן.

זיין מאַמע האָט מיט פאַרגליווערטע פינגער אים געגלעט די האָר אויפן קאָפּ. זי האָט זיך באַמיט אים צו באַרואיקן. זי האָט אים געזאָגט, אַז אייגנטלעך איז דאָס גאָר געווען איר שולד, זי האָט נישט געדאַרפט לאָזן ליגן דאָס טאָגבוך אויפן טישל. אַלץ, וואָס זי האָט אַריינגעשריבן אין איר טאָגבוך, וואָלט זי אייגנטלעך געקענט אים דערציילן, זי האָט קיין סודות נישט פאַר אים. אגב האָט זי, דוכט זיך, אים דאָס שוין געהאַט געזאָגט. וואָס? ער איז דאָך שוין נישט מער קיין עופהלע, ער מעג וויסן אַלץ, ער איז שוין מסוגל אַלץ צו פאַרשטיין.

מער האָט האַנרי מיט זיין מאַמען וועגן דעם נישט גערעדט. ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז אויך זי האָט פאַרגעסן דעם אינצידענט. ווי פריער איז זי געווען ליב צו אים, אפשר נאָך האַרציקער ווי פריער. עס האָבן זיך אָנגערוקט די פעריען.

האַנריס מאַמע האָט פאַרבראַכט דעם זומער ביי אירע קרובים אין ברעטאַניע. אין אירע בריוו צו אים האָט זי זיך באַקלאָגט אויפן שלעכטן וועטער און אויף קאָפּווייטיק. אין דעם לעצטן בריוו, וואָס ער האָט פון איר באַקומען, האָט זי אים עפּעס געטרייסט און זיך עפּעס ווי פאַרענטפערט פאַר אים: זי האָט שוין אַלץ געטאָן קעגן אירע קאָפּווייטיקן, נאָר זיי ווערן שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. זי האָט אים געשריבן, אַז זי האָט ערגעץ ווו געלייענט וועגן עפּעס אַ ניי מיטל. זי האָט אים געשריבן, אַז דאָס דאָזיקע מיטל קען מען באַקומען נאָר אין פּאַריז, וועט זי דעריבער זיך אומקערן צוריק פון אירע פעריען פריער, ווי זי האָט לכתחילה זיך געהאַט פאַרגענומען. וועמען האָט דאָס געקענט איינפאַלן צו טראַכטן צו וואָס עס נוצן אַזעלכע מיטלען? ווער האָט געקענט זיך ריכטן אויף אַזאַ באַשלוס פון דער מאַמען?

האַנרי האָט זיך טאַקע נישט געריכט אויף גאָרנישט. ער האָט ממשיך געווען זיינע פעריען אין דעם באַרגדאָרף אין די אַלפּן. זיין טאַטע האָט נישט געוווּסט ווו ער געפינט זיך, זיין באָבע האָט אָבער יאָ געוווּסט. טאָ פאַר וואָס זשע האָט זי אים נישט טעלעגראַפירט דעם זעלביקן טאָג נאָך ווען זיין מאַמע האָט זיך אומגעבראַכט? ער וועט דאָס איר קיין מאָל נישט שענקען. ער איז אפילו נישט געווען אויף זיין מאַמעס לוויה.

אויפן וואָקזאַל האָט אים זיין באָבע אָפּגעוואַרט. שטאַמלענדיק און כליפּענדיק האָט זי אים דערציילט וועגן זיין מאַמעס טויט. די דאָזי־קע שרעקלעכע ידיעה האָט אים כלל נישט איבעררשט, ווי ער וואָלט עס שוין געהאַט געוווּסט פון פריער. אמת, זיין באָבע האָט אים געשאַנעוועט. זי האָט אים נישט אויסגעזאָגט, אַז זיין מאַמע איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. פון אַ האַרצשלאַק, האָט זי אים געזאָגט, איז איר טאָכטער געשטאָרבן.

האַנרי האָט זיך נישט נאָכגעפרעגט וועגן די ווייטערדיקע פּרטים פון זיין מאַמעס טויט. נישט קיין גאַנצע פערציק יאָר איז זיין מאַמע אַלט געווען, ווען זי איז געשטאָרבן. ער האָט נישט געוויינט. ער האָט נישט געטרויערט. ער האָט זיך געלאָזט פירן דורך זיין באָבען צו איר אין שטוב אַריין. ער האָט עפּעס ווי אָפּגעלייגט דעם טרויער אויף שפּעטער. זיין טרויער איז געווען, ווי אַ קנויל, וואָס האָט געדאַרפט ערשט פונאַנדערגע־וויקלט ווערן און זיך אויסשפּרייטן איבער גאָר דער פלאַך פון זיין באַ־וווסטזיין, מען האָט ערשט געדאַרפט אויספלאָנטערן פון דעם דאָזיקן קנויל דאָס טאָגבוך־זייטל, זיין מאַמעס קאַפּווייטיקן, דאָס מיטל, וואָס אַ שווע־ד״ישער פּראָפעסאָר זאָל האָבן אויסגעפונען — די געניויע סיבות, וואָס האָבן זיין מאַמען געטריבן אין טויט אַריין.

באַרג־אידיליע

די זון גייט אונטער אין די בערג.

די זון גייט אָבער אויך אונטער אויף די פעלדזן, און פון אַלע פעלדזן נעמט זי אין איילעניש צוריק אַראָפּ די פאַרביקע שלייערן, מיט וועלכע זי האָט זיי געהאַט מיט אַ ווײַלע צוריק באַדעקט.

אַ גוטע נאַכט!

וואָס איז דאָס פאַר אַ קרוין, וואָס איז דאָס פאַר אַ גילדערנע קרוין, וואָס די באַרג־שפּיצן האָבן אָנגעטאָן אויף זיך? און פאַר וואָס טוען זיי זי אַזוי געשווינד ווידער אויס?

אַ וועלט פול מיט רעטענישן, מיט פרייליכע רעטענישן. אַנו, טרעפט ווער עס ווערט איצט געזאַלבט פאַר אַ קיניגין איבער בערג, פעלדער און שניי?

אַ גרויסע זאַך צו טרעפן! די לבנה ווערט געזאַלבט פאַר אַ קיניגין. זי, די בלייכע לבנה, נעמט איבער די מאַכט; אַ זילבערנע מאַכט וועט עס זיין, אַ זיסע מאַכט.

דוד איז געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער. די גרויסע אויגן זיינע האָבן געטרונקען די ווייסע ווייטקייט פון אַרום, און דער דורשט זייערער האָט געהאַלטן אין איין שטייגן אין דער זעלביקער מאָס, ווי די ווייטקייט איז ווייטער געוואָרן. אַלץ ווייטער און ווייטער איז געוואָרן דער אַרום, אַלץ טיפער און טיפער איז געוואָרן דער חלל און אַלץ ווייסער און ווייסער איז געוואָרן דער שניי. אַז דו וואָלסט איצט אַ געשריי געטאָן, דוד, וואָלטן אַלע בערג זיך געלאָזט אין אַ גאַלאָפּ און דיין שטים צעטראָגן איבער אַלע וועלטן. אין חלל זענען פאַראַן אַ סך וועלטן, אָן אַ שיעור וועלטן. אַנו, פּרוּוו, גיב אַ געשריי — אוהו! דו הערסט סאַראַ זאַוויערוכע ס'איז געוואָרן? אַ שטורעם אַ גרויסער האָט זיך אַ קייקל געטאָן אין דער שטילקייט. ווייל די שטילקייט דאָ איז דאָך דער שטורעם... באַשר, דו ווייסט נישט וואָס שטורעם איז און וואָס שטילקייט איז...

סטייטש, ער ווייסט נישט? ער ווייסט יאָ. ס'טרעפט, ער שפּאַנט זיך איין אין דער שטילקייט און עס דוכט זיך אים, אַז ער פליט מיט איר. ער איז אַ חבר מיט דער שטילקייט. ער איז אויך אַ חבר מיטן שטורעם, נאָר די שטילקייט פאַרשטייט ער בעסער. די גאַנצע קראַפט פון זיינע מוסקלען באַשטייט דאָך פון אָנגעזאַמלטער שטילקייט. דעריבער יאָגט ער זיך נישט נאָך זיין „אוהו". מאָרגן נאָך, איז ער זיכער, וועט ער די שפּורן פון זיין איצטיקן געשריי געפינען ערגעץ אין די בערג. וואָרעם דאָ, אין די בערג, גייט גאָרנישט פאַרלוירן.

און דוד האָט געשטעלט טריט, מיטן פּנים אויסגעקירעוועט צו יענעם אָרט, וווּ זיין כאַטע געפינט זיך. זען זעט ער נאָך נישט זייןביידל, ווייל קודם דער וואַלד, און דאַן איין באַרג, און דאַן אַ צווייטער באַרג, און דאַן קופּעס שניי, צו וואָס זיך איילן? מ'עט שוין קומען. דערווייל, אונטערוועגס, שמייכלט מען זיך אַדורך מיט דער לבנה. דוכט זיך, אַז ער גייט מיט איר געאָרעמט, און נאָך דוכט זיך אים — אַז דער ווייסער שניי אַרום און אַרום איז איר, דער לבנהס, חופּה־קלייד.

און אין אָט די אַלע וווּנדערלעכע געשיכטעס פלעכט זיך פּלוצלונג אַריין די געשטאַלט פון אַ מיידל, ווי אַ שנייבלום — שלאַנק, לוסטיק און אמתדיק.

דוד האָט זיך פאַרקלערט: אַ שנייבלום, נאָר אַ וואַרעמע, אַ הייסע, אַ ברענענדיקע. שוין איר קוק צינדט אָן. אין אַלע זיינע אבֿרים האָבן זיך צעגליט פילקאָלירטע פייערן, ווי בליענדיקע, שמאָלע פייערבלומען וואָלטן גענומען זיך שיטן אויף אים.

— ווי רופט מען דיך, מיידל? — האָט דוד אַ שעפּטשע געטאָן.

זי האָט געענטפערט: „פראַנקע רופט מען מיך!"

— איז הייסט עס דאָס אַזוי, ליבע פראַנקע — האָט ער דרייסט זי אָנגענומען פאַרן אָרעם און דער טאָן פון זיין שטים איז געווען אַזאַ, גלייך ער וואָלט זי געקענט שוין פון לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

ער איז רויט געוואָרן. ער האָט זיך פאַרשעמט און נישט געוווּסט וואָס ווייטער צו זאָגן.

אָבער דאָס איז גאָרנישט נייטיק געווען, ווייל זי האָט אים פאַרשטאַנען.

— און דיך ווי רופט מען?

— דוד!

— איז הייסט דאָס אַזוי, דוד — האָט זי געזאָגט.

פלוצלונג האָבן זיי זיך ביידע פונאַנדערגעלאַכט. זיי האָבן, הייסט עס, אויסגעלאַכט זייערע אייגענע רייד, זייער פאַרשעמטקייט, זייער דרייסט־קייט, די לבנה, די נאַכט און אַפילו אויך זייער אייגענעם געלעכטער. זיי האָבן לאַנג געלאַכט, און דווקא דערפאַר, ווייל אייגנטלעך איז גאָרנישט געווען פון וואָס צו לאַכן.

זי האָט פאַרבלאָנדזשעט אין די בערג. אים רופט מען דוד. אָט שטייען זיי אויפן שוועל פון זיין הייזקע. זאָל מען זיך אומקערן אַ קוק טאָן אויף די בערג, אויף דער נאַכט, אויפן שניי, אויף דער לבנה? נישט נייטיק.

— די לבנה — רופט זיך אָפּ דוד, גלייך ער וואָלט געקענט לייענען אירע געדאַנקען — טרעט כמעט די גאַנצע נאַכט נישט אָפּ פון מיין פענצטער.

— אַזוי גאָר? אַזאַ איז זי, דיין לבנה?

— יאָ, אַזאַ איז זי!

און ס'איז טאַקע אַזוי געווען. די לבנה איז נישט אָפּגעטראָטן אויף איין מינוט אפילו, פשוט נישט אָפּגעטראָטן פון פענצטערל. און געזען האָט זי ווי דוד און פראַנקע האָבן זיך געליבט. זי האָט געשמייכלט, די לבנה, געלאַכט שטילינקערהייט. זי איז געווען צופרידן. זי האָט זיי פאַרגונען די פרייד, ווייל געמיינט האָט זי, אַז זי האָט אין זייער ליבע אַ שטיקל חלק.

פראַנקע ליגט אָן איינגענורעטע אין קאָלדרעס לעבן אייוועלע. דוד האָט אָנגעצונדן אַ פּיפּקע און אין זיינע גרויסע אויגן האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ פאָספאָר־גרינער גלאַנץ.

— דוד, דו שלאָפסט דאָך נישט.

— געוויס שלאָף איך נישט. מען טאָר נישט שלאָפן, בעת מען רייכערט.

— דוד, ווער ביסטו?

— איך בין... איך בין... ווי זאָל איך עס דיר דערקלערן? איך בין, דוכט מיר, אַ פאַרשטויסענער...

— אַ פאַרשטויסענער? פון וועמען? פאַר וואָס?

— אָט, איידער איך האָב דיך דערקענט, בין איך אַפילו פון דיר גופא אויך געווען פאַרשטויסן.

— נאַרעלע דו, אַז דו האָסט מיך נישט געקענט, טאָ ווי אַזוי זשע האָב איך דיך געקאָנט פאַרשטויסן?

— איך האָב מסתמא נישט ריכטיק גערעדט... אָבער דו פאַרשטייסט דאָך, ליבינקע...

— איך פאַרשטיי נישט, נאַרעלע. ווער האָט דיך פאַרשטויסן?

— פאַרשטויסן האָבן מיך די מענטשן, נישט די בערג און נישט די וועלדער. אָבער עס טוט וויי. אַ מענטש איז דאָך נישט קיין באַרג, נישט קיין בוים. מען קאָן זיך נאָך אָפּגעוויינען פון רעדן.

— טאָ ווי אַזוי און פאַר וואָס האָט מען דיך פאַרשטויסן?

— פאַר וואָס? מיין טאַטע האָט מיך אַוועקגעוואָרפן נאָך איידער איך בין געבוירן געוואָרן...

— איך פאַרשטיי.

— און מיין מאַמען האָט דער טייך צוגענומען פון מיר, בעת איך בין נאָך אַ פּיטשינקער געווען. בין איך אַנטלאָפן אין די בערג.

— איך האָב דיך ליב, דוד.

— דו וועסט מיך אויך פאַרשטויסן!

— וואָס רעדסטו, נאַרעלע?

— יאָ, יאָ. אָבער איצט ביסטו מיינע, אַזוי לאַנג ווי די לבנה נעמט זיך אָן פאַר מיר. איך בין אַ גוטער ברודער מיט דער לבנה. זי איז די איינציקע, וואָס פאַרלאָזט מיך נישט.

פראַנקע האָט געשוויגן. זי האָט געוווּסט, אַז ער איז גערעכט. ווייל אויף ווי לאַנג קאָן מען דען פאַרבלאָנדזשען? אויף איין נאַכט, אויף צוויי נעכט. און וואָס וועט זיין ווייטער?

— ביסט גערעכט, דוד, אָבער זאָג נישט „פאַרשטויסן". זאָג אויך נישט „אויסגעכטערן". זאָג „דיינע חברים און חברטעס וועלן דיך סוף־כל־סוף אָפּזוכן און וועלן דיך מיט געוואַלט פון מיר אַוועקשלעפּן". דאָס זאָג. אָבער לאָמיר נישט טראַכטן אַצינד פון גאָרנישט. איך האָב דיך ליב, איך האָב דיך זייער ליב...

— — — — — — — — — — — — —

קיין פרישער שניי איז די נאַכט נישט געפאַלן. איז געקומען פראַנקעס חברה אין די טריט, וואָס זי און דוד האָבן אויסגעטראָטן. און בעת דוד האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט מען פראַנקען שוין געהאַט „אַוועקגעשלעפּט‟.

— וואָס פאַר אַ ווונדער — האָט דוד שטילערהייט צו זיך געזאָגט

— זי האָט אָפּגעוואַרט, די לבנה זאָל אַוועקגיין. זי איז אַוועק מיט דער לבנה...

„כ'בין דיר צו פיל שולדיק"

האָטעל וויקטאָריאַ.

שטייפֿע מונדירן מיט גאָלדענע קנעפּ טאַנצן אַרום ווי אויטאָמאַטן אויף מיט ווייכע טעפּיכער אויסגעבעטע קאָרידאָרן. אָט פֿאַרנייגן זיי זיך פֿאַר עמעצן, די גלאַנציקע מונדירן; אָט ברענגט אַ קלונג פֿון אַ גלעקל צו טראָגן אַ דינער צו אַ טיר. דאָס גלעקל וויל, אַז דער דינער זאָל פֿרעגן, וואָס דעם הער ווילט זיך.

אויב דעם הער, צום ביישפּיל, פֿאַרגלוסט זיך, מען זאָל אים עפּעס אַרויפֿברענגען פֿון אונטן, שרייט אַרונטער דער דינער: נומער דער און דער פֿאַרלאַנגט תיכף דאָס און יענץ.

ווייל נישט געקוקט אויף זייער געהויבנקייט, זענען די איינוווינער פֿון דעם האָטעל דאָך נישט מער ווי פּוסטע נומערן — נומער 5, נומער 18, נומער 276.

ער, וועגן וועמען ס'וועט דאָ זיין די רייד, איז אין האָטעל וויקטאָריאַ באַקאַנט אונטערן נומער 38. נישט געקוקט אויף דער דעגראַדאַציע, וואָס דער נומער ברענגט מיט זיך, איז ער דאָך מיט עפּעס אַ וויכטיקער מענטש. יאָ, וויכטיק איז ער דערפֿאַר, ווייל סיי אין די אויגן פֿון די דינער, סיי אין די אויגן פֿון די געסט, איז ער אַ מענטש, וואָס פֿאָרט יעדעס יאָר איין מאָל אין די בערג, איין מאָל צום ים, און אַ דריט מאָל פֿאָרט ער ערגעץ אַנדערש ווו, לאָמיר זאָגן, אין אַ קוראָרט. קיינער ווייסט דאָך נישט, אַז בסך־הכּל איז עס דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער פֿאָרט אין די בערג; מען ווייסט אויך נישט, אַז ער קומט אין די בערג נישט אויף זיינע אייגענע הוצאות, נאָר אויף אַ סטיפּענדיע, וואָס ער האָט באַקומען סוף לערניאָר פֿאַר זיינס אַן אַרבעט אויף דער טעמע: „דער געראַנגל מיט דעם אייגענעם איך".

דער פּראָפֿעסאָר, וואָס האָט באַדאַרפֿט באַשטימען, צי דער געראַנגל

איז אַן אמתער געראַנגל און צי דער „איך" פון דעם, וואָס האָט זיך אַזוי לאַנג געראַנגלט מיט די פאַרשידנסטע פילאָזאָפישע סיסטעמען, אָנגעהויבן פון העראַקליט און דעמאָקריט און פאַרענדיקט מיט בערגסאָן און היידעגער, איז יאָ, אָדער נישט ווערט אַן אויסצייכענונג אין דער פאָרעם פון אַ גע־וויסער געלט־סומע — האָט לאַנג געקנייטשט מיטן שטערן, גלייך דעם פראָפעסאָרס קנייטשן וואָלטן זיך געהאַלטן אַן עצה מיטן שטערן, צי מען זאָל יאָ, אָדער נישט דעם „איך"־קאַנדידאַט אויף דאָקטאָר־פילאָזאָפיע פיזיש שטאַרקן און פאַרפעסטיקן.

אויסגעקליבן האָט דער יונגערמאַן די אַלפּן. ערשטנס, האָט זיך אים סתם פאַרגלוסט אַ קלעטער צו טאָן אויף די אַלפּן. צווייטנס, האָט אים געצויגן צו דער אָזיערע בורזשע, וואָס אויף איינעם פון אירע ברעגעס האָט לאַמאַרטין, ווי באַקאַנט, אָנגעשריבן די שענסטע פּאָעמע זיינע.

דאָס צימער נומער אַכט און דרייסיק האָט, בעת דער האָטעל איז אַוועק־געשטעלט געוואָרן, זיך גלייך אויסגעקליבן אַ פענצטער, וואָס קוקט אַרויס אויף דער אָזיערע און כאַפּן כאַפּט ער נאָך דערצו אַרום אויך אַ לאַנגע קייט פון באַרג־שפיצן.

דער איינוווינער פון צימער נומער 38, פון וועמענס פענצטער ער באַטראַכט טאָג און נאַכט אָט די גרויסאַרטיקע פּאַנאָראַמע, הייבט אָן צו אָטעמען ווי אַן אמתער באַרג־מענטש מיט פולע לונגען און מיט אַ פולער נשמה. וואָרעם ערשט דאָ קען ער זיך אָפּגעבן אַ גענויעם דין וחשבון אין וואָכער ענגשאַפט ער האָט ביז איצט געלעבט. דאָס יתומים־הויז, וווּ ער האָט פאַרבראַכט זיין פריסטע קינדהייט, איז נישט געווען קיין באַרג, און אפילו נישט קיין בערגל איז עס נישט געווען. קיין מאָל פלעגט אַהין צו נישט דערגרייכן דער לעבעדיקער שטראַל פון אַ מאַמעס שמייכל, פון אַ טאַ־טעס אַ וואָרט. זעלטן ווען, יאָ, גאַנץ זעלטן נאָר, פלעגט זיך אַהין פאַר־קלייבן די מאָגערע, בלאַסע און אויסגעצערטלטע שיין פון עפּעס אַ ווייטן קרובס אַ באַזוך. אין דער גרויסשטאָט, וווּ ער האָט אַן איבעררייס ביז איצט „געפּראַוועט" זיינע שלאָפלאָזע נעכט און זיינע פאַרמאַטערטע טעג, איז געווען נאָך ענגער, נאָך שטיקנדיקער, ווי אינעם יתומים־הויז. ער פילט איצט בפירוש, אַז ווען עס וואָלט זיך אים נישט איינגעגעבן זיך אַרויסצו־

כאַפּן אויף אַ פּאָר וואָכן פון שטאָט, וואָלט ער דאָרט זיכער פאַרשאַטן געוואָרן, אויף אייביק פאַרשאָטן געוואָרן.

און אפשר איז ער נישט אין גאַנצן גערעכט לגבי זיין גורל. וואָס אמת איז אמת, קיין גרויס נחת האָט ער קיין מאָל נישט געהאַט, אָבער דערפאַר איז אים דאָך געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו שעפּן אַלץ, וואָס ער האָט באַדאַרפט, ביי זיך גופא, שעפּן און נישט אויסשעפּן. צוליב זיינע גרויסע פעיקייטן האָט ער באַקומען אַ סטיפּענדיע און אַזוי אַרום האָט ער געקענט פאַרענדיקן דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט.

ער האָט ליב דאָס לעבן — אַלץ, וואָס שווייבלט און גריבלט אַרום די בערג און אַרום די טייכן. ס'איז אַ גליק צו קענען שטיין ביי אַ פענצטערל און צו באַטראַכטן די ווייטע וועלט. אין זיינע וואַרעמע, גרינע אויגן לייכט דאַנקבאַרקייט. ער דאַנקט די וועלט, אַלעמען, סיי די, וועמענס נאָמען ער קען, און סיי די, וועמענס נאָמען ער האָט נאָך נישט אויסגערופן. ער דאַנקט אַלעמען פאַר דעם נס, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. וואָרעם צי איז עס נישט קיין נס, וואָס ער איז דאָ, ביי דער זעלבער אַזיערע, ווו לאַמאַרטין איז אויך געזעסן אַ מאָל? ער זאַפּט איין מיט אַלע חושים דאָס לעבן פון אַרום, און פאַר איין וועגס פאַרנעמט ער אויך דעם גערויש פון דעם האָטעל־לעבן. אָט מאַכט זיך אויף אַ טיר אין קאָרידאָר — אַ סקריפּ; אָט צעקלינגט זיך אַ גלעקל, דאָ מיט אַ הייזעריקלעך קול, גלייך אַ זעג וואָלט אַ פּאָר געטאָן אויף אַ פּאַלענע, און דאָ, ווי די שטים פון אַ פויגל. און דאָס אַלץ גיסט זיך צונויף מיט דעם גלייכמעסיקן געמורמל פון אַ וואַסערפאַל אין די בערג.

ער פאַרנעמט אויך זיין אייגענעם פּולס־שלאָג און די שטים פון עמעצן אַן אומבאַקאַנטן, וואָס זיצט אין אים באַהאַלטן „בחדרי חדרים" און אַנטפּלעקט זיך נאָר מיט אַ ווונק, און די גרויס ווי אַ ווונק. וואָס איז דאָס פאַר אַ שטים? אים דוכט זיך, אַז דאָס איז די שטים פון אַ פרוי, וואָס ער קען נישט, אָבער זי קומט אים דאָך אויס זייער באַקאַנט, מסתמא ווייל זי איז די פרוי, וואָס שטעקט אין אַלע פרויען. זי איז דאָס ווייב — קיינעמס נישט, אַלעמענס. מען דערקענט זי אין איר פלאַטערן, אין איר ציטערן. דורכזיכטיק און לויטער איז זי.

ער הערט זי, ער זעט זי. יאָ, זי איז די פרוי, וואָס קומט אים אָפּט מאָל צו חלום און רעדט צו אים, ער הערט איר שטים. און הגם די שטים אירע איז אַ צאַרטע, אַ לייכטע, אַ שטילע, פאַרטויבט זי דאָך אַלע איבעריקע גערוישן. ער הערט נאָך איצט איר שטים.

ער האָרכט זיך איין. ער מעסט די שטים, ער וועגט זי אָפּ מיט זיין אָטעם. די שטים קומט פון שכנותדיקן צימער, טראַכט ער. דאָס שפּירט מען אין דעם פאַרנעם. יאָ, ס׳איז די פרוי, וואָס איך קען.

און ווי באַלד, אַז ער האָט זי דערקענט, איז אים שוין אויך לייכט זיך פאַרצושטעלן איר פּנים, אירע הענט, איר גאַנג. זיידענע ווייכע האָר ראַמען איין איר געזיכט. אירע אויגן זענען אי שטרענגע אי גוטע.

ווי אַ לונאַטיקער, געפאַנגען אין דער נעץ פון דער לבנה, הייבט ער זיך אויף פון אָרט, אַ געפאַנגענער אין דער נעץ פון איר שטים. ער גייט צו צו דער וואַנט פּאַמעלעך, שטילינקערהייט, גלייך ער וואָלט מורא געהאַט איבערצורייסן אַ צאַרטן שפּינוועב. ער לייגט צו דאָס אויער צו דער וואַנט.

„ער קומט באַלד... איך זע אים... אָט גייט ער... ער..."

ס׳איז געווען איר קול. דאָס זענען געווען אירע רייד. „ער", דאָס האָט גריילעך געקענט זיין אויך „ער", נומער 38. ס׳איז קלאָר, נומער 37 בענקט נאָך נומער 38. איין ציפער בענקט נאָכן אַנדערן, אַזוי פירט זיך אין דער גאָרער וועלט, און אויך אין האָטעל וויקטאָריאַ.

זיין האַרץ נעמט שטאַרקער קלאַפּן. ווער ווייס וואָס עס קען אַלץ שטעקן אין אַ ציפער, טראַכט ער. וואָס ווייסן דען די דינער פון די ציפערן? מען האָט זיי בעסער נישט געלערנט. אויף ציפערן איז אפשר אַ מבין דער וואַסערפאַל, די לבנה, די אויסגעלאַסענע און דאָך אַזוי צאַרטע לבנה. וועט מען זיך טאַקע פאַרלאָזן אויף דער לבנה, וואָס הייסט אים אַרויסגיין אין קאָרידאָר און אָנקלאַפּן אין צימער 37.

מען טוט ווי די לבנה הייסט: מען גייט אַרויס אין קאָרידאָר און מען קלאַפּט אָן אין צימער 37. טוק־טוק־טוק! האָט עמעצער פון דאָרט גע־ענטפערט? ניין, דאָס האַרץ האָט בלויז זיך אַ צאַפּל געטאָן: נאָך וואָס האָסטו עס געמאַכט? טוק־טוק־טוק! וואָס דאַרפסטו דאָ? וועמען זוכסטו?

אַ שאָטן — אפילו נישט פון אַ פרוי, נאָר פון אַ פרויס שטים — האָט דיך אַהער פאַרפירט. ווי לעכערלעך! אַנטלויף! אַנטלויף גיכער פון דאַנען!

נאָר אָט מאַכט זיך אויף אַ טיר, און נומער 38 שטייט שוין אינעווייניק. ער רעדט. מיט וועמען רעדט ער? איז דאָס געווען די פרוי, וועמענס שטים ער האָט געהערט? פאַר וואָס האָט זי זיך פּלוצלונג אַזוי פאַרענדערט? זי האָט דאָך מיט אַ מינוט פריער גאָר אַנדערש אויסגעזען אין זיין פאָרשטעלונג. אַנטלויף, אַנטשולדיק זיך פאַר דער פרוי מיט די ווייסע האָר, פאַר דער פרוי מיט די טיפע קנייטשן אויפן פנים; אַנטשולדיק זיך, זאָג, אַז דו האָסט געהאַט אַ טעות. דו ווייסט נישט ווי אַזוי, נאָר ס'איז געווען אַ טעות... און איצט האָסטו קיין צייט נישט, דו באַדאַרפסט באַאַרבעטן דיין נייע טעזע: „דער גערענגל פון דער ווירקלעכקייט מיט דער פאָרשטעלונג".

אַ גוטע נאַכט, מאַדאַם!

— גוט אָוונט, מאַדאַם!

ער כאַפּט זיך, אַז אנשטאָט זיך צו געזעגענען מיט איר, באַגריסט ער זי גאָר. עטלעכע מאָל כסדר חזרט ער איבער זיין גרוס, ווי אַ באַזעסענער. ער איז טאַקע באַזעסן, קיין שום ספק נישט. וואָס טוט מען דאָ? וואָס פאַרנייגט ער זיך אַזוי פיל מאָל פאַר איר? נומער 38, וואָס איז מיט דיר?

— גוט אָוונט, מאַדאַם!

ער איז שוין ווידער געקומען צו זיך. ער קוקט זי אָן, ער קוקט אַריין אין אירע פאַרלאָשענע אויגן. פּלוצלונג שטעלט זיך אים פאָר, אַז ער שטייט שוין ווידער פאַר אַן אָפּגרונט, פונקט ווי היינט אין דער פרי. און דאָ איז אַן אָפּגרונט, זאָגט ער זיך, אַ סך אַ טיפערער, ווי אין די שפּאַלטן פון די בערג, דערפאַר מוז מען אויך דאָ בעסער אַכטונג געבן. ווער קען דען אויסמעסטן דעם אָפּגרונט, וואָס קומט אַרויס פון מענטשלעכע אויסגעלאָשענע אויגן?

— איר וואַרט אויף אים? טאָ זעצט זיך צו אַ ווײַלע, ער קומט באַלד צו גיין, ער קומט באַלד.

גיב אַכטונג, נומער 38, זאָגט ער צו זיך, זעץ זיך צו, נעם צונויף דיינע געדאַנקען, נעם זיך אין די הענט אַריין. ער קומט באַלד, און דער ע ר

איז מסתמא דער גורל פערזענלעך, ער. קען זיין, איז דער רעזולטאַט פון גערעַנגל פון דער פאַרשטעלונג מיט דער ווירקלעכקייט.

זיי קוקן אויף דער בלאַסער פאַרחלשטער לבנה. זיי האָבן אויסגע־קרימט די ליפּן, אָנגעהויבן צו לאַכן, אָבער אָפּגעהאַקט אין דער מיט. זיי האָבן מורא פאַר דער לבנה! מען טאָר זיך מיט איר נישט רייצן. אַ בייזע איז זי, די לבנה, אַ שטיפמאַמע.

פלוצלונג גיט זי זיך אַ וואָרף צום קאָמאַד, מאַכט אויף דעם אייבערשטן שופלאַד און ווענדעט זיך אויף דאָס ניי צו אים:

— אפשר זאָל איך אייך גאָר געבן עפּעס צום לייענען? איר האָט דאָך ליב צו שרייבן ביכער, בריוו. אָט וועל איך אייך געבן אַ בריוו צום לייענען. אָט, עס איז פון אים. קומט אַהער צום פענצטער. איר זעט דאָס שיפל דאָרט? יאָ? דאָס זיצט ער אין שיפל. ער האָט נאָך עטלעכע מייל ביז דאַנען. דערווייל וועט איר באַווייזן צו לייענען זיין בריוו.

נומער 38 גייט צו צום פענצטער. ער זעצט זיך אַנידער און לייענט. „ליב קינד! ליבע פרוי! ליבער שאַטן!

צו וואָס זאָל איך איצט לייקענען? איך וויל דיר אַלץ דערציילן, אַזוי ווי עס איז געקומען. הער צו. איך טראַכט איצט פון מיין קינדהייט. זיי וויסן, אַז געקומען בין איך אויף דער וועלט אין אַ קליינעם, ווייטן פאַרלע־גענעם דאָרף. אין דרויסן האָבן פייגעלעך אָפּגעזונגען זייער גאַנץ לעבן און אין שטוב ביי אונדז האָט דער דלות געפייפט ביי טאָג און ביי נאַכט. מיין טאַטע איז געווען אַ שיכורניק און ער פלעגט שיטן מיט קללות און קלעפּ.

אונדזער דאָרף איז בעת דער מלחמה אַוועק מיטן פייער. היימלאָז זענען מיר געוואָרן. מיר זענען אַוועק איבער אַ וועלט אָן ביימער, אָן טייכן, אָן בערג, אָן פייגעלעך; אַ וועלט, וווּ עס זענען בלויז פאַרבליבן מיין טאַטנס קללות און קלעפּ. מיר האָבן זיך באַזעצט אין אַ גרויסער שטאָט. מיין טאַטע האָט גענומען האַנדלען מיט שמאַטעס און איינגעשפּאַנט האָט ער אין דעם געשעפט זיינע אַלע זיבן קינדער. ווען מיין טאַטע איז געשטאָרבן, בין איך צו זעכצן יאָר געוואָרן דער ברויטגעבער פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. איך האָב איבערגענומען דעם טאַטנס געשעפט, איך בין געוואָרן אַ שמאַטע־

הענדלער. מיר האָט, קען מען זאָגן, אָפּגעגליקט. איך האָב געמאַכט אַ פּאַר־מעגן.

דערנאָך האָב איך דיך געטראָפן און איך האָב זיך געטרייסט. דו ביסט דאָך אַזוי אַנדערש ווי אַלע פרויען. אַ חוץ אַ גוף פאַרמאָגסטו אויך אַ נשמה. און גוט ביסטו צו מיר געווען. איך האָב זיך געפילט איבער־גליקלעך. איך האָב אין מיין לעבן אַ סך פרויען געליבט, אָבער געהאַט האָב איך נאָר איין איינציקע — דיך אַליין. מיט וואָס קען איך פאַרגלייכן מיין ליבע צו דיר? איך ווייס נישט. אפשר מיט די ביימער, מיט די בערג, מיט די טייכן, וואָס האָבן באַגלייט מיין טרויעריקע קינדהייט. און אויך דער פאַרגלייך גיט נאָך נישט איבער אַלץ, וואָס איך האָב צו דיר געשפּירט.

און אַט איז אַלץ חרוב געוואָרן. נישט מיט אַ מאָל, נאָר ביסלעכווייז. און געשען איז דאָס צוליב דעם, וואָס איך האָב געהאַט געלט. איך וויל, דו זאָלסט מיך פאַרשטיין. איך האָב נישט געוואָלט, אַז דאָס געלט, וואָס איך פאַרמאָג, זאָל דיר קענען זאָגן אַ דעה אין דיינע געפילן צו מיר. מיר האָט זיך געדוכט, אַז דו מיינסט איך וויל דיך אָפּקויפן. איך האָב מורא געהאַט דיר צו קויפן אַ מתנה, דו זאָלסט נישט מיינען... נאָך מער: איך האָב געוווּסט, אַז דו ליידסט נויט און איך האָב דיר געוואָלט העלפן, אָבער איך האָב נישט געקענט.

מאָדנע געדאַנקען זענען מיך באַפאַלן פון אַלע זייטן. איך בין גע־וואָרן שטאַרק נערוועז און דער דאָקטאָר האָט מיך געהייסן אָוועקפאָרן אויף אַ געוויסער צייט פון שטאָט.

איידער איך האָב געעפנט דעם ערשטן בריוו, וואָס איך האָב געקריגן פון דיר, זיצנדיק אויף דאַטשע, האָב איך געציטערט ווי אַ בלאַט. ביי די ערשטע שורות האָב איך געוויינט פאַר פרייד. ביסט דאָך, הייסט עס, פאָרט מיין יוליע. נאָר אַט לייען איך, אַז אייגנטלעך ווילסטו מיך שוין מער קיין מאָל נישט זען, ווייל דו האָסט מורא, אַז דו וועסט מיר בלייבן צו פיל שולדיק... איך האָב פאַרלוירן מיין קאָפּ. פאַר אַ שיילאָק האַלט זי מיך, האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין מוח. פאַר אַ שיילאָק, נישט פאַר קיין ראָמעאָ. פאַר אַ רייכן שמאַטע־הענדלער פּאַסט טאַקע מער די ראָל פון אַ שיילאָק ווי פון אַ ראָמעאָ.

אין אַ פּאָר טעג אַרום ביסטו געקומען צו מיר אין דאָרף און ווידער האָב איך אַלץ פאַרגעסן, ווידער בין איך זיך פאַרגעקומען ווי אַן אמתער ראַמעאָ.

עס זענען אַוועק זעקס וואָכן זינט יענער צייט. דיין צאַרטער טרויער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז דו דערוואַרטסט אַ קינד. צו מיין שמחה, טראַכט איך, איז מסתמא גאָר קיין מאָס נישטאָ. איך בין מסתמא זייער, זייער גליקלעך. אַזוי דאַכט זיך מיר, נאָר פאַר וואָס האָסטו מיר דעמאָלט געשריבן, אַז דו האָסט מורא, אַז דו וועסט מיר בלייבן צו פיל שולדיק? פאַר וואָס, זאָג, האָסטו מיר אַזוינס געשריבן?

איך האָב באַשלאָסן צו דינגען אַ שיפל און זיך צו לאָזן שווימען. אפשר וועל איך עמעצן אונטערוועגס באַגעגענען, עמעצן, וואָס וועט יאָ ווען מיר ענטפערן. עס זענען דאָך נאָך פאַראַן קלוגע מענטשן אויף דער וועלט, וואָס גיבן אַן עצה אומזיסט. נאָר איין זאַך בעט איך דיר, טייערע, אויב איך פאַל, נישט ווילנדיק, אַריין אין וואַסער און דערטרינק זיך, גיב אונדזער קינד אַ נאָמען נאָך מיר".

דער בריוו האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט. סיי ווי סיי איז מער אין אים גאָרנישט נישט געשטאַנען. אַפילו קיין אונטערשריפט איז דאָרט נישט געווען, קיין דאַטע נישט, גלייך דער בריוו וואָלט געקומען פון אַן אַנדער וועלט. נומער 38 האָט מחמת דעם טאַקע נישט געוווסט וואָס צו טראַכטן. ווער איז דער, וואָס האָט געשריבן דעם בריוו?

ווען איז ער אַוועקגעפאָרן מיטן שיפל? נעכטן? פאַראַכטאָגן? לויט דער געלער פאַרב פון דעם בריוו, וואָלט מען געמעגט זאָגן, אַז געשריבן איז ער געוואָרן מיט אַ צייט צוריק, אַז עס זענען שוין פון דעמאָלט אָן פאַרביי יאָרן מיט יאָרן. נאָר אויב אַזוי, טאָ וואָס שטייט די אַלטע פרוי נאָך אַלץ ביים פענצטער און קוקט אַרויס אויף דער אָזיערע, גלייך ווי זי וואָלט אים דערוואַרט אַ ליאַדע מינוט?

פלוצלונג האָט זי זיך פונאַנדערגעשריגן: „מענטשן, ראַטעוועט! ער טרינקט זיך. ער טרינקט זיך דאָך, ראַטעוועט אים, ראַ—טע—וועט"!

די שיף איז אוועק

די לופט האָט זיך אָנגעטרונקען מיט די אַלע ריחות, וואָס דער זומער האָט פֿאַר איר אויסגעכאָוועט, ביז זי איז פֿון זיי שיכור געוואָרן. איבער דער ערד האָט זיך אָנגעהאָנגען אַ שווערער וואָלקן. אַ בלאַסע שיין האָט אויפֿגעזוכט די פֿעלדזן פֿון ים און יעדן פֿון זיי אַרומגעוויקלט מיט אַ דינער נעץ פֿון ליכט. אַלץ איז געווען סוד. ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער ים גופֿא האָט דאָס ליכט פֿון זיך אַליין געבוירן, און אינעווייניק, אין זיין טיפֿסטער טיף, געפֿינט זיך אַ קוואַל, וואָס פֿון אים שפּרודלט עס אַרויס די ליכטיקע שיין אויף דער וועלט. ים־פֿייגל זענען אַוועקגעפֿלויגן מיט אַ געשריי, אין דער אמתן אָבער האָבן זיי געהאַט אַלץ, וואָס זיי האָבן באַדאַרפֿט: דאָס גערויש פֿון כוואַליעס אונטער זיך, דעם ווייטן הימל איבער זיך, און אַזאַ ברייטן רוים. ווער קען זיי פֿאַרשטיין, די ים־פֿייגל! טויבן זענען אַנדערש; טויבן וואָרקען געלאַסן און היימיש.

יצחק האָט זיך איינגעהערט צום ליאַרעם, וואָס האָט אָנגעריִרט אין זיין האַרצן אַ פֿרישע וווּנד. דוד איז אָקאָרשט אַוועקגעפֿאָרן. דאָס געשריי פֿון די ים־פֿייגל האָט געוויס אַ שייכות צו דעם.

פֿאַר וואָס שרייען זיי אַזוי, די ים־פֿייגל? נישט שוין־זשע ווייסן זיי אויך דעם סוד?

ער האָט אויף אַ רגע צוגעמאַכט די אויגן, דער קאָפּ איז אים שווער געווען. צו וואָס — „סוד״? געוויס, ס'איז נישט מער ווי אַ וואָרט. אָבער פֿאַר וואָס טרייסלען זיך אים די קני? פֿאַר וואָס רוישן אַזוי די כוואַליעס? צי קומט אפֿשר אַ שטורעם? זאָל נאָר דוד געזונטערהייט אָנקומען אויף אַן אָרט. ער איז דאָך כמעט זיין אייגן קינד. „כמעט״ — האָט ער געזאָגט. פֿאַר וועמען האָט ער דאָ איצט מורא צו האָבן? ער איז דאָך איינער אַליין —

אַליין אין מיטן ים, מיט די פייגל. און דאָך האָט ער מורא. ווי נאַריש אַ מענטש איז. נאָך מער ווי אַן ברויט, קען מסתמא אַ מענטש אַן מורא נישט לעבן.

„איך גיי אויס פאַר בענקשאַפט״.

דאָס האָט ער גערופן צו די כוואַליעס; די שיף איז שוין געווען ווייט, אַ פייף האָט דורכגעשניטן דעם גרויען האָריזאָנט.

„אַוועקגעפאָרן! אַוועקגעפאָרן! — האָט ער זיך געחזרט — איר זענט אַוועקגעפאָרן!״.

געמיינט האָט ער אַי דודן, אַי די מוטער זיינע.

ער איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע, די אויגן אָנגעצילט אין דעם קליינעם פּינטעלע, וואָס איז איבערגעבליבן פון דער גרויסער שיף, און פּאַמעלעך גענומען אַוועקגיין, דערווייטערן זיך, ווי מען קערט זיך אום פון אַ בית־עולם נאָך דער קבורה פון אַ נאָענטן מענטש. דער ים, האָט ער געטראַכט, איז אויך אַ קבר, אַ גרויסער, רוישיקער קבר.

און ווי ער גייט אַזוי צוריק פון ים, דוכט זיך אים, יצחקן, אַז ער דער־ווייטערט זיך אַלץ מער פון דער אַלטער היים זיינער. עס פאַרדריסט אים נישט, פאַרקערט, ער פרייט זיך אַפילו. אָפּגעפטרט, אַוועק. וואָס איז? מען קען דאָך נישט אייביק בלייבן זיצן אויף אַן אָרט! יונגוואַרג, אַהאַ! יונג־וואַרג מוז אַוועקפליען אין דער ווייט. פון תמיד אָן איז ער אַזוי געווען. צוליב יונגוואַרג האָט מען אויסגעטראַכט שיפן, אַעראָפּלאַנען. צוליב יונג־וואַרג האָט די נאַטור אוודאי אויך אויסגעטראַכט דעם ים מיט די כוואַליעס.

ער האָט געשטעלט האַסטיקע טריט. ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געווען צופרידן פון זיך, פון דער נאַטור. „אַי, יצחק, דו ווערסט שוין אַלט, ביסט קאַליע געוואָרן. נאָר אַז דו ווילסט, קענסטו נאָך גיין אַזוי, אַז קיין ייִנגעלע וועט דיך נישט דעריאָגן. לאָך נישט, ביסט נאָך אויך עפּעס אַ מענטש. מילא, ביסטו איינזאַם. יונגוואַרג מוז פאָרן. שיפן, ימען״.

און ער האָט זיך אויף ס׳ניי אָפּגעשטעלט צו זען, ווי ער האַלט אין דער וועלט. אַ ביימל איז געווען באַלד דערלעבן. אָנשפּאַרן זיך? אַ שוואַך ביימל, צו דין פאַר זיינע פּלייצעס.

מטושטע געדאַנקען, שטיקלעך דערמאָנונגען, בילדער, בלייכע בלעט־לעך פון אַ לעבן, וואָס קענען אַ ליאַדע מינוט צעפאַלן און עס וועט ווערן פון זיי שטויב. ער האָט געטראַכט וועגן העלען — די פרוי, וואָס ער האָט ליב געהאַט. ער האָט זי ליב געהאַט מיט גאָר אַן אַנדערער ליבע. ער האָט אין דער ליבע זיך געזען אין אַ נייעם ליכט. העלע האָט אים פאַרשאַפט זייער פיל ליידן, אים, דעם תמיד־גלייכגילטיקן און אַזוי זיכערן אין אומגאַנג מיט פרויען, אים, דעם „פאַרבייגייער", ווי ער האָט זיך אַליין גערופן. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אפילו צוריקגעגאַנגען, אָבער זיין גאַנג איז מער נישט זיכער געווען. ער האָט ליב געהאַט, אויף אַן אמת ליב געהאַט.

פון ווען אָן קען ער העלען? שוין אַ יאָר פופצן אוודאי ווי ער האָט זי צום ערשטן מאָל געזען.

געווען איז ער דאָ אַן עמיגראַנט. ער איז אַריינגעפאַלן צו דער פאַמיליע ברענער און איז געווען אַ „האַנט" ביי דער מאַשין, אָבער נאָך דער אַרבעט האָט זיך געמאַכט, אַז ער פלעגט אָפט מאָל בלייבן אויף אָוונטברויט ביי זיינע בעלי־בתים. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, ווי ער האָט זיך צוגעבונדן צו ווילד־פרעמדע מענטשן. אַנגענעמע, היימישע אָוונטן האָט ער פאַרבראַכט, נאָך דעם ווי די מאַשינען פלעגן אַנטשוויגן ווערן. ווי לאַנג האָט עס געדויערט?

ווען העלע האָט אים דערציילט, אַז זי קלייבט זיך גאָר אין גיכן אַוועק־צופאָרן קיין אַמעריקע, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער קען די פאַמיליע ברענער שוין זייער לאַנג און דערביבער מוז די גאַנצע מעשה וועגן אַמע־ריקע זיין נישט מער ווי אַן אויסטראַכטעניש.

ער האָט אָבער בשום אופן נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ער וועט זיך דאַרפן שיידן מיט דודן.

און וואָס געהערט אים דען אָן דוד?

דוד איז זיין זון, זיין אייגן קינד. דוד איז אויך העלעס קינד. איצט

געהערט ער העלען, דעם ים, דעם בלויען הימל. און ער שטייט דאָ איינער אַליין, אַ מאָגער ביימל הינטער די פּלייצעס.

ער האָט זיך ווידער געלאָזן אין וועג אַריין. דער וועג האָט אים געפירט צו ערגעץ אַ טויבן, שמוציקן האָטעל. אַ צימערל האָט דאָרט געוואַרט אויף אים, אַ טיש, אַ בענקל.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. אין דער טונקלקייט איז דאָס טישל זיך צע־שווומען פאַר זיין בליק. דאָס בעט האָט געסקריפּעט. אַלץ אַרום אים איז צעגאַנגען אין נעפּל.

הערש

אַ ווייסע נאַכט איז דאָס געווען. דער ווינט האָט געהויבן די כוואַליעס און אַ רעש האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן. די שיף האָט זיך געהוידעט, שווער געסאַפּעט, און דער יונגער מאַטראָס הערש איז געשטאַנען ביים שטייער פונאַנדערגעשפּרייט די פיס, די אויגן געווענדט אין דער ווייט. קיין ברעג האָט זיך נאָך נישט געזען.

די אַנדערע מאַטראָסן האָבן נאָר געדאַרפט אַ קוק־טאָן אויף אים, אַז זייערע מוסקולן זאָלן ווערן אָנגעשטייפט. זיי האָבן געקלעטערט אויף שטריק, אָנגעצויגן שטייף די זעגלען און זיך פאַרמאָסטן קעגן שטורעם.

צוליבן שטורעם האָט זיך די שיף נישט געקענט דערשלאָגן צום ברעג. ער האָט זי געריסן צוריק אין אָפענעם ים אַריין. הערש האָט ביים צעשוימטן ים אַרויסגעריסן מייל נאָך מייל. ער האָט געשטייערט צום ברעג.

שוין לאַנג, לאַנג ווי הערש האָט פאַרלאָזן דעם ברעג, צו וועלכן עס האָט אים איצט אַזוי געצויגן. אַ סך יאָרן האָט ער זיך געטראָגן פון קאָנטינענט צו קאָנטינענט, פון איין עק וועלט צום צווייטן. איצט אָבער וויל ער זיך זען מיט זיין גוטער אַלטער באָבען, ווייל מער ווי דער באָבען האָט ער נישט פאַרמאָגט. אַ קליין, געהויקערט באָבעלע, מיט אַ פּנים אין קנייטשן און באַזעצט מיט ווערצעלעך. דאָס האָט די צייט צעאַקערט איר פּנים. יעדער קנייטש — אַ יאָר. אַ סך אַזוינע טרויעריקע יאָרן קען מען אויף איר פּנים אָנציילן, ווי מען קען איבערציילן די יאָרן לויט די ריִנגען אויף אַ בוים.

וואָס טוט זיין באָבע צווישן די פויערטעס אין דאָרף? זי ווערט אַלץ מער איינגעבויגן און זי קען שוין מער נישט אַרומגיין אָן אַ שטעקן. זעט מען זי אויפהייבן די פייכטע אויגן, איז אַ סימן, אַז די באָבע האָט זיך פאַרקלערט וועגן איר אייניקל, וואָס איז פאַרוואָרפן אויף ווייטע ימים:

„ווער ווייסט, אפשר וועל איך אים שוין מער קיין מאָל נישט זען... ווער וועט מיר צומאַכן די אויגן, ווען איך וועל שטאַרבן?״

אַ ווייסע נאַכט איז דאָס געווען, אַזאַ ווייסע נאַכט, אַז עס האָט זיך געדוכט, זי איז באַהאָנגען מיט העלע צעפּ, ווי אַ ווילדע כישופמאַכערין.

הערש האָט די אויגן צעעפנט ווייט און ברייט. זיי האָבן ווי אויסגע־קוקט אַ וווּנדער. די ווייסע וואָלקנס זענען אָפּגעשווומען אין דער ווייטקייט.

— באָבע מיינע! — האָט זיך ביי הערשן אַרויסגעריסן אַ געשריי אין ער האָט קוים דערהערט דאָס אייגענע קול — וואָס פאַר אַן אויסטערליש־העלע נאַכט ס׳איז היינט!...

ער איז אַליין נישט זיכער געווען, צי ער האָט טאַקע געשריגן. ס׳קאָן דאָך זיין, אַז דער שטורעם האָט עס אַזוי אַ ברום געטאָן.

די באָבע. בלויז איין מענטש, אַן אייגענער, אַ נאָענטער איז אים געבליבן. ער האָט געהאַט אַ טאַטן, אַ מאַמען, און שוועסטער האָט ער געהאַט פינף. אין איינער אַ שרעקלעכער נאַכט איז פון זיין גאַנצער משפחה געבליבן אַ הויפן מיט ביינדעלעך. דאָס בלוט איז צעשפּריצט געווען אויף די ווענט און אויפן טאַטנס ספרים־אַלמער. יענע נאַכט האָט אַלץ פאַר־דעקט מיט חושך. מער ווי דאָס געשריי „ראַטעוועט״ איז נישט פאַרבליבן אין זיין זכרון. יעדעס מאָל, ווען ער דערמאָנט זיך אין זיין פאַמיליע, דער־הערט ער דאָס געוואַלד: „ראַטעוועט״.

אין יענער שרעקלעכער נאַכט איז הערש נאָך געווען גאָר אַ קליינ־טשיקער; פינף יאָר איז ער אַלט געווען. די באָבע האָט אים שפּעטער דערציילט, אַז ער האָט געשריגן „מאַמע, איך האָב מורא״. מסתמא האָבן אים געשראָקן די קאָזאַקישע מונדירן, זייערע שווערדן, די טשופּרינעס זייערע.

דער שטורעם האָט זיך געשטאַרקט. דער ווינט האָט זיך איינגעביסן אין די זעגלען. אַ כוואַליע ווייסער שוים האָט פאַרשווענקט דעם דעק. הערשס קליידער האָבן זיך אָנגעבלאָזן אין ווינט.

נאָר אָט האָט זיך אויסגעלייטערט. דער שטורעם האָט זיך געלייגט, ווי אַן איינגעכוואַליעטער בוים, געטראָפן דורך אַ בליץ. ס׳האָט גענומען טאָגן.

צוויי טעג אָפּרו האָט אים דער קאַפּיטאַן געגעבן פאַר זיין גוטער אַר־

בעט בעתן שטורעם. ביז צום ברעג איז נאָך געווען איין טאָג רייזע. איז הערש דעם לעצטן טאָג שוין נישט געפאָרן ווי אַ מאַטראָס, נאָר ווי אַ פּאַסאַזשיר.

די שיף איז צוגעשווומען צום פּאָרט. כמעט יעדער מאַטראָס איז אין האַפן אויפגענומען געוואָרן דורך אָפענע אָרעמס פון אַ נאָענטן, אַ פריינד. אים האָט קיינער נישט אָפּגעוואַרט. די הענט פאַרשטעקט אין די קעשענעס, דאָס מאַטראָסן־היטל אין אַ זייט, מיט אַ מינע פון הפקרות, איז הערש אַראָפּ פון דער שיף. קיינער האָט אים נישט אָפּגעוואַרט, ער האָט אָבער נישט געוואָלט אַרויסווייזן פאַר פרעמדע מענטשן, ווי דאָס טוט אים וויי, ווי מקנא ער איז די חברים זיינע.

פּלוצלונג האָט ער דערהערט ווי עמעץ רופט אים:

— הערש!

דאָס קול איז אים פאַרגעקומען קענטלעך. ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען לענאַן, די פרוי פון זיינס אַן אַמאָליקן גוטן־פריינד.

ער האָט גאָר אַליין נישט באַמערקט, ווי לענאַס צאַרטע פינגער זענען פאַרדריקט געווען אין זיינע פאַרהאַרטעוועטע דלאָניעס. הערש האָט זיך טאַקע אפשר געמעגט ווונדערן מיט דער באַגעגעניש, אָבער לענאַ האָט זיך נישט געחידושט. זי האָט אים אָפּגעוואַרט, זי האָט געוווסט, אַז ער דאַרף אָנקומען מיט דער שיף.

— מיר האָבן עס אַ ביסל געהאַט אַ שטורעם! — האָט הערש דער־ציילט.

— געציטערט האָב איך... אַזוי געציטערט... איך בין געשטאַנען ביים ים, האָב זיך געביסן די ליפּן און גערופן: „הערש! הערש!"...

ווי צוויי קינדער זענען זיי אַוועק מיטן ברעג, האַלטנדיק זיך ביי די הענט. זיי האָבן געשוויגן. הערש וואָלט אוודאי געדאַרפט אַ פרעג־טאָן ביי לענאַן וואָס איר מאַן מאַכט, ווו איז ער איצט, זיין אַלטער פריינד, אָבער ער האָט עס נישט געקענט. ער האָט אויך געטראַכט וועגן דעם, אַז ער טאָר נישט פאַרשפּעטיקן דעם צוג. ער פאָרט דאָך עפּעס צו דער באָבען. אייגנטלעך, האָט ער זיך דערמאָנט, האָט ער אויפן גאַנצן וועג געטראַכט

נאָר וועגן דער אַלטיטשקער. בלויז געציילטע מינוטן זענען געבליבן ביזן אָפּגיין פון צוג.

— דאַרפסט זיך צוויילן, הערש — האָט זי געזאָגט און עס האָט זיך געדוכט, אַז עס איז איר אַליין באַנג פאַר דעם, וואָס זי זאָגט אים.

הערש שטייט אַ פאַרקלעמטער. אָט פאָרט ער צו דער באָבען — אַן אַלטיטשקע איז זי, קוים־קוים וואָס זי לעבט. זי וואָלט שוין אפשר לאַנג געשטאָרבן, ווען זי וואָרט נישט אויף איר אייניקל.

— איינשטייגן!

דער צוג רירט זיך פון אָרט. הערש שטייט נאָך אַלץ אויפן פעראָן אַ פאַרלוירענער. ער שעמט זיך. און אייגענטלעך איז דאָך אַלץ אַזוי נאַטיר־לעך: אָט איז ער יאָרן־לאַנג געפאָרן. ים, שטורעם, מעוועס. עס טרעפט, אַז מען פאָרט אָפּ אַ גאַנץ לעבן און מען טרעפט נישט די, וועלכע מען האָט געזוכט. און דאָ האָט ער זי יאָ געפונען, איז פאַר וואָס זשע זאָל ער אָוועקפאָרן?

— לענאַ!

פון וייטן האָט זיך דערטראָגן דאָס פייפן פונעם לאָקאָמאָטיוו. הערש און לענאַ זענען געגאַנגען מיט אַ גלייכן טראָט, האַנט אין האַנט. ניין, זיי האָבן נישט געוווּסט געגוי ווו זיי גייען.

אַ צימערל. וואַרעמקייט. אַ לאָמפּ אויפן טיש, וואָס וואַרפט אַ מאַטע שיין. ס'איז זיי פאַרגעקומען, ווי זיי וואָלטן שוין דאָ געוווינט פון לאַנג, פון זייער לאַנג. אַלץ איז דאָ געווען אַזוי היימיש — די שטולן, די שאַנק, דאָס טישל, די ציכטיקע פאָרהענגלעך, די פייגל אויף די טאַפּעטן.

פונאַנדערוקנדיק די פאָרהענגלעך האָט מען פון דאַנען געקאָנט זען דעם ים. אַ רואיקער איז ער איצט געפלאָסן — אַ כוואַליע האָט זיך אָנגעשלאָגן אין ברעג און איז צוריק פאַרשוווּנקט געוואָרן. הערש און לענאַ זענען געשטאַנען ביים פענצטער און זיי האָבן זיך איינגעקוקט.

אויף ביידן האָט זיך אַראָפּגעלאָזן די נאַכט.

דערנאָך איז די נאַכט אויך אַוועק, און הערש האָט דערזען די פרוי, וואָס ליגט לעבן אים. ער האָט פאַרשטאַנען פאַר וואָס איר שלאָף איז אַזאַ אומרואיקער.

לענאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שמייכל. דער גלאַנץ אין אירע אויגן האָט הערשן דערמאָנט אין יענער ווייסער נאַכט אויפן ים. זי איז אַראָפּ פון בעט, איינגעהילט אין אַ לייכטן פלעד. לענאַ האָט געקוקט אויפן ים, זי האָט אָבער דעם ים נישט געזען.

לענאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז זי מוז גיין צו דער אַרבעט. הערש האָט זי נישט געוואָלט אָוועקלאָזן.

— וווהין גייסטו? צו וועמען?

אָבער די רוישיקע גאַס האָט זי פאַרשלונגען. זי איז אַוועק.

דער וועג פונעם קליינעם וואָקזאַל ביז צום דאָרף האָט זיך געצויגן זייער לאַנג. וועגעלעך און שטעגעלעך צווישן ווענט פון זאַנגען. מיט יעדן טראָט, וואָס ער האָט זיך דערנענטערט צום דאָרף, האָט דאָס האַרץ אין אים שטאַרקער גענומען שלאָגן. דאָ אַרום זענען געלעגן אַזוי פיל דער־מאָנונגען פון זיין קינדהייט. די ביימער, די איינגעפאַלענע כאַלופּע...

און אָט איז דער באָבעס הייזל — איינגעהויקערט, אונטערגעשפּאַרט מיט דרענגער, אַ דאַך פון שטרוי און קליינינקע שייבעלעך. ער איז גע־שטאַנען ביי דער שוועל פון דער באָבעס שטיבל.

ער האָט אויפגעמאַכט די טיר און איז אָפּגעשפּרונגען צוריק. זיין באָבע איז געלעגן אויף דער ערד, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך. צוקאָפּנס האָבן געברענט ליכט. די לופט איז געווען פול מיטן ריח פון געשמאָלצענעם חלב. ערשט נעכטן, קען זיין, איז זי געשטאָרבן. ווען ער באַוויזט נאָך צו קומען נעכטן אין דער צייט, וואָלט ער זי אפשר נאָך געפונען אַ לעבעדיקע.

— אייער באָבע איז געשטאָרבן — האָט זיך פון דער העלער הויט אָפּ־גערופן צו אים אַ יידענע, וואָס האָט אים דערקענט — מיט אייער נאָמען אויף די ליפּן איז זי אויסגעגאַנגען... זי האָט אָפּגעזאָגט ווידוי, אויסגעשריגן „הערשעלע" און די אויגן צוגעמאַכט. אַן ערלעכע פרוי געווען, אַ כשרע נשמה...

הערש איז ווידער געשטאַנען אויפן דעק. די שיף האָט זיך רואיק גע־גליטשט אין אָפענעם ים אַריין. לעבן אים זענען געשטאַנען עטלעכע מאַט־ראָסן און הערש האָט זיי דערציילט, וואָס מיט אים איז געשען.

אינהאלט

ליכט און נעפל

ליכט און נעפל 13
דער בריוו 44
שרעק 54
די „שטומע מאַמע" 73
בערקע 86
יצחק 90
אַ שפּראַץ אויף טאָג 109

פּאַרט א ייד קיין ישראל

פּאַרט אַ ייד קיין ישראל 123
זיינוול 144
העלענע 187

די פיר צייטן

די פיר צייטן 201
פּאַרקינסאָן 275
ווער עס געווינט — פאַרשפּילט 293
אויפגעוועקט 308
אַזאַ יוגנט 313
אַ בלעטל פון אַ טאָגבוך 321
באַרג־אידיליע 329
„כ'בין דיר צו פיל שולדיק" 334
די שיף איז אַוועק 342
הערש 346